STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04813

DI KINDER FUN KAPITAN GRANT

Jules Verne

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשול ווערן

די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט

ראָמאַן אין דריי טייל

פריי באַארבעט פון ש. ר.

ערשטעס בוך

פארלאג א. גיטלין, ווארשע

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט

I.

אין בויך פון אַ ים-טיגער.

ס'איז געווען אַ הערלעכער טאָג. אויפן בלוי-צעשטראַלטן הימל האָט געגליט די זון און אָפּגעגאָסן דעם שטילן גלאַטן ים מיט גאַנצע שטראָמען צעשמאָלצן גאָלד. איבערן ליכטיקן וואַסער-שפּיגל האָט זיך גראַציעז און מאַיעסטעטיש געגליטשט אַ קליינע פּרעכטיקע שיף, וואָס לויט איר אויסזען, האָט מען באַלד דערקענט, אַז זי געהערט צו איינעם פון די רייכסטע ענגלישע לאָרדן. די ענגלישע פאָן, וואָס איז שטיל אַראָפּגעהאָנגען פון ריזיקן פעדערשטן מאַסטבוים, האָט ווי געדרימלט אין איר קעניגלעכן שטאָלץ, און אויף דער גרויסער בלויער פאָן, וואָס האָט זיך עלאַסטיש געוויגט אויפן מיטלסטן העכסטן זעגל, האָבן געפינקלט די גאָלד-געהאָפטענע צוויי אותיות .E. G, און, ווי אַ קרוין איבער זיי, דער הערב פון אַן ענגלישן לאָרד.

דאָס איז פאָרגעקומען דעם 26 יולי 1864 אויף די וואַסערן צווישן ענגלאַנד און אירלאַנד.

דידאָזיקע שיף האָט געהייסן „דונקאַן“ און האָט געהערט צו דעם אומגעהייער רייכן לאָרד עדוואַרד גלענאַרוואַן, וועלכער איז נאָך זיין חתונה אַרויסגעפאָרן מיט זיין יונגער, בילד־שיינער פרוי אויף אַ לוסט־רייזע איבערן ים. צוזאַמען מיט דעם לאָרד עדוואַרד און זיין יונגער פרוי, ליידי העלענאַ, איז אויך מיטגעפאָרן זייערס אַ וויטער קרוב מאַיאָר ריטשאַרדסאָן, דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, דזשאָן פּאַרראַגוט און פערצען מאַטראָסן.

אין דעם טאָג זענען זיי שוין געפאָרן צוריק אַהיים און זענען שוין ניט ווייט געווען פון גלאַזגאָו, דאָס וווין־אָרט פון לאָרד גלענאַרוואַן.

דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען באַם רודער און געקוקט פאָרויס.

די שיף האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט און דערנענטערט צום ברעג, פונוואַנען עס האָבן שוין געגלאַנצט די גאָלדענע צלמים פון די קלויסטערס. פּלוצלינג האָט דער מאַטראָס, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, זיך דערנענטערט צום קאַפּיטאַן און אויסגערופן:

— הער קאַפּיטאַן, אַ גרויסער פיש יאָגט־נאָך אונדזער שיף!

דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעלאָזט דעם רודער, לאָרד גלענאַרוואַן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און ביידע זענען געגאַנגען באַקוקן דעם פיש, וואָס איז כּסדר דער שיף נאָכגעשווומען און וועלכער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם מאַטראָס.

— וואָס פאַר אַ פיש קען דאָס זיין? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן זיך אַ פרעג געטון.

— אָן שום ספק אַ הײַ־פיש — האָט דער קאַפּיטאַן, ניט לאַנג טראַכטנדיק, אָפּגעענטפערט. — דערדאָזיקער מין הײַ־פיש

איז איינער פֿון די געפֿערלעכסטע באַשעפֿענישן אין ים, ער איז נאָך שרעקלעכער, ווי דער טיגער אין די ווילדע אַפֿריקאַנער וועלדער. די מאַטראָסן רופֿן אים טאַקע: דער ים-טיגער. ווען איר, הער לאָרד, זאָלט מיר דערלויבן צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן דער ליידי העלענאַ, וואָלט איך תּיכּף געהייסן מײַנע מאַטראָסן דעמדאָזיקן האַי-פֿיש פֿאַנגען און אויפֿן דעק אַרויפֿשלעפּן!

דערווײַל איז צוגעקומען צו זיי די ליידי העלענע מיטן מאַיאָר ריטשאַרדסאָן.

— ווי זאָגט איר, מאַיאָר, — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אַ פֿרעג געטון, — זאָלן מיר הייסן פֿאַנגען דעמדאָזיקן ריזנפֿיש?

— זאָל די ליידי העלענאַ וועגן דעם באַשליסן. — האָט דער מאַיאָר קאַלטבלוטיק געענטפֿערט.

די ליידי העלענאַ האָט זיך מיט פֿרייד אָנגעכאַפּט אין דערדאָזיקער געלעגנהייט צו זען, ווי מען פֿאַנגט אַ האַי-פֿיש און זי האָט אויסגערופֿן:

— זאָל דער קאַפּיטאַן טאַקע שוין באַפֿעלן דאָס צו טון, איך בין זייער נײַגעריק.

— טוט דאָס באַלד, הער קאַפּיטאַן — האָט דער לאָרד גלע-אַרוואָן צוגעשטימט, קוקנדיק מיט ליבע אויף זײַן יונגער פֿרוי.

— איר וועט מיר אָבער דערלויבן אײַך צו בעטן, לאָרד און ליידי העלענאַ, איר זאָלט ביידע אַרויפֿגיין אויפֿן אייבערשטן דעק, פֿון דאָרטן וועט איר בעסער קענען אָבסערווירן, ווי אַזוי עס קומט פֿאָר דער פֿיש-פֿאַנג.

ווי נאָר דער לאָרד גלענאַרוואָן מיט זײַן פֿרוי זענען אָפּגעטרעטן, האָט דער קאַפּיטאַן אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל זײַנע מאַטראָסן באַלד צוצוטרעטן צו דער אַרבעט.

די מאַטראָסן האָבן אַראָפּגעלאָזט אויף אַ לאַנגן שטריק אַן

אייזערנעם האָקן, אויף וועלכן ס'איז געווען אַרויפגעשטעקט אַ רוי שטיק פלייש. ווי נאָר דער האַי-פיש האָט דאָס שטיק פלייש דערפילט, האָט ער מיט איין שווום שוין געהאַט דאָס שטיק פלייש אין זיין גרויסן, שרעקלעכן מויל, וואָס דער אָנבליק פון זייגע שאַרפע ציין האָט קיל געמאַכט דאָס בלוט בײַ יעדן איינציקן.

לאַנג האָט אָבער די גרויסע הנאה בײַם האַי-פיש נישט געדויערט, ווייל אין עטלעכע סעקונדן אַרום האָט ער זיך שרעקלעך אָנגעהויבן צו וואַרפן און רייסן זיך, אַז ער האָט שיער נישט די שיף צעבראָכן. די ליידי העלענאַ האָט מיט האַרץ-קלאַפעניש צוגעקוקט זיך צו דערדאָזיקער גאַנצער סצענע און די אויגן זענען געווען אָנגעשטרענגט אויף דעמדאָזיקן אומגעהייערן, ווילדן ים-באַשעפעניש, און זי האָט מיט אומגעדולד אָפגעוואַרט דעם סוף פון דעם שפיל.

די מאַטראָסן האָבן אָנגעהויבן מיט אַלע כוחות דעם האַי-פיש אויפן דעק אַרויפצושלעפן. דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, אַלס דערפאַרענער מאַטראָס, וועלכער האָט שוין נישט איינמאָל אַ האַי-פיש געפאַנגען, האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן.

קיין לייכטע אַרבעט האָבן די מאַטראָסן נישט געהאַט. דער פיש האָט זיך געוואָרפן און געגליט מיט זיינע ווילדע, פלאַמיקע אויגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט גיט ער זיך אַ וואָרף, שלינגט ער איין אַלע אָנוועזנדע מאַטראָסן און צעקרישלט זיי צווישן זיינע שאַרפע, שפּיציקע ציין. די מאַטראָסן אָבער, בײַ וועלכע דער האַי-פיש איז נישט געווען דער ערשטער, וואָס זיי האָבן אין פאַרלויף פון זייער דינסט אויפן ים געפאַנגען, האָבן זיך ענערגיש אַ נעם געטון, און דער ווילדער ים-טיגער איז שוין געלעגן אויסגעצויגן מיט זיין גאַנצער גרייס איבער דער לענג פון דער שיף.

קודם כל האָט דער קאַפּיטאַן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָפצו-

האַקן דעם עק באַם האַי־פיש, ווייל דער עק איז דאָס שאַרפסטע געווער, וואָס די ים־חיה פאַרמאָגט צו פאַרטיידיקן זיך קעגן זיי־נע אָנפאַלער — די מענטשן.

איינער פון די מאַטראָסן האָט זיך פאַרזיכטיק דערנענ־טערט צום פיש מיט אַ גרויסער, שאַרפער האַק און מיטן גאַנצן כוח אַראָפּגעלאָזט אויף זיין עק. אַ שטראָם בלוט האָט אַ שפּריץ געטון און אָפּגעגאָסן דעם גאַנצן דעק. ערשט איצט האָבן לאָרד גלענאַרוואָן און ליידי העלענאַ פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער קאַפּיטאַן האָט זיי פריִער מתרה געווען און געהייסן אַרויפגיין אויפן אייבערשטן דעק.

דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָט געשיינט פאַר נחת פון זיין שטיקל אַרבעט, וואָס ער האָט אָפּגעטון און ער האָט געהייסן זיינע מאַטראָסן, זיי זאָלן איינשניידן דעם בויך באַם פיש, ווייל ווי באַוווּסט, שלינגען איין די גרויסע האַי־פיש אַלץ, וואָס זיי באַ־געגענען אויף זייער וועג, און טיילמאָל קען מען געפינען אין זיי־ערע געדערים גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַכן.

די ליידי העלענאַ האָט נישט געוואָלט שטיין דערביי, ווי מען וועט אויפשניידן דעם בויך באַם פיש, זי האָט נישט געקענט קוקן אויף דעם בלוט, וואָס האָט דעם גאַנצן דעק אָפּגעפאַרבט און זי איז אַראָפּגעגאַנגען צו זיך אין קאַיוטע אַריין. דער לאָרד גלענאַרוואָן אָבער איז געבליבן שטיין, ווייל אים איז זייער אינ־טערעסאַנט געווען צו זען, ווי אַזוי עס קומט פאָר די אָפּעראַציע איבער דער גרויסער, ווילדער ים־חיה.

מיט גרויס פרייד האָבן אים די מאַטראָסן דעם בויך אויפ־געשניטן און אָנגעהויבן נישטערן אין זיינע געדערים און זוכן אָבער דאָס מאָל האָבן זיי ליידער גאָרנישט געפונען, פון וואָס ס'האָט אַלעמען באַהערשט אַן אומצופרידנקייט. זיי האָבן אים שוין געוואָלט אָננעמען און צוריק אַריינוואַרפן אין ים, זאָלן אויך אַנ־

דערע פיש פראָוועז אַ פיינע סעודה, ווי פּלוצלינג האָט איין מאַט־ראָס אָנגעטאַפּט אין זיינע געדערים אַ האַרטע לענגלעכדיקע זאַך.

— וואָס איז דאָס? — האָט טאָם אויגוסטין, דער ערשטער אָפיציר, אַ פרעג געטון.

— דאָס מוז זיין מן הסתם אַ שטיין, וואָס דער פיש האָט איינגעשלונגען. — האָט אים עמעץ פון די מאַטראָסן אָפּגעענט־פערט.

דער אָפיציר איז נישט באַפרידיקט געוואָרן מיט דעמדאָ־זיקן ענטפער, און ר'האָט אַליין אָנגעהויבן צו באַטאַפּן די לענג־לעכדיקע זאַך, וואָס איז געלעגן אין די געדערים פון דעם האַי־פיש.

— ניין, יונגערמאַן, דאָס איז אַ פלאַש, נישט קיין שטיין — האָט ער אויסגערופן מיט אַ פריילעך קול — דער פיש, ווייזט אויס איז געווען אַ גרויסער שיכור!

— איז עס באמת אַ פלאַש? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן גע־פרעגט — ווי דערנעמט זיך עפּעס אין בויך פון דעם פיש אַ פלאַש?

— געקויפט האָט ער זי זיכער נישט — האָט זיך טאָם אוי־גוסטין געוויצלט — איך קען זיי גוט דידאָזיקע האַי־פיש, זיי ברעק־לען זיך מיט גאָרנישט, וואָס זיי געפינען, שלינגען זיי איין.

— זאָל מען די פלאַש פאַרזיכטיק אַרויסנעמען — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געוואָרנט — נישט איין שיפסקאַפּיטאַן האָט זיך שוין אַזוי אַרום דאָס לעבן געראַטעוועט פון אַ געפאַר, אַריינלייגנדיק אין אַ גוט פאַרשטאָפּטער פלאַש אַ בריוו, אין וועלכן ער איז מודיע וועגן זיין אומגליק, וואָס האָט אים אויפן וועג פּאַסירט. אַזאַ פלאַש, ווען זי איז גוט פאַרשטאָפּט, שווימט זי איבער דער אויבער־

פלאַך פון וואַסער און יעדער קאַפּיטאַן מוז זי דעריבער באַ־מערקן.

— הייסט עס, אַז איר ווילט דערמיט זאָגן, אַז דער האַ־פיש האָט אַזאַ מין פלאַש איינגעשלונגען ? — האָט דער מאַיאָר געפרעגט.

— איך מיין גאָרנישט, עס איז אָן שום ספק אַזוי. מסתמאָ האָט אַ געוויסער קאַפּיטאַן, ליידנדיק אַ שיפבראָך, געוואָלט אויף אַזאַ אופן וועגן דעם מודיע זיין, מען זאָל אים קומען צו הילף.

דערווייל האָבן די מאַטראָסן פאָרזיכטיק די פלאַש אַרויסגע־נומען, זי אַרומגערייניקט, אָפּגעוואַשן און געברענגט צום לאָרד גלענאַרוואָן.

ער האָט זיי די פלאַש געהייסן אַריינטראָגן צו זיך אין דער קאַיוטע און גלייכצייטיק פאַרבעטן צו זיך דעם קאַפּיטאַן מיטן מאַיאָר, כדי צוזאַמען צו באַטראַכטן די פלאַש.

אַריינקומענדיק צום לאָרד גלענאַרוואָן אין קאַיוטע, האָבן זיי געטראָפן זיצן די ליידי העלענאַ אויף אַ דיוואַן, באַטראַכטנדיק די פלאַש מיט גרויס נייגעריקייט.

דאָס איז געווען אַ לאַנגע שאַמפּאַניער־פלאַש. אַלע האָבן זי גענומען אין די הענט אַריין און אויפמערקזאַם באַטראַכט.

— איר זעט דען נישט, אַז דאָס איז אַ פּשוטע שאַמפּאַניער־פלאַש — האָט דער מאַיאָר, וועלכער האָט ליב געהאַט איטלעכע זאַך צו נישט מאַכן, געזאָגט. — די מעשה איז אַ גאַנץ פּשוטע; פּאַסאַזשירן פון דער ערשטער קלאַס האָבן זיך אוודאי אַ ביסל פריילעך געמאַכט און אויסטרינקענדיק דעם שאַמפּאַניער, האָט וועל־כער ס'איז פון זיי די פלאַש אין ים אַריינגעוואָרפן און דער האַ־פיש האָט זי אויפגעכאַפּט.

— ניין, מאַיאָר, — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געענטפערט —

ס׳איז נאָך נישט, ווי איר זאָגט, גלאַט וואַרפט מען נישט קיין פלאַש אין ים אַריין, בפרט נאָך, אַז זי איז גוט פאַרשטאָפּט.

אַזוי רעדנדיק, האָט לאָרד גלענאַרוואַן גענומען אָפּקראַצן פונדערהייך דאָס פלעשל, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קאָרק איז שוין געווען צעלעכערט. משמעות, אַז די פלאַש איז אַ לאַנגע צייט איבערן ים אַרומגעשווומען, און אויך דאָס איז אַ באַווייז, וואָס זי איז געווען זייער פאַרשימלט און באַקלעבט מיט פאַרשידע־נע ים־געוויקסן.

— אַ שאָד! — האָט ער אויסגערופן — אויב ס׳זאָלן זיך טאַקע געפינען אין דער פלאַש פּאַפּירן, זענען זיי שוין געוויס פאַרניכטעט געוואָרן, און מען וועט זיי נישט קענען איבערליי־ענען.

— ס׳איז בא מיר קיין שום ספק נישט, אַז ס׳וועט זיין אומ־מעגלעך זיי איבערצולייענען — האָט דער מאַיאָר באַ זיינס זיך געהאַלטן — מיין עצה איז, מען זאָל די פלאַש אַריינוואַרפן אין ים און אַ סוף מאַכן פון דעם גאַנצן נאַרישן ענין.

— מיין מיינונג איז, אַז די פּאַפּירן, אויב זיי געפינען זיך אינעווייניק, זענען נישט פאַרנעצט געוואָרן, וואָרן ווען אין דער פלאַש זאָל האָבן אַריינגעקומען וואַסער, וואָלט זי אַראָפּ צום גרונט. דאַמאָלס וואָלט זי דער האַי־פיש נישט געקענט איינשלינ־גען, ווייל אַ האַי־פיש שווימט נאָר פון אויבן, קיינמאָל נישט אין דער טיף.

— און אפשר איז נאָר אַ ביסל וואַסער אַריין אין דער פלאַש און באַלד נאָכדעם האָט זי דער האַי־פיש איינגעשלונגען — האָט זיך אָנגערופן די ליידי העלענאַ.

— דאָס וועלן מיר תיכף זען — האָט לאָרד גלענאַרוואַן זיך אָנגערופן.

מ'האָט גענומען אַ קאָרקנציער, פּאַמעלעך אַרויסגעשלעפּט דעם קאָרק פֿון דער פֿלאַש. עס איז אַרויס פֿון איר אַן עיפּושדי־קער ריח פֿון וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט פֿאַר־מאַכט. ליידי העלענאַ איז געוואָרן זייער נייגעריק.

— נו, וואָס איז דאָ אין דער פֿלאַש? — האָט זי מיט אומגעדולד אַ פֿרעג געטון.

— איך האָב געהאַט רעכט, איך זע אינעווייניק פּאַפּירן. איצט בין איך ערשט רעכט איבערצייגט, אַז די פֿלאַש אַנטהאַלט אין זיך די גאַנצע געשיכטע פֿון אַ פּאַראומגליקטן שיפּסקאַ־פּיטאַן.

— אַלזאָ, נעמט וואָס גיכער אַרויס די פּאַפּירן, ווייל איך גיי אויס פֿון אומגעדולד — האָט אויסגערופֿן די ליידי העַ־לענאַ.

— דאָס איז שלעכט, וואָס איך קען די פּאַפּירן נישט אַרויס־נעמען, זיי זענען צוגעקלעבט צו דער פֿלאַש, איך וועל זיי אָנ־הייבן שלעפּן, וועלן זיי פֿולשטענדיק צעקראָכן ווערן.

— טאָ צעברעך די פֿלאַש! — האָט ליידי העלענאַ אומגעע־דולדיק אויסגערופֿן.

— עס איז אַ שאָד די פֿלאַש, אַזאַ וווּנדערבאַרע זאַך האָב איך זייער חשק צו באַהאַלטן בײַ מיר אין שלאָס. — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט.

— ווען ס'איז אָבער קיין ברירה נישטאָ, מוזסטו מוותר זיין דערויף און די פֿלאַש צעברעכן, ס'איז אַ שאָד די צייט, דאָרטליידן מענטשן און דו קלערסט וועגן דער פֿלאַש — האָט ליידי הע־לענאַ אויפגערעגט געשריגן.

מען האָט געברענגט אַ האַמער און דער לאָרד האָט ווילנ־דיק נישט ווילנדיק געמוזט די פֿלאַש פֿאָרזיכטיק צעברעכן. ווען די שטיקלעך גלאָז זענען איבערן טיש צעשיט געוואָרן, זענען

אויף פונאַנדערגעפאַלן שטיקלעך פּאַפּיר פון בריוו, וועלכע מ'האָט ערשט געמוזט צונויפלייגן.

II

דריי בריוו — דריי רעטענישן.

אַלע האָבן זיך גענומען צוקוקן צו דידאָזיקע בריוו, ס'איז אָבער שווער געווען פון זיי עפּעס אַרויסצוקריגן, די בריוו זענען געווען דורכגענעצט, אַ סך אותיות און ווערטער אָפּגעריבן און אָפּגעשוואָנקען, מען האָט זיי געמוזט טרוקענען באַם פייער. ס'האָט אָבער קנאַפּ־וואָס געהאָלפן, קיין שום אינהאַלט האָט מען פון זיי נישט געקענט אַרויסלייענען.

— ווי ס'איז דאָ פון דידאָזיקע שטיקלעך פּאַפּיר צו זען, זענען דאָס דריי בריוו, געשריבן אין דריי פאַרשידענע שפּראַכן: אויף ענגליש, דייטש און פראַנצויזיש.

— וואָס שטייט אין זיי געשריבן — האָט אַן אומעטיקע די ליידי העלענאַ געפרעגט.

— דאָס קען מען באָך דערווייל נישט פעסטשטעלן. אין איטלעכן בריוו פעלן ווערטער אָדער האַלבע ווערטער זענען אויס־געמעקט.

— ס'קען גאַנץ מעגלעך זיין, אַז דאָס, וואָס עס פעלט אין איין בריוו, וועט דערגענצן דער צווייטער — האָט דער קאַ־פּיטאַן זיך אָנגערופן — עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין, אַז

גראָד דיזעלבע ווערטער זאָלן גלייך אין אַלע דריי בריוו גלייך אויסגעמעקט זיין !

— איר זענט פולשטענדיק גערעכט, הער קאַפּיטאַן — האָט לײדי העלענאַ מיט פרייד אויסגערופן און אירע אויגן האָבן אויפ־געבליצט מיט ליבלעכער דאַנקבאַרקייט צום קאַפּיטאַן. — מיר וועלן אַזוי צונויפקלעבן אַ וואָרט פון דעם בריוו, אַ וואָרט פון אַנדערן בריוו, אַזוי פון דריטן, ביז מיר וועלן באַקומען איין פול־שטענדיק אָנגעשריבענעם טעקסט און דאַן וועלן מיר ערשט געוואָר ווערן, וואָס דאָרט איז געשריבן.

— עס בלייבט נישט אַנדערש, נאָר אַזוי צו טון, מיין לי־בע העלענאַ — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט — מיר מוזן די אַלע בריוו איבערלייענען.

דער ענגלישער בריוו איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדע ווער־טער :

62	Bri	gow
sink		stra
aland		
skipp	Gr	
	that monit of long	
aud		ssistance
lost		

— נו, קאָן מען זיך דען עפּעס דערפון משער זיין ? — האָט געפרעגט דער מאַיאָר — ס'איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַר־בעט.

— פונדעסטוועגן געפינען זיך עטלעכע ווערטער, וועלכע זענען גאַנץ פאַרשטענדלעך — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט. — דאָס וואָרט sink באַדייט, אַז די שיף איז אונטערגעגאַנגען. דאָס

וואָרט ssistance, מיינט מען הילף — דער געליטענער בעט מען זאָל אים העלפן. דאָס וואָרט .Gr איז אָן שום ספק דער נאָמען פון קאַפּיטאַן. דאָס וואָרט skipp, מיינט מען סקיפּער, אָדער שיפסקאַפּיטאַן.

— אָבער סוף כּל סוף ווייסט מען דאָך נישט, וועמען צו העלפן — איז דער מאַיאָר געוואָרן אין כּעס — .Gr איז דאָך נאָך נישט קיין נאָמען, און איר ווייסט דען, אויף וועלכן אָרט די שיף איז אונטערגעגאַנגען ?!

— קודם כּל געפינען זיך נאָך צוויי בריוו, וועלכע וועלן, האָפנטלעך, דערגענצן דעם ערשטן — האָט לאָרד גלענאַרוואַן רויק געזאָגט, און ער האָט פּאַמעלעך און פּאַרזיכטיק פונאַנדער־געלייגט אויפן טיש דעם דייטשן בריוו, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען נאָך ווינציקער ווערטער, ווי אין ענגלישן. אָט ווי ער האָט אויסגעזען:

7	Juni	Glas
	zwei	atrosen
		graus
		bringt ihnen

— נו, איר זעגט עפּעס געוואָר געוואָרן פון דעמדאָזיקן בריוו — האָט זיך דער מאַיאָר ווי געוויצט — פון דעם קען מען שוין לחלוטין נישט קלוג ווערן, נאָר צו נעמען און אַוועק־וואַרפן.

— איר האָט במחילה אַ גרויסן טעות — האָט דער קאַפּי־טאַן פּאַראַגוט זיך אָנגערופן — גראָד דער דייטשער בריוו זאָגט אונדז זייער אַ סך. פון די צוויי בריוו צוזאַמען ווערן מיר אָן אַ שיעור געוואָר.

— אמת, הער קאַפּיטאַן, איר זענט פולשטענדיק גערעכט — האָט ליידי העלענאַ אַ פּריילעכע זיך אָנגערופן. — אין דייטשן בריוו שטייט Glas, אין ענגלישן — gow, מאַכט עס צוזאַמען: Glasgow. פון דעם קאָן מען שוין זען, אַז די שיף איז געגאַנגען פון גלאַזגוי.

— דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצן — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געזאָגט — אָט שטייט אין ענגלישן בריוו דער ציפער 62 און אין דייטשן — 7 יוני. צוזאַמען באַדייטן זיי: דעם 7־טן יוני 1862 איז אַ שיף, וועלכע איז געשווומען פון גלאַזגוי, אונטערגעגאַנגען".

אַלעמענס אויגן האָבן אויפגעפונקלט פאַר פרייד און האָבן מיט אָנערקענונג געקוקט אויפן קאַפּיטאַן.

— אָט איז נאָך — האָט דער קאַפּיטאַן פאָרגעזעצט: — דאָס וואָרט atrosen איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז מען מיינט „מאַטראָסן", פאַר דעמדאָזיקן וואָרט שטייט zwei. פונדאַנען זעט מען גאַנץ באַשיינפּערלעך, אַז פון דער שיף האָבן זיך געראַטעוועט דער קאַפּיטאַן און צוויי מאַטראָסן.

— און אַז מיר ווייסן שוין דאָס אַלדינג, ווען דער קאַפּיטאַן איז ניצול געוואָרן און אין וועלכן טאָג די שיף איז דערטרונקען געוואָרן, איז דאָך שוין אויך צוויי יאָר אַדורך, טאָמער לעבט ער שוין נישט — האָט דער מאַיאָר אַלץ אָפּגעווענדט.

— זאָל מען נאָר געוואָר ווערן, וווּ די שיף איז אונטערגעגאַנגען, וואָלט מען נאָך נישט פאַרשפּעטיקט מיט קיין הילף. — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט.

— אויף וואָס פאַר אַן אופן וואָלסטו דאָס געמאַכט — האָט ליידי העלענאַ מיט גייגעריקייט געפרעגט.

— איך וואָלט געפאָדערט פון דער רעגירונג און פון פאַר־

לאָמענט, אַז מ׳זאָל אַרויסשיקן אַ שיף זיי צו ראַטעווען, דער קאַ-פיטאַן איז זיכער אַן ענגלענדער — האָט לאָרד גלענאַרוואַן גע-ענטפערט.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אויסגעשפּרייט דעם דריטן, דעם פראַנצויזישן בריוו, וועלכער איז געווען אַ סך דייטלעכער פון די ערשטע צוויי. אין אים האָט מען איבערגעלייענט פאָלגענ-דעס:

troi	ats	taunia	
	gonie	austral	
		abor	
contin	pr	crüel	indi
jete			ongit
et 37	11	lat	

— דאָ האָבן מיר שוין ציפערן — האָט ליידי העלענאַ זיך אָנגערופן — איצט וועלן מיר זיך שוין אַן עצה געבן, ווי עס איז מיט דידאָזיקע דריי בריוו.

אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש צו באַטראַכטן די בריוו.

— דער לעצטער בריוו באַשיידט אונדז נאָך אַ רעטעניש — האָט לאָרד גלענאַרוואַן זיך אָנגערופן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון דעם בריוו. — אין דעם ענגלישן שטייט געשריבן דער אויסדרוק Bri, אין דעם פראַנצויזישן — taunia. פון דעם איז צו דרינגען, אַז די שיף האָט געהייסן „בריטאַניאַ“.

— איך קאָן נאָך דאָס צוגעבן — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָנגערופן — austral איז דער טייטש דרום. ווייזט אויס, אַז די שיף איז אונטערגעגאַנגען ערגעץ אין דרום-זייט.

— דרום קאָן דאָך אָבער זיין סיי אין אַמעריקע, סיי אין אויסטראַליע, קומט אויס כאָטש צו נעמען און דורכזוכן אין דער גאַנצער וועלט אַלע ערטער, וואָס ליגן אויף דרום — האָט דער מאַיאָר באַ זיינס זיך געהאַלטן.

— איך האָב נאָך עפּעס געפונען — האָט לײדי העלענאַ אויסגערופן — דאָס פראַנצויזישע וואָרט cruel באַדייט שלעכט, אכזריותדיק, דאָס צווייטע וואָרט indi מיינט מען בלי ספק אינ־דיאַנער. משמעות, אַז דער קאַפּיטאַן שרעקט זיך, אַז די אכזריות־דיקע אינדיאַנער זאָלן אים נישט שלעכטס טון.

— די לײדי העלענאַ איז פולשטענדיק גערעכט — האָט דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט אויסגערופן. דאָס זעלבע באַדייט אויך אין דייטשישן בריוו דער אויסדרוק graüs, — גרויזאַם, אכזריות־דיק.

— איצט פאַרשטיי איך שוין דאָס ענגלישע וואָרט lost — האָט לאָרד גלענאַרוואָן צוגעגעבן — דאָס איז דער טייטש: פאַר־לוירן. דאָס הייסט, באַם מען וועט אים נישט שיקן קיין הילף, איז ער פאַרלוירן.

— אָט קאָן מען לייענען ווייטער: — האָט לײדי העלענאַ זיך אָנגערופן — דאָס פראַנצויזישע droi — הייסט דריי, דאָס צווייטע וואָרט ats, מיינט מען אָן שום ספק mats, זעגל־בוימער. פון דעם איז צו דרינגען, אַז די אונטערגעגאַנגענע שיף האָט גע־האַט דריי זעגלביימער.

— איך באַוואונדער דיך, מיין ליבע העלענאַ, — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן מיט גרויס צופרידנקייט.

— באמת, איך פאַרשטיי אייך אַלע נישט — האָט דער מאַיאָר אויסגעשריגן — וואָס־זשע האָט איר דערפון, אַז איר ווייסט שוין, דאָס די שיף האָט געהאַט דריי זעגלען?

— אוודאי האָבן מיר שוין אַ סך פון דעם רעטעניש אין

אונדזער האַנט. אין די צייטונגען ווערט געמאָלדן אַלע טאָג, וואָס פאַר אַ שיף עס גייט אַוועק, איר נאָמען, וויפיל זעגלביימער, וויפיל פּאַסאַזשירן, וואָס פאַר אַ סחורות און ווי דער קאַפּיטאַן הייסט. איצט, אַז מיר ווייסן שוין, אַז די שיף הייסט „בריטאַניאַ", אַז זי האָט געהאַט דריי זעגלביימער, אַז זי איז אָפּגעגאַנגען פון גלאַזגוי אין יאָר 1862, קענען מיר שוין אַלזאָ געוווּיר ווערן, ווער דער קאַפּיטאַן איז געווען.

— באַ מיר געפינען זיך טאַקע פון אַ פּאָר יאָר צייטונגען, קאָן איך שוין גיין אַ קוק טון אין די צייטונגען פון יאָר 1862 און אויסגעפינען אַלע ידיעות, וואָס מיר ווילן וויסן וועגן דער „בריטאַניאַ" — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגערופן.

— קודם כל דאַרפן מיר פון די אַלע דריי בריוו מאַכן איינעם און דאַמאָלס, ווען מיר וועלן שוין האָבן איבערגעלייענט דעם בריוו, וועלן מיר וויסן וואָס ווייטער צו טון — האָט אים לאָרד גלענאַרוואָן אָפּגעהאַלטן — אַלזאָ, העלענאַ, אויב ס'איז דיר אָנגענעם, פאַרשרייב, וואָס איך וועל דאָ פאַרלייענען.

ליידי העלענאַ האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען דעמדאָזיקן פאָרשלאַג. זי האָט גענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר און אָנגעשטעלט אירע ליבלעכע מילדע אויגן אויפן לאָרד.

— אַלזאָ שרייב:

„דעם 7-טן יוני 1862, אַ שיף מיט דריי זעגלביימער „בריטאַניאַ"... גלאַזגוי... אונטערגעגאַנגען... גאָניע... דרום-זייט... אויפן קאָנטינענט... צוויי מאַטראָסן, קאַפּיטאַן גר... אַבאָר... אכזריותדיקע אינדיאַנער... פר... אַריינגעוואָרפן דעמדאָזיקן בריוו... די לענג... 37, 11 די ברייט... שיקט הילף, ווען ניט, פאַרלוירן"...

— איצט ווייסן מיר שוין אַ סך — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַ-

גוט אויסגערופן. — מיר האָבן שוין עפּעס ממשותדיקס, מיט וואָס צו קומען צו דער רעגירונג.

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען דער ערשטער אָפּי-ציר, טאָם אויגוסטין, און געמאָלדן, אַז זיי זענען שוין אָנגעקומען קיין גלאַזגוי.

דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט געהייסן צופירן די שיף צום פּאָרט, כדי די פרוי זיינע זאָל באַלד קענען אָפּפאָרן אַהיים זיך אויסרוען. ער אַליין האָט נאָך געזאָלט דעמזעלבן טאָג פאָרן קיין לאָנדאָן צו אינטערוועניר‎ן וועגן דעם ענין בא דער רעגירונג.

— נו, מיינע פריינט, פון דעם אַלעם, וואָס מיר זענען דאָ געוואָר געוואָרן, איז צו זען, אַז אַ געוויסער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט געליטן אַ שיפבּרוך, איז אַריינגעפאַלן צו די אינדיאַנער אין די הענט, און ער בעט מען זאָל אים ראַטעווען. איצט מוזן מיר נאָך געוואָר ווערן, ווו די שיף איז אונטערגעגאַנגען. זאָגט איטלע-כער אַרויס אייער מיינונג.

— איר וועט אפשר לאַכן פון מיר — האָט ליידי העלענאַ זיך אָנגערופן — מיין מיינונג איז, אַז די שיף איז אונטערגעגאַנגען אין דרום-אַמעריקאַ — נישט ווייט פון לאַנד פּ אַ ט אַ ג אָ נ י ע ן. דאָס זאָגט מיר דאָס וואָרט gonie, וואָס איז די צווייטע העלפט פון פּ אַ ט אַ ג אָ נ י ע ן.

אַלע פּנימער האָבן אויפגעשטראַלט פאַר פרייד און האָבן מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף דער קלוגער פרוי.

— די ליידי איז פולשטענדיק גערעכט — האָט געזאָגט דער קאַ-פּיטאַן פאַראַגוט, וועלכער האָט באַלד אויסגעשפּרייט די גרויסע לאַנד-קאַרטע. — אָט ליגט טאַקע פּאַטאַגאָניען אויפן 37-טן גראַ-דוס, און אין בריוו שטייט דאָך בפּירוש 37, 11 די ברייט. און אין פּאַטאַגאָניען געפינען זיך טאַקע ווילדע מענטשן, איצט פאַרשטיי

איך שוין דעם אויסדרוק pr, דאָס מיינט מען prison — געפאַנ־גען. דער קאַפּיטאַן איז געפאַנגען בײַ די ווילדע פּאַטאַגאָניער.

— איצט, דאַכט זיך מיר, ווייסן מיר שוין אַלץ. די דריי בריוו זענען פאַר אונדז פולשטענדיק פאַרשטענדלעך — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט — יאָ, קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, איר האָט דאָך גע־זאָלט אַ זוך טון אין די צייטונגען דעם נאָמען פון דעם שיפסקאַ־פּיטאַן. זייט אַזוי גוט און קוקט אַדורך די צייטונגען פון יאָר 1862.

דער קאַפּיטאַן איז תיכף אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין דער קאַיוטע אַריין און אין אַ ווײַל אַרום זיך אומגעקערט מיט אַ גרויסן פּאַק אין אָרדנונג אײַנגעלייגטע צייטונגען. אַלע האָבן זיך אַ נעם געטון זוכן פון ערשטן יאַנואַר אָן פון יאָר 1862.

— אָט איז עס, אָט איז אַ טעלעגראַמע — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגערופן.

— ער האָט אויסגעשפּרייט די צייטונג אויפן טיש און לאָרד גלענאַרוואָן האָט איבערגעלייענט בזה הלשון :

„דעם 30־טן מאַי, 1862. פּערו. היינט איז אָפּגעשוווּמען די דריי־זעגלשיף „בריטאַניאַ“, קאַפּיטאַן גראַנט, קיין גלאַזגוי — ענגלאַנד“.

— קאַפּיטאַן גראַנט ? אַ באַקאַנטער נאָמען — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

— איך קען אים אויך — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געזאָגט — ער איז איינער פון די בעסטע שיפסקאַפּיטאַנען אין ענגלאַנד. עס האָט זיך אים נאָר געחלומט וועגן אַנטדעקן אַ ניי לאַנד און עס אַ נאָמען געבן „ניישאָטלאַנד“, ווײַל ער איז געווען אַליין אַ שאָט־לענדער. אַ שאָד דער מענטש, אַ שאָד דער קאַפּיטאַן גראַנט!

— איצט איז נישט די צייט צו באַדויערן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן ערנסט אויסגערופן — מיר האָבן שוין כמעט אַלע פּע־דעם אין דער האַנט. מיר דאַרפן זיך אַ נעם טון פעסט צו דער

זאַך און אויסבעטן הילף בײַ דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע וועט געוויס אירס אַן ענגלענדער אַרויסהעלפן.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן דעק פון דער שיף, וואָס איז שוין געשטאַנען פאַראַנקערט אין פּאָרט. אויפן ברעג האָט שוין געוואַרט לאָרד גלענאַרוואָנס קאַרעטע. די זון האָט העלגעשיינט; אַרום האָט געקאָכט דאָס רוישיקע לעבן פון דער שטאָט גלאַזגוי, און אַ פרייד האָט אַלעמענס הערצער אָנגעפילט.

— איך האָב נאָך צו באַזאָרגן אייניקע ענינים — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט צו זיין פרוי — קודם כל מוז איך צו־וויסן געבן זיין פרוי און קינדער, אויב ער האָט אַזעלכע איבער־געלאָזט, וועגן דעם גורל, וואָס האָט געטראָפן זייער מאַן און פאָטער און וועגן די שריט, וואָס ווערן אָנגענומען זיי צו ראַטע־ווען. איך וועל אַנאָנסירן אין די גרעסטע ענגלישע צייטונגען. — און ער איז טאַקע באַלד אַריינגעגאַנגען צו זיך אין דער קאַיוטע און אָנגעשריבן פאָלגענדן אַנאָנס:

„ווער עס וויל אָפּנעמען אַ ידיעה וועגן קאַפּיטאַן גראַנט און זיינע מאַטראָסן פון דער שיף „בריטאַניאַ“, זאָל זיך מעלדן צו לאָרד גלענאַרוואָן אין שלאָס מאַלקאָלם, דונבאַרשיר, שאָט־לאַנד“.

דעמדאָזיקן אַנאָנס האָט ער איבערגעגעבן דעם קאַפּיטאַן פאַראַגוט און אים געבעטן ער זאָל דאָס אַריינגעבן אין די גרעס־טע ענגלישע צייטונגען.

— איצט, מיין ליבע העלענאַ, פאָר דו אַהיים מיטן מאַ־יאָר און איך פאָר מיטן ערשטן צוג קיין לאָנדאָן, כדי אויסצו־פועלן בײַ דער אַדמיראַליטעט, אַז זי זאָל שיקן הילף דעם קאַ־פּיטאַן גראַנט. — דאָס זאָגנדיק, האָט זיך לאָרד גלענאַרוואָן אָפּ־געזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן.

III.

צוויי יונגע געסט.

דער שלאָס מאַלקאָלם, וועלכער האָט געהערט צום לאָרד גלענאַרוואַן, איז געווען איינער פון די שענסטע געגנטן אין שאָט־לאַנד.

לאָרד גלענאַרוואַן איז געווען זייער באַליבט בײַ די אַרו־מיקע איינוווינער, וועלכע פלעגן קומען צו אים נאָך פאַרשידענע עצות און ער איז צו אַלעמען גלייך גוט געווען און יעדן איינ־ציקן העפלעך אויפגענומען, אַזוי, אַז אַלע שכנים פון די אַרומי־קע דערפער האָבן אים געהאַלטן פאַר זייער פריינט און ראַטגע־בער.

לאָרד גלענאַרוואַן איז אויך געווען מיטגליד פון ענגלישן פאַרלאַמענט, ער האָט געשטאַמט פון די אַלטע שאָטלענדישע קעניגלעכע פאַמיליעס, פון דער דינאַסטיע סטיואַרט. די איצטיקע קעניגין וויקטאָריאַ, וועלכע געהערט צו דער דינאַסטיע האַנאָווער פון דייטשלאַנד, האָט נישט געלעבט בשלום מיט דעם לאָרד גלע־נאַרוואַן, וועלכער האָט זי, ווי אויך די גאַנצע איצטיקע דינאַסטיע באַטראַכט ווי פרעמדע, וואָס האָבן בײַ זיינע אורעלטערן צוגערויבט דעם טראָן. ער איז אינגאַנצן אַלט געווען בײַ דרייסיק יאָר. ער ער איז געווען געזונט און שטאַרק געבויט, אַ גוטער רייטער און אַ מוטיקער, העלדישער מאַן.

נישט לאַנג צוריק האָט ער התונה געהאַט מיט דער שיינער

לײדי העלענאַ, װעלכע האָט געשטאַמט נישט פֿון קײן יחוס־פֿאַמיליע. איר פֿאָטער, פּראָפֿעסאָר טורנעלי, איז געװען אײנער פֿון די געבילדעטסטע מענטשן אין ענגלאַנד. ער איז געװען פּראָפֿעסאָר פֿון געאָגראַפֿיע אין דעם אוניװערזיטעט אין עדינבורג. ער איז שוין עטלעכע מאָל געװען אַרױסגעשיקט דורך דער ענגלישער רעגירונג אויף פֿאַרשידענע אויספֿאָרשונגס־רײזעס, ער האָט אויך אָנגעשריבן אָן אַ שיעור ביכער װעגן דעם. לאָרד גלענאַרװאָן, װעלכער איז געװען זײנס אַ תּלמיד, פֿלעגט אים אָפֿט נאָך באַזוכן אַפֿילו שוין נאָכן פֿאַרענדיקן דעם סטודיום, און אַזױ אַרום האָט ער זיך באַקענט מיט זײן טאָכטער העלענאַ, פֿאַרליבט זיך און חתונה געהאַט. ער האָט ספּעציעל פֿאַר איר געלאָזט בויען די שיף „דונקאַן“, רעכענענדיק, אַז זי, אַלס טאָכטער פֿון אַזאַ געלערנטן און װעלט־רײזנדן, האָט מסתּמא פֿון איר פֿאָטער געירשנט די לוסט פֿון אַרומרײזן און באַזעען די װעלט און ער האָט איר געװאָלט נאָך דער חתונה דעמדאָזיקן תּענוג פֿאַרשאַפֿן.

אויפֿן צװײטן טאָג נאָך דערדאָזיקער לוסט־רײזע, װאָס מיר האָבן שוין אין פֿריערדיקן קאַפּיטל באַשריבן, האָט די לײדי העלענאַ דערהאַלטן פֿון איר מאַן אַ ידיעה, אין װעלכער ער גיט איבער אין קורצן, אַז זײן אונטערנעמונג איז נישט באַקרוינט געװאָרן מיט קײן דערפֿאָלג. די רעגירונג טענהט, אַז זי באַזיצט נישט אין דער איצטיקער מינוט די נױטיקע סומען, װאָס מען דאַרף האָבן אויף אַזאַ רײזע און צװײטנס, פֿאַרמאָגט זי בכלל נישט קײן פֿרײַע שיפֿן אויף אויסצוזוכן אַן אומבאַקאַנטן שיפֿסקאַפּיטאַן גראַנט. ער װעט נאָך פּרוּװן זיך צו באַמיען װעגן דעם, אָבער ער איז מסופּק, צי עס װעט זיך אים אײַנגעבן עפּעס אויפֿצוטון.

די לײדי העלענאַ איז נאָך דערדאָזיקער ידיעה געבליבן זיצן װי דערשלאָגן. דאָס האַרץ האָט איר װײ געטון אויף דעם קאַפּיטאַן גראַנט, װאָס מאַטערט זיך איצט אוודאי אין דער גע־

פאַנגעגנשאַפט באַ די ווילדע מענטשן, און באַ זייער בעסטן ווילן קאָנען זיי ליידער גאָרנישט אויפטון. ווי עס זעט אויס, וויל די רעגירונג ספּעציעל דאָ גאָרנישט העלפן.

אויפן דריטן טאָג נאָך זייער צוריקקומען אַהיים איז זי אַזוי געזעסן אויפן באַלקאָן פון איר שלאָס מאַלקאָלם, פאַרטראַכט און פאַראומעטיקט; אויף דערדאַזיקער איידעלער פרוי האָט זייער געווירקט דאָס שלעכטקייט און בייזער ווילן פון דער רעגירונג, וועלכע קען אַזוי קאַלטבלוטיק זיך פאַרהאַלטן לגבי אירס אַן אונטערטאַן. ווי פּלוצלינג איז דער פאַרוואַלטער פון שלאָס, מיסטער האַלבערט, אַרויפגעקומען צו איר און געמאַלדן, אַז עפּעס אַ יונג מיידל מיט אַ יונג בהורל ווילן דורכויס זען דעם לאָרד גלענאַרוואַן.

— פונוואַגען זענען זיי? — האָט ליידי העלענאַ געפרעגט.

— זיי זאָגן, אַז זיי קומען נאָר-וואָס אָן מיט דער באַן ביז באַלאַש און פון דאָרטן זענען זיי געקומען צופוס.

— הייסט זיי אַריינקומען צו מיר — האָט ליידי העלענאַ געזאָגט.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען געשטאַנען פאַר איר צוויי יונגע, באַיווע קינדער — אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן מיט אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף, וועלכן זי האָט געהאַלטן באַ דער האַנט.ביידע זענען זיי געווען זייער אָרים געקליידט.

— איר דאַרפט עפּעס צו מיר, קינדער — האָט ליידי העלענאַ מיט אַ פריינדלעכער שטימע געפרעגט.

— דאָס יינגל האָט מיט אַ פעסטער שטימע געענטפערט:

— ניין, מיר דאַרפן צום לאָרד גלענאַרוואַן.

— לאָרד גלענאַרוואַן איז גראָד איצט נישטאָ אינדערהיים, איך בין זיין פרוי, איר קענט מיר אַלץ זאָגן.

— אייער מאַן, לאָרד גלענאַרוואַן — האָט דאָס יונגע מיידל מיט אַ וויכער, ציטערנדיקער שטימע אָנגעהויבן — האָט באַקאַנט געמאַכט אין די צייטונגען, אַז ווער עס וויל אָפּנעמען אַ ידיעה וועגן קאַפּיטאַן גראַנט, זאָל זיך ווענדן דאָ אַהער.

— אמת, אָבער ווער זענט איר דען אייגנטלעך — האָט לײדי העלענאַ געפרעגט.

— מיר זענען קאַפּיטאַן גראַנטס קינדער.

— איר זענט קאַפּיטאַן גראַנטס טאָכטער? — האָט ליידי העלענאַ אויסגערופן, און זי האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און אַ קוש געטון דעם יינגל אין קאָפּ אַריין.

— וואָס ווייסט איר וועגן מיין פאָטער? — האָט די מיס גראַנט מיט בקשה געפרעגט. — וועלן מיר אים נאָכאַמאָל זען?

— מיין טייער קינד, איך קען אייך, ליידער, נאָך דערוויייל גאָרנישט זאָגן, איך וואַרט אויף מיין מאַן — האָט ליידי העלענאַ מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט — איך קען אייך נאָר געבן אַ שוואַכע האָפנונג, אַז אייער פאָטער לעבט נאָך.

די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען, דערציילנדיק איר די גאַנצע געשיכטע, ציט זייער פאָטער איז אַרויסגעפאָרן מיט דער „בריטאַניאַ" און שוין עטלעכע יאָר, ווי זיי האָבן פון אים קיין שום ידיעה נישט געהאַט. די מוטער האָט אירע אויגן אויסגעוויינט און איז ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק געשטאָרבן פאַר צרות. אומגעריכט האָבן זיי איבערגעלייענט די באַקאַנטמאַכונג אין דער צייטונג, און זיי האָבן דאָס לעצטע פאַרקויפט און געקומען דאָ אַהער צו פאָרן.

ליידי העלענאַ איז געזעסן און אויסגעהערט זייער טרויעריקע געשיכטע און טרערן האָבן זיך איר פון די אויגן געגאָסן, זי האָט זיי געטרייסט און געגעבן האָפנונג, אַז איר מאַן, דעם לאָרד גלענאַרוואַן, וועט מסתמא געלינגען אויסצופועלן באַ דער רעגירונג

הילף און זי האָט זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיט דער פלאַש און די דריי בריוו, וואָס מען האָט אינעווייניק געפו־נען.

— מאָרגן, מיינע טייערע קינדער, וועט שוין געוויס מיין מאַן אהיימקומען און ברענגען אַן ענדגילטיקע ידיעה — האָט די ליידי העלענאַ פאַרענדיקט איר דערציילונג.

די קינדער זענען צו איר צוגעפאַלן און אָנגעהויבן קושן די הענט און נישט געוואוסט ווי אַזוי איר צו דאַנקען.

די ליידי העלענאַ האָט זיי פאַרבעטן, זיי זאָלן בלייבן באַ איר אין שלאָס ביז איר מאַנס צוריקקומען און דאַמאָלס וועט מען שוין ווייטער באַשליסן וואָס צו טון. דערווייל האָט זי זיי געהייסן געבן עסן און צוגרייטן אַ צימער.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי שוין געזעסן באַם טיש און מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן דעם צוגעגרייטן פרישטיק.

IV.

דער דרייסטער פאָרשלאַג.

ליידי העלענאַ האָט געהאַלטן פאַר נויטיק זיי גאָרנישט צו דערציילן וועגן די השערות, אַז וייער פאָטער געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט באַ די פּאַטאַגאָניער. צו וואָס זאָל זי אָנטון עגמת נפש די קינדער, אַז זיי האָבן שוין אַזוי אויך גענוג גע־ליטן.

זי האָט זיי גענומען אויספרעגן וועגן לעבן פון זייער פאָטער ביז דעם אָפּפאָרן מיט דער „בריטאַניאַ“.

מערי גראַנט, וועלכע איז געווען זייער אַ קלוג און פאַר־שטאַנדיק מיידל האָט איר גאַנץ זאַכלעך און פּשוט דערציילט, ווי איר פאָטער, דער קאַפּיטאַן גראַנט, איז פון קינדווייז אָן געווען אַ מאַטראָס. אַ חוץ מאַטראָס האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט מסחר און נישט איינמאָל האָט ער אַרומגערייזט אויף זיינע איי־גענע שיפן אין פאַרשידענע לענדער און אַזוי אַרום האָט ער ביס־לעכווייז געמאַכט אַ שיין פאַרמעגן. אַלץ וואָלט געווען גוט און וויל, האָט זיך אָבער אַריינגעמישט די פּאָליטיק. אַלס שאָטלענ־דער האָט ער נישט סימפּאַטיזירט מיט דער קעניגין וויקטאָריאַ און מיט איר רעגירונג, און אים איז איינגעפאַלן אין געדאַנק צו אַנט־דעקן ערגעץ אַ ניי לאַנד און עס באַזעצן מיט שאָטלענדער, וועל־כע זענען נישט צופרידן פון דער ענגלישער הערשאַפט. ער האָט געשטרעבט דאָרט איינצופירן אַ רעפּובליקאַנישע אָרדנונג, ווו אַלע זאָלן גלייך אַרבעטן און ס׳זאָל זיין שלום צווישן אַלע קלאַסן.

אויף דידאָזיקע רייזעס און אַרומזוכענישן האָט ער געפּטרט זיין גאַנץ פאַרמעגן, אויף אַלע ימים איז ער אויסגעווען, זוכנדיק אַלץ אַ פּאַסנד אינדזל דאָס לעצטע מאָל איז ער אַרויסגעפאָרן אין יאָר 1861 און פון דאַמאָלס אָן האָבן זיי פון אים נישט קיין שום ידיעה, ווו ער איז אַהינגעקומען. איבער דער צייט איז זיי די מו־טער אָפּגעשטאָרבן. זי האָט געמוזט גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק און דאָס יינגל האָט זי געוואָלט אָוועקגעבן פאַר אַ בעל־מלאכה. דעם פאָטער האָבן זיי שוין געהאַלטן פאַר טויט, ביז וואַנען זיי האָבן איבעררשטע דערזען די ידיעה אויף די צייטונגען.

לײדי העלענאַ האָט זיך אַלע מאָל די אויגן אויסגעווישט, און צום סוף, ווען מערי גראַנט האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט איר געשיכטע, האָט זי אויסגערופן:

— איצט, מיינע טייערע קינדער, גייט שלאָפן, רוט אײַן אויס פון דעם לאַנגן וועג. מאָרגן קומט לאָרד גלעגאַרוואָן, וועלן מיר שוין אַלץ געוואָר ווערן.

אויף צומאָרגנס זענען ביידע קינדער גאַנץ פרי אויפגעשטאַנען. אין שלאָס האָט נאָך געהערשט אַ פולשטענדיקע שטילקייט, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן און אַרומגעשפּאַצירט ביז די ליידי העלענאַ וועט אויפשטיין. זיי האָבן געמיינט, אַז די ליידי שלאָפט נאָך, אָבער די יונגע, גוטע פרוי איז שוין לאַנג נישט געשלאָפן, אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך איר געפּלאָנטערט אין קאָפּ וועגן קאַפּיטאַן גראַנט און זי איז טרויעריק געוואָרן באַם געדאַנק, טאָמער געלינגט נישט איר מאַן, דעם לאָרד גלענאַרוואָן, צו פועלן בײַ דער רעגירונג, זי זאָל נעמען אויף זיך אויפצוזוכן דעם קאַפּיטאַן גראַנט. נעכטן האָט זי טאַקע געהאַט באַקומען אַ בריוו פון לאָרד גלענאַרוואָן, וווּ ער שרייבט איר, אַז קיינער לייגט גאָרנישט קיין אַכט אויף זיינע רייד, אַלע גרויסע לאָרדן און מיניסטאָרן זענען זיך צעפאָרן און ס׳איז נישטאָ, ווער ס׳זאָל עפּעס טון.

ווי די קינדער האָבן אַזוי אַרומגעשפּאַצירט, האָבן זיי באַמערקט, ווי עס איז צוגעפאָרן אַ קאַרעטע צום שלאָס. זיי זענען צוגעלאָפן קוקן, צי עס איז נישט אַמאָל דאָ אָנגעקומען דער לאָרד גלענאַרוואָן, האָבן זיי שוין באַם טויער געטראָפן די ליידי העלענאַ מיטן מאַיאָר ריטשאַרדסאָן, וועלכע זענען אויך אַקעגנגעלאָפן. עס איז ווירקלעך געווען דער לאָרד.

— וואָס פאַר אַ נייעס האָסטו געבראַכט? — האָט די ליידי העלענאַ אים געפרעגט, ווי ער איז נאָר אַראָפּ פון דער קאַרעטע און זיך מיט איר צעקושט.

— ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, מיין טייערע, איז קיין

שום האָפנונג נישטאָ! — האָט ער איר טרויעריק געענט־פערט.

— האָבן זיי זיך פולשטענדיק אָפּגעזאָגט עפּעס צו טון — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געפרעגט.

— פולשטענדיק! ס׳האָט זיי שוין גענוג אָפּגעקאָסט אַנדע־רע עקספּעדיציעס, זאָגן זיי, און אָן שום דערפאָלג. בפרט, אַז די בריוו זענען נישט דייטלעך געשריבן, קענען זיי דעריבער גאָר־נישט אונטערנעמען. דער ביטערער אמת אָבער איז דאָס, וואָס זיי ווייסן פון קאַפּיטאַן גראַנטס פלענער און צוליב דעם ווילן זיי אים נישט ראַטעווען.

בא די ווערטער האָט מערי גראַנט, וועלכע איז נאָך דעם לאָרדס אויסשטייגן פון דער קאַרעטע, אונטערגעגאַנגען הינטער זיי און אַלץ אויסגעהערט, אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט זיך דערשטוינט אומגעקוקט און דערזען די צוויי קינדער.

— זאָלן דאָס זיין קאַפּיטאַן גראַנטס? — האָט ער זיך פאַר־וווּנדערט אַ פרעג געטון.

— יאָ, עדוואַרד, נעכטן זענען זיי געקומען מיט דער באַן און פון דער באַן דאָ אַהער צופיס.

די קינדער זענען אים געפאַלן צו די פיס און מיט ביטע־רע טרערן געבעטן, ער זאָל ראַטעווען זייער פאָטער.

באַם האַרץ האָט געשניטן, צוזעענדיק דידאָזיקע סצענע, יעדערן האָבן זיך טרערן אין די אויגן געשטעלט, אַלע האָבן גע־שוויגן, ס׳איז נישט געווען מיט וואָס צו טרייסטן. ענדלעך האָט זיך דער מאַיאָר אָפּגערופן צום לאָרד גלענאַרוואַן:

איז שוין קיין שום האָפנונג נישטאָ?

— ניין, מ׳האָט מיר פולשטענדיק אָפּגעזאָגט

— איך וועל גיין צו דער קעניגין, צו די לאָרדן, לאָמיך

ווען, מען זאָל מיר אָפּזאָגן — האָט אויסגערופן דער קליינער ראָבערט גראַנט — זיי מוזן אונדז אויסהערן, זיי מוזן אונדז העלפן.

אַלע האָבן טרויעריק מיט די קעפּ צוגעשאָקלט, זיי האָבן געוווּסט, וואָס עס הייסט גיין צו דער קעניגין, צו די לאָרדן. שטיי־נערנע הערצער פאַרמאָגן זיי, די גרויסע לייט, פאַרשטאָפּטע אוי־ערן. די וואַך וועט זיי באַלד נישט צולאָזן. אָרימע קינדער גע־בעך, אָרימע יתומים!

ליידי העלענאַ האָט געשוויגן און אין האַרץ זיי באַדויערט, נאָר ווי אַזוי העלפט מען זיי, ווי אַזוי ראַטעוועט מען זייער פאָ־טער! פּלוצלינג האָבן איר די אויגן אויפגעפינקלט, איר פּנים האָט אָנגעהויבן שיינען פון פרייד. זי האָט עפּעס, ווייזט אויס, אין זיך אַ פעסטן באַשלוס אָנגענומען. זי האָט זיך צוגעבויגן צו מערי גראַנט, זי באַרו:קט און אַזוי געזאָגט:

— הער מיך אויס, אָרים קינד! — און זי איז ווידער שטיל געוואָרן.

זי האָט זיך געווענדט צו איר מאַן און מיט אַ בעטנדער שטימע צו אים אויסגערופן:

— ליבער עדוואַרד! דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיין די שליחים, — מיר האָבן געפונען גראַנטס בריוו, מיר האָבן זיך מיט אים פאַרינטערעסירט, לאָמיר אים ראַטעווען, לאָמיר טון וואָס עס ליגט נאָר אין אונדזערע כּוחות, מיר מוזן זיי העלפן די אָרימע קינדער!

— ווי אַזוי־זשע, ליבע פרוי מיינע?

— פּשוט. לאָמיר, אַלס יונג פּאָרל נאָך אַ חתונה, אונטער־נעמען אויף אונדזער שיף, וואָס איז גענוג שטאַרק, אַ לוסט־רייזע אויפן ים, און די לוסט־רייזע וועלן מיר אויסנוצן, כּדי אויסצוזוכן דעם קאַפּיטאַן גראַנט.

— העלענאַ! — איז געווען דער איינציקער ענטפער פון לאָרד גלענאַרוואָן און ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און האַרציק צוגעדריקט.

ביידע קינדער זענען צוגעפאַלן צו איר און זי אָנגעהויבן קושן פאַר פרייד און אַלע אַרומיקע, וואָס זענען געשטאַנען דער־לעבן, האָבן מיט איין קול אויסגערופן:

— זאָל לעבן די לידי העלענאַ!

V.

אויף דער רייזע

די לידי העלענאַס פאָרשלאַג צו פאָרן זוכן דעם קאַ־פּיטאַן גראַנט איז לחלוטין נישט געווען פאַרן לאָרד גלענאַר־וואָן קיין איבערראַשונג. דערדאָזיקער געדאַנק איז אים תּיכף גע־קומען אין קאָפּ אַריין, ווי נאָר ער האָט באַמערקט, אַז די לאָרדן זענען נישט גענייגט דעם קאַפּיטאַן גראַנט צו ראַטעווען. עס איז אים אָבער שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער זאָל זיך גיין שיידן אויף אַזאַ לאַנגער צייט מיט זיין ערשט חתונה־געהאַטער פרוי. ער האָט עס בײַ זיך נישט געקענט פועלן איר אפילו דעם פאָרשלאַג צו מאַכן. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט די שוועריקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַזאַ רייזע. אַ חוץ דעם, וואָס בלויז אויף דער שיף צו פאָרן איז פאַר אַזאַ פרוי שווער, קען דאָך נאָך אויסקומען צו גיין צופוס אָדער רייטן אויף פערד,

און דאָס האָט ער זיך באין אופן נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זיין פרוי זאָל עס קענען אויסהאַלטן.

ווי צופרידן און גליקלעך איז ער אָבער געווען, ווען ער האָט דעם געדאַנק געהערט פון זיין פרויס מויל אַליין. און אַז ער באַזיצט אַזאַ העלדישע און מוטיקע פרוי, וועלכע פאַרמאָגט אַזאַ איידל און גוט האַרץ.

ער האָט באַלד געשיקט אַ שליח צום קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, ער זאָל זיך צוגרייטן צו אַ לאַנגער נסיעה קיין דרום־אַמעריקע.

„דונקאַן" איז געווען אַ גענוג גרויסע און שטאַרקע שיף, אָבער כּדי צו לאָזן זיך אין אַזאַ וויטן וועג אַריין, האָט מען גע־דאַרפט בעסער איינצוריכטן די קאַיוטעס, זיי זאָלן באַקוועמער זיין אויף אַזאַ לאַנגער רייזע. מ'האָט אויך געדאַרפט די מאַגאַזינען אויף קוילן און שפּייז צו פאַרברייטערן, ווייל אָן גענוגנדן זאַפּאַס פון די זאַכן טאָר מען זיך אויף אַזאַ ווייטער און לאַנגער נסיעה נישט לאָזן אין וועג אַריין.

לאָרד גלענאַרוואָן, וואָס זיין קלאָרער געדאַנק האָט אים אויף קיין מינוט נישט פאַרלאָזט, האָט אויך געדענקט מיטצונעמען אַ קליינעם האַרמאַט אויף זיין שיף. ווי עס זאָל זיך נישט מאַכן, פאָרט מען דאָך יעדנפאַלס אין אַזעלכע לענדער, אויף אַזעלכע ימים, וווּ מען קען זיך אָנטרעפן אויף כּלערליי סיורפּריזן.

ענדלעך האָט מען זיך גענומען צוגרייטן צו דערדאָזיקער ווייטער און געפערלעכער רייזע. מ'האָט געדאַרפט באַשטימען די צאָל מיטרייזנדע, ווייל ס'איז נאָך געווען אַ ספק, צי זאָל מען מיטנעמען קאַפּיטאַן גראַנטסביידע קינדער. קיין נוצן וועלן זיי זי־כער נישט ברענגען, אָבער דאגות מיט יונגע קינדער אויף אַזאַ וועג וועט נישט פעלן.

סוף כּל סוף, נאָך פיל איינשטעלענישן פאַר זיי מצד דער ליידי העלענאַ, ווי אויך דאָס מוטיקע אויפפירן זיך פון קליינעם

ראָבערט גראַנט האָט באַוויזן דעם לאָרד גלענאַרוואָן איינצוגיין אויף זייער מיטפאָרן. מיטצופאָרן האָט אויך באַשלאָסן דער מאַיאָר ריטשאַרדסאָן, וועלכער איז, וואָס אַן אמת, שוין נישט געווען קיין יונגערמאַן, אָבער פאַר דאָס איז ער געווען אומגעוויינלעך מוטיק און לעבנסלוסטיק, עס האָט זיך פון אים אַרויסגעפילט דער לאַנג־יעריקער סאָלדאַט און אַזעלכן האָט מען, אַלס קענער פון אומגיין זיך מיט געווער, אוודאי געדאַרפן צו דער נסיעה.

פאַר די אַלע פאַסאַזשירן האָט מען, פאַרשטייט זיך, געדאַרפן צוגרייטן באַקוועמע קאַיוטעס, מען זאָל זיך פילן, ווי אינדערהיים. אויך זענען מיטגעפאָרן מיסטער אַלבינעט, דער קאָכמייסטער פון דער שיף מיט זיין פרוי, אַלס קעכין.

דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, אַלס טיכטיקער מאַטראָס, האָט דאָס אַלץ גענומען אין אַכט און גוט אין זיבעטן געהאַט און ס'איז נישט אַדורך קיין חודש, איז אַלץ געווען פאַרטיק, נאָר דעם דאַמף צו לאָזן און אַוועקגליטשן זיך איבערן גלאַטיקן בלויען ים.

אין טאָג פון דער אָפּרייזע האָבן זיך פאַרזאַמלט מחנות מענטשן, וועלכע האָבן געקענט באַוואונדערן די אינגעווייניקסטע איינריכטונגען פון „דונקאַן". מחנות רעפּאָרטערן און צייטונגס־מענטשן, האָבן די אָפּרייזנדע באַלאַגערט און באַשיט מיט אַ מבול פון פראַגן. איטלעכן האָט אינטערעסירט דער צוועק פון דער רייזע און איטלעכער האָט געשטוינט איבער דער גוטהאַרציקייט און אָפּערווילליקייט פון דעם ענגלישן לאָרד, וואָס לאָזט זיך אַרויס זוכן זיינס אַן אומבאַקאַנטן קאַפּיטאַן גראַנט, וועלכער איז מיט צוויי יאָר צוריק פאַרלוירן געוואָרן.

נישט איין שיפסקאַפּיטאַן האָט מקנא געהען דעם קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, וועלכער האָט זוכה געווען מען זאָל אַזוי פיל רעדן און באַוואונדערן די שיף, וואָס ער פירט אָן. אין פּאָרט זענען געשטאַנען אַ סך רייכערע, אַ סך גרעסערע שיפן, ווי למשל, די „סקאָטיאַ",

וועלכע האָט מיט איר פּראַכט און ריזיקייט איבערגעשטיגן אַלע שיפן, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען. און ס'איז זיך דעריבער משער צו זיין וויפל קנאה און האַרץ־גרימעניש דאָס האָט יענעם שיפס־קאַפּיטאַן פאַרשאַפט.

לאָרד גלענאַרוואַן און פּאַראַגוט האָבן זיך אָבער ווייניק אינטערעסירט מיט דעם אַלעם און האָבן געטון זייער אַרבעט בשלמות, ביז זיי האָבן צוגעגרייט די שיף צו דער לעצטער מינוט פון דער אָפּרייזע.

באַלד האָט זיך באַוויזן אַ ווייס רויכל פון דעם שיף־קוימען, וואָס האָט זיך געזילבערט אין דעם גלאַנץ פון דער זון און די שיף האָט אָנגעהויבן ווי לעבן. די באַוועגונג איז געוואָרן גרעסער, איטלעכער האָט די העלדישע פּאַסאַזשירן פון דערדאָזיקער שיף געוואָלט געזעגענען, איטלעכער האָט זיי צום לעצטן מאָל נאָך גע־וואָלט אָנקוקן און אָנווינטשען אַ גליקלעכע רייזע.

דעם שלאָס האָט לאָרד גלענאַרוואַן איבערגעגעבן אַ פאַר־וואַלטער, וועלכער זאָל דערמיט פאַרוואַלטן איבער דער גאַנצער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט.

שפּעט באַנאַכט, ווען אַ פינסטערניש האָט דעם גאַנצן פּאָרט מיט זייבע הונדערטער שיפן געהאַט איינגעהילט און עס האָבן זיך באַר געזען דאָ און דאָרט רויטע פונקען פון אַ שיף־קוימען — אַ באַווייז, אַז די און די שיף האַלט פאַרן אָפּגיין, האָט דער קאַפּי־טאַן פּאַראַגוט אויפגעהויבן דעם אַנקער פון „דונקאַן". אַ לאַנגער, אומעטיק־געזעגנדיקער פייף האָט אין דער פינסטערניש אָפּגעהילכט. סנאָפּעס פלאַמען מיט צעשיטנדיקע פונקען האָבן צום שטערן־באַ־זייעטן הימל אַרויפגעשאָסן און די שיף האָט זיך אַ טרייסל גע־טון.

אַ פאַרטויבנדער הורא־אויסגעשריי און אַ „פּאָרט־געזונט" האָט אין דער פינסטערניש פון הונדערטער מיילער אָפּגעקלונגען, און

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דער „דונקאַן" זיך שוין געוויגט איבער די גרינלעך־בלויע וואַסערן.

די נאַכט איז קיינער שוין נישט געגאַנגען שלאָפן, און שפּע־טער, ווען דאָ און דאָרט האָבן געלבלעכע שטרייפן אָנגעהויבן גלאַנצן איבערן וואַסער און זענען וואָס אַמאָל רויטער געוואָרן — און אויפן סוף אין אַ גאָלד־קאָליר אַריינגעפאַלן, האָט יעדער איינער פון די פּאַסאַזשירן געקענט באַאָבאַכטן דעם הערלעך־פאַנטאַסטישן זון־אויפגאַנג. דער ים איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מבול פון בלוט, גאָלד און בלוי־גרינע קאָלירן, און אַ רויטע פייערדיקע זון־ראָד האָט פון ים אויפגעטויכט און מיט אַ רויטער שיין אַלץ אָפּ־געגאָסן. די שיף איז, ווי אַ ווייס־ראָזער פויגל איבער דעם רייך־פאַרביקן ים געשווומען און איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ לאַנגן, ווייס־שוימיקן פּאַס.

ווען די זון איז שוין געהאַט אויפגעגאַנגען און האָט ווי אַ גאָלדענער, פלאַקערדיקער טעלער איבער דער בלויקייט פון הימל מיט שטראַלן געשפּריצט, איז דער גאַנצער עולם פעסט געשלאָפן, איינגעוויגט אין די זיסטע חלומות.

VI.

אַן אומבאַקאַנטער פּאַסאַזשיר

פּונקט דריי אַ זייגער האָט זיי מיסטער אַלבינעט געוועקט צום מיטאָג, וואָס איז שוין געשטאַנען גרייט אויף די בלענדנד־ווייסע סערווירטע טישן. אַלע האָבן זיך מיט דעם בעסטן אַפּעטיט געזעצט

צום עסן. מ׳האָט נאָר געהערט דאָס קלינגען פון די געשירן און פון צייט־צו־צייט די איינציקע ווערטער, וואָס עמעצער האָט אויס־גערעדט.

— און דו, מערי, האָסט גאָרנישט קיין מורא פאַר דער ים־קראַנקייט? — האָט זי לײדי העלענאַ ליבלעך געפרעגט.

— אַ טאָכטער פון אַ שיפסקאַפּיטאַן איז צו אַזעלכע זאַכן שוין צוגעוווינט, ס׳איז נישט באַ מיר דאָס ערשטע מאָל אַזאַ רײַזע — האָט מערי געענטפערט.

— און איר זאָלט זען ווי דער קליינער ראָבערט שפּרינגט אַרום איבער דעם שיף־דעק, אויף אַלע זעגלביימער איז ער שוין אויסגעווען — האָט זיך קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אַרײַנגעמישט אין גע־שפּרעך. — ער וועט זײַן אַמאָל אַ טיכטיקער מאַטראָס, מיס גראַנט — האָט ער זיך דערנאָך געווענדט צו דער שײנער מערין, וועלכע האָט געוועקט אין אים אַ טיפע סימפּאַטיע.

זי האָט זיך פאַררויטלט אַ ביסל און בלויז נאָר אַ שמייכל געטון אַלס ענטפער.

נאָכן מיטאָג איז זיך דער עולם צעגאַנגען, ווער צו זיך אין קאַיוטע אַרײַן, ווער צו דעם ראַנד פון שיף, צוצוקוקן זיך צום שפּיל פון די ים־כוואַליעס. דער מאַיאָר האָט פאַררייכערט אַ ציגאַר און געלאָזט זיך שפּאַצירן הין און צוריק איבערן דעק פון דער שיף, אַרויסלאָזנדיק פאַרטראַכטערהייט בלויע קנײלעכלעך רויך, וואָס האָבן אים אײַנגעהילט, ווי אין אַ בלוי־זײַדענעם וואָל.

פלוצלינג איז ער שטיין געבליבן דערשטוינט פאַר עפּעס אַ פרעמדן מאַנספאַרשוין, מאָדנע געקליידט. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ברייט־ראַנדיקן שוואַרצן הוט מיט פּענסנע אויף דער לאַנגער נאָז, דאָס מאַנטל איז אויף אים געלעגן, ווי אָנגעהאָנגען, אַלע קעשענעס פול געפּאַקט מיט ביכער און לאַנד־קאַרטן, איבערן רוקן איז באַ אים געווען פאַרוואָרפן אַ לאַנגער טעלעסקאָפּ, וואָס

האָט אויסגעזען, ווי אַ ביקס אויף אַ יעגער. ער איז גראָד אין דעם מאָמענט, וואָס דער מאַיאָר איז צוגעקומען, געהאַט אַרויסגעגאַנגען פון אַ קאַיוטע.

זיי האָבן זיך ביידע שטום אָנגעקוקט. דער פרעמדער האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם טעלעסקאָפּ און גענומען קוקן אויפן ים.

ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן צום מאַיאָר וועגן פאַרשידענע לענדער, ביכער און געלערנטע. דער מאַיאָר האָט אים נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, פאַר זיין אויער איז פרעמד געווען דידאַקטישע שפּראַך, האָט ער זיך אָפּגעדרייט פון אים און אַוועקגעגאַנגען.

דער אויסטערלישער פּאַסאַזשיר האָט זיך דאַן געווענדט צום ערשטן בעסטן מאַטראָס, וואָס ער האָט באַגעגנט, און געפרעגט זיך אויפן פּראָוויאַנט-מייסטער.

אויך דער מאַטראָס איז געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט, ווייל יעדער איינציקער פון די מיטרייזנדע האָט געקענט זיינע פּאַסאַזשירן, ר'האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט אַ מינע פון העכסטער דערשטוינונג, דאָך האָט ער אים אָנגעוויזן צו דער קאַיוטע פון פון מיסטער אַלבינעט.

דער מיסטער אַלבינעט איז אויף זיין הויכן רוף באַלד אַרויסגעקומען, אַ ווײַלע זיך צוגעקוקט צו דעם אומבאַקאַנטן פאַרשוין מיט דער אויסטערלישער קליידונג און אים אַ פרעג געטון:

— וואָס פאַרלאַנגט איר, הער?

— איך בין דער פּאַסאַזשיר פון דער קאַיוטע נומער 6 — האָט דער פרעמדער געענטפערט — און עס וווּנדערט מיך זייער, וואָס ביז איצט האָט מען מיך נאָך נישט גערופן צום מיטאָג, איך האָב אַ שיפסקאַרטע מיט עסן.

— נומער 6? — האָט זיך מיסטער אַלבינעט געוווּנדערט — ווי קומט דאָ אַ נומער 6, בשעת באַ אונדז זענען לחלוטין קיין נומערן נישטאָ, אַזעלכע געפינען זיך נאָר אויף פּאַסאַזשיר־שיפן, וווּ יעדער האָט זיין נומער קאַיוטע. וואָס פאַר אַ מיספאַרשטענדע־ניש איז דאָס?

— דאָס מיטאָג האָבן מיר שוין לאַנג אָפּגעגעסן — האָט ער נאָך אַ לאַנגן טראַכטן און באַוווּנדערן אים געענטפערט.

— איר וועט אַלזאָ אַזוי גוט זיין, מיסטער... ווי רופט מען אייך?

— אַלבינעט.

— איר וועט אַזוי גוט זיין, מיסטער אַלבינעט, און מיר געבן אַ פלאַש וויין און מאַכן מיר אַ בעפשטיק, ווייל איך שטאַרב פון הונגער. איך האָב נעכטן אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, איך האָב מיך געאיילט צו דער שיף.

אַלבינעט איז געבליבן שטיין, נישט וויסנדיק, וואָס צו טון מיט דעמדאָזיקן אויסטערלישן גאַסט. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט דערקלערן, פונוואַנען ער האָט זיך דאָ דערנו־מען.

— ווו איז דער קאַפּיטאַן? ווו זענען די שיפס־אָפיצירן — האָט זיך דער פרעמדער מיט אַ געבייזער געפרעגט — דאָס זענען דאָך מיינע בעסטע באַקאַנטע, וואָס פאַר אַן אָרדנונג איז דאָ?

מיסטער אַלבינעט האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן.

„אפשר איז דאָס דעם קאַפּיטאַנס אַ באַקאַנטער, אפשר האָט אים לאָרד גלענאַרוואַן פאַרבעטן”!

ער האָט לאַנג נישט געטראַכט און איז אַוועקגעלאָפן מעלדן דעם קאַפּיטאַן פאַראַגוט וועגן דעם אומבאַקאַנטן גאַסט.

באַלד האָט זיך קאַפּיטאַן פאַראַגוט באַוויזן, און ווי די

פריערדיקע, איז ער אויך געבליבן שטיין אין אַ פאַרוווּנדעטער פּאָזע, בפרט, אַז יעֶנער איז צו אים צוגעפאַלן מיט פריידיקע אויסרופן:

— מיסטער באָרטאָן, מיסטער באָרטאָן! ענדלעך האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן. איך בין גליקלעך, וואָס ס'איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן מיט אייך צוזאַמען אַזאַ לאַנגע רייזע, איר וועט מיר קענען אַ סך נוצן ברענגען מיט אייער וויסן. איר האָט דאָך אַ סך מאָל באַרייזט דעם אינדישן אָקעאַן, נישט אמת?

— אָבער, אום גאָטעס ווילן, איך בין דאָך נישט קאַפּי־טאַן באָרטאָן, איר האָט דאָך אַ פאַרדריסלעכן טעות, הער!

— איך בין זיכער געווען, אַז דער קאַפּיטאַן באָרטאָן געפינט זיך נאָך אויף דער „סקאָטיאַ“. האָט מען אים אַלזאָ איבערגעשיקט אויף אַן אַנדערע שיף? אַ שאָד, כ'לעבן, ער וואָלט מיר אַ סך נוצן געקענט ברענגען צו מיין פאָרשונגס־רייזע קיין אינדיען. נאָר איך רעכן, מיר וועלן זיך נענטער באַקענען, וועלן מיר ווערן גוטע פריינד.

דערווייל איז אויך אָנגעקומען פון זיין קאַיוטע לאָרד גלענאַרוואָן מיט ליידי העלענאַ, וועלכע דער מאַיאָר האָט שוין געהאַלט דערציילט פון דעם אָנשיקעניש, וואָס האָט זיך אויף זייער שיף אויף אַן אויסטערלישן אופן דערנומען. דער פרעמדער איז צו זיי צו און אָנגעהויבן בייגן זיך און פלאַפלען. ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז לאָרד גלענאַרוואָן, האָט ער זיך זייער אַנטשולדיקט און פאָרגעשטעלט זיך:

— זשאַק פאַגאַנעל, סעקרעטאַר פון דער קייזערלעכער געאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פאַריז, מיטגליד פון פאַרשידענע עטנאָגראַפישע און עטנאָלאָגישע געזעלשאַפטן אין די גרעסטע שטעט אין אייראָפּע, אַמעריקע און אַזיע.

ער האָט דערציילט, אַז ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אין פּאַריז, ווו ער איז פּראָפעסאָר פון געאָגראַפיע אין איינעם פון אירע אוניווערזיטעטן. ער האָט באַקומען פון דער ענגלישער רעגירונג אַ שיפסקאַרט אויף דער שיף „סקאָטיאַ", וועלכע איז נעכטן אַרויסגעגאַנגען פון גלאַזגאָו קיין אינדיען.

דערדאָזיקער נאָמען האָט אויף זיי געווירקט אומגעהייער, ווייל דער נאָמען פון פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל איז אומעטום באַקאַנט געווען אַלס באַוווּסטער געאָגראַף און מחבר פון פיל ווּיסנשאַפט-לעכע ווערק.

אַלע און באַזונדערס דער לאָרד גלענאַרוואָן איז אָן אַ שיעור צופרידן געווען צו באַקענען זיך מיט אַזאַ גרויסער פּערזענלעכ-קייט.

— איך באַגריס אייך, הער פּראָפעסאָר, מיט אייער אָנקו-מען אויף מיין שיף, נישט אַנדערש, נאָר דער גורל האָט אַזוי גע-וואָלט, איר זאָלט דאָ אַרויפקומען, ס'איז באַ מיר דער גרעסטער כבוד, וואָס איך האָב נאָר ווען-עס-איז געהאָפט צו האָבן.

אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט און געקוקט אים אין די אויגן אַריין. ס'איז אַנדערש, ווען מ'הערט וועגן אַ גרויסער פּער-זענלעכקייט און ווען מען זעט זי פאַר די אויגן. מ'האָט געזען פאַר זיך אַ צעשטרייטן מענטש, וואָס איז צוליב זיין צעשטרייטקייט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אויף אַ פרעמדער שיף און אָנשטאָט צו פאָרן קיין אינדיען, פאָרט ער גאָר קיין דרום-אַמעריקע.

נאָך עטלעכע פראַגעס איז לאָרד גלענאַרוואָן געוואָר גע-וואָרן פון אים פאָלגענדעס:

ער איז אַרויסגעפאָרן פון פּאַריז קיין גלאַזגאָו באַזאָרגט מיט אַ שיפסקאַרט אויף דער שיף „סקאָטיאַ", וואָס האָט געדאַרפט אָפּ-גיין קיין אינדיען. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דאָרט אַהין אויס-

צופֿאָרשן יענע געגנטן, וועלכע זענען דער וועלט נאָך ווייניק באַ־קאַנט געווען.

עס איז איטלעכן שווער געווען אויפֿצוקלערן דעם פּראָפֿע־סאָר דעם טעות, וואָס ער האָט געהאַט.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אים פֿריער געפּרוּווט איינרעדן, אפֿשר איז מעגלעך די רייזע קיין אינדיען דערווייל אָפּצולייגן, און דער־ווייל וועט ער אויספֿאָרשן פּאַטאַגאָניע, וואָס איז נאָך אויך ווײ־ניק באַקאַנט.

דער פּראָפֿעסאָר פּאַגאַנעל האָט אָבער פֿון גאָרנישט גע־וואָלט הערן.

— ס'טייטש — האָט ער געטענהט — מ'האָט מיך אַרויס־געשיקט ספּעציעל קיין אינדיען, קען איך דעם באַשלוס נישט ענ־דערן, בפֿרט, אַז איך האָב מיר שוין צונויפֿגעשטעלט אַ פֿול־שטענדיקן פּלאַן פֿון מיין רייזע. וואָס וועט זאָגן דערויף דער פּאַר־זיצנדער פֿון דער געאָגראַפֿיש־עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט דער פּראָפֿעסאָר קאַטערפֿאַזש!

ער איז געלאָפֿן הין און צוריק איבערן שיף־דעק, באַם קאָפּ זיך געהאַלטן און צו זיך אַליין גערעדט:

— וואָס וועל איך טון איצט, כ'וועל די אויגן מיינע נישט קענען אויפֿהייבן פֿאַר בושה!

— באַרויִקט אייך — האָט אים ענדלעך לאָרד גלענאַרוואַן אַ זאָג געטון — ווייסט איר וואָס, די לאַגע קען מען נאָך ראַטע־ווען, ס'איז נאָך נישט אַלץ פֿאַרלוירן. איר וועט קומען קיין אינ־דיען.

— ווי אַזוי? זאָגט, לאָרד! — און די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן גלאַנצן מיט טרערן פֿון פֿרייד. ער האָט זיך פֿאַרראָכטן די ברילן אויף דער נאָז און גענייגט זיך. — זאָגט, לאָרד גלע־נאַרוואַן, איר וועט מיך ראַטעווען.

— ווען איר וועט אַהינקומען קיין אינדיען איז דאָך אייך אַלצייגס, נישט אמת, פּראָפּעסאָר? אַלזאָ, מיר פאָרן דורך דאָס אינדזל מאַדערא, וועט איר דאָרט אָפּשטייגן און צוװאַרטן אויף אַ שיף קיין אינדיען.

— אָבער אויף דער „סקאָטיאַ" האָב איך דאָך מיין גאַנצן באַגאַזש, וואָס איך האָב איבערגעגעבן אַ מענטש אין גלאַזגוי צום עקספּעדירן. און אויך איז דער קאַפּיטאַן אַ באַקאַנטער און ער וואָלט מיר אַ סך צוגעהאָלפן אין מיין פאָרשן — האָט דער פּראָ־פעסאָר פּאַגאַנעל זיך באַקלאָגט.

— דאָס איז שוין פאַרפאַלן, דעם פעלער וועט איר שוין נישט צוריקכאַפּן. באַ מיין בעסטן ווילן, מ'זאָל זיך אפילו אומ־קערן קיין גלאַזגוי און איך זאָל שוין היזק האָבן אַ פּאָר טאָג ריי־זע, וועלן מיר שוין אויך די „סקאָטיאַ" דאָרט נישט טרעפן, ווייל זי איז דעם זעלבן אָוונט אָפּגעגאַנגען פון גלאַזגוי — האָט דער לאָרד גלענאַרוואָן אים געזאָגט.

דער פּראָפּעסאָר פּאַגאַנעל האָט געמוזט מודה זיין באַ זיך אין האַרץ, אַז דער לאָרד גלענאַרוואָן איז גערעכט און ער האָט שוין געמוזט איינגיין אָפּצושטייגן אין מאַדערא. ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און אָנגעהויבן זיך גוט צוצוקוקן צום בוי פון דער שיף און איר איינריכטונג, נאָכדעם האָט ער אויסגערופן:

— לויט ווי איך זע דאָ, איז דידאָזיקע שיף בכלל נישט קיין פּאַסאַזשיר־שיף, נאָר אַ לוקסוס־שיף, צו וועמען־זשע אַלזאָ געהערט זי, געפינט זיך דאָ נישט דער באַלעבאָס?

דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט אַ שמייכל געטון און אָנגעוויזן אויפן לאָרד:

— אָט, הער פּראָפּעסאָר, איז דער באַלעבאָס, איר זענט איצט דער גאַסט באַם לאָרד גלענאַרוואָן.

— אויב אַזוי — האָט זיך דער פּראָפּעסאָר צו אים גע־

װענדט — אויב די שיף איז אייער אייגנטום, לאָרד, קענט איר דאָך באַפעלן מיט איר לויט אייער װילן און פאַרלאַנג. און אויב איר מאַכט אַ לוסטרייזע, איז אינדיען אַ סך הערלעכער און פאַנטאַסטישער, װי דרום־אַמעריקע.

ער האָט אַרויסגעצויגן די לאַנדקאַרטע פון אײנער פון זײנע קעשענעס און זי אויסגעשפּרייט פאַר זיי און זיי אָנגעהויבן װײזן די אינדזלען און שטעט, טײכן, בערג, װאָס זיי װעלן דאָרטן זען, װעלנדיק אויף אַזאַ אופן צוגעבן חשק דעם לאָרד מיט זײנע באַגלייטער צו פאָרן קיין אינדיען.

— אָבער הער פּראָפעסאָר — האָט לײדי העלענאַ זיך אָנגערופן — מיטן גרעסטן פאַרגעניגן װאָלט מיר אַזאַ רייזע אונטערגענומען. איך טרוים שוין פון לאַנג אַזאַ לוסטרייזע צו מאַכן. װען איך בין נאָך אַ קינד געװען און מיין פאָטער, פּראָפעסאָר טורנעל, האָט מיט מיר געלערנט װעגן אינדיען, האָב איך שטענדיק פון דעמדאָזיקן װוּנדערבאַרן, פאַרכישופטן לאַנד געחלומט. נאָר, לײדער, איז אונדזער רייזע פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן צװעק, פון װעלכן מיר טאָרן נישט און קענען זיך נישט אָפּזאָגן — מיר פאָרן ראַטעװען אַן אומגליקלעכן קאַפּיטאַן, װעלכער האָט געליטן שיפבּרוך בײַ די ברעגן פון דרום־אַמעריקע, נישט װייט פון פּאַטאַגאָניען.

איצט האָט מען דעם פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיט דער פלאַש און די דריי בריװ, װאָס מ׳האָט אין איר געפונען. װי ס׳האָט אויסגעזען, האָט די געשיכטע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, און נאָך מער האָט אים פאַרװוּנדערט די העלדישקייט און דער מוט פון לײדי העלענאַ און ער האָט אויסגערופן:

— עס פרייט מיך אומגעהייער צו טרעפן אַזאַ פרוי, װי איר

זענט, און איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב דערקענט מיין בעסטן פריינט פּראָפעסאָר טורנעלס אַ טאָכטער!

— וואָס, איר קענט מיין פאָטער? — האָט ליידי העלענאַ איבערראַשט אויסגעשריגן.

— נישט נאָר מיר קענען זיך, נאָר מיר האָבן זינט פיל יאָרן נישט אויפגעהערט צווישן זיך צו קאָרעספּאָנדירן. ער איז איינער פון מיינע בעסטע קאָלעגן, מיר האָבן אָנטיילגענומען אויף עטלעכע געאָגראַפישע קאָנגרעסן אין פּעטערבורג, בערלין און אַ לאַנגע צייט אפילו צוזאַמען פאַרברענגט.

ליידי העלענאַ איז אויסער זיך געווען פאַר פרייד, זי איז ווי נעענטער געוואָרן מיטן פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל און געפילט זיך מיט אים היימישער.

— און אפשר, הער פּראָפעסאָר, פאָרט איר מיט אונדז מיט אונדזער רייזע צו זוכן דעם קאַפּיטאַן גראַנט? — האָט ליידי העלענאַ פריילעך אויסגערופן.

— איך וואָלט עס מיטן גרעסטן פאַרגעניגן געטון, בפרט, אַז דער גורל האָט מיך צוזאַמענגעפירט מיט דער טאָכטער פון מיין בעסטן פריינד, אָבער, ליידער, בין איך פאַרבונדן מיט דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פּאַריז, און איך מוז אויספירן דאָס, וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן.

— עס טוט אונדז זייער לייד, הער פּראָפעסאָר, וואָס איר קענט אונדז נישט פאַרשאַפן דעם כבוד צו האָבן אייך אין אונדזער געזעלשאַפט — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן — איך באַדויער עס זייער שטאַרק, אָבער איר וועט אייך נישט אָפּזאָגן פון מיין גאַסטפריינדלעכקייט ביז דער צייט, ווען איר וועט מוזן פאַרלאָזן אונדזער שיף, דאָס הייסט, ביז דעם אינדזל מאַדעראַ!

לאָרד גלענאַרוואָן האָט תיכף געהייסן צוגרייטן אַ באַזונדע-

רע קאַיוטע פאַר דעם געערטן גאַסט און דערווייל האָבן זיי פאַר־ברענגט אין זייער איבטערעסאַנטע געשפּרעכן. ווי אַלע פּראָבנצויזן, האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל ליב געהאַט אַ סך צו פּלוידערן. ער האָט זיך אַזוי פאַרגעסן, אַז עס האָט זיך אים געדאַכט, ער שטייט אויף דער קאַטעדרע פאַר זיינע סטודענטן אין פּאַריז און לייענט אַ לעקציע וועגן געאָגראַפיע. נישט איינמאָל האָט ער, צווישן איינ־געהאַלטענע שמייכלען אויף אַלעמענס פּנימער, איבערגעפּרעגט אַ מאַטראָס וועגן דעם, וואָס ער האָט דאָ גערעדט, אַז יענער האָט אויף אים אַרויסגעשטעלט אַ פּאָר תמעוואַטע אויגן.

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער הימל האָט נאָך געגליט אויף מערב־זייט און אָפּגעפאַרבט אין רויט־פיאָלעטע קאָ־לירן די שטילע, קוים געקנייטשטע וואַסערן. אַלע זענען געזעסן אויפן דעק פון דער שיף און געקוויקט זיך מיט דער אָנגענעמער וואַרעמער בין־השמשות־לופט. באַלד האָט זיך אַ שטערנדל אויפן טונקל־בלויען הימל אָנגעצונדן, באַלד האָט אַ צווייטס אויפגעטויכט און, ציטערנדיק, זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער.

— ווי הערלעך, ווי צויבערהאַפט! — האָט דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל אויסגערופן.

אַלע האָבן געשוויגן, קיינער האָט נישט געוואַגט איבערצו־רייסן די הייליקע שטילקייט, ווען טאָג און נאַכט מישן זיך און צעגיסן זייערע שטילע פאַרבן.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט דאָס גלעקל פון מיסטער אַל־בינעט, וואָס האָט גערופן צום אָוונט־עסן און אַלע זענען אין פרוי־מען שטילשווייגן אין עס־סאַלאָן אַוועק.

ס'איז שוין גוט פינסטער געווען אויף דער וועלט. די שיף האָט זיך געגליטשט איבערן ים און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געשוועבט אין דער לופטן צווישן צוויי בריליאַנטן־פאַרזייעטע תהומען.

אַלץ איז געשלאָפן. ס'האָבן זיך נאָר געהערט די טריט פון מאַטראָס, וואָס איז געגאַנגען הין און צוריק אויף דער וואַך.

VII.

דער פּראָפעסאָר איבערלייגט זיך.

אין פאַרלויף פון די פּאָר טאָג רייזע האָט זיך דער פּראָפעסאָר ביסלעכווייז צוגעוווינט צו אַלע. ער האָט מיט אַלע איינגעטענהט וועגן זיינע וויסנשאַפטלעכע רייזעס. נישט איינמאָל האָט ער, פאַרגעסנדיק זיך אין זיין רעדן, געהאַלטן פאַר זיי גאַנצע לעקציעס וועגן פאַרשידענע לענדער. אַזוי, אַז ווען ער פאָרט מיט זיי אַ שטיק צייט, וואָלט ביסלעכווייז דער „דונקאַן" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שווימענדיקן אוניווערזיטעט.

נאָך פינף טאָג רייזע האָט מען פלוצלינג אין אַ הערלעכן פרימאָרגן דערזען ווייט אויפן האָריזאָנט אויפטויכן קליינע בערגשפּיצן, וועלכע זענען פון שעה צו שעה אַלץ גרעסער געוואָרן, ביז אַרום נאָך מיטאָג האָט מען שוין דייטלעך געזען דאָס אינדזל מאַדעראַ מיט אירע בערג.

לאָרד גלענאַרוואָן איז געלאָפן אָנזאָגן דעם פּראָפעסאָר די פריילעכע בשורה און איינצייטיק באַפוילן דעם קאַפּיטאַן פאַראַגוט צוצופאָרן צום פּאָרט.

דער פּראָפעסאָר האָט אַ דריי געטון מיט דער נאָז, ווייזט אויס, ער איז נישט אַזוי זייער צופרידן געווען מיט דערדאָזיקער ידיעה און אַ פרעג געטון:

— צי פּאָרט איר קיין מאַדעראַ בלויז צוליב מיר, אָדער מוזט איר דאָ אָפּטרעטן ?

— איך האָב דאָ נישט קיין שום ענינים צו דערליידיקן, האָט פּראָפעסאָר, איך האָב אייך נאָר געוואָלט צופירן צום ערשטן פּאָרט, ווו איר וועט קענען באַקומען אַ שיף קיין אינדיען — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געענטפערט.

— כ׳האָב מיך מיישב געווען, לאָרד, — האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל געזאָגט — אויב שוין יאָ אָפּשטייגן אויף אַן אינדזל און דאָרט צוואַרטן אויף אַ שיף, האָב איך שוין גלייכצייטיק געוואָלט האָבן אַ נוצן דערפון, אויספאָרשן עס, דערנאָך באַשרייבן. דאָס אינדזל מאַדעראַ אָבער איז שוין אָן מיר גענוג אויסגעפאָרשט און באַשריבן געוואָרן. עס האָט שוין פאַר מיר נישט קיין שום אינטע־רעס. און ער האָט אָנגעהויבן דערביי צו האַלטן אַ גאַנצע לעקציע וועגן מאַדעראַ, וועגן אירע וויינען, וואָס זענען באַרימט אויף דער וועלט, וועגן דער צאָל איינוווינער, פון וואָס פאַר אַ באַפעלקע־רונג דאָס אינדזל באַשטייט.

— אַלזאָ, וועט איר שוין געדענקען — האָט ער מיינענדיק, אַז ער רעדט פאַר אַן אודיטאָריע פון סטודענטן, זיך אַ ווענד גע־טון צו איינעם פון די מאַטראָסן — מאַדעראַ איז באַוווינט פון לויטער פּאָרטוגעזער און עס געהערט אויך צו פּאָרטוגאַליען. מאַ־דעראַ הייסט דאָס אינדזל צוליב אירע וועלדער, מיט וועלכע זי איז געדיכט באַדעקט. מאַדעראַ הייסט אַ וואַלד אויף פּאָרטוגאַ־ליש.

— וואָס־זשע בלייבט, פּראָפעסאָר, שטעלן מיר זיך, הייסט דאָס, נישט אָפּ אין מאַדעראַ ? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן זיך גע־פרעגט.

— ניין, צוואָס ? אַז עס האָט נישט קיין ממשותדיקן ווערט פאַר מיר. פונדאַנען האָבן מיר דאָך שוין נישט וויים צו די קאַ־

נאַדישע אינדזלען, וועל איך דאָרט אָפּשטייגן און צו וואַרטן אויף א שיף. דאָרטן, על כּל פּנים, איז דאָ וואָס צו זען און צו באַוווּנ־דערן — קודם כּל דעם באַרג „פּיק דע טעידע", וואָס לייכט מיט זיין שפּיץ נאָך זון־פאַרגאַנג, ווי אַ פייערדיקע קויל און דאָס געשעט צוליב זיין אומגעהייערער הויכקייט.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אים צוליב געטון און באַפוילן ווייטער צו פאָרן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אין מאַדעראַ.

צומאָרגנס, ווי נאָר די זון איז אויפגעגאַנגען און אָפּגעשפּריצט מיט רויטע רובינען די שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך לעבן דער שיף געמאַכט, האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט און אַרויסגעגאַנגען אויפן דעק.

— איר זעט, פּראָפעסאָר, יענעם שפּיץ, וואָס טיקט זיך אין די וואָלקנס, — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט זיך אָנגערופן — דאָס איז שוין דער באַרג „פּיק דע טעידע", וואָס געפינט זיך אויפן אינדזל טענעריפאַ.

דער פּראָפעסאָר האָט באַלד אַראָפּגענומען דעם טעלעסקאָפּ פון זיינע פּלייצעס און גענומען אויפמערזאַם זיך צוקוקן.

פונדערווייטנס האָט דער באַרג אויסגעזען, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן וואָלט צווישן גרויסע וואָלקנדלעך געשווומען. ער האָט אַריבערגעשטאַרט מיט זיין געוואַלטיקער הויך איבער די וואָלקנס.

דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל האָט באַלד גענומען רעדן וועגן דעם באַרג:

— דער באַרג „פּיק דע טעידע" האַלט עלף טויזנט מעטער די הייך, מיט דריי טויזנט מעטער נידעריקער, ווי דער מאָנט־בלאַן.

— וועט איר אַרויפשטייגן אויף דעם באַרג, פּראָפעסאָר — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט געפרעגט — איר וועט דאָך אים אוודאי וועלן אויספאָרשן און באַשרייבן. מען מוז מודה זיין, אַז אויף

דעם באַרג „פּיק דע טעידע" אָדער, ווי מען רופט אים „פּיק דע טענעריפאַ" איז זיך דאָ פון וואָס צו אַנטציקן.

— אויף דעמדאָזיקן באַרג אַרויפצוקלעטערן? — אַן אומזיסטע אַרבעט. דאָס האָט שוין פאַר מיר געטון דער באַקאַנטער געלערנטער הומבאָלדט. דערדאָזיקער רייזנדער איז געווען אויף דעם באַרג אין יאָר 1799 און ער האָט באַשריבן אַלע זיינע אייגנשאַפטן, די פאַרשידענע קלימאַטן, וואָס ער האָט, אַלע זיינע פאַונאַ און פלאָראַס. דערדאָזיקער באַרג איז אַמאָל געווען אַ ווולקאַן. היינט איז ער שוין אויסגעלאָשן, אָפּגעקילט און פאַרשטיינערט.

— רעכנט איר, הייסט עס, נישט אָפּצושטייגן אויף די קאַנאַרישע אינדזלען? — האָט אים קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געפרעגט. — איך מיין אויך אַזוי, גלייכער וועט זיין, ווען מיר וועלן צוקומען צו די גרינע אינדזלען. ערשטנס קענט איר אויף די קאַנאַריען־אינדזלען אָפּוואַרטן אַמאָל גאַנצע חדשים אויף אַ שיף. פאַרדאָס זענען די גרינע אינדזלען זייער אינטערעסאַנט, ווי איז אייער מיינונג, הער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל?

— פאָרט איר דען דורך די גרינע אינדזלען, הער קאַפּיטאַן, אָדער ווילט איר דאָס טון ספּעציעל צוליב מיר? — האָט דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל געפרעגט.

— געוויס מוזן מיר דאָרט אָפּטרעטן, לאָרד גלענאַרוואָן האָט דאָרטן באַשטעלט שטיין־קוילן פאַרן „דונקאַן", מוזן מיר אַלזאָ צופאָרן צו דער הויפּט־שטאָט פון די גרינע אינדזלען, ווילאַ פּראַיאַ.

— ווילאַ פּראַיאַ? אָ, יאָ, דאָס איז זייער אַ הערלעכע שטאָט — האָט דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל איבערגעשלאָגן — די גרינע אינדזלען געפינען זיך אויך נישט ווייט פון מערב־אַפריקע פון דאָרטן וועל איך לייכט קענען צופאָרן קיין סענעגאַל, וואָס

נעהערט צו פראַנקרייך. איך וועל דאָרט מיך פאָרשטעלן פאַרן פראַנצויזישן גובערנאַטאָר, באַקום איך אָן שום ספק באַלד אַ שיף, וווהין איך דאַרף נאָר.

— אַלזאָ זאָל איך ריכטן די שיף צו די גרינע אינדזלען? — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געפרעגט.

— פאַרשטייט זיך, אומבאַדינגט וויל איך אויסשטייגן אויף די גרינע אינדזלען. איך מוז באַקוקן די שטאָט ווילאַ פּראַיאַ.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן אין מערב־אַפריקע די רעגנס. עס האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס. דאָס איז דער אַפריקאַנער ווינטער, און עס קען אַזוי אָפּרעגענען עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד. אומגעשטערט האָט זיך די שיף דורכגעשניטן דורך נעפּלען און וואָלקנס און געגאַנגען צו איר ציל.

פאַר די איינוווינער פון אַפריקע איז דער רעגן אַ ברכה. אַלע פעלדער הייבן אָן צו גרינען, די ביימער — צו בליִען, אין דער צייט, וואָס זומער איז אַלץ אָפּגעטרוקנט און פאַרברענט. פאַר רייזענדע איז אָבער דערדאָזיקער רעגן נישט זייער צום האַרץ. ס׳איז אוממעגלעך זיך דאַמאָלס אויף דער גאַס זיך צו געפינען.

מען קען זיך פאָרשטעלן, וויאַזוי אונדזערע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געפילט, מוזנדיק זיצן פאַרשפּאַרט גאַנצע טעג אין די קאַיוטעס. אויפן דעק איז אוממעגלעך געווען דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן.

דאָס איז פּונקט געווען אין אָנהייב סעפּטעמבער. דאָס איז איינע פון די רעגנצייטן אין מערב־אַפריקע, ווו עס רעגנט צוויי מאָל אין יאָר, אין סעפּטעמבער און אין אַפּריל.

אַ גליק האָבן נאָך געהאַט די פּאַסאַזשירן פון „דונקאַן", וואָס זיי האָבן געהאַט צווישן זיך דעם פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, וועלכער איז גאַנצע טעג מיט זיי געזעסן און גערעדט אויף פאַרשי־

דענע וויסנשאַפטלעכע טעמעס, איבערהויפּט איבער געאָגראַפיע. אויף אַזאַ אופן איז זיי די צייט שנעל אַדורך.

דערווייל האָט זיך אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טעג די שיף דערנעענטערט צו די גרינע אינדזלען און ווען זיי זענען פאַרביי־געפאָרן דאָס אינדזל סען־זשאַק, וואָס איז באַדעקט געווען מיט גרינע בערג (פונדאַנען דערנעמט זיך אויף דער נאָמען: גרינע אינדזלען), האָט זיך אַלעמען זייער געגלוסט אַרויסצוגיין אויפן דעק צו באַקוקן די פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע. צוליבן פליץ־רעגן האָבן זיי אָבער געמוזט בלייבן זיצן אין די קאַיוטעס.

פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, דערהערנדיק, אַז די שיף דערנענטערט זיך שוין צו די גרינע אינדזלען, צו דער שטאָט ווילאַ פּראַיאַ, האָט ער זיך גענומען פאַרפּאַקן און צונויפזוכן פון דער גאַנצער שיף זיינע פּאַפּירן און אינסטרומענטן, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אין פאַרשידענע ערטער.

דעם 5־טן סעפּטעמבער זענען זיי אָנגעקומען אין פּאָרט אַריין.

אָבער דער מבול, וואָס האָט כסדר אומאויפהערלעך גע־פּליצט, האָט בשום אופן נישט דערלויבט, מען זאָל זיך קענען אַרויסרירן אויפן דעק אַרויף.

דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, וועלכער האָט דאָך געפּרוווט אַרויסקריכן פון זיין קאַיוטע, האָט באַלד געמוזט אַן אויסגעווייק־טער זיך אומקערן צוריק.

ער לאָרד גלענאַרוואָן מיט דער ליידי העלענאַ, וועלכע האָבן דווקא געוואָלט צורעדן דעם פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל ער זאָל מיט זיי פאַרבלייבן אויף דער שיף, האָבן געפּרוווט ווירקן אויף אים מיט אַלע מיטלען. דער לאָרד האָט אים פאַרגעשטעלט די שטאָט ווילאַ פּראַיאַ אין די שוואַרצסטע פאַרבן, אַז ס'איז נישטאָ ווו צו נעכטיקן, ער וועט מוזן שלאָפן צוזאַמען מיט די בהמות און

חזירים און עסן מיט זיי צוזאַמען פון איין שיסל, אַזוי פירט מען זיך אויף די אינדזלען. און צום ערגסטן איז געווען, וואָס אויף אַ שיף קומט טיילמאָל אויס צו וואַרטן העכער דריי חדשים.

דאָס האָט מער ווי אַלדינג געווירקט אויף אונדזער פּראָפעסאָר. ער איז געבליבן שטיין אַ בלאַסער און נישט געקענט קיין וואָרט פון מויל אַרויסברענגען.

לאָרד גלענאַרוואַן, זעענדיק, אַז דאָס האָט געווירקט, האָט אים געפּרוווט צו רייצן און מכּלומרשט אים צורעדן, אַז, אויב ס׳גייט אים אַזוי שטאַרק אין לעבן צו בלייבן, זאָל ער בלייבן.

— און אפשר, פּראָפעסאָר, וועט איר טאַקע דאָ בלייב; אמת, עס גייען טאַקע נישט אָפט קיין שיפן, פאַרדאָס קומען אָבער ווייניק רייזנדע דאָ אַהער און האָבן נאָך נישט ווי געהעריק אויסגעפאָרשט די גרינגע אינדזלען. איר וועט דאָ זיצן אַ פּאָר חדשים, וועט איר צייט האָבן אייך גוט אַרומצוקוקן.

— וואָס וועל איך דאָ פאָרשן? — האָט דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל כּמעט פאַרצווייפלט אויסגערופן. — שוין אַלץ אויסגעפאָרשט נאָך פאַר מיר, איבעריקנס, זענען דאָ נישט פאַרהאַן אַזעלכע אינטערעסאַנטע זאַכן.

— און טייכן, וועלדער גרויסע זענען דאָך דאָ פאַרהאַן — האָט קוים באַמערקבאַר געחוזקט דער מאַיאָר ריטשאַרדסאָן.

— וואָס פאַר אַ טייכן, וואָס פאַר אַ וועלדער — אַלץ נישטיקע, נישט אינטערעסאַנטע, און אפילו די זענען שוין אויך אויסגעפאָרשט געוואָרן דורכן געאָלאָג סענט-קלער-דעוויל, וועלכן די פראַנצויזן האָבן אין יאָר 1856 אַרויסגעשיקט אויפן שיף „דעסידע“.

— וואָס-זשע קלערט איר צו טון, הער פּראָפעסאָר — האָט לײדי העלענאַ געפרעגט.

דער פּראָפעסאָר איז געוואָרן זייער אומעטיק, ער האָט

נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ענדלעך האָט ער געפרעגט דעם קאַפּיטאַן פּאַראַגוּט.

— ווּ רעכנט איר צוּ מאַכן די ערשטע סטאַציע נאָך די גרינע אינדזלען?

— איך מיין, אַז אין דער שטאָט קאָנסעפּסיאָן אין דרום־אַמעריקע. — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוּט געענטפערט — וואָס איר רעכנט דען דאָרט אָפּצוּשטייגן?

— ס'איז דאָך אָבער אַ מהלך פוּן אינדיען, ווי אַזוי וועל איך פוּן דאָרטן אַהינקומען?

— אייגנטלעך, הער פּראָפעסאָר, וואָס איז אייך דען פאַר אַ נפקא מינה וועלכע אינדיאַנער איר וועט אויספאָרשן, צי די מזרחדיקע אָדער די מערב־אינדיאַנער.ביידע זענען, דאַכט זיך מיר, אַלצייגס ווערטפוּל פאַר דער וויסנשאַפט? — האָט תמימות־דיק געפרעגט לאָרד גלענאַרוואָן.

— איר האָט אפילוּ רעכט, לאָרד, אָבער וואָס וועט זיין מיט מיין אויפגאַבע, וואָס מ'האָט מיר אָנפאַרטרויט?

— פאָרט מיט אוּנדז, פּראָפעסאָר — האָט זיך ליידי העלענאַ געבעטן — איר וועט אוּנדז מיט אייער פּערזאָן פיל פאַר־גענייגן פאַרשאַפן — אויב דער גורל האָט אוּנדז צונויפגעבוּנדן, ווילט אים נישט מיט געוואַלט פוּנאַנדעררייסן. איר זעט דאָך, אַז אַלץ זאָגט דערפאַר, איר זאָלט אוּנדז נישט פאַרלאָזן. מסתּמא איז אַזוי באַשערט!

דער פּראָפעסאָר איז אינגאַנצן צעמישט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. ווי ס'האָט אויסגעזען, האָבן אים די ליידי העלענאַס בעטנדיקע רייד גערירט. און ווען דער לאָרד גלענאַר־וואָן האָט אים נאָך איינמאָל פאַרגעלייגט און געבעטן, האָט דער פּראָפעסאָר ענדלעך איינגעשטימט, און אויפן פּנים האָט זיך אים צעגאָסן אַ צעפרידענער שמייכל.

VII

אַרום די ברעגן פון פּאַטאַגאָניען.

ששון ושמחה איז געווען אויף דער שיף, ווען ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל האָט איינגעשטימט צו בלייבן. מער פון אַלע האָט זיך געפרייט דער קליינער ראָבערט, וועלכער איז אַרויפגעפאַלן אויפן פּראָפעסאָר און אָנגעהויבן אים קושן, אַז יענער האָט זיך קוים פון זיינע הענט אויסגעריסן.

דער קליינער ראָבערט גראַנט האָט ליב געקריגן דעם פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל צוליב זיינע דערציילונגען וועגן פאַרשידענע לענדער, וואָס ער האָט מיט גרויס חשק אויסגעהערט און איצט האָט ער אים אַזוי פאַרמאַטערט מיט זיינע אָן אַ שיעור פראַגן, אַז דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל האָט אים צוגעזאָגט צו לערנען געאָגראַפיע און וועלט-געשיכטע און געגעבן אים האָפנונג, אַז ער וועט נאָך אַמאָל פאַרנעמען זיין קאַטעדרע אין פּאַריזער אוניווערזיטעט אַלס פּראָפעסאָר פון געאָגראַפיע.

אַלע האָבן געלאַכט און באַם קליינעם ראָבערט האָבן די אויגן געברענט פון התלהבות.

ווי באַר דער „דונקאַן" האָט זיך אָפּגעגליטשט פון די ברעגן פון די גרינע אינזלען, און וואָס נעענטער זיי זענען צוגעקומען צו דרום-אַמעריקע, אַלץ וואַרעמער און ליטערער איז דאָס וועטער געוואָרן.

יעדן טאָג פלעגן זיך אַלע אויסזעצן אויפן דעק און וואַרע־מען אויף דער זון, וואָס האָט מיט שפע געגאָסן אירע גאָלדענע שטראַלן אויפן רחבותדיקן ים. ווי אַ שוואַן, פון דער זון באַגאָל־דעט, האָט זיך די שיף געגליטשט איבער די בלוי־זילבערנדיקע וואַסערן, און אַ בלוי רויכל האָט זיך פון קוימען געצויגן הויך אַרויף צום לויטערן הימל.

דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל איז געזעסן אינדערמיט, דער הוט פאַרדרייט אויף אַ זייט, די בינאָקלען האָבן זיך אים קוים געהאַלטן אויף דער נאָז, נאָר אַראָפּצופאַלן, און געהאַלטן זיינע אוניווערזיטעט־לעקציעס וועגן אַלדינג, וואָס זיי האָבן נאָר אויפן וועג באַגעגנט.

פון דעם פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל איז אָבער איין מיסטער אַלבינעט, דער פּראָוויאַנט־מייסטער, נישט צופרידן געווען. ער האָט נישט באַוויזן פון איין אָרט די ביכער און לאַנד־קאַרטן צוצונעמען, ווי ער האָט זיי שוין אויף אַ צווייטן אָרט געהאַט. וויפיל מאָל ער זאָל נישט האָבן דעם פּראָפעסאָר אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, האָט עס אָבער גאָרנישט געהאָלפן. טייל מאָל פלעגט ער זיך, ווי זיין געוווינהייט איז געווען, פאַרגעסן ווו ער איז אין דער וועלט, און פלעגט מיינען, אַז ער האָט צו טון מיט זיינע סטודענטן אין אוניווערזיטעט, האָט ער אָנגעשריגן אויף מיסטער אַלבינעט און געסטראַשעט אים, אַז ער וועט אים נישט דורכלאָזן באַם עקזאַמען.

אָבער מיסטער אַלבינעט איז נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין די אַלע סטראַשונקעס און פלעגט זיך שטענדיק אַרומקריגן מיטן פּראָפעסאָר.

נאָך מער איז מיסטער אַלבינעטס פאַרדרוס געוואַקסן, ווען דער פּראָפעסאָר איז געוווּיר געוואָרן, אַז לאָרד גלענאַרוואַן

באַזיצט אויף דער שיף אַ רייכע ביבליאָטעק. דאַמאָלס האָט ער זיך שוין נישט געקענט קיין עצה געבן מיטן רוימען.

מערי גראַנט, וועלכע האָט דאָס באַמערקט איז, נישט וועלנדיק פאַרשאַפן דעם פּראָפעסאָר קיין עגמת נפש מצד דעם פּראָוויאַנט־מייסטער, שטילערהייט נאָכגעגאַנגען דעם פּראָפעסאָר און נאָכגעקליבן אַלץ, וואָס ער האָט ערגעץ געלאָזט ליגן. זי פלעגט אויף זיצן גאַנצע שעהן מיטן פּראָפעסאָר און שמועסן, דערציילן אים פון איר פאָטער.

אין דער ליידיקער צייט האָט דער פּראָפעסאָר געלערנט שפּאַניש פון די לערנביכער, וואָס ער האָט צופעליק אויף דער שיף געפונען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט זיי פאַרגעסן אויף דער שיף אַ שפּאַנישער מאַטראָס, וועלכער האָט אַמאָל דאָ געדינט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער פּראָפעסאָר צו זיך אַליין גערעדט שפּאַניש, ווייל מיט וועמען צו רעדן האָט ער נישט געהאַט.

מיטן קליינעם ראָבערט האָט ער געהאַלטן וואָרט. ער האָט זיך ענערגיש גענומען לערנען מיט אים געאָגראַפיע און געשיכטע. ער פלעגט אַזוי אינטערעסאַנט האַלטן זיינע לעקציעס, אַז אפילו די עלטערע מענטשן פלעגן מיט אינטערעס זיך צוהערן.

ער האָט דערציילט וועגן דער געשיכטע פון אַמעריקאַ. וועגן קאָלומבוסן. איינמאָל האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט בשעת אַזאַ לעקציע, אַז קאָלאָמבוס איז געשטאָרבן און נישט געוווּסט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע.

— וואָס רעדט איר, פּראָפעסאָר, ס'טייטש קאָלאָמבוס האָט דאָך געמאַכט עטלעכע רייזעס אַהין? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן מיט פאַרוואונדערונג אויסגערופן.

— איך פאַרשטיי, אַז איך דאַרף דאָ וווּנדערן, ווייל אַזוי

איז אָנגעגומען אין דער אַלגעמיינער מיינונג. דער אמת אָבער איז, אַז קאָלאָמבוס האָט אַמעריקע פאַר זיינע אויגן קיינמאָל נישט אָנגעקוקט. ער איז נאָר צוגעשווומען צום אינדזל סאַן־סאַלוואַדאָר און צום לאַנד ניקאַראַגוּאַ און בראַזיליען, וועלכע ער האָט לויט די לאַנדקאַרטן, וואָס געפינען זיך אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין מאַדריד, אָנגענומען אַלס טיילן פון אַזיען.

— מתוופח זיין מיט אייך, פאַרשטייט זיך, נעם איך מיך נישט אונטער, נאָר כ'בין פשוט טאַקע נייגעריק צו וויסן, ווער ס'האָט איינדערמתן אַנטדעקט אַמעריקע? — האָט לאַרד גלע־נאַרוואַן געזאָגט.

— מיט קאָלאָמבוסן זענען מיטגעפאָרן בשעת זיינע פאָרשונגס־רייזן אַ סך שיפסקאַפּיטאַנען, וועלכע האָבן נאָך זיין טויט ווייטער אַרומגערייזט און דאַמאָלס ערשט אַנטדעקט, אַז אַמעריקאַ איז אַ באַזונדערע וועלט־טייל. — און ער האָט אויסגערעכנט אַ ריי רייזנדע צווישן זיי: אָרידאַ, אַמעריקאַ, ווינצענט פּינסאָן און אַנדערע. דער גרינדלעכער אַנטדעקער, וועלכער האָט דער ערשטער געצייכנט די ריכטיקסטע און פּינקטלעכע קאַרטע פון דעם לאַנד, איז געווען וועספּוציוס אַמעריקאַ. דאָס איז געשען אין יאָר 1502. די קאַרטע, וואָס ער האָט אויפגעצייכנט, איז געווען אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען.

נאָך אים זענען נאָך געווען פיל אַנדערע רייזנדע, ווי דער שיפסקאַפּיטאַן דע סאָליס, וועלכער איז אין אָנגעקומען קיין פּאַטאַגאָניען. דאָרט האָבן אים די ווילדע אינדיאַנער געהרגעט און אויפגעפרעסן.

מער פון אים האָט אויפגעטון דער פּאָרטוגעזישער רייזנ־דער גאָגעלאַן. ער האָט אַרומגעקרייזט גאַנץ דרום־אַמעריקע און דורכן שמאָלן ים־פּאַס, וואָס טיילט אָפּ דרום־אַמעריקע פון דעם דערלעבן ליגנדיקן אינדזל „פייערלאַנד" איז ער אַרויסגעפאָרן אין

שטילן אָקעאַן. דערדאָזיקער ים־פּאַס הייסט טאַקע נאָך זיין נאָמען: מאַגעלאַן־גאַס.

און אַזוי פלעגט ער זיי אַלע טאָג בייעס דערציילן און לערנען, אַז די טעג זענען אַזוי אַדורך אומבאַמערקט. דערווייל האָט זיך די שיף דערנענטערט צו דער „מאַגעלאַן־גאַס", וואָס פאַרייניקט דעם אַטלאַנטישן און שטילן אָקעאַן.

ווען זיי זענען אַריינגעפאָרן אין דעמדאָזיקן ים־פּאַס האָט זיך פאַר זיי פאַרגעשטעלט אַ הערלעך בילד: פון איין זייט דאָס אינדזל „פייערלאַנד" און פון דער צווייטער זייט — פּאַטאַגאָניען. אַלע האָבן זיך מיט גרויס נייגעריקייט צוגעקוקט און יעדע ווײַלע געטיילט זיך מיט זייערע איינדרוקן. דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעשטעלט זיין טעלעסקאָפּ און געזוכט אַ פּאַטאַגאָניער, וואָס מוז זיך אוודאי געפינען אין דער נאָענט פון ברעג.

— האָט מיך שוין מיין מזל פאַרוואָרפן קיין פּאַטאַגאָניען, לאָמיך כאָטש אָנקוקן אירס אַן איינוווינער! — האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל אויסגערופן.

— זאָרגט נישט, פּראָפעסאָר — האָט אים לאָרד גלענאַר־וואַן געטרייסט — איר וועט נאָך אַזויפיל פּאַטאַגאָניער זען, אַז איר וועט זיי שוין האָבן איבערגענוג.

— און אפשר געפינען זיך גאָר אין פּאַטאַגאָניען קיין פּאַטאַגאָניער נישט? — האָט דער מאַיאָר זיך אָנגערופן.

— דאָס קען נישט זיין, מאַיאָר, — האָט ליידי העלענאַ באַמערקט, — דאָס האָט מיר נאָך מיין פאָטער אַמאָל דערציילט, אַז ווען מען האָט דאָס ערשטע מאָל אַנטדעקט פּאַטאַגאָניען, האָט מען דאָרט געטראָפן ווילדע מענטשן, וועלכע זענען געווען אומגעווײנטלעך הויך און האָבן געהאַט ברייטע פּאָדעשוועס. אויף שפּאַניש באַדייט דאָס וואָרט פּאַטאַגאָניען — ברייטע פיס. דערי־

בער איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז מיר מוזן דאָ געפינען פּאַטאַ-גאָניער.

— ווי אַזוי די פּאַטאַגאָניער זעען אויס — הויך, צי קליין, צי מיטברייטע פיס, צי מיט שמאָלע, דאָס מוז איך מיך אַליין איבערצייגן, וואָרן יעדער רייזנדער דערציילט עפּעס אַנדערש — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט.

דערווייל איז נאַכט געוואָרן. ס'איז געווען אַ פינסטערע נאַכט און דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט מורא געהאַט בענטער צוצופאָרן צום ברעג.

דער פּראָפעסאָר איז אָבער נישט מיד געוואָרן, האָט גע-האַלטן אין איין אָנשטעלן דעם טעלעסקאָפּ און געקוקט אין דער פינסטערער נאַכט אַריין.

אַלע זענען מיט אים צוזאַמען וואַך געווען, ס'האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו גיין שלאָפן.

פּלוצלינג האָט מען אויף איינעם פון די אינדזלען דערזען פייערלעך לייכטן. פריער איינס, דערנאָך צוויי, דריי, אַזוי, אַז אין אַ ווײַלע אַרום איז אַ גאַנצער שטח באַזייעט געווען מיט די לאַקנדיקע פייערלעך.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — האָט ליידי העלענאַ גע-פרעגט.

— מסתמא קאָכן זיך איצט ווילדע נאַכטעסן — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט דידאַקטיש דערשייַנונג דערקלערט.

— דערקלערט איר עס אונדז! — האָבן זיך אַלע געווענדט צום פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, וועלכער האָט זיין אויג נישט אַוועק-גענומען פון טעלעסקאָפּ.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, און גענומען האַלטן אַ גאַנצע לעקציע וועגן די איינוווינער פון די אינדזלען פייערלאַנד.

— דידאָזיקע מענטשן — האָט געזאָגט פּראָפעסאָר פּאַגאַ־נעל — זענען זייער ווילד. אין יאָר 1832 האָט זיי באַזוכט אויף דער שיף „ביגל״ דער געלערנטער דאַרווין און ער האָט מיט זיך מיטגענומען פון דאָרטן אַ יונגן פייערלענדער.

אין ענגלאַנד האָט ער זיך אויסגעלערנט גוט ענגליש רעדן און איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַ העכסט געבילדעטער מענטש. מען האָט אים צוריקגעשיקט קיין פייערלאַנד, מיטגעגעבן דיק אים אַ סך מתנות אין נוצלעכע מכשירים, וואָס ציוויליזירטע מענטשן מוזן דאָס האָבן. ווי ער איז אָבער נאָר אָהיימגעקומען, זענען אים זיינע לאַנדסלייט באַפאַלן און אַלץ צוגענומען און ער אַליין איז אין אַ קורצער צייט אַרום געוואָרן צוריק דערזעלבער ווילדער, וואָס ער איז געווען.

די פייערלענדער וויסן נישט פון קיין אַקערן און זייען, דאָס לאַנד איז זייער אָרים. זיי לעבן נאָר פון פיש־פאַנג. ווען דער ים וואַרפט אַמאָל אַרויס אַ וואַלפיש אויפן ברעג, נעמען זיך צוזאַמען גאַנצע מחנות און מען מאַכט אַ גאַנצן יום טוב. יעדער שניידט אויס אַ שטיק פלייש און טוט עס אָן אויפן קאָפּ און גייט דערמיט צו זיך אין דאָרף אַריין, מען לייגט אָן אַ פייער און זיי בראָטן דאָס פלייש.

— איצט פאַרשטיי איך שוין — האָט לײדי העלענאַ אויסגערופן — עס איז גראָד באַ זיי, ווייזט אויס, היינט אַזאַ יום טוב און דעריבער, ווען איך מיר פּרווון אויסטייטשן, רופט מען די אינדזלען „פייערלאַנד״ — צוליב די פייערן.

דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעקוואָלן, וואָס ער האָט אַזאַ פאַרשטאַנדיקע שילערין און ער האָט איר געגעבן האָפנונג, אַז זי וועט גאָר אין קורצן קענען לייענען לעקציעס אין פּאַריזער אוניווערזיטעט.

דערווייל איז געוואָרן גוט שפּעט, קיינעם איז אָבער נישט

איינגעפאַלן צו גיין שלאָפן. די פייערן האָבן נאָך אַלץ כסדר אַזוי העל געפּאַקערט.

— צי עסן זיי נאָך אַזוי אַלץ אָן אויפהער — האָט ליידי העלענאַ זיך געפרעגט.

— די ווילדע מענטשן זענען אַזוי — עסן זיי נישט, קענען זיי אַזוי הונגערן גאַנצע טעג, כאַפּן זיי זיך אָבער צו צו דער אכילה, איז אויך אָן אַ שיעור, וויפיל זיי האָבן, עסן זיי אויף — האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל באַמערקט.

ענדלעך שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט — זענען זיך אַלע צעגאַנגען שלאָפן.

צומאָרגנס האָבן זיי זיך גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט. איטלע־כער האָט געוואָלט זען אַ ווילדן מענטש. אָבער ווי גרויס איז געווען זייער פאַרוואונדערונג, ווען זיי האָבן דערזען באַם ברעג אָן אַ שיעור חורבות פון הייזער און צווישן זיי אויך אַ קלויסטער מיטן צלם אויפן שפּיץ, אָבער עס איז שוין אויך געווען אַ האַל־בע חורבה.

— וואָס זאָל דאָס הייסן? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אַ פאַרגאַפּט ער אַ פרעג געטון, און אַלעמענס בליקן האָבן זיך מיט איין מאָל געווענדט צום פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל.

— דאָס איז דער פּאָרט פּאַמין אָדער דער הונגער־פּאָרט, ווי מען רופט אים — האָט פּאַגאַנעל רויק און מיט אַ מינע פון אַ בקיא געענטפערט.

און ער האָט זיי גענומען דערציילן אַ טרויעריקע געשיכטע פון דידאָזיקע חורבות.

— אין יאָר 1581 איז דאָ אַהערגעקומען אַ שפּאַניער מיטן נאָמען סאַרמיענטאָ מיט פיר הונדערט עמיגראַנטן. ער האָט דאָ אויפגעבויט אַ קאָלאָניע און איר אַ נאָמען געגעבן סען פיליפּ. ס'איז געווען זייער אַ שרעקלעכער ווינטער און דאָס האָט זייער

שלעכט געווירקט אויף די שפּאַניער און מער ווי די העלפט זע־נען אויסגעשטאָרבן. די איבעריקע זענען אַזוי אויסגעמאַטערט געוואָרן, אַז ווען ס'איז געקומען דער זומער, ווען מ'האָט גע־דאַרפן אָנגרייטן פּראָוויאַנט אויפן קומענדיקן ווינטער, האָט קיי־נער קיין כח נישט געהאַט נישט צו אַקערן און זייען, נישט קיין פיש צו פאַנגען. און ווען דער ווינטער איז אָנגעקומען, האָבן די פריערדיקע זאַפּאַסן זיך אויסגעלאָזט און זיי זענען כמעט אַלע אויסגעשטאָרבן פון הונגער.

אין יאָר 1583 איז אָנגעקומען אַן ענגלישע שיף האָט זי נאָך געטראָפן דעם איין און איינציקן איבערגעבליבענעם פון יענע פיר הונדערט עמיגראַנטן. מ'האָט אים אויפגענומען אויף דער שיף און אַוועקגעפירט קיין ענגלאַנד. ער האָט אָבער קוים באַוויזן צו דערציילן זיין שוידערלעכע געשיכטע און איז גע־שטאָרבן. אָט דאָס איז די געשיכטע פון דידאָזיקע חורבות און רוינען — האָט דער פּראָפעסאָר פאַנאַנעל פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ — און דעריבער איז איר געבליבן דער נאָמען: הונגער־פּאָרט.

דידאָזיקע טרויעריקע געשיכטע האָט געמאַכט אויף אַלע אַ שווערן איינדרוק. שטיל איז געוואָרן אויפן דעק פון דער שיף, איטלעכער איז געווען פאַרזונקען אין זיינע רעיונות און די שיף האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער געגליטשט און געגלעט די רויקע וואַסערן פון שטילן אָקעאַן, אין וועלכן זיי זענען נאָר וואָס פון דער מאַגעלאַן־גאַס אַריינגעפאָרן.

אַלע האָבן פרייער אָפּגעעטעמט, דער פּראָפעסאָר איז זיי־ער צופרידן געווען און אַ שמייכל פון נחת האָט זיך איבער זיין פּנים צעגאָסן.

IX

אויפן פעסטן לאַנד.

ווען די שיף איז שוין געהאַט אַרומגעשוווּמען גאַנץ פּאַ־טאַגאָניען און אַרויסגעקומען אויפן שטילן אָקעאַן, האָט מען דאָך געדאַרפט אַ טראַכט טון וועגן דעם עיקר ציל פון דער ריי־זע: ווו הייבט מען אָן זוכן דעם קאַפּיטאַן גראַנט?

לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך דעריבער געווענדט צום פּראָ־פעסאָר, מיט וועלכן ער האָט נאָך ביז אַהער נישט געהאַט גע־שמועסט וועגן דעם, ער זאָל זיך אַרויסזאָגן מיט זיינס אַ מיינונג וועגן דעמדאָזיקן ענין.

— איך בין זיכער געווען, אַז אַרומקרייזנדיק דעם ברעג פון פּאַטאַגאָניען, וועלן מיר געוויס אָנטרעפן אויף דאָרטיקע איינוווינער און מען וועט זיך קענען בא זיי פרעגן, אויב זיי האָבן נישט געהערט פון אַ שיף „בריטאַניאַ" און קאַפּיטאַן גראַנט. איצט, אַז מיר האָבן קיינעם נישט באַגעגנט, איז טאַקע אַ שווערע פראַגע וואָס מען הייבט אָן צו טון.

— און מיין מיינונג איז — האָט זיך קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אַריינגעמישט — אַז מיר זאָלן שווימען ווייטער, ביז מיר וועלן צוקומען צו די אינדזלען טשילאָע, ווו קאַפּיטאַן גראַנט האָט וואַרשיינלעך געליטן שיפבראָך. מיר וועלן זיך קענען דאָרטן אויספרעגן בא יענע איינוווינער אָדער זיך ווענדן צום ענגלישן קאָנסול אין קאָנסעפּסיאָן.

— אמת, קיין בעסערער פּלאַן איז דערווייל נאָך נישטאָ —

האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט. אַלזאָ לאָמיר פּרוּוון.

דעם 10־טן אָקטאָבער זענען זיי צוגעקומען צו דער גרופּע אינדזלען טשילאָע. זומער געפינען זיך דאָרט פישער, וואָס קומען ספּעציעל צו פאָרן צום פיש־פאַנג. עטלעכע מאַטראָסן מיטן קאַפּיטאַן פּאַראַגוט בראש זענען אַראָפּגעגאַנגען און געזוכט, יעדן אויסגעפרעגט, אפשר האָט ווער געהערט פון דער אונטערגעגאַנגענער שיף „בריטאַניאַ" און פון דעם קאַפּיטאַן גראַנט, אָבער קיינער האָט זיי נישט געקענט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט דערפילט די משא, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, בפרט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ געגנט, וווּ מ׳רעדט נאָר שפּאַניש, עס איז אים שווער געווען זיך צונויפצורעדן מיט די דאָרטיקע איינוווינער. פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, וועלכער האָט אויף דער שיף שטודירט די שפּאַנישע שפּראַך, האָט אָבער קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, ווען מען האָט גערעדט צו אים און ס׳האָט אים קיינער קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט גערעדט צו יענעם.

העכער אַ וואָך זענען זיי אַרומגעפאָרן צווישן די אינדזלען און גאָרנישט אויסגעפונען.

ענדלעך האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דעם ענגלישן קאָנסול אין קאָנסעפּסיאָן. די שיף איז צוגעפאָרן צום ברעג און פון דאָרטן זענען זיי אויף פערד אַריינגעריטן.

די שטאָט האָט אויסגעזען, ווי אָפּגעשטאָרבן. ס׳איז געווען אַ קליינע באַוועגונג אויף די גאַסן, וועלכע זענען פאַרוואָרפן געווען מיט גראָז. די דאָזיקע שטאָט איז שוין געהאַט אויסגעשטאַנען אַ סך אומגליקן. זי איז איינמאָל באַפאַלן געוואָרן דורך די אַראָקויאַנער, וועלכע האָבן די שטאָט פאַרברענט. דאָס צווייטע מאָל איז זי

חרוב געוואָרן בעת דער מלחמה צווישן אַרגענטינע און טשילי.

זיי האָבן זיך קוים דערפרעגט צום ענגלישן קאָנסול, וועלכער האָט זיי זייער פריינטלעך אויפגענומען. לאָרד גלענאַרוואַן האָט אים דערציילט דעם ציל פון זייער רייזע. פּינקט ווי אַלע, האָט אויך דער קאָנסול נישט געהערט וועגן אַזאַ שיף „בריטאַניאַ" און אַ קאַפּיטאַן גראַנט.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען די דעלעגאַטן צום קאָנסול צוריקגעקומען אויפן דעק פון דעם „דונקאַן" מיט גאָרנישט. אויף זייערע פּנימער האָט מען לייכט געקענט דערקענען, אַז זיי האָבן נישט קיין פריילעכע ידיעות, און אַן אומעטיקייט איז אַלע באַפאַלן, באַזונדערס ראָבערט און מערי גראַנט.

— מיין עצה וואָלט געווען — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט, נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת — נאָכאַמאָל צו רעווידירן די בריוו, אפשר האָבן מיר געהאַט אַ טעות, וואָס שייך דעם אָרט פון דעם שיף־אונטערגאַנג, וואָרן ס'איז אוממעגלעך, אויב די שיף וואָלט דאָ געהאַט אונטערגעגאַנגען, אַז מען זאָל צווישן דער היגער באַפעלקערונג נישט וויסן.

זיי זענען אַלע געזעסן אין דער קאַיוטע פון לאָרד גלענאַרוואַן פאַרטראַכט איבער די בריוו און געפּרוּווט אויפבינדן די חידה.

— מיין מיינונג איז — האָט דער פּראָפעסאָר ענדלעך נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת זיך אַרויסגעזאָגט — אַז די זאַך איז גאָרנישט אַזוי שווער, ווי זי שטעלט זיך אייך פאָר, און נעמלעך: אין פראַנצויזישן בריוו שטייט דערמאַנט די ציפער 37, דאָס הייסט, דער קאַפּיטאַן גראַנט מיט זיינע צוויי מאַטראָסן געפינען זיך אויפן 37־טן גראַד. מיין עצה איז בכן, אַז מען דאַרף אויספאָרן דעם גאַנצן 37־טן גראַד אין פּאַטאַגאָניען, פון אַטלאַנטישן ביזן שטילן אָקעאַן, און אַלע, וועלכע מען וועט אַנטרעפן אויפן וועג

וועט מען גרינגלעך אויספרעגן, פארשטייט זיך, מיט דער הבטחה פון א גוטער באלוינונג. אויפן וועג וועלן מיר באגעגענען א סך יעגער, וועלכע קומען דא אהער פאנגען די שטרויסן און זיי קענען גוט די מנהגים פון די היגע איינוווינער און אלע ווינקעלעך פון פאטאגאניען. פון זיי וועט מען קענען זייער א סך געוווירווערן.

— פון וואס פאר א שטרויסן — האט ליידי העלענא פארוואונדערט געפרעגט — שטרויסן געפינען זיך דאך נאר אין אפריקע

— גאנץ ריכטיק — האט פראפעסאר פאגאנעל געענטפערט, אננעמענדיק ווידער די מינע פון א לעקטאר אין אוניווערזיטעט — נאר דאס ווייסט איר אבער נישט, ליבע מאדאם, אז אין אפריקע ווערט וואס אמאל ווינציקער שטרויסן, די פעדערן פון איר ווערן צוליב דעם אומגעהייער טייער. די ענגלענדער און האלענדער האבן זיך אבער באצייטנס ארומגעזען און אנגעהויבן די שטרויסן צו פאנגען און האדעווען. קודם כל צוליב די שטרויסן-אייער, וואס איטלעכעס איי קען צוויי מענטשן פארזעטיקן און צוליב זייערע ווערטפולע פעדערן. אין פאטאגאניען זענען די שטרויסן פיל קלענער, אבער געוווירווערנדיק, אז זיי זענען שוין דא אויף בנמצא, האבן זיך אנגעהויבן שיטן אהער גאנצע מחנות יעגער, וועלכע שלעפן זיך דא ארום איבער גאנץ פאטאגאניען.

— גאנץ גוט — האט זיך דער מאיאר אריינגעמישט — אמת, אז אויב מיר וועלן דורכוואנדערן גאנץ פאטאגאניען, וועלן מיר זיך אנטרעפן אויף דידאזיקע יעגער און אלץ קענען געוויר ווערן פון זיי, אבער, ליבער פראפעסאר, אייך דאכט זיך אלץ, אז איר געפינט זיך אין אוניווערזיטעט און שפאצירט זיך דורך מיטן פינגער איבער דער לאנדסקארטע. פרוווט, הייבט נאר אן צו גיין איבער אזא ווילד לאנד!

— זעט איר, מאַיאָר ריטשאַרדסאָן, וואָס ריכטיק איז ריכ־טיק, נאָר איצט האָט איר פּולשטענדיק נישט קיין רעכט — האָט זיך לאָרד גלענאַרוואָן אָנגערופן — האָבן מיר זיך איינמאָל אונ־טערגעגומען אַזאַ מין זאַך, דאַרף קיין שום שווערס פאַר אונדז נישט עקזיסטירן. ווי־זשע זאָגט איר, הער פּראָפעסאָר, דאַרפן מיר אַרומפאָרן דעם 37־טן גראַד ?

פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַרויס־געצויגן פון בוזעם־קעשענע די גרויסע לאַנדקאַרטע און זי אויסגע־שפּרייט אויפן טיש.

— אָט דאָ האָט איר עס — האָט ער אויסגערופן, טייט־לענדיק מיטן פינגער אויף דער לאַנדקאַרטע — אָט דאָ זעט איר דעם שמאָלן פּאַס לעבן שטילן אָקעאַן, דאָס איז טשילי. ווייטער פאַרשטעלט דעם וועג אַן אומגעהייערע באַרג־קייט, וועלכע מען רופט קאָרדילערן. אַז מען גייט אַריבער די קאָרדילערן, קומט מען אַריין אין אַ גרויסן טאָל, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון טויזנ־טער קוואַדראַט־מייל. די דרומדיקע טייל פון דעמדאָזיקן טאָל פאַרנעמט דאָס לאַנד פּאַטאַגאָניען און די צפונדיקע — אַרגענטינע. אָט דאָ זעען מיר דעם 37־טן גראַד, וועלכער שטעלט פאַר מיט זיך אַ גלייכן וועג. האָבן מיר זיך איינמאָל באַשלאָסן דעם קאַפּי־טאַן גראַנט אויפצוזוכן, טאָרן מיר זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום שוועריקייטן. ווען אין פּראַנצויזישן בריוו ווערט דערמאַנט דער 37־טער גראַד, מוזן מיר דעמדאָזיקן גראַד דורכפאָרן אַרום דער גאַנצער וועלט און איך בין זיכער, אַז מיר וועלן אים גע־פינען.

— איך בין פּולשטענדיק מסכים מיטן פּראָפעסאָר — האָט ליידי העלענאַ זיך אָנגערופן — פון די בריוו ווייסן מיר צוויי זאַכן, וועלכע קענען נישט אויפוועקן באַ אונדז קיין שום ספקות, ערשטנס, אַז דער קאַפּיטאַן גראַנט געפינט זיך אויף דער דרומדי־

קער זייט פון דער וועלט אויפן 37־טן גראַד און צווייטנס, אַז ער איז געפאַנגען בײַ די פּאַטאַגאָניער. דערויף ווייזט אונדז אָן דאָס פראַנצויזישע וואָרט prisonier. לאָמיר אים נאָר געפינען, וועלן מיר אים שוין באַפרייען צי מיט גוטן, צי מיט בייזן!

— וואָס קענט איר זיי טון, אויב זיי וועלן זיי נישט וועלן באַפרייען מיט גוטן? — האָט דער מאַיאָר געפרעגט.

— קודם כּל, אויב מיר וועלן זיי אויסגעפינען — האָט ליידי העלענאַ געענטפערט — וועט שוין די ענגלישע רעגירונג זיך אויך צוטון צו זייער באַפרייונג. אַ חוץ דעם קענען מיר דינגען מענטשן, זיי באַוואָפענען און שטעלן אונטער דער קאָמאַנדע פון אונדזער העלדישן מאַיאָר ריטשאַרדסאָן, וועלן מיר אויף אַזאַ אופן האָבן אַ קליינע אַרמיי מיט אַ גוטן גענעראַל.

— אַדורכגיין גאַנץ פּאַטאַגאָניען ווידער איז אויך נישט פון די גאַנץ שווערע פראַגן. הלמאי איז אין יאָר 1782 אַדורכגעגאַנגען פּאַטאַגאָניען אַ שפּאַניער מיטן נאָמען ווילאַרמאַ. אין 1806 איז דער שפּאַניער דאָן לויס דעלאַ סאַנטאַ קרוז דורכגעריטן גאַנץ טשילי ביז דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, אין משך פון 40 טעג? מיר קענען דען דאָסזעלבע נישט באַווייזן?

— וועגן דער פראַגע, מיין איך, איז שוין נישטאָ זיך מער מתוכח צו זיין — האָט לאָרד גלענאַרוואָן זיך אַריינגעמישט. — דאָס איז שוין איינמאָל באַשלאָסן, און איבעראַנדערשן וועלן מיר שוין נישט, נאָר די פראַגע איז, דורך וועלכן וועג זאָלן מיר זיך פאַרנעמען.

— דאָס איז אוודאי פון די קלייניקייטן — האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל אויסגערופן, אָנווייזנדיק אויף דער לאַנדקאַרטע — קודם כּל דאַרפן מיר אַרויסגיין פון דער שטאָט אַנטוקאָ אין טשילי, אַריבערגיין די קאָרדילירן און פון דאָרטן קיין אַרגענטינע, אָבער

נישט מיטן וועג קיין בוענאָס־איירעס, נאָר מיר דאַרפֿן זיך פֿאַרנעמען אויף דרום צום פּאָרט מעדאַנאַ באַם אַנטלאַנטישן ים.

דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך צעלאָזט מיט זיין געאָגראַפֿיע און גענומען אויסרעכענען, ווער עס איז אַלץ שוין אַדורכגעגאַנגען דעם וועג, אַז ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וואָלט געוועזן אַזוי גערעדט, ווען לײדי העלענאַ האָט אים נישט איבער מיט איר פֿראַגע:

— יאָ, גאַנץ גוט, איר לאָזט אייך אַוועק קיין פּאַטאַגאָניען, אָבער וואָס וועט זיין מיט דער שיף, מיט אונדזער „דונקאַן“?

— דאָס איז אַ קלייניקייט — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט פֿאַרן פּראָפֿעסאָר געענטפֿערט. — מיר וועלן צוריק דורכפֿאָרן די מאַגעלאַן־גאַס און זיך אָפּשטעלן אין פּאָרט סאַנטאַניאַ אין אַרגענטינע. דאָרט וועלן מיר צוואַרטן אויף דער קאָמפּאַניע, און איך רעכן, אַז מער ווי צוויי חדשים וועט דער גאַנג הין און צוריק נישט געדויערן.

— זענען מיר שוין, הייסט עס, מיט אַ טריט ווייטער — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופֿן — אָבער ווער וועט מיט אונדז מיטגיין אויף דערדאָזיקער רייזע?

— דאָס זענען אַלץ נישט קיין גרויסע פּראָבלעמען — האָט דער פּראָפֿעסאָר אויף זיין שטייגער זיך אַרויסגעזאָגט — וועגן אייך איז דאָך קיין שום ספק נישט, אַז איר מוזט מיטגיין, איר זענט דאָך דער קאָפּ פֿון דערדאָזיקער עקספּעדיציע. דער מאַיאָר, מילא, ער איז דאָך אונדזער גענעראַל, און איך? איך וויל אוודאי און אוודאי גיין. בין איך נישט אימשטאַנד אויסצופֿאָרשן אינדיען, לאָמיך כאָטש באַזוכן און באַשרייבן פּאַטאַגאָניען, וועלכעס איז אויך נאָך זייער ווייניק דער וועלט באַקאַנט.

— איך אויך! — האָט ראָבערט פּלוצלינג מיט זיין יינג קולכל אויסגערופן. איך וויל אַליין צוהעלפן אויפזוכן מיין פאָ־טער.

— אויך גוט — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — ס'שאַדט נישט אַזאַ יונגערמאַן זאָל דורכמאַכן אַזאַ מין רייזע, ער וועט זיך אַ סך מער אויסלערנען, ווי פון די ביכער!

— איך וואָלט אויך זייער חשק געהאַט — האָט זיך קאַפּי־טאַן פּאַראַגוט געבעטן.

— ניין, קאַפּיטאַן, איר האָט זייער אַ וויכטיקע זאַך אָפּצו־היטן — מיין פרוי — האָט לאָרד גלענאַרוואַן מיט אַ שמייכל אויסגערופן — דאָס איז דאָס טייערסטע, וואָס איך פאַר־מאָג.

— הייסט עס, אַז איך מוז בלייבן — האָט ליידי העלענאַ אומעטיק אויסגערופן.

— פאַרשטייסטו דען אַליין נישט, אַז אַזאַ וייטער וועג איז פאַר אַ פרוי נישט געמאַכט געוואָרן, וועסטו דען קענען אייַנזיצן העכער אַ חודש אויף אַ פערד? ס'איז דאָך אוממעגלעך, בלייב מיין טייערע, און וואַרט אונדז אָפּ אין סאַנט אַנטאָניאָ.

זי האָט דאָס אַליין אויך פאַרשטאַנען, דעריבער האָט זי געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט. ס'איז איר נאָר זייער באַנג געווען דאָס צעשיידן זיך אויף אַזאַ לאַנגער צייט.

פון די מאַטראָסן זענען אויסגעקליבן געוואָרן: טאָם אוי־גוסטין, דער ערשטער אָפיציר, ווילסאָן, אַ פריילעכער און יונגער מאַטראָס און מילרעדי, דער שטאַרקסטער מאַטראָס אויפן „דונקאַן", וועלכע האָבן אויך געדאַרפט אָנטייל צו נעמען אין דער עקספּע־דיציע קיין פּאַטאַגאָניען.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרעניש און אַ לויפעניש אויף דער שיף, דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט צוגעגרייט קוילן, לאָרד גלע־

נאַרוואָן — שפּייז, ביקסן און קוילן. סוף אָקטאָבער זענען ביידע עקספּעדיציעס פאַרטיק געוואָרן. מען האָט זיך פאַרזאַמלט אַלע אויפן דעק פון דער שיף, כדי זיך צו געזעגנען.

אַלע, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט דער עקספּעדיציע פון לאָרד גלענאַרוואָן, זענען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט רעוואָלווערן און קוילן, אויף די פּלייצעס אַ קורצע ביקס.

די פערד זענען שוין געשטאַנען גרייט אויפן ברעג. עס זענען אויך מיטגעווען עטלעכע שפּאַניער אַלס וועג-פי-רער.

דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָט געגעבן אַ באַפעל אויפצוהייבן דעם אַנקער פון דעם „דונקאַן".

לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט זיין פרוי, ראָבערט מיט דער שוועסטער, און אַלע מאַטראָסן מיטן קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָבן זיך הייס די הענט געדריקט און אָנגעווונטשן זיך אין קורצן צו טרעפן.

די שיף האָט אַ ציטער געטון און גערירט זיך פון אָרט. די גאַנצע עקספּעדיציע מיטן פּראָפעסאָר, מאַיאָר און לאָרד גלע-נאַרוואָן בראש זענען שוין געזעסן אויף די פערד.

די שיף איז וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער אָפּגעשוווּמען פון ברעג און אונטער געשרייען פון ווונטשן האָבן זיך ביידע פּאַר-טייען איינער פון אַנדערן דערווייטערט. ווייט זענען זיי שוין גע-האַט אָפּגעריטן פון ברעג, און אַ קליין רויכל פון דעם „דונקאַן" האָט זיך נאָך געצויגן איבערן האָריזאָנט.

X.

אין טשילי.

די עקספעדיציע, ווי מיר האָבן שוין פריער געשריבן, איז באַשטאַנען, אויסער אונדזערע באַקאַנטע „דונקאַן״־לייט, אויך פון עטלעכע שפּאַניער — וועג־פירער.

סך הכּל זענען זיי געווען פיר מאַן. דער עלטסטער פון זיי, אָדער דער קאַפּיטאַן, ווי מען האָט אים דאָ גערופן, איז געווען אַן ענגלענדער, וועלכער האָט גוט גערעדט שפּאַניש און אַרויקאַניש. די איבריקע זענען געווען געבוירענע פון טשילי, האַלב שפּאַניער און האַלב ווילדע, זיי האָבן געשטאַמט פון געמישטע עלטערן.

זיי האָבן דעריבער געהאַט די מעלות פון ביידע פעלקער. זיי זענען געווען אי ציוויליזירטע, אי זיי האָבן פאַרמאָגט דעם חוש פון ווילדע.

אָט די דאָזיקע דריי איבריקע האַלב־ווילדע האָבן געפירט די מוילאייזלען, אויף וועלכע ס׳איז געווען אויפגעלאָדנט דער באַגאַזש פון דער גאַנצער עקספעדיציע.

פאָרויס האָט איינער פון זיי געפירט די „מאַדרינאַ״. דאָס איז די מוטער פון די אייזלען. זי גייט אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז אַ סך גלעקלעך. ווען די איבעריקע אייזלען הערן דאָס געקלאַנג פון די גלעקלעך, גייען זיי איר נאָך. ווען די „מאַדרינאַ״ בלייבט שטיין, בלייבן זיי אויך שטיין און רירן זיך נישט פון אָרט.

די מוילאייזלען זענען שוין געוווינט צו גיין אין די בערג.

א פערד וועט דאָ נישט אימשטאַנד זיין דורכצוגיין, ווייל עס וואָלט זיך אים באַלד פאַרדרייט דער קאָפּ און עס וואָלט אַראָפּגעפאַלן אין אָפּגרונט.

די דאָרטיקע איינוווינער זענען שוין גוט באַקאַנט מיט די וועגן און פאַרשידענע שטעגעלעך צווישן די בערג. עס מאַכן זיך טיילמאָל אַזעלכע שמאָלע דורכגענג, וואָס קוים איין מוילאייזל קען אַדורכגיין. אויב עס קומען זיך אַקעגן צוויי אַזעלכע אייזלען, מוז איינס אַראָפּפאַלן און צעשמעטערט ווערן. דעריבער, אַז מען מען פאָרט אַרויף אויף אַזאַ שמאָלן שטעג, הייבט מען אָן צו שרייען און שיסן, כדי פון דער צווייטער זייט זאָל קיינער נישט אַרויפפאָרן, נאָר וואַרטן ביז מען וועט דורכגיין.

אויפן וועג פון טשילי קיין אַרגענטינע זענען נישטאָ קיין שום האָטעלן. ס'איז נישטאָ, וווּ צו קויפן קיין שפּייז. דעריבער, אַז מען לאָזט זיך אַוועק אין אַזאַ וועג אַריין, מוז מען זיין באַוואָרנט מיט יעדעס פּיצל. די שפּייז, וואָס מען קען מיטנעמען אין וועג אַריין, באַשטייט פון רייז, געטרוקנט פלייש און נאָך אַנדערע אַרטיקלען, וואָס קענען נישט קאַליע ווערן אויפן וועג.

טיילמאָל, ווען עס טרעפט זיך צו שיסן אַ ווילדע חיה אָדער אַ פויגל, קען מען דאַמאָלס עסן פרישע פלייש. וואַסער געפינט זיך געגנוג אין די בערג. ס'איז לויטער און פריש. טיילמאָל טרעפט מען אָבער אָן אויף אַזעלכע טייכן, וואָס זענען באַדעקט מיט שיכטן זאַלץ, וואָס די שפּאַניער רופן דאָס אָן „סאַלינאַס", מוז מען דאַמאָלס האָבן מיט זיך קאָניאַק. נאָכן אַריינגיסן אַ פּאָר קאָניאַק-טראָפּנס, ווערט מעגלעך צו טרינקען דאָס וואַסער.

אָן דעם קאָניאַק איז סיי ווי זיך שווער צו באַגיין אויף אַזאַ מין רייזע, אָבער קיין סך טרינקען טאָר מען נישט. פון דער לופט אַליין ווערט דער מענטש טיילמאָל אַזוי פאַרשיכורט, אַז ער ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

באַנאַכט שלאָפט מען אויף דער הוילער ערד, אונטער־שפּרייטנדיק זיך אַ שעפּסן־פעל פון אונטן און מיט אַ שעפּסן־פעל דעקט מען זיך איבער. דאָס זאַטל לייגט מען זיך אונטער אָנ־שטאָט אַ קישן.

פאַר קיין רעגנס איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן, ווייל סך הכל רעגנט אין יענע קאַנטן אַ פאַר מאָל נאָר אין יאָר. דעריבער האָבן זיי געהאַט יעדן טאָג אַ הערלעך וועטער, שטענדיק אַ בלויען הימל, וואָס האָט אַזש געבלענדט אין די אויגן מיט זיין גאָלדלעכער בלויקייט.

אַלע זענען געווען פריילעך און גוט אויפגעלייגט. באַזונ־דערס דער פּראָפעסאָר מיט ראָבערטן. זיי האָבן זיך מיט יעדער קלייניקייט אינטערעסירט און מיט יעדער קרישעלע, וואָס זיי האָבן געפונען, האָבן זיי זיך געפרייט ווי די קליינע קינדער.

טריט־בײַ־טריט זענען זיי געריטן. אַלע האָבן געשוויגן. איט־לעכער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע רעיונות, אַ חוץ דעם פּראָ־פעסאָר, וועלכער האָט אויף קיין איין מינוט דאָס מויל נישט פאַר־מאַכט. גערעדט האָט ער שפּאַניש, וואָס דער קאַפּיטאַן דער ענג־לענדער, האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן צו זיך אַליין צו רעדן, שטעלן שאלות און זיך אַליין פאַרענטפערן — אַ ברירה האָט ער געהאַט, אַז זיין שפּאַניש האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען אַ חוץ ער אַליין.

ענדלעך זענען אונדזערע רייזנדע נאָך עטלעכע טעג ריי־זע אָנגעקומען קיין אַראַוקאַ.

דער וועגפירער האָט זיי אַריינגעפירט צו זיינעם אַ באַקאַנטן האַלב־ווילדן. יענער האָט זיי זייער פריינדלעך אויפגענומען. די אַרויקאַנער זענען זייער גאַסטפריינדלעכע מענטשן. טאָמער וויל מען זיי אָבער עפּעס שלעכטס טון, ווערן זיי אַכזריותדיק ווילד.

די אַרויקאַנער זענען אַ קריגעריש פאָלק. זייער לאַנד אַרוי־קאַניען, וואָס האָלט צוויי הונדערט מיט פופציק מייל די לענג און דרייסיק די ברייט געהערט איננאַנצן צו זיי. זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזט אָקופּירן. זיי האָבן פאַרטיידיקט יעדעס פּיצל ערד זייערס ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. דער סוף איז געווען, אַז זיי זענען געבליבן אומבאַזיגבאַר און רעגירן אַליין מיט זייער לאַנד.

מ'האָט אָנגעהויבן באַ זיי אויספרעגן וועגן דער אונטערגע־גאַנגענער שיף „בריטאַניאַ“ און וועגן קאַפּיטאַן גראַנט. קיינער האָט נישט געוווּסט, קיינער האָט נישט געהערט.

פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל מיט ראָבערטן האָבן זיך געטון זייערס. זיי זענען אַרומגעקראָכן איבער דער שטאָט אַ גאַנצן טאָג און צו־געקוקט זיך צום לעבן פון די אַרויקאַנער. זיי האָבן אָבער לחלוטין נישט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך. דער פּראָפעסאָר האָט געפּרוּווט מיט זיין שפּאַניש, אָבער „ליידער“ האָבן זיי דאָס אויך נישט פאַר־שטאַנען.

די אַרטיקע איינוווינער זענען זייער הויך און פעסט געבויט. די פאַרב פון זייער הויט איז קופּער־רויט. זיי טראָגן לאַנגע האָר, קיין בערד האָבן זיי נישט. זיי זענען אַלע אויס זייער העלדיש, זיצן זיך פאַר די הייזער זייערע און רייכערן פון די ליימערנע ליולקעס. די פרויען אַרבעטן אין פעלד און אינדערהיים. די מע־נער טוען גאָרנישט, זיי פאַרנעמען זיך נאָר דאַמאָלס, ווען זיי פירן מלחמה. זיי זענען שטענדיק נאָר פאַרנומען מיטן פּוצן און ריי־ניקן דאָס געווער. די פרויען וועבן אויך אויס די באַרימטע בלויע דעקן, וואָס מען רופט זיי „פּאַנטשאַ“ אויף שפּאַניש. זיי קאָסטן זייער טייער, ווייל עס געדויערט אָן אַ שיעור צייט איידער מען מאַכט פאַרטיק אַזאַ דעק.

דער פּראָפעסאָר מיט ראָבערטן זענען פון אַרומשלעפּן זיך

א גאַנצן טאָג זייער מיד געוואָרן און זענען אַהיימגעקומען צו זייער לאַגער, ווו זיי האָבן זיך באַלד אַנידערגעלייגט שלאָפן.

צומאָרגנס האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער צווישן הער־לעך בליענדיקע פעלדער. מ'האָט פון אַלע זייטן, אויף גרויסע שטחים, געזען ווייַנגערטנער, סטאַדעס שעפסן, בהמות, פערד. דאָס לאַנד אַרויקאַניען איז אָן א שיעור רייך. אָבער וואָס ווייטער זיי זענען געקומען, וואָס מער באַרג אַרויף, איז דאָס לאַנד גע־וואָרן אַלץ ווילדער און ווילדער.

ענדלעך זענען זיי צוגעקומען צו דער לעצטער סטאַציע, ווו מ'האָט געמוזט איבערלאָזן די פערד, ווייל ווייטער האָט מען מיט קיין פערד נישט געקענט גיין.

מ'האָט אָפּגעגעסן מיטאָג, זיך אָפּגערוט ביז אָוונט. זיי האָבן שוין דאָ געבעכטיקט אונטערן פרייען הימל, ווייל דאָס שטיבעלע, וועלכעס איז געווען די לעצטע סטאַציע, איז געווען צו קליין אויפצונעמען אַלע רייזנדע.

צומאָרגנס זענען זיי געפאָרן ווייטער. די געגנט איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווילדער, פול מיט אָנגעוואָרפענע שטיינער, מ'האָט גע־מוזט גיין פאָרזיכטיק, די מולאייזלען זאָלן זיך נישט אויס־גליטשן.

פלוצלינג זענען זיי שטיין געבליבן פאַר א ברייטן טייך, וואָס איז געפלאָסן צווישן צוויי הויכע בערג. אַריבערצוגיין איז געווען א בריק פון געפלאָכטענע צווייגן, וואָס איז געהאָנגען אַזוי ווי אין דער לופט. מ'האָט געמוזט אַראָפּגיין פון די אייזלען און פירן זיי באַ די ציימלעך. אין דער מיט וועג האָט זיך די בריק אָנגע־הויבן זייער שטאַרק צו שאָקלען, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט פאַלט זי איין. א גליק, וואָס דאָס זענען געווען גוטע מויל־אייזלען. אַנדערע וואָלטן געבליבן שטיין און נישט געגאַנגען צו־ריק און נישט פאָרויס.

אז מ'איז צוגעקומען צו אזא מין טייך, איז דער פּראָפעסאָר געווען איין גליקלעכער. ער האָט דאַמאָלס צייט געהאַט אַרויסצונעמען זיין לאַנד-קאַרטע און זוכן דעם טייך. ווען דער טייך האָט נאָך נישט געהאַט קיין נאָמען, האָט ער אים אַליין אַ נאָמען געגעבן מיט אַ פיינעם שפּאַנישן נאָמען, פון דעם שפּאַניש, וואָס נאָר דער פּראָפעסאָר אַליין האָט פאַרשטאַנען.

נישט איינמאָל האָט דער וועג-פירער פון דער גרופּע זיך פאַרוואונדערט, ווען דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך אַמאָל געפרעגט, ווי דער און דער באַרג הייסט, אָדער וווהין גייט דער און דער וועג, האָט זיך דער פּראָפעסאָר געפעדערט און געזאָגט.

איינמאָל, אויפן פערטן טאָג איז עס געווען, זענען זיי צוגעקומען צו אַן אָרט, וווּ עס צעשיידן זיך צוויי וועגן, אויף איין וועג האָבן זיי זיך אָראָפּגעדרייט.

וווהין פירט דער אַנדערער וועג — האָט זיך געפרעגט לאָרד גלענאַרוואָן.

— קיין לאָס אַנדזשעלאָס — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר.

— צי זענט איר שוין אַמאָל געפאָרן אין די קאַנטן — האָט דער וועג-פירער פאַרוואונדערט אים געפרעגט.

— נישט איינמאָל! — האָט אים דער פּראָפעסאָר שמייכלענדיק געענטפערט.

— צופיס, צי מיט פערד?

— ניין, אויף מיין שטול.

— דער וועג-פירער האָט נישט געענטפערט, ווייל ער האָט דעם פּראָפעסאָר נישט פאַרשטאַנען.

אַרום אָוונט זענען זיי צוגעקומען צו די קאָרדיליערן

אַ וואַנט פֿון עטלעכע טויזנט מעטער האָט זיך פֿאַר זייערע אויגן אויפֿגעהויבן.

XI.

אויפֿן העכסטן שפּיץ

די קאָרדיליערן, דאָס איז אַ באַרג־קייט, וואָס ציט זיך פֿון איין עק אַמעריקע ביזן צווייטן און זייערע שפּיצן זענען באַדעקט מיט אייביקן שניי. עס געפֿינען זיך נאָר אייניקע ערטער, וועלכע זענען נידעריקער און מען קען זיי דורכגיין. די דאָזיקע ערטער הייסן פּאַסן.

אַזוי ווי עס געפֿינען זיך עטלעכע אַזעלכע פּאַסן אין די קאָר־דיליערן, האָט לאָרד גלענאַרוואַן צוזאַמענגערופֿן די גאַנצע עק־ספּעדיציע, כּדי אָפּצוהאַלטן אַ באַראַטונג, אויף וועלכן וועג מ׳זאָל זיך פֿאַרנעמען.

קודם כּל האָט מען געפֿרעגט דעם וועג־פֿירער, ווי אַזעלכן, וואָס איז שוין ניט איינמאָל דידאָזיקע וועגן דורכגעגאַנ־גען.

— אין דער געגנט געפֿינען זיך צוויי פּאַסן — האָט דער וועג־פֿירער געענטפֿערט.

— דער פּאַס פֿון אַריקאַ און דער פּאַס פֿון ווילאַריקאַ — האָט דער פּראָפֿעסאָר אויסגעכאַפּט און געענטפֿערט.

— אמת — האָט דער וועג־פֿירער געענטפֿערט.

— עס איז אָבער דאָ נאָך אַ וועג — האָט דער פּראָפֿעסאָר זיך אָנגערופֿן — וועלכער איז פֿאַר אונדז אָבער דער גלייכסטער

וועג, ווייל ער פירט קיין דרום, נישט אויף צפון, ווי די ערשטע צוויי וועגן. דערדאָזיקער וועג גייט איבערן פּאַס פון אַנטוקאָ, און ליגט אויפן 37־טן גראַד.

— דער וועג אָבער, וועגן וועלכן איך ווייס אויך גאַנץ גוט, איז זייער געפערלעך און דעריבער האָב איך אים נישט געוואָלט אפילו דערמאָנען — האָט דער וועג־פירער זיך פאַרענטפערט.

אָבער דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט געפאָדערט צו גיין דווקא מיט דעם וועג און דער וועג־פירער האָט ענדלעך איינגע־שטימט צו פירן.

צומאָרגנס זענען זיי אָנגעקומען צו אַזאַ אָרט, ווו עס איז פשוט געווען אַ מורא אַ טריט צו מאַכן. די אייזלען זענען געגאַנ־גען טריט־בא־טריט און געשמעקט מיט די נעז, ווייל איין אומ־פאָרזיכטיקע באַוועגונג, — ליגט אַלץ אין דעם טיפסטן אָפּגרונט צעשמעטערט און צעבערעקלט.

ס'איז פאַרשווונדן פלוצלינג פון די אויגן יעדער מין גרעזל, נאָר שטיינער פון פאַרשידענער גרייס זענען געלעגן צעוואָרפן און האָבן שווער געמאַכט דעם וועג פאָרויס.

דער וועג־פירער האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט און ערנסט זיך פאַרטראַכט. אַלע האָבן מיט שרעק געקוקט אים אין מויל אַריין. פלוצלינג איז ער צוגעקומען אויף אַן אָרט, ווו ער איז שטיין געבליבן און אַראָפּגעקראָכן פון אייזל.

אַלע זענען צו אים צוגעלאָפן פרעגן, וואָס עס איז געשען, אָבער דאָ האָט זיך פאַר זייערע אויגן באַוויזן אַן אומגעהייערער פעלז, וואָס האָט זיי דעם וועג פאַרשטעלט.

— צי האָסטו נישט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן מיט שרעק אַ פרעג געטון.

— בשום אופן נישט, — האָט דער וועג־פירער פאַרכמורעט געענטפערט.

— צי איז דאָס דער וועג, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט דער־מאָנט, דער פּאַס פון אַנטוקאָ? — האָט דער לאָרד ווידער גע־פרעגט.

— יאָ.

— וואָס־זשע איז דאָ פּלוצלינג געשען? ס'טייטש מיר זע־ען דאָך נאָך אפילו צייכנס פון פריערדיקע רייזנדע — האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל פאַרוואָנדערט געפרעגט.

— דאָס איז פון אַן ערדציטערניש. ס'האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט אַ באַרג און אונדז דעם וועג פאַרשטעלט — האָט דער וועג־פירער געענטפערט, — איצט, מ'זאָל וועלן צוריקגיין אויף דעם וועג, ווי איך האָב אָנגעוויזן, דאַרף עס דויערן העכער דריי טאָג. דאָ וועט מען מיט קיין אייזלען נישט דורכקומען.

— אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה, וועלן מיר מוזן אַריבער־גיין דעמדאָזיקן פעלז צופוס.

— איך וועל אָבער מיט אייך בשום אופן נישט קענען מיט־גיין — האָט דער וועג־פירער זיך אָנגערופן. — אויב איר האָט באַשלאָסן דאָ אַרום צוגיין, מוזט איר מיר באַצאָלן פאַר מיין טרחה ביז אַהער און איך וועל מיר בשלום צוריקפאָרן.

— איר זענט פולקום גערעכט — האָט אים לאָרד גלענאַר־וואָן געענטפערט — און איר, מיינע הערן, זענט איינשטימיק צו גיין ווייטער צופוס?

— עס איז גאָרנישט אַזאַ סכנה — האָט זיך דער פּראָפע־סאָר אָנגערופן — דאָ, אין טשילי זענען פערד און אייזלען טאַקע אַ יקר־המציאות, אָבער ווען מיר וועלן דורכקומען די קאָרדיליערן, וועלן מיר זיי אויף יענער זייט, אויף די פּאַמפּאַס, באַקומען אָן אַ שיעור, דאָרט פּאַשען זיך אויף די ברייטע, מיט גראָזן־באַוואַקסענע פּאַמפּאַס גאַנצע סטאַדעס מיט פערד, מען קען נעמען וויפיל דאָס האַרץ גלוסט.

— הייסט עס, אַז מען וועט נאָר דורכקומען די קאָרדילייערן, זענען מיר שוין געהאָלפן, פּראָפעסאָר — האָט זיך פרייליך לאָרד גלענאַרוואָן אָנגערופן — טאָ לאָמיר גיין וואָס שנעלער, מיר וועלן פריִער, דאַכט זיך מיר, צופיס אָנקומען, ווי מיט די אייזלען — איר גייט מיט אונדז מיט? — האָט ער באַכאַמאָל אַ פרעג געטון דעם וועג-פירער.

— ניין, ס'איז מיר אוממעגלעך, כ'קען מיינע אייזלען נישט איבערלאָזן. דאָס איז אמת, — אויף יענער זייט קאָרדילייערן וועט איר באַקומען גענוג פערד. פונוואַנען דערדאָזיקער מענטש ווייסט אַזוי פיל — האָט ער אָנגעוויזן אויפן פּראָפעסאָר — הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין.

— נישט נאָר דאָס ווייס איך, נאָר אפילו דעם וועג איבער די קאָרדילייערן ווייס איך אויך, און שפּאַניש רעד איך אויך פון טאָג צו טאָג אַלץ בעסער — האָט דער פּראָפעסאָר פאַרזי-כערט.

ער האָט אַלע באַשטראָלט מיט נייער האָפנונג, זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיטן וועג-פירער און מיט די איבעריקע אייזל-טריי-בער און געלאָזט זיך מיט די פעקלעך אויף די פּלייצעס, וואָס איטלעכער האָט גענומען, אין וייטערדיקן וועג אַריין.

ס'איז אָבער נישט געווען אַזאַ לייכטע מלאכה, ווי אַלע האָבן עס זיך פריִער געהאַט פאָרגעשטעלט. זיי זענען געקראָכן אויף אַלע פיר, מיט שטריק האָבן זיי זיך געמוזט אַרומבינדן, און דער קליינער ראָבערט, וועלכן מ'האָט געשיקט פאָרויס, ווייל ער איז געווען לייכטער, האָט די שטריק פאַרטשעפּעט אָן שפּיץ פון אַ פעלז און אַזוי אַרום זיי דעם שווערן וועג לייכטער גע-מאַכט.

ווען זיי האָבן נאָך שווערער מי און אָנשטרענגונג אַריבערגעקלע-טערט דעם פעלז, האָבן זיי דעם ווייטערן וועג, וואָס זיי האָבן געהאַפט

צו געפינען, נישט געזען. צוליב דער ערד־ציטערניש איז ער ערגעץ פארפאלן געווארן און אויף דעם ארט האבן זיי גאר גאנצע שטחים מיט שטיינער געפונען.

זייער מזל איז נאך געווען, וואס עס איז געווען זומער, וואס געדויערט פון אקטאבער ביז מאי. דער ווינטער הייבט זיך דא אן מאי און לאזט זיך אויס אין אקטאבער. ווינטער איז מורא־דיק קאלט און נישט איין רייזנדער פלעגט דארט פארפרוירן ווערן אדער אין א תהום אראפגעשליידערט ווערן דורך די שרעקלעכע שטורמווינטן, וואס קומען דארט פאר אין דערדאזיקער צייט.

זייענדיק שוין נישט ווייט פון העכסטן שפיץ, האבן זיי באקומען פרישן מוט און האבן געקלעטערט אלץ העכער און העכער, זיי זענען נישט מיד געווארן אפילו באנאכט צו קריכן. ערשט ארום פארטאג זענען זיי שטיין געבליבן אויפן העכסטן ארט פון די קארדיליערן.

אלע זענען אנידערגעפאלן מיד, ווי די טויטע, און פלוצלינג האבן זיך אלע אנגעהויבן צו באקלאגן, אז עס פרעסט זיי בא דער ברוסט, אז זיי האבן אזש נישט געקענט אפעטעמען. אלע האבן אנגעהויבן צו קרעכצן אוןווארפן זיך ווי אין קאנוולסיע.

דאס איז אזא מין בארג־קראנקייט ענלעך צו דער ים־קראנקייט, וועלכע פארשווינדט אבער תיכף, ווען מען נידערט אראפ פון די בערג. דידאזיקע שלאפקייט רופן די שפאניער: „די פונא". עס רוישט אין קאפ און מען פילט זיך, ווי פארשיכורט. נישט איין רייזנדער איז פון דער שלאפקייט שוין געשטארבן. קיין ספעציעלע מיטלען זענען קייגן דעם נישטא, אבער ווען מען טרינקט ווארעמע טיי, אדער די דארטיקע מאטע (דאס איז אזא מין גראז, וואס וואקסט נאר אין ארגענטינע און האט די אייגנשאפט, אז ווען מען טרינקט זיך אן דערמיט, ווערט מען צוריק גע־זונט) ווערט מען צוריק א פרישער מענטש.

אַ רייזנדער וועט זיך אָן דערדאָזיקער מאַטע אין וועג אַריין נישט לאָזן.

דער פּראָפעסאָר, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיט דעם, האָט זיך טאַקע געהאַט אָנגעגרייט אַזאַ פּעקעלע. מ׳האָט אָנגעלייגט אַ פייער און אויפגעקאָכט דעמדאָזיקן געטראַנק. ווי דערשטוינט זע־נען זיי אָבער געוואָרן, ווען זיי האָבן גענומען די זידנדיקע מאַטע צום מויל און זי איז געווען אייז־קאַלט. מ׳האָט דאָס וואַסער צו־ריקגעגאָסן אין קעסעלע און ווידער עס צוגעשטעלט צום פייער. באַלד האָט אָנגעהויבן זעצן אַ פּאַרע און ס׳האָט ווידער געזאָטן — אָבער קאַלט איז עס געווען, ווי פריער.

— אַ כּישוף! — האָבן אַלע אויסגערופן.

דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל האָט געשמייכלט און זיך געגרייט צו אַ גרויסער לעקציע:

— דאָס איז אַ געזעץ פון דער נאַטור. וואָס שיטערער די לופט איז, אַלץ גיכער זידט אויף דאָס וואַסער. אויף די הויכע בערג איז די לופט שיטער, דערמיט פאַרענטפערט זיך דערדאָזיקער כּישוף. אָט וועט איר באַלד האָבן הייסע מאַטע.

ער האָט גענומען אַ שווער דעקל, גוט צוגעדעקט דאָס קע־סעלע און געלאָזט עס שטיין אַ האַלבע שעה אויפן פייער, ביז די פּאַרע האָט אָנגעהויבן פון אונטערן שטערצל אַפּערצו־זעצן.

— איצט, נעמט און טרינקט. די מאַטע איז שוין געגוג הייס, — האָט דער פּראָפעסאָר, שמייכלענדיק מיט אַ טריומפאַלער מינע, געזאָגט.

דער עולם האָט זיך אויפגעלעבט. זיי האָבן עפּעס גענומען אין מויל אַריין און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג.

דער באַראָמעטער האָט געוויזן, אַז זיי געפינען זיך אויף אַ

הייך פון עלף טויזנט מעטער. דאָס איז געווען דער העכסטער פונקט פון די קאָרדיליערן.

זיי האָבן זיך אָפּגערוט און עפּעס געגעסן און תיכף זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין.

זיי זענען שוין אַלע זיכער געווען, אַז זיי זענען די גע־פאַר איבערגעקומען, אַז אָט קומען זיי אַראָפּ אין וואַרעמען טאָל פון אַרגענטינע. אָבער צו דעם איז נאָך זייער ווייט געווען. די גאַנצע געגנט איז באַדעקט געווען מיט שניי און ס׳איז זיי געוואָרן שרעקלעך קאַלט.

זיי האָבן געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן זיי און די אויגן האָבן געזוכט אַ הייל, אַ פעלז, אַבי ווו זיך אָפּצורוען און דעם קאָפּ אַנידערצולייגן.

פּלוצלינג האָט דער מאַיאָר דערזען אַ שטיבעלע פונדער־ווייטנס, ער האָט פון פרייד אַ געשריי געטון און אַלע האָבן זיך געלאָזט אַהינלויפן.

עס איז פשוט געווען אַ רעטעניש, ווי אַזוי זיין אויג האָט דאָס דערזען, ווייל אַרום איז געווען איין גרויסער שטח מיט שניי. קיינער האָט אָבער נישט געפרעגט, ווייל אַלע זענען געווען מיד, צעבראָכן און אויסגעקוקט עפּעס אַ רעטונג.

מען האָט קוים דאָס שטיבל אַרומגערייניקט פון שניי און אַלע זענען אַהין אַריין.

XII.

קפיצת הדרך

ווי מען האָט זיך געקענט משער זיין, האָבן דאָסדאָזיקע שטיבעלע דאָ איבערגעלאָזט וואַנדערנדע אינדיאַנער. מ'האָט נאָך געפונען אַש אין דעם אייוועלע — אַ סימן, אַז ערשט נישט לאַנג האָט דעם פּאַלאַץ פאַרנומען אַן אַנדערע קאָמפּאַניע. ס'איז געווען אויפגעבויט פון ציגל, אָן פענסטער און מיט אַ נידעריקער טיר. יעדנפאַלס פאַר דער קעלט איז עס געווען אויף דערווייל אַ גוט באַהעלטעניש.

— ווי אָרים דידאָזיקע באַוווינונג איז — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן — אָבער פון קעלט וועט זי אונדז באַשיצן.

— אָרים? אַ פּאַלאַץ איז עס, אַ הערלעכער פּאַלאַץ! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן. — איצט דאַרף מען נאָר עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין, כדי נישט צו פאַרלירן די כוחות.

זיי האָבן זיך אַלע אַרויסגעלאָזט זוכן אַ ביסל האָלץ צום דערברענען. דער פּראָפעסאָר האָט זיך משער געווען, אַז מסתמא האָבן די אינדיאַנער עפּעס איבערגעלאָזט פון ברען-מאַטעריאַל, ווייל זיי האָבן זיך ליב אָנצוגרייטן אויף נאָכאַמאָל, טאָמער וועט זיי ווי-דער אויסקומען דורכצוואַנדערן. און ווירקלעך האָבן זיי לעבן שטיבל געפונען פאַרגראָבן אין שניי אַ בינטעלע האָלץ. שוועבעלעך האָבן זיי געהאַט אייגענע, און באַלד האָט געפלאַקערט אַ פרייליכער פייער.

מ'האָט אויפגעקאָכט מאַטע און געטרונקען, וואָרעם איז

געוועז, איז יעדער אַריינגעפאַלן אין אַן אויסגעצייכנטער שטי-מונג.

— איצט, אַז ס׳איז שוין וואַרעם, געטרונקען האָבן מיר, וואָלט זיך זייער געוואָלט עסן אַ פריש שטיקל פלייש פון אַ לאַמאַ (אַזאַ מין חיה מיט אַ לאַנגן האַלדז ווי אַ קעמל און פאַרמאָגט וואָל ווי אַ שעפּס) — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

— עס וווּנדערט מיך אויף אייך, הער פּראָפעסאָר, איר זאָלט זיין אַזאַ מין זולל וסובא, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אייך ליגט נאָר אין קאָפּ ביכער מיט לאַנדקאַרטן — האָט דער מאַיאָר זיך געוויצלט.

— ווען ביכער איז ביכער, ווען אַ פריש שטיקל פלייש פון אַ לאַמאַ, איז אַ פריש שטיקל פלייש, אַלץ האָט זיין צייט — האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט.

פּלוצלינג זענען אַלע שטיל געוואָרן, עס האָט זיך דערהערט אַ ווייט מעקען ווי פון שעפּסן, דערנאָך, ווי נאָענטע טריט פון לויפנ-דיקע חיות.

— וואָס איז דאָס ? — האָט דערשראָקן געפרעגט דער קליי-נער ראָבערט.

— דאָס זענען אוודאי לאַמאַס — האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַ שמייכל געענטפערט — זיי קומען אונדז גלייך אין מויל אַריין.

— אָבער ווי קומען אַהער לאַמאַס ? — האָט לאָרד גלע-נאַרוואַן פאַרוווּנדערט געפרעגט — אויף אַזעלכע הויכע ערטער האַלטן זיך דאָך נישט אויף דידאָזיקע חיות !

זיי זענען אַלע אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטיבל, נישט פאַר-געסנדיק דערביי מיטצונעמען יעדער זיין ביקס.

— ס׳איז געווען אַ פינצטערע נאַכט, דער הימל האָט גע-פינקלט מיט מיליאַרדן שטערנדלעך און די ווייסע בערג-שפּיצן האָבן פון דער פינסטערניש, ווי די מתים אַרויסגעשטאַרט און אַ

מורא אַרום זיך אָנגעוואָרפן. ס׳האָט זיך געהערט פון אַרום און אַרום אַ שרעקלעך ברומען. באַלד האָט מען געקענט זען אין דער פינסטערניש, ווי טויזנטער לאַמאַס זענען מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט געלאָפן, די ערד האָט אַזש געציטערט אונטער זיי. דער מאַיאָר האָט אויסגעקנאַלט און איין לאַמאַ איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטע.

איינער פון די מאַטראָסן האָט זי באַלד אויפגעהויבן, זי אָפּגעשינדן און צעשניטן אויף שטיקער. דער פּראָפעסאָר האָט זיך באַרימט, אַז ער איז אַ גוטער קאָכער, האָט מען אים איבערגעגעבן דעם כּבוד צוצוגרייטן דאָס געבראָטנס.

אַלע האָבן געזען אין דעם אונטערקומען פון די לאַמאַס אַ נס פון הימל. אָבער דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך עפּעס געשראָקן:

— ס׳איז נישט אַזוי פּשוט, וואָס די לאַמאַס זענען אַזוי שנעל אַנטלאָפן, עפּעס האָט געמוזט געשען.

— וואָס דאַרפן מיר אין דעם אַריינטראַכטן — האָט דער פּראָפעסאָר, פאַרנדיק זיך באַם בראָטן די שטיקער פלייש, געזאָגט — עסן האָבן מיר, ווו צו רוען איז דאָ, איז גענוג.

דערווייל האָט דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל געהאַלטן אַ גאַנצע לעקציע:

— די חיות זענען ענלעך צו שעפּסן, דעם ווילדן פּאַטאַגאָניער דינען זיי אי פאַר קי, אי פאַר שעפּסן, זיי גיבן מילך, וואָל אויף קליידער און פלייש צום עסן. מ׳האָט געפּרוווט קיין אייראָפּעאַראָפּברענגען עטלעכע פון דידאָזיקע חיות, האָבן זיי לאַנג נישט אויסגעהאַלטן.

דערווייל איז דאָס פלייש פאַרטיק געוואָרן. דער פּראָפעסאָר האָט איטלעכן איינגעטיילט אַ גלייך חלק און דער עולם האָט זיך אַ כאַפּ געטון צום עסן.

אָבער ווי דערשטוינט זענען אַלע געוואָרן, ווען איטלעכער האָט באַלד נאָכן אַריינכאַפּן אין מויל אַריין אַזאַ שטיק פלייש גע־מוזט עס צוריק באַלד אויסשפּייען — עס איז געווען האַרט, ווי שטיין.

אַלע האָבן זיך גענומען וויצלען אויפן חשבון פון פּראָפע־סאָר און אָפּלאַכן פון זיין קאָכן.

דער פּראָפעסאָר איז אָבער נישט נתפּעל געוואָרן פון זייערע וויצן.

— שולדיק אין דעם איז קיינער נישט, נאָר דאָס פלייש אַליין. די חיה האָט אין זיך אַזאַ אייגנשאַפט, אַז אויב זי לויפט זיך שטאַרק אָן, איז דאָס פלייש דערנאָך אַזוי האַרט נישט צום איינבייסן. איך האָב עס גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן. די ווילדע פירן זיך טאַקע אין אַזאַ פאַל, ווען זיי טרעפן אָן אויף אַ סטאַדע פון דידאָזיקע לאַמאַס אָדער גואַנאַקאָס, ווי מען רופט זיי אַנדערש, נאָרן זיי זיך צו פון היינטן און הרגענען עטלעכע, די רעשט אַנט־לויפן.

— וואָס זענען אָבער די גואַנאַקאָס אַזוי אַנטלאָפן, דאָס שרעקט מיך עפּעס זייער — האָט לאָרד גלענאַרוואָן זיך אָנגע־רופן.

לאָמיר זיך בעסער לייגן שלאָפן און אויסרוען נאָך דעם מיטאָג און נישט אַריינקלערן אין אַזעלכע פּוסטע זאַכן — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט.

אַלע האָבן זיך איינגעטוליעט אין זייערע מאַנטלען און דעקן און ס׳האָט נישט געדויערט קיין סך, זענען אַלע געשמאַק איינגעשלאָפן.

איין לאָרד גלענאַרוואָן איז נישט געשלאָפן, ער האָט אַריינ־געטראַכט אין דעם פּלוצדינגדיקן אַנטלויפן פון דידאָזיקע חיות און ער האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן.

ער האָט געהערט עפּעס, ווי אונטער דער ערד אַ מין רוישן און זידן. באַלד האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך דונערן און שטור־מען. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די ערד ציטערט.

ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. דער הימל איז געווען לויטער, באַ־ראָזט אויף מזרח־זייט. פון צייט צו צייט האָט ערגעץ אַרויסגעזעצט אַ פלאַקער פייער. דאָס האָט אָנגעהויבן צו שפּריצן דער ווולקאַן אַנטוקאַ.

אַ הערלעך בילד איז דאָס געווען: איבערן ווייסן שניי אויף אומגעהייערע שטחים האָבן פלאַמיקע צונגען אַרויסגעפלאַקערט און אָפּגעגאָסן מיט אַ בלוטיקער שיין די געגנט אַרום, פון דער צווייטער זייט איז אַ רויט־פלאַקערדיקע זון אויפגעשטיגן און געגליט איבערן בלויען הימל און געשפּריצט מיט זיינע שטראַלן.

לאָרד גלענאַרוואַן איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען און באַ־טראַכט אַזוי די הערלעכע דעקאָראַציע, מיט דער שרעקלעכער מו־זיק פון דונערן באַגלייט. דאָס אַלץ האָט אים אומגעהייער פאַר־חידושט. אָבער די קעלט און מידעקייט האָט אים באַזיגט און ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטיבעלע שלאָפן.

ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן אַן אומבאַשטימטע צייט. פּלוצלינג האָט אַ שרעקלעך קנאַלן און דונערן אַלע אויפגעוועקט, און צו זייער גרעסטער דערשטוינונג האָבן זיי דערזען, ווי די ווענט פון דעם שטיבל פאַלן זיך פונאַנדער, ווערן פאַרשוווּנדן און זיי אַלע הייבן זיך אָן מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט צו גליטשן אין אַ תהום אַריין.

— אַן ערדציטערניש! — דאָס איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איז יעדן פון זיי געקומען אויף די ליפּן, ווי נאָר זיי האָבן דערפילט אונטער זיך אַ פעסטן באָדן און די ערד האָט זיך אונטער זיי איינגעשטילט.

אַזעלכע ערדציטערנישן טרעפן זיך זייער אָפט אין טשילי,

ווי גאַנצע בערג גליטשן זיך אַראָפּ אין די טאָלן און עס קומט פאָר אַ גאַנצע איבערגרופּירונג פון בערג און טאָל.

זיי זענען אַלע צוזאַמען אַראָפּגעפאַלן, אָבער בײַ אַלעמען האָט זיך דער קאָפּ געדרייט און ס'האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. איינער האָט נישט געוווּסט פון אַנדערן, צי ער לעבט און ווו ער איז אַהינגעקומען.

ווען זיי האָבן דערפילט דעם ערשטן שטויס, האָט יעדער איינער בײַ עפּעס זיך אָנגעכאַפּט און איז אַזוי געפלויגן, אַליין נישט וויסנדיק וויפיל צייט. דער ערשטער האָט זיך אויפגעכאַפּט דער מאַיאָר. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַרום זיך, ר'איז געווען צעמישט און דערשראָקן. דערנאָך איז צו זיך געקומען דער פּראָפעסאָר און גענומען טאַפּן אַרום זיך און מורמלען אומפאַרשטענדלעכע ווער־טער.

אַזוי זענען אַלע איינער נאָכן אַנדערן צוריקגעקומען צום באַוווּסטזיין און ענדלעך גענומען זיך איבערשרייען, בײַ די נעמען אויסרופן, און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז אַלע זענען דאָ, אַלע זענען געזונט, נישט באַשעדיקט, אַ חוץ איין ראָבערט, וועלכער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי אין דער ערד אַריין.

אַלע האָבן זיך ערשט גענומען אומקוקן, ווו זיי זענען אין דער וועלט. ווי פאַרוווּנדערט זענען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען אַרום זיך גרינענדע פעלדער, בליענדיקע ביימער, די זון וואַרעמט, אַלץ גלאַנצט און שיינט — אַ גן־עדן!

— ווו זענען מיר? וואָס איז מיט אונדז פאָרגעקומען? וואָס עפּעס פּלוצלינג די ענדערונג פון ווינטער אויף זומער, פון קעלט אויף וואַרעמקייט?

ס'האָט קיינער נישט געקענט געבן קיין ענטפער, אַלע זענען געווען דערשטוינט און פאַרכישופט — אמתער קפיצת הדרך!

לאָרד גלענאַרוואַן איז שפּעטער פון אַלע געקומען צו זיך, ווען מען האָט אים איבערגעגעבן, אַז ראָבערט גראַנט פעלט. איז ער פון אָרט אויפגעשפּרונגען, ווי פון אַ דונער געטראָפן, און ער האָט פאַרצווייפלט אָנגעהויבן שרייען:

— אַך, מיין טייער קליין יינגל, קליינער ראָבערט, ווו ביסטו?

ס'האָט קיינער נישט געענטפערט. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. בלויז אַ ווייטער עכאָ האָט אָפּגעענט־פערט:

יוּ ב־י־ס־ט־וּ!

XIII.

אַ נס מן השמים.

דער קליינער ראָבערט איז בײַ אַלעמען באַליבט געווען און דעריבער קענען מיר זיך פאָרשטעלן די מהומה און פאַרביטערט־קייט, וואָס האָט אָנגעמאַכט זיין פאַרלוירן גיין.

מ'האָט זיך אָנגעהויבן איינער בײַם אַנדערן אויספרעגן, ווו מ'האָט אים געזען די לעצטע מינוט פאַרן שרעקלעכן שטויס. לאָרד גלענאַרוואַן האָט געשריגן, געביטערט און געבעטן מ'זאָל מיט אים גיין העלפן זוכן.

— ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ראָבערט איז ביז דער לעצ־טער מינוט פון דער ערדציטערניש געלעגן לעבן מאַטראָס ווילסאָן. ער האָט אים נאָך אפילו געפילט לעבן זיך בשעת מ'איז גע־פלויגן מיט דעם באַרג אין טאָל אַראָפּ.

— פון וועלכער זייט ביסטו געלעגן פון אונדז? — האָט מען ווילסאָנען געפרעגט.

— פון דער לינקער.

— אין וועלכער זייט איז לעבן דיר געלעגן ראָבערט? — האָט מען אים ווייטער געפרעגט.

— אויך אין דער לינקער.

— אַלזאָ דאַרף מען אים גיין זוכן אין דערדאָזיקער ריכטונג — האָט דער מאַיאָר אויסגערופֿן.

דער גאַנצער עולם האָט טרויעריק זיך צעשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח און מען האָט אים אָנגעהויבן זוכן.

ס'איז אָבער געווען אומזיסט זייער זוכן, ס'איז קיין שום שפּור פֿון אים נישט געבליבן.

לאָרד גלענאַרוואָן איז אַ מידער אַנידערגעפאַלן אויפן גראָז. ער איז געווען בלאַס, פֿאַרצאָגט פֿון ווייטיק, ער האָט געהאַלטן אין איין קרעכצן:

— איך מוז אים געפֿינען, איך מוז אים געפֿינען.

— קודם כל מוז מען עפּעס עסן, מיינע הערן — האָט דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל אויסגערופֿן — וועלן מיר כוח האָבן ווייטער צו זוכן.

אַלע זענען געווען הונגעריק און זיי האָבן גערן מסכּים געווען מיטן פּראָפעסאָר, אַז נאָכן עסן וועט מען קענען מיט מער דערפֿאָלג זוכן דעם קליינעם ראָבערט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אָפּגעווישט אַ טרער, וואָס איז אים אויף דער באַק אַראָפּגערונען. ער איז צומערסטן צונויפֿגעלעבט געוואָרן מיטן העלדישן יינגל.

מ'האָט אָנגעהויבן צונויפֿזוכן די זאַכן, דאָס געווער, דאָס ביסל פּראָוויאַנט, דאָס אַלץ איז געווען צעשפּרייט אין פֿאַרשידענע ערטער.

האָלץ איז געווען געצוג און דערדאָזיקער געגנט, האָט מען געמאַכט אַ פייער. מ׳האָט קודם כּל צוגעשטעלט אַ קעסעלע מיט טיי. דאָס עסן איז פּאַרטיק געוואָרן. אַלע האָבן געגעסן אין טיפן שטילשווייגן, יעדער פאַרזונקען אין טרויער. נאָר איין לאָרד גלע־נאַרוואָן האָט זיך צום עסן נישט צוגערירט. ער איז אַרומגעגאַנ־גען אַ דערשלאָגענער פון איין אָרט צום צווייטן, אָן אַ שום ציל.

אַלע האָבן אים געבעטן, ער זאָל עפּעס עסן, ס׳איז דאָך נישט קיין תּכלית אַזוי אָפּצופאַסטן. אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן און גערענקען וועגן עסן. ער האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד.

נאָכן דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ, זענען אַלע אַרויסגעגאַנגען זוכן ראָבערטן. זיי זענען אַרומגעקראָכן איבער אַלע בערג, איבער אַלע טאָלן און געשריגן: ראָבערט! ראָבערט! אָבער אין קול ואין עונה.

אָבער דער לאָרד גלענאַרוואָן איז נישט מיד געוואָרן און די אַנדערע געמוטיקט נאָך ווייטער צו זוכן.

— מיר וועלן נישט אָפּטרעטן פונדאַנען, ביז מיר וועלן אים נישט געפינען — האָט לאָרד גלענאַרוואָן פעסט באַשלאָסן — מיר זאָלן אפילו דאַרפן צוריקגיין צום פריערדיקן אָרט.

— וואָס פאַלט אייך אָבער איין, לאָרד, — האָבן אַלע אויסגערופן — ס׳איז דאָך גאָר אוממעגלעך דאָרט אַהין צוריקצו־טרעפן, נאָך דער ערד־ציטערניש איז דאָך דער גאַנצער שטח אי־בערגעאַנדערשט געוואָרן, ווו ס׳איז געווען אַ טאָל, איז איצט אַ באַרג און אַזוי פאַרקערט.

— ס׳העלפט אָבער גאָרנישט, מיינע ליבע — האָט זיך פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל אַריינגעמישט — מ׳מוז אים אויפזוכן.

אַלע האָבן שטילגעשוויגן, לאָרד גלענאַרוואָן האָט טיף דעם

קאָפּ אַראָפּגעזונקען און גאָרנישט געענטפערט, ער האָט פאַרשטאַ־נען, אַז די חברים זענען גערעכט.

פלוצלינג האָט איינער פון די מאַטראָסן דערזען אונטערן הימל אַ גרויסן שוואַרצן פלעק. וואָס האָט זיך אַלע מאָל נידעריקער אַראָפּגעלאָזט.

אַלע האָבן פאַרריסן די קעפּ. מען האָט שוין דייטלעך גע־קענט זען, אַז דאָס איז עפּעס אַ גרויסער שוואַרצער פויגל, וואָס שוועבט איבער אַ הויכן פעלז נישט ווייט פון זיי.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך גוט צוגעקוקט און אויסגע־רופן:

— א קאָנדאָר, אַ קאָנדאָר!

דאָס איז אַ גרויסער פויגל, איינער פון די שטאַרקסטע רויב־פייגל אין דרום־אַמעריקע. ער כאַפּט אויף אפילו אַן אָקס. ער פּיקט אים פריער אויס די אויגן, דערנאָך, ווען ער בלייבט שוין ליגן אַן אומבאַהאָלפענער, רייסט ער מיט זיין שאַרפן שנאָבל גאַנצע שטיקער פלייש פון אים און טראָגט אים אַוועק צווישן זיבע פּיס אין זיין נעסט אַריין. ער כאַפּט אויך קינדער אין זיין רויבערישן שנאָבל און צערייסט זיי.

ווען אַזאַ קאָנדאָר דערזעט זיין רויב, קרייזט ער אַרום עט־לעכע סעקונדן איבער אים אינדערהייך און פלוצלינג גיט ער זיך אַ לאָז אַראָפּ פייל פון בויגן, כאַפּט אויף זיין רויב און אַנטלויפט מיט אים אין די פעלזן־שפּאַלטן.

— ס'איז זייער מעגלעך, אַז דער קאָנדאָר האָט דערזען ראָבערטס קערפּער — האָט לאָרד גלענאַרוואַן מיט שרעק אויס־גערופן, — דעריבער קרייזט ער דאָ אַזוי אַרום, לאָמיר גוט אַכ־טונג געבן.

אַלע האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויגן אויפן פויגל. עס איז

ווירקלעך געווען וואָס צו באַוווּנדערן. ער האָט געשוועבט, שטיל אויסשפּרייטנדיק זיינע פליגל, ווי אַ קעניג.

דער מאַיאָר האָט אַ כאַפּ געטון די ביקס און שוין געוואָלט אויסשיסן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און נישט דערלאָזט דערצו.

— מסתּמא האָט ער דאָ עפּעס דערזען, ווען ער האָט פאַר אונדז נישט קיין מורא — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט, לאָמיר זען דעם סוף.

אַזויווי ער האָט די רייד אַרויסגערעדט, האָט זיך דער קאָנדאָר בליצשנעל אַ לאָז אַראָפּ געטון אויף דער ערד און ס'האָט געדויערט אַזוי עטלעכע סעקונדן, האָט ער זיך פלוצלינג באַוויזן פון הינטער אַ גרויסן פעלז, ער איז געפלויגן געלאַסן און צווישן זיינע פיס האָט ער געטראָגן אַ שוואַרצן קערפּער.

אַ שרעק האָט אַלע אָנגעכאַפּט און אַן אוממענטשלעך געשריי האָט די לופט אַרום פאַרהילכט. בײַ אַלע איז שוין קיין שום ספק נישט געווען, אַז דער שוואַרצער קערפּער, וואָס זעט זיך צווישן קאָנדאָרס פיס, איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער קליינער ראָבערט.

— אומגליקלעכער ראָבערט! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגעשריגן און, כאַפּנדיק די ביקס, אָנגעהויבן זיך צילן.

די הענט האָבן אים געציטערט פאַר שוואַכקייט און ער האָט נישט געקענט אָנשטעלן גוט דעם ציל.

דער מאַיאָר האָט אים אַרויסגעכאַפּט די ביקס פון דער האַנט און ווי אַן אַלטער סאָלדאַט האָט ער פעסט גענומען די ביקס און גענומען צילן אַזוי, אַז ער זאָל נישט טרעפן אין ראָבערטן, נאָר אין קאָנדאָר אַריין.

אין דער צייט, וואָס דער מאַיאָר האָט אַזוי געצילט, האָט

זיך דערזען פון ערגעץ אַ ווייס רויכל, עס האָט אַ קנאַל געטון אַ
שאָס פון אַן אומגעזעענער ביקס און דער קאָנדאָר האָט זיך אָנ-
געהויבן לאַנגזאַם און פּאָרזיכטיק אַראָפּלאָזן אויף דער ערד. מ׳האָט
לייכט געקענט באַמערקן, אַז דער, וואָס האָט אויסגעשאָסן, האָט
גאַנץ גוט געוווּסט, ווו מען דאַרף צילן און אַז ער איז אַ גוטער
שיסער. ער האָט אים געטראָפן אין רעכטן פליגל.

אַזוי ווי דער קאָנדאָר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער
ערד, זענען אַלע מיט אַ געשריי פון פרייד צוגעלאָפן. דער קאָנ-
דאָר האָטווירקלעך געהאַלטן ראָבערטן צווישן זיינע פיס, נאָר
ער האָט אים גלייך אָפּגעלאָזט און געוואָלט אַוועקפליען, אָבער
עמעצער האָט פלוצלינג מיט איין שניט אים דעם קאָפּ אַראָפּגע-
נומען. קיינער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווער ס׳האָט דאָס גע-
טון.

אַלע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף ראָבערטס קערפער און
גענומען ראַטעווען. לאָרד גלענאַרוואָן האָט צוגעלייגט זיין אויער
צו זיין האַרץ און אויסגערופן:

— ער לעבט, ער לעבט! וואַסער!

מ׳האָט געברענגט תיכף וואַסער און נאָך עטלעכע שרעק-
לעכע מינוטן פון דערוואַרטונג, האָט ראָבערט די אויגן געעפנט
און צעמישט, ווילד און צעשראָקן זיך אומגעקוקט. ווען ער האָט
דערזען לאָרד גלענאַרוואָן, האָט ער אויסגערופן:

— איר זענט עס, לאָרד?

דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט פאַר שמחה אַזש נישט געקענ
קיין וואָרט אויסרעדן, פון די אויגן זענען אים גערונען שטראָמען
טרערן פון פרייד.

XiV

דער מלאך המושיע

אַלע זענען צוגעפאַלן צו ראָבערטן, געדריקט אים די הענט און געפרייט זיך מיט אים, ביז זיי האָבן זיך ענדלעך באַרויקט.

ווען זיי זענען שוין אַביסל אָפּגעקילט געוואָרן פון דער ערשטער גרויסער פרייד און רויִקער געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווער האָט דאָס געקענט זיין דער מלאך המושיע, וואָס האָט אויסגעשאָסן אויפן קאָנדאָר און דערנאָך אים דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַקט. קיין מענטש האָט מען דאָך דאָ אין דער גאַנצער סביבה היינט נישט געזען, וועלכע־זשע געהיימע האַנט האָט דאָס געקענט מאַכן?

ווען זיי האָבן אַזוי געזוכט מיט זייערע בליקן, האָבן זיי באַמערקט נישט ווייט פון זיי שטיין אויף אַ הויכן פעלז אַ מענטש אָנגעלענט אויף זיין שווערד, פונקט ווי אַ סטאַטוע פון בראָנז אויס־געגאָסן. די פאַרב פון זיין פּנים און קערפּער איז געווען רויט, ווי פון אַלע אַמעריקאַנער אינדיאַנער, דער אויסדרוק אָבער פון פּנים איז געווען זייער פריינדלעך.

— אָט דאָס איז ער, ווער ס'האָט מציל געווען ראָבערטן פון טויט — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

דער לאָרד גלענאַרוואָן איז צו אים צוגעגאַנגען. יענער האָט אַראָפּגענידערט פון דעם שטיין, ווי פון אַ פּיעדעסטאַל. זיי האָבן זיך ביידע פאַרנייגט. דער לאָרד האָט אָנגעהויבן צו אים צו רעדן,

אָבער יענער האָט אים געענטפערט מיט אַ לשון, וואָס ער האָט אַרויסגעדרונגען, אַז עס מוז זיין שפּאַניש.

— שפּאַניער? — האָט אים לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— יאָ. — האָט יענער אַשאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— נו, איצט איז די רייע פון פּראָפעסאָר — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן — לאָז ער באַנוצן די שפּראַך, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געלערנט.

דער פּראָפעסאָר איז צוגעקומען, העפלעך זיך פאַרנייגט פאַרן ווילדן און אים באַגריסט אויף שפּאַניש, יענער האָט אים אָבער קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. פון זיינע מימיקעס האָט מען גאָר דערקענט, אַז ער ענטפערט אויף דער באַגריסונג, אָבער קיין איין וואָרט נישט.

— ער פאַרשטייט נישט קיין שפּאַניש — האָט דער פּראָפעסאָר זיך געווענדט צו די איבעריקע, איך רעד צו אים מיט אַן אמת־ריכטיקן שפּאַניש — און ער — קיין וואָרט נישט!

— און טאָמער איז פאַרקערט, הער פּראָפעסאָר — האָט געלאַכט דער מאַיאָר.

— דאָס איז אוממעגלעך, איך קען אייך שוין ברענגען און באַווייזן דאָס בוך, פון וועלכן איך האָב געלערנט, וועט איר אייך איבערצייגן. דער פּאַטאַגאָניער רעדט אַ שלעכטן שפּאַניש, דערי־בער פאַרשטייט ער מיך נישט.

דער לאָרד האָט ווידער אַ פרעג געטון דער פּאַטאַגאָ־ניער:

— עספּאַניאָל

— סי, סי! — האָט ער געענטפערט אויף שפּאַניש.

— נישט אַנדערש, הער פּאַגאַנעל, איר זענט ווידער באַגאַנ־

גען אַן אויסטערלישן פעלער, איר האָט אָנשטאָט שפּאַניש זיך אויסגעלערנט אַן אַנדערע שפּראַך! — האָט דער לאָרד געשמייכלט.

דער פּראָפעסאָר איז אַוועקגעלאָפן און געברענגט דאָס בוך, אין וועלכן ער האָט געלערנט און מיט כּעס עס איבערגעגעבן דעם לאָרד מיטן מאַיאָר.

זיי האָבן ביידע נאָר אַ בליק געטון אויפן שער־בלעטל, האָבן זיי דערזען, אַז דאָס בוך איז גאָר אַ פּאָרטוגעזיש. זיי האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ גרויס געלעכטער און געוויזן דעם פּראָפעסאָר זיין נייעם טעות.

— פריער האָט איר זיך אויפגעזעצט אָנשטאָט אויף דער „סקאָטיאַ“, אויף דעם „דונקאַן“, איצט האָט איר אייך אויסגעלערנט פּאָרטוגעזיש אָנשטאָט שפּאַניש.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך באַם קאָפּ אָנגעכאַפּט און איז אויסער זיך געווען פון פאַרצווייפלונג.

מ׳האָט אים ווי ס׳איז באַרויקט און אים געטרייסט, אַז לעולם האָט ער דאָ גאָרנישט צוגעלייגט, מער מיט אַ שפּראַך שאַדט דאָך אוודאי נישט, קען ער פּאָרטוגעזיש אויך. דער פּראָפעסאָר האָט די טרייסט אָנגענומען און ווידער אָנגעהויבן איינטענהן מיט איינציקע שפּאַנישע ווערטער, וואָס ער האָט געכאַפּט, מיט דעם ווילדן פּאַטאַגאָניער.

קודם־כּל איז ער געוואָר געוואָרן, אַז ער הייסט ט ה אַ ל־ ק אַ ו ע, דאָס הייסט אויף זייער לשון: דער מענטש, וואָס קען דונערן, — ער קען שיסן פון אַ ביקס.

דורך פאַרשידענע צייכנס און שטום־לשון איז מען געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ וועג־פירער.

לאָרד גלענאַרוואָן איז זייער צופרידן געווען, וואָס ס׳איז

אים צוגעשיקט געוואָרן דער מלאך המושיע, וואָס ראַטעוועט שוין צום צווייטן מאָל די סיטואַציע.

ער האָט אים געוויזן, אַז ער וועט אים גוט באַצאָלן, אַבי ער זאָל זיין זייער וועג־ווייזער.

דאַן זענען אַלע צוגעגאַנגען צו ראָבערטן, וועלכער איז נאָך אַלץ געלעגן אויפן זעלבן אָרט, ווי דער קאָנדאָר האָט אים אַראָפּ־געלאָזט. טהאַלקאַווע האָט אים באַטראַכט, ווי אַן אמתער דאָקטאָר, ער האָט אים באַטראַכט פון אַלע זייטן. אַלע האָבן געשוויגן און געקוקט, וואָס דער ווילדער וועט דאָ טון. ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ קורצער ווייַלע און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ בינטל גראָזן אין דער האַנט.

ער האָט גענומען אַ גלאַטן שטיין, דאָס גראָז צעריבן, ביז עס איז געוואָרן אַזאַ זאַפטיקע מאַסע און מיט דעם האָט ער אָנ־געהויבן איינרייבן ראָבערטס גאַנצן קערפּער. נאָך דער פּראָצעדור האָט ער אים איינגעוויקלט אין עטלעכע דעקן, און מיט פאַרשי־דענע צייכנס האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען זאָל אים לאָזן זיך איבערשלאָפן.

איצט האָבן זיי ערשט דערפילט, אַז זיי זענען געוואַלטיק מיד, און דאָ איז זייער גאַנצער פּראָוויאַנט פאַרפאַלן געוואָרן, האָבן זיי נישט געהאַט אפילו וואָס צו עסן. זיי האָבן אויף שטום־לשון געפרעגט באַ טהאַלקאַווען, צי זיי וועלן פאַר געלט דאָ אַלץ קריגן, און ער האָט זיי געענטפערט, אַז דאָ נישט וויַיט פונדאַנען ליגט אַ דאָרף פון אַרויקאַנער, וועלן זיי דאָרט אַלץ באַקומען פאַר געלט, אפילו פערד און אייזלען. ער האָט געזאָגט דעם לאָרד גלענאַרוואָן, אַז ער זאָל מיט אים מיטגיין, וועט ער אַלץ איינ־קויפן.

דער פּראָפעסאָר האָט אויסגעדריקט דעם ווונטש מיטצוגיין

און אָנקוקן אַ דאָרף פון אַרויקאַנער, זאָל ער כאַטש האָבן עפּעס מיטצוטיילן דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט.

און זיי זענען ביידע אַוועקגעגאַנגען מיט טהאַלקאַווען.

דער וועג איז געווען זייער אַ הערלעכער, פול מיט בלו־מען און מיט גרינס אויסגעשפּרייט, אָן אַ שיעור פייגל זענען הין און צוריק געפלויגן איבער די אָזשערעס, וואָס האָבן זיך דאָ גע־פונען בשפע.

דער וועג האָט באַ זיי געדויערט אַנדערטהאַלבן שעה, באַם פּאַטאַגאָניער וואָלט עס אפשר אינגאַנצן פאַרנומען אַ האַלבע שעה. זיי זענען אים קוים נאָכגעלאָפן.

ס'איז געווען אַ קליין דאָרף, סך הכּול פון דרייסיק גע־צעלטן, וואָס זענען געווען צונויפגעקלאַפּט פון ביימער־צווייגן. אַרום אויף די פעלדער האָבן זיך געפּאַשעט אָן אַ שיעור בהמות, פערד און אייזלען.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך דערוויילאַוועקגעלאָזט צווישן די געצעלטן און איינגעטעטהט מיט די פרויען און קינדער פון די ווילדע אויף וויפיל שפּראַכן ער האָט נאָר געקענט, אָבער זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַנען און אים אויסגעלאַכט. די קינדער האָבן אים אָנגעהויבן נאָכיאָגן און ער האָט זיך קוים באַ זיי אויס־געקויפט פאַר עטלעכע מטבעות, וואָס ער האָט געהאַט אין קע־שענע.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך לאָרד גלענאַרוואָן מיט טהאַלקאַווען געדונגען מיטן עלטסטן פון דאָרף וועגן דער קניה, וואָס זיי האָבן דאָרט איינגעקויפט. ער האָט נישט געוואָלט קיין גאָלד, נישט קיין זילבער, נאָר אַ פעסעלע ראָם און אַ פּאָר פונט פולווער. די ווילדע האָבן זיך אויסגעלערנט פון די איראָפּעער טרינקען און זענען געוואָרן אַזעלכע שיכורים, אַז זיי וואָלטן אַלץ אין דער

וועלט אַוועקגעגעבן פּאָר אַ ביסל „פייערוואַסער", ווי זיי רופן דעם בראָנפן.

ענדלעך איז די קניה געשלאָסן געוואָרן. זיי האָבן איינגעקויפט פערד, רייז, געטרוקנט פלייש און לעדערנע לאָגלען אויף וואַסער.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין, האָט מען אָפּגעקאָכט אַ גוט נאַכטעסן, ווייל ס'איז שוין געווען אַרום אָוונטצו.

ראָבערטן איז שוין געווען אַ סך בעסער. טהאַלקאַווע האָט אים אָפּגעקאָכט אַזאַ מין סאָרט אַרבעס, אָדער ווי ער האָט זיי אָנגערופן: „פראָטאָס" און דאָס האָט אים געדאַרפט צוגעבן פרישע כוחות.

צופרידענע, זאַטע און גליקלעכע פון די היינטיקע איבערלעבענישן, זענען אַלע געגאַנגען שלאָפן.

XV.

שוואַכע ידיעות וועגן קאַפּיטאַן גראַנט.

טהאַלקאַווע האָט איבערגענומען די פירונג אין זיין האַנט און איז געגאַנגען פאָרויס.

זיי זענען נאָר אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט טהאַלקאַווע אַ זשטאַרקן פייף געטון. אַלע האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. פלוצלינג אָבער האָט זיך פון ערגעץ אַ וועלדל באַוויזן אַ הערלעך פערד, וואָס האָט זיך געטראָגן אַ הער, ווי אַ פויגל. דער

ווילדער האָט עס גערופן טאַקע מיטן נאָמען „טאַהוקאַ“, דאָס הייסט אַ פויגל.

דעם מאַיאָר האָט אים געפרוווט פאַרלייגן, ער זאָל עס אים פאַרקויפן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען, פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט נישט.

צום זאָטל פון פערד זענען געווען צוגעבינדן פאַרשידענע וואָפן, מיט וועלכע די ווילדע באַנוצן זיך באַם פאַנגען די פאַרשידענע ווילדע חיות, ווי די פומאַ, אַזאַ מין לייב, וואָס וואַרפט זיך אַרויף אויף בהמות און פערד, זייגט אויס זייער בלוט און וואַרפט זיי אַוועק.

דידאָזיקע וואָפן רופן זיי אָן לאַסאָ און באָלאַס. דאָס זענען אַזעלכע לאַנגע שטריק מיט שלייפן, וואָס זיי פאַרוואַרפן אויף דעם האַלדז פון דער ווילדער חיה און אויף אַזאַ אופן פאַנגט מען זי.

דעם עולם האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ראָבערט, וועלכער איז שוין געווען פולקאָם געזונט, האָט געהאַט אַ באַזונדער פערד. לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע און אים געהאַלטן לעבן זיך. דער פּראָפעסאָר ווידער האָט זיך זייער שטאַרק באַפריינדעט מיט טהאַלקאַווען און ער האָט זיך שוין נישט אָפּגעשיידט פון אים. ער האָט אים געוואָלט גוט אויסשטודירן, כדי אים דערנאָך צו קענען באַשרייבן פאַר דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט. אַ חוץ דעם האָט ער זיך פשוט באַ אים ביסלעכווייז אויסגעלערנט שפּאַניש.

ער פלעגט זיך וויצלען מיטן מאַיאָר, אַז אַ פראַנצויזישער פּראָפעסאָר לערנט זיך שפּאַניש באַ אַ ווילדן.

מתחילת האָט דער פּראָפעסאָר געקוקט מיט אומצוטרוי אויפן פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל און געהאַלטן אים פאַר אַ שטיקל משוגענעם אָדער אַ נאַר. עפּעס יעדעס מאָל זעט ער, ווי דער פּראָפעסאָר

נעמט אַרויס אַ בוך פון קעשענע, עפּעס אַן אינסטרומענט און קוקט, מעסט, פאַרמאַכט ווידער און עפנט אויף. ער האָט בשום אופן דאָס נישט געקענט פאַרשטיין.

אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער, האָט זיך דער פּאַטאַגאָניער אָנגעהויבן צוגעוויינען, אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם פּראָפעסאָר און אפילו אים ליב באַקומען. דער פּראָפעסאָר האָט אים באַלד כאָטש געוואָלט איבערגעבן זיין גאַנצע תּורה, ער האָט אים אָנגעהויבן לערנען געאָגראַפיע און אַנדערע וויסנשאַפטן, אָבער דער פּאַטאַגאָניער האָט דערצו קיין חשק נישט געהאַט.

דער פּראָפעסאָר האָט דאַן אָנגעוווירן שוין דעם גאַנצן גלויבן פון אים צו מאַכן עפּעס אַ לייט.

די רייזע איז צוגעגאַנגען די ערשטע טעג גאַנץ לאַנגזאַם צוליב ראָבערטס נאָך שוואַכן געזונדסצושטאַנד, אָבער מיט יעדן טאָג האָט ער זיך דערפילט קרעפטיקער און טיילמאָל שוין אפילו באַוויזן קונצן מיטן רייטן.

דער וועג איז נישט געווען קיין גלאַטיקער. צוליב דער ערדציטערניש זענען דאָ געווען גאַנצע שטחים פאַרשפּרייט מיט שטיינער, וועלכע האָבן באַשווערט דעם וועג פאָרויס.

אויף טייל ערטער נאָר האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף גאַנצע שטחים, וואָס זענען באַדעקט געווען מיט קליינע זאַמד־בערגלעך, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי די כוואַליעס אויפן ים. מען רופט זיי „מעדאַנאָס״.

דער קלענסטער ווינט הייבט זיי אויף פון אָרט און דרייט מיט זיי, ווי מיט גאַנצע זיילן.

אַרויספאָרנדיק פון דידאָזיקע זאַמדן, זענען זיי אַרום אָוונט צוגעקומען צו אַ טייך, טהאַלקאַווע האָט געגעבן אַ צייכן, אַז מען זאָל דאָ נעכטיקן.

מען האָט אָפּגעזאָטלט די פערד מיט די אייזלען, אויסגע־

בעט זיך געלעגערס אויפן גראָז, אַלס קישנס אונטערגעלייגט די זאָטלען און מ׳האָט צעלייגט אַ פייער.

פינסטער איז געווען די נאַכט, פונקען האָבן געשפריצט פון דעם פייער און באַלויכטן אַלע ווײַלע די פינסטערניש אַרום. דער טײַך האָט אָפּגעגלאַנצט און געשימערט מיט זײַנע שוואַרץ־ראָזע פאַרבן. די רייזנדע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום פלאַם. די פּנימער זענען אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ בלוט־רויטער שײַן, עס איז געווען צו באַמערקן אויף אַלע אַן אויסגעגאָסענע צופרידנקייט. לאַנג זענען זיי אַזוי געזעסן אין דער נאַכט אַרײַן, די פּיס אונטער זיך פאַרלייגט און געשמועסט וועגן פאַרשידענע זאַכן.

ראָבערט האָט זיך אויסגעפרעגט באַם פּראָפעסאָר וועגן פאַרשידענע קלייניקייטן און ער האָט אים ליבלעך געענטפערט. אויף איין פראַגע האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ גאַנצער לעקציע.

טהאַלקאַווע, כאָטש ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָט אים געקוקט גלײַך אין מויל אַרײַן און איז געזעסן מיט זײַן בראָנזענער פיגור אײַנגעבויגן און זיך אויפמערקזאַם צוגעהאָרכט. זײַן רויט פּנים האָט אין דעם גלאַנץ פון פייער נאָך רויטער אויסגעזען און די אויערן זענען, ווי באַ אַ ווילדער חיה, אין דער פינסטערניש אַרײַן אויפגעשפּיצט געווען.

ס׳איז שוין געווען זייער שפּעט, דאָס פייער האָט זיך שוין געלאָשן, פון צײַט־צו־צײַט האָט אַ רויטע צונג זיך נאָך אַ צי אַרויף געטון אינדערהייך און אַ בליאַסק געוואָרפן אויפן וואַסער און אויפן גרינעם גראָז אַרום און עס באַראָזט, אָבער ביסלעכווייז איז עס אײַנגעלאָשן געוואָרן. די טל׳ענדיקע צווייגן האָבן יעדעס מאָל אַ קנאַק געטון און אַ פונקעלע האָט אויפגעשפּריצט, ביז אַלע זענען פעסט אײַנגעשלאָפן געוואָרן.

צומאָרגנס האָבן זיי זיך גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט, אָפּגעגעסן אָנבייסן און ווידער געלאָזט זיך אין וועג אַרײַן.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער, די זון האָט גע־גאָסן מיט שטראָמען פייער און געבראָטן.

אַ גליק איז געווען, וואָס טהאַלקאַווע האָט איינגעקויפט די לעדערנע לאָגלען, ער האָט איצט יעדן איינציקן מחיה געווען מיט אַ קאַלטן טרינק וואַסער.

זיי זענען אַרויפגעקומען אַצינד אויף אַ לאַנד, ווו וואַסער איז נישט אַזוי בנמצא געווען, און אַז מען האָט שוין אָנגעטראָפן אויף עפּעס אַ טייכל, איז עס געווען געזאַלצן. פונדאַנען נעמען טאַקע די פּאַטאַגאָניער זאַלץ.

דערדאָזיקער שטח ציט זיך אָפּ אַזוי אויף עטלעכע הונ־דערט מייל. מען קען אייגנטלעך איינטיילן דידאָזיקע פּאַמפּאַס אויף דריי טיילן. די ערשטע זענען גרין, באַוואַסערט, עס שניידן דורך דאָס לאַנד פאַרשידענע טייכן. די צווייטע טייל איז דאָס לאַנד, ווו די רייזנדע געפינען זיך איצטער, קיין טייכן זענען נישטאָ, עס געפינען זיך נאָר די געזאַלצענע אָזשערעס. די דריי־טע טייל איז פאַרוואַקסן מיט דערנער און שטעכעכץ.

טהאַלקאַווע האָט איצט טאַקע, נעכטיקענדיק באַם טייך, אָנ־געפּולט ווידער די לאָגלען מיט וואַסער, באַזאָרגנדיק אַזוי אַרום די רייזנדע אויף אַ לענגערע צייט מיט וואַסער.

די היץ איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, פייער איז פון הימל געפאַלן. די רייזנדע זענען פאַרמאַטערט געוואָרן, האָבן זיי אָפּגעלאָזט די לייצלעך און געלאָזט פריי גיין זייערע פערד.

פלוצלינג האָט זיך ווייט אויפן האָריזאָנט באַוויזן אַ שוואַר־צער וואָלקן, קיינער האָט אים נישט באַמערקט, אַ חוץ דעם ווילדן פּאַטאַגאָניער, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ שאַרף אויג צו די פאַרשידנסטע נאַטור־דערשיינונגען. ער האָט מיט אַ געוויסער שרעק אַלע מאָל אַהינגעוואָרפן אַ בליק. ענדלעך האָט ער אַ צי געטון

דעם פּראָפעסאָר באַם אַרבל און אים אָנגעוויזן אויף דעמדאָזיקן שוואַרצן וואָלקן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך גוט צוגעקוקט דורך זיין לאָרגנעטע, דערנאָך האָט ער, אַוועקנעמענדיק די לאָרגנעטע פון די אויגן, אַ פרעג געטון טהאַלקאַווען:

— דאָס איז נישט אַמאָל אַ פּאַמפּעראָ?

— סי — האָט דער פּאַטאַגאָניער געענטפערט.

דער פּראָפעסאָר האָט באַלד דידאָזיקע בייזע בשורה אָנגעזאָגט זיינע חברים, אָבער, זעענדיק, אַז זיי פאַרשטייען נישט די שרעקלעכע באַדייטונג פון דעם, האָט ער זיי אָנגעהויבן צו דערקלערן:

— דאָס איז אַזאַ ווילדער שטורמווינט, וועלכער קען געדויערן עטלעכע שעה און טיילמאָל אויך עטלעכע טעג. דאָס טרעפט זיך גאַנץ אָפט אין אַרגענטינע. ווען אַזאַ שטורמווינט ברעכט אויס, רייסט ער אויסביימער מיט די וואָרצלען פון דער ערד. ער דרייט איבער גאַנצע הייזער. ווען עס טרעפט זיך אויפן ים אַזאַ מין ווילדער שטורם, דרייט ער אום שיפן, אָדער וואַרפט זיי אויפן ברעג אַרויס.

ס'האָט שוין אַ סך מאָל געטראָפן, אַז רייזנדע זענען אויף זייערע פערד געריטן און ווען דער פּאַמפּעראָ האָט אויסגעבראָכן, האָט קיין רגע נישט געדויערט, זענען זיי געלעגן צעשמעטערטע אויף דער ערד.

— דער פּאַמפּעראָ קען אונדז נישט אַמאָל צופיל אויפהאַלטן פון דער רייזע? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— ס'זעט זיך אויס אויף אַ קליינעם שטורם, יעדנפאַלס דאַרף מען זיין צוגעגרייט — האָט פּאַגאַנעל געענטפערט.

— ס'איז מיר אַ וווּנדער — האָט דער מאַיאָר נישט געקענט פאַרשטיין — פונוואַנען איר ווייסט דאָס אַזוי אַלץ.

— דערויף איז דאָך דאָ אַ באַראָמעטער, מיין ליבער הער מאַיאָר — האָט פּאַגאַנעל איראָניש געענטפערט.

טהאַלקאַווע האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּווונדערן פון דעמ־דאָזיקן קליינעם אינסטרומענט.

— נישט אַנדערש, ווי דער פּראָפעסאָר מוז זיין אַ מכשף — האָט דער ווילדער געטראַכט. און צו דעם קליינעם אינסטרומענט האָט ער זיך בכלל מורא געהאַט צוצורירן.

ער האָט אויך, לויט זיינע סמנים דערקענט, אַז דער שטורם וועט נישט זיין קיין דויערהאַפטיקער.

ווען עס איז געוואָרן פינסטער, האָבן זיך אָנגעהויבן ביס־לעכווייז אַרויסצווייזן די ווילדע מעשים פון דעם פּאַמפּעראָ.

די פערד און די אייזלען האָבן זיך באַלד אויסגעצויגן אויף דער ערד, די רייזענדע האָבן זיך גוט אַרומגעהילט מיט זייערע דעקן, צוגעטוליעט זיך צו די פערד, כדי עס זאָל זיי זיין וואַ־רעמער.

און דאָך האָט אַ קעלט מיט זיי אויפגעשוידערט און דורכ־גענומען דעם גאַנצן קערפּער. ערשט שפּעט אין אָוונט האָט דער שטורמווינט אויפגעהערט און זיי זענען אַנטשלאָפן געוואָרן.

צומאָרגנס נאָכן פרישטיק האָבן זיי זיך אויפגעזעצט אויף די פערד און ווייטער געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

איין לאָרד גלענאַרוואָן, וואָס האָט אויף קיין איין מינוט פון זכרון נישט אַראָפּגעלאָזט דעם ציל, צוליב וועלכן זיי פאָרן. האָט געקוקט אויף אַלע זייטן, טאָמער וועט ער עמעצן באַגעג־נען, כדי זיך אויסצופרעגן וועגן פאַרשוווּנדענעם קאַפּיטאַן גראַנט, וועלכער דאַרף זיך דאָך אויך געוויס דאָ געפינען.

און ווען ער האָט שוין יאָ פונדערווייטנס עמעצן דערזען, איז יענער באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן. ווייל אין די פּאַמפּאַסן, אַז מ'דערזעט אַ פרעמדן מענטש און דערצו נאָך באַוואָפנט, רעכנט

מען אים פאַר אַ שונא. אַז יענער האָט נאָך באַמערקט אַזאַ גרויסע עקספּעדיציע, איז ער פאַר שרעק, ווי אַ פייל פון בויגן אַנטלאָפן.

וואָלטן זיי כאָטש זיך געקענט אויסשמועסן מיטן ווילדן פּאַטאַגאָניער, וואָלטן זיי פון אים זיכער עפּעס אַרויסגעצויגן. אָבער דער בעסטער שפּאַניש-רעדער, דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, האָט זיך אויך קוים געקענט פאַרשטענדיקן און דאָס אויך מער מיט די הענט, ווי מיטן מויל.

טהאַלקאַווע פון זיין זייט האָט אויך נישט פאַרשטאַנען, ווי זיינע רייזנדע צילן. ער האָט נאָר באַמערקט, ווי יעדעס מאָל, ווען זיי קומען צו אַ שייד-וועג, נעמט דער פּראָפעסאָר אַרויס זיין לאַנדקאַרטע, דעם קאָמפּאַס און ווייזט אָן דעם וועג, אויף וועלכן מען דאַרף גיין.

איינמאָל זענען זיי צוגעקומען צו אַ שיידוועג, פונוואַנען עס האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט צוויי ריכטונגען, איינע קיין קאַרמען, און איינע קיין מענדאָזאַ, אין באָליוויען.

— ווו פאָרן מיר, מיט וועלכן וועג פאַרנעמען מיר זיך — האָט טהאַלקאַווע געפרעגט דעם פּראָפעסאָר, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַרן פּאַקטישן וועג-ווייזער. — צי קיין קאַרמען, צי קיין מענדאָזאַ?

— נישט דאָ און נישט דאָרט — האָט דער פּראָפעסאָר לאַנגזאַם געענטפערט, אַרויסנעמענדיק פון זיין קעשענע די לאַנדקאַרטע און דעם קאָמפּאַס.

ער האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטיפט אין דער לאַנדקאַרטע און דערנאָך אָנגעוויזן אין אַ גלייכער ליניע צו דרום-צו.

טהאַלקאַווע האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, אָבער ער האָט געשוויגן און געפאָלגט דעם באַפעל.

— מען מוז דעם ווילדן דאָ געבן צו דערקלערן וואָס און

ווי מיר פאָרן — האָט דער מאַיאָר אַרויסגעזאָגט זיין מיי־נונג — אפשר ווייסט ער עפּעס, וואָס קען אונדז צונוץ קו־מען.

— איר זענט דאָס מאָל פולקאָם גערעכט — האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַ שמייכל אים געענטפערט און ער האָט זיך גע־נומען מיט אַלע זיינע כּוחות און פעיִקייטן, אין וויפל שפּראַכן ער האָט נאָר געקענט, דעם ווילדן צו געבן צו פאַרשטיין דעם ציל פון זייער רייזע.

ער האָט אים מיט אַ שטעקעלע אויפגעצייכנט אויפן זאַמד אַ מאַפּע און אָנגעצייכנט די גראַדן און דערקלערט אַהין און אַהער, אַז אַ שוויס האָט זיך פון אים געגאָסן. דער פּאַטאַגאָניער האָט אָבער געשוויגן, נאָר אויפמערקזאַם אויסגעהאָרכט.

ער האָט אים מיט די הענט און מיט דעם שפּאַניש, וואָס ער האָט געקענט, דערציילט וועגן קאַפּיטאַן גראַנט, וואָס איז פאַר־לוירן געוואָרן און וועגן די בריוו, וואָס מ׳האָט אין דער פלאַש געפונען. און ענדלעך צום סוף האָט ער אים אָנגעוויזן אויפן זאַמד און דער לאַנדקאַרטע, וואָס ער האָט אויפגעצייכנט, אַז דאָ דאַרף זיך דער קאַפּיטאַן צו געפינען.

פּהאַלקאַווע האָט ענדלעך פאַרשטאַנען.

— אַ געפאַנגענעם, אַ ווייסן זוכט איר דאָרט — האָט ער אָנגעוויזן אויפן זאַמד און ער האָט פאַר צופרידנקייט געשמייכלט.

אַלע האָבן זיך זייער שטאַרק געפרייט, וואָס ענדלעך איז דעם פּראָפעסאָר געלונגען דעם ווילדן אויפצוקלערן דעם ציל פון זייער רייזע.

דער פּראָפעסאָר האָט געשוויצט און געווישט זיך כּסדר דעם שטערן מיטן טיכל.

— אפשר ווייסט ער עפּעס וועגן אונדזער קאַפּיטאַן —

האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט — פּרוּווט, גיט נאָר אַ רעד מיט אים, פּראָפעסאָר.

אויף דער פראַגע פון פּראָפעסאָר, האָט טהאַלקאַווע געענט־פערט, אַז עס איז גאַנץ מעגלעך, דאָס ער ווייסט.

אַלע האָבן זיך באַלד אַרום אים אַרומגעשטעלט און געקוקט דעם ווילדן גלייך אין מויל אַריין.

— וואָס־זשע קענסטו אונדז זאָגן? — האָט דער פּראָפע־סאָר אומגעדולדיק געפרעגט.

— איך האָב געהערט, אַז דאָ, אין די קאַנטן געפינט זיך אַ געפאַנגענער אַ ווייסער — האָט טהאַלקאַווע געענט־פערט.

— דו האָסט אים נישט געזען? — האָט אים לאָרד גלע־נאַרוואָן געפרעגט.

— ניין, אַן אינדיאַנער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אים געזען.

— הער פּראָפעסאָר, לערנט מיך אויס, ווי מען זאָגט אויף שפּאַניש: דאָס איז מיין פאָטער — האָט זיך ראָבערט גע־בעטן.

— עס מיאָ פּאַדרע — האָט אים דער פּראָפעסאָר געענט־פערט.

דער קליינער ראָבערט האָט גענומען איבערחזרן פאַר טהאַל־קאַווען דעמדאָזיקן זאַץ עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד.

דער ווילדער האָט אַ שמייכל געטון און ווי מיט מיטגעפיל געקוקט אויפן קליינעם ראָבערט.

אַלע זענען צודרינגלעך צוגעשטאַנען צום ווילדן פּאַטאַגאָ־ניער, ער זאָל זיי אויספירלעך דערציילן, וואָס ער ווייסט מכּוח דעם געפאַנגענעם.

טהאַלקאַווע האָט רויִק גענומען דערציילן, ווי מ'האָט אים

איבערגענעבן, אַז באַ איינעם פֿון די שטאַמען, וואָס וווינען צווישן די טייכן קאָלאָראַדאָ און ריאָ נעגראָ, געפֿינט זיך אַן אייראָפּעער, וועלכן ס'האָט גענומען געפֿאַנגען דער קאַציק *) קאַלפֿוקרו.

ווען דעמדאָזיקן קאַציק האָט זיך טהאַלקאַווע אויסגעדריקט אַז ער האָט צוויי צונגען און צוויי הערצער. מיט דעם האָט ער געמיינט צו באַצייכענען, אַז ער איז אַ פֿאַלשער מענטש. די ווילדע אין פּאַטאַגאָניען האָבן ליב זיך אויסצודריקן אַלעגאָריש.

— צי איז מעגלעך אים צו באַפֿרייען פֿון דעמדאָזיקן קעניג? — האָט דער פּראָפֿעסאָר געפֿרעגט.

— זיכער, איר וועט אים נאָר מוזן געבן צוויי פּעסלעך ראָם. — האָט טהאַלקאַווע געענטפֿערט.

— קענסטו מיר נישט זאָגן, ווי לאַנג עס געפֿינט זיך שוין דאָרטן דער אייראָפּעער? — האָט דער פּראָפֿעסאָר ווידער געפֿרעגט.

— שוין העכער צוויי יאָר.

ווען מ'האָט לאָרד גלענאַרוואָנען איבערגעגעבן דעמדאָזיקן ענטפֿער, איז ער אַזש פֿאַר פֿרייד אונטערגעשפּרונגען. איצט איז באַ אים שוין קיין שום ספֿק נישט געווען, אַז דער געפֿאַנגענער אייראָפּעער איז נישט קיין אַנדערער, ווי קאַפּיטאַן גראַנט.

— עס זענען דאָך אָבער געווען נאָך צוויי מאַטראָסן, האָסטו פֿון זיי נישט געהערט? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפֿרעגט דורכן פּראָפֿעסאָר.

— איך האָב נישט געהערט.

— און ווו קען מען איצט געפֿינען דעם קאַציק קאַלפֿוקרו? — האָט מען אים ווידער געפֿרעגט.

— כ'ווייס נישט — האָט ער קורץ געענטפֿערט.

*) קעניג.

אזוי פיל האָט מען נאָר באַוויזן פון אים אַרויסצוקריגן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך אָבער געפרייט מיט די ידיעות אויך. די צוויי מאַטראָסן, האָבן אַלע גערעכנט, זענען פאַרקויפט געוואָרן ערגעץ אַנדערש.

— איצט איז נישטאָ קיין אַנדערע אויפגאַבע, ווי נאָר צו לאָזן זיך צום טייך קאָלאָראַדאָ — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל.

אַלע האָבן אָנגעזאָטלט די פערד און אונטער טהאַלקאַוועס אָנפירונג האָבן זיך אַלע אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין אין דער ריכטונג פון קאָלאָראַדאָ. וווהין זיי זענען אָנגעקומען אין צוויי טאָג אַרום.

XVI.

אַ מחלוקת.

צוקומענדיק צום טייך, האָט דער פּראָפעסאָר קודם כל גענומען אויספאָרשן זיינע אייגנשאַפטן, כדי ער זאָל האָבן וואָס פאַרצושטעלן דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט. דער גרונט פון דעם טייך איז געווען רויט, צוליב דעם, ווייזט אויס, הייסט ער קאָלאָראַדאָ — באַפאַרבט. אַלע האָבן זיך אָפּגעבאָדן און דערפרישט זיך אַ ביסל נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע.

פּונדאַנען זענען זיי ווייטער אַוועק און אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טעג אָן שום באַזונדערע פּאַסירונגען.

אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט קליינע וועלדלעך און איינצעלנע ביימעלעך. אויף טייל ערטער איז טהאַלקאַווע אַראָפּגעגאַנגען

פון זיין פערד און מיט דער ביקס אָנגעקלאַפּט אין די ביימ־לעך.

— צו וואָס טוסטו דאָס ? — האָט אים דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

דער פּאַטאַגאָניער האָט זיך אַראָפּגעבויגן אונטער אַ בוים און פאָרזיכטיק, אין אַ בלאַט איינגעוויקלט, אויפגעהויבן אַ שוואַרצן סקאָרפּיאָן און אים געוויזן.

דער פּראָפעסאָר האָט אויפגעציטערט פאַר שרעק און צו־געגומען די אויגן. ער האָט נישט געקענט קוקן אויף דעמדאָזיקן מיאוסן, שרעקלעכן שרץ.

איצט האָט שוין דער פּראָפעסאָר תּופס געווען, פאַרוואָס טהאַלקאַווע האָט געקלאַפּט מיט זיין ביקס אָן די ביימער. ער האָט געוואָלט איבערשרעקן די סקאָרפּיאָנען. זיי זענען זייער גיפטיק. פון זייערס אַ ביס פאַלט אַ פערד אָדער אַ בהמה תּיכף אַוועק.

זיי זענען שוין איצט געפאָרן פאָרזיכטיק, אומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן.

פּלוצלינג זענען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסן שטח, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט מיט ביינער פון בהמות און פערד. לויט דער גרויסער צאָל ביינער, האָט מען זיך געקענט משער זיין, אַז דאָ זענען געפאַלן אַ פאַר הונדערט בהמות.

אַלע האָבן זיך שטאַרק פאַרוואונדערט און נישט געקענט פאַר־שטיין, ווי עס האָבן זיך דערגומען דאָ אַזוי פיל ביינער.

זיי האָבן געפרעגט דעם פּאַטאַגאָניער, ער זאָל זיי אויס־טייטשן די סיבה דערפון.

— דאָס איז פייער פון הימל ? — האָט ער קורץ געענט־פערט.

— פון אַ בליץ זענען זיי אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן, — האָט דער פּראָפעסאָר באַלד איבערגעגעבן — ווייזט אויס, אַז דאָ

קומען פּאָר שרעקלעכע שטורמווינטן מיט דונערן און בליצן, מיר דאַרפֿן זיין פאַרגעבנדיק אויף אַלעם ערגסטן.

פאַרנאַכט זענען זיי צוגעקומען צו אַ פאַרמע. מ'האָט נישט געזען קיין שום מענטשן אַרום אין דער גאַנצער סביבה. זיי זע־נען אַהין אַריינגעגאַנגען. די שטוב איז געווען ליידיק, קיינער איז נישט געווען.

— ס'איז זיכער דער באַלעבאָס פון די געהרגעטע בהמות, וואָס מיר האָבן דאָרט אויפן פּלאַץ געזען — האָט זיך דער פּראָ־פעסאָר געווענדט צו טהאַלקאַווען.

ער האט געהויבן מיט די פּלייצעס און קיין ענטפער נישט געגעבן.

זיי האָבן באַשלאָסן צו נעכטיקן אין דער שטוב, קודם כּל וועט דאָך נישט זיין אַזוי קאַלט און קיין רעגן וועט נישט צוקו־מען. מ'האָט נאָך געפונען אין דער שטוב פאַרשידענע באַלעבאַ־טישע כּלים, פאַרשידענע מכשירים. מ'האָט געקענט לייכט זיך אָנשטויסן, אַז דער באַלעבאָס איז אַוועק אין גרויס איילע־ניש.

די פערד האָט טהאַלקאַווע אַריינגעפירט אין דער צווייטער שטוב, וואָס איז געווען אין דעם זעלבן הויז און גוט פאַרשטעלט די טיר.

ס'האָט אַלע דאָס זייער פאַרוווּנדערט, ווייל קיינמאָל איז ער נישט געווען אַזוי פאַרזיכטיק, ווי איצט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אים געפרעגט, צוליב וואָס ער טוט דאָס.

טהאַלקאַווע האָט אים דאַן אויפגעקלערט, אַז אין די געגנטן געפינען זיך אַ סך קליינע פּיקסן, וועלכע טשעפּען נישט די פערד אַליין, נאָר צעפרעסן זייער גאַנץ געשפּאַן.

זיי האָבן זיך אויסגעשלאָפן און צוזאַמענגעזוכט זענען זיי ווייי־

טער געפֿאָרן. די געגנט האָט זיך פֿלוצלינג פֿולשטענדיק געענ־
דערט. ס'האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס גראָז און ס'האָבן זיך אָנגע־
הויבן גאַנצע שטחים מיט דערנער און שטעכעכץ, וואָס האָט ד'
קליידער צעריסן און טיילמאָל איז עס אויך אַריין אין לייב און
ביז בלוט צעדראַפּעט.

זיי זענען דעריבער געפֿאָרן פֿאָרזיכטיק און פּאַמעלעך; אַזוי
זענען זיי אָפּגעפֿאָרן עטלעכע שעה.

פֿלוצלינג האָט מען דערשפּירט עפּעס אַ רויך, אַלע האָבן
זיך אומגעקוקט און געזוכט מיט די אויגן די סיבה דערפֿון, אָבער
קיין פֿייער האָט מען נישט געזען.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך דעריבער געווענדט צום פּראָ־
פֿעסאָר פּאַגאַנעל, ער זאָל זיי באַשיידן דאָס רעטעניש.

— אויב ס'איז אַ רויך, מוז ערגעץ אויך זיין פֿייער —
האָט פּאַגאַנעל רויק געענטפֿערט — דאָס מוזן אָן שום ספק ברע־
נען די פּאַמפּאַסן און ווייל די לופֿט איז דאָ זייער ריין, דעריבער
פֿילט זיך דער רויך אויף צענדליקער מיילן.

— ווי אַזוי האָבן זיך די פּאַמפּאַסן אָנגעצונדן? — האָט
זיך דער קלייבער ראָבערט געפֿרעגט.

— אויף דער זון ווערן די גראָזן זייער אויסגעטרוקנט און
באַם ערשטן בליץ כאַפּט זיך דאָס אָן און ברענט. טיילמאָל צינדן
דאָס אויך אונטער די אינדיאַנער — האָט דער פּראָפֿעסאָר גע־
ענטפֿערט.

— צוליב וואָס טוען זיי דאָס?

— זיי האַלטן, אַז ווען די אַלטע גראָזן ברענען אויס,
וואַקסן די נייע בעסער. זיי טוען עס אויך צוליב דעם, כדי אויס־
צוּברענען' די פֿאַרשידענע שרצים, וואָס ווידמענען זיך אין די
גראָזן.

— וווּ וועלן מיר־זשע זיך אַהינטון, אויב דאָס פֿייער וועט

דאָ אַהער דערגיין — האָט זיך לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט באַ טהאַלקאַוען.

— דער טייך וועט דאָס פייער דאָ אַהער נישט דערלאָזן — האָט יענער געענטפערט

אַלע האָבן זיך באַרויקט און ווייטער געפאָרן. די היץ איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, עס האָט געברענט, ווי אין אַ קאַלך־אויוון. זיי האָבן אָנגעהויבן דערפילן אַ שטאַרקן דורשט און דאָס וואַסער האָט שוין געהאַלטן באַ אויסגיין.

דער ממונה איבערן וואַסער איז געווען דאָס מאָל טהאַל־קאַווע, ער האָט יעדערן געגעבן קוים די ליפן צו באַנעצן, אַבי נישט פון דורשט צו שטאַרבן.

ער האָט זיי אָבער אַלע באַרויקט, אַז אויב מען וועט פאָרן אַ ביסל שנעלער, וועט מען נאָך היינט אין אָוונט אָנקומען צו אַ טייך.

דערווייל האָבן זיך ווייט אויפן האָריזאָנט באַמערקט עט־לעכע רייטער.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך דערפרייט, וואָס ענדלעך וועט ער טרעפן מענטשן און קענען באַ זיי עפעס געוויר ווערן וועגן קאַפיטאַן גראַנט.

אָבער קוים האָבן יענע באַמערקט דידאָזיקע קליינע עקס־פעדיציע, זענען זיי זיך צעפלויגן אויף אַלע זייטן, ווי די קראָען.

— פחדנים — האָט דער פראָפעסאָר אויסגערופן און בשעת מעשה זייער צופרידן געווען, וואָס מ'האָט פאַר זיי מורא. — ווער קענען זיי דאָס זיין?

— דאָס זענען גואַטשאָס! — האָט טהאַלקאַווע אים דער־קלערט.

— דאָס זענען היגע פערמער — האָט דער פראָפעסאָר

באַלד די איבעריקע איבערגעגעבן — זיי האָבן געמיינט, אַז מיר זענען אַ באַנדע מערדער.

— ניין, איך ווייס אויך — האָט לאָרד גלענאַרוואַן מיט אַ קוים באַמערקבאַרן כעס געענטפערט — דאָס זענען פּשוטע ווי־בער, גזלנים און איר דערציילט גאָר פערמערס. — ס'האָט אים משמעות פאַרדראָסן, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט זיי שוין צופיל געהאַלטן פאַר זיינע שילער.

אין דעם וויכוח האָט זיך אויך אַריינגעמישט דער מאַיאָר, וועלכער איז שטענדיק געווען גרייט צו קריגן זיך מיטן פּראָפע־סאָר. פון וואָרט צו וואָרט איז געקומען צו אַזאַ מחלוקת, אַז ס'האָט שיעור געהאַלטן דערביי, מען זאָל זיך מכבד זיין מיט פעטש. די געוואַלטן האָבן זיך געלאָזט הערן אַרום און איינער איז אויפן צווייטן געשפּרונגען.

פלוצלינג איז טהאַלקאַווע צו זיי צוגעגאַנגען און אַ שמייכל געטון:

- דער צפון־ווינט איז אין דעם שולדיק.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט און נישט פאַר־שטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן.

פלוצלינג איז דער פּראָפעסאָר אויפגעשפּרונגען, און אַ פּאַטש טוענדיק מיט ביידע הענט, האָט ער זיך צעלאַכט.

— איך האָב גאָר פאַרגעסן — האָט ער נאָך אַלץ לאַכנדיק געזאָגט — אַז אונטערן איינדרוק פון היגן צפון־ווינט ווערט מען אַזוי נערוועיש און מען הייבט זיך אָן צו קריגן.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, געגעבן זיך די הענט.

איצט זענען זיי שוין געשטאַנען מיט די פּלייצעס צום ווינט, האָט ער זיי דעריבער מער נישט געקענט שאַטן

XVII.

באַם טייך.

די פרייל̄עכע שטימונג צוליב דער פריערדיקער מחלוקת איז באַלד פאַרשווונדן. די סיבה דערפון איז געווען דער שרעקל̄עכער דורשט, וואָס האָט זיי געפּייניקט.

זיי זענען קוים שוין אויף די פיס געשטאַנען. די האָפנונג, אָבער אַז עס וועט באַלד זיין וואַסער, האָט זיי צוגעגעבן כּוח און מוט אויסצוהאַלטן.

ווען זיי זענען צוגעקומען אויפן אָרט, וווּ טהאַלקאַווע האָט זיי פאַרויסגעזאָגט, אַז עס דאַרף דאָרט זיין אַ טייך, איז שוין גע־ווען שפּעט אין דער נאַכט. ווי דערשטוינט זענען זיי אָבער גע־וואָרן, אַז דער טייך איז געווען אויסגעטרוקנט.

די לאַגע איז געווען אַן אמת־פאַרצווייפלטע. די צונג האָט זיך יעדערן צום גומען צוגעקלעבט, זיי האָבן אין אַלץ געהאַט פאַרגעסן. דער איינציקער פאַרלאַנג זייערער איז געווען: אַ קליין ביסעלע וואַסער.

אַלע האָבן זיך צוזאַמענגענומען אויף איין אָרט, כּדי צו באַ־שליסן, וואָס ווייטער צו טון.

ענדלעך איז געבליבן, אַז מען צעטיילט זיך אויף צוויי גרו־פּעס. איין גרופּע, באַ וועלכער די פערד זענען נאָך נישט אַזוי מיד, זאָלן זיך לאָזן פאָרויס צום טייך גואַמיני, וואָס ליגט סך הכּול עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער ווייט פון דאַנען. און די אַנדערע גרופּע זאָל זיך שלעפּן מיטן וועג, וואָס זי דאַרפן

אייגנטלעך צו גיין. ווען די ערשטע וועלן שוין האָבן זיך אָנגע־טרונקען, וועלן זיי אָנשעפּן פולע לאָגלען מיט וואַסער און מיט דער מעגלעכסטער שנעלקייט די צווייטע גרופּע אָניאָגן.

קיין אַנדערע עצה איז נישט געווען.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג איז געבליבן, אַז לאָרד גלע־נאַרוואַן, ראָבערט און טהאַלקאַווע פאָרן צום טייך און די איבעריקע זאָלן זיך לאַנגזאַם אַזוי שלעפּן.

דער עולם האָט זיך געלייגט שלאָפן, כדי צומאָרגנס אויפ־צושטיין אויסגערוטע און ווייטער זיך לאָזן אין וועג אַריין.

אויפן אַנדערן טאָג גאַנץ פרי האָבן זיךביידע גרופּעס פו־נאַנדערגעטיילט אין פאַרשידענע וועגן.

לאָרד גלענאַרוואָן מיט זיין קליינטשיקער מחנה נאָך וואַסער און די איבעריקע, אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר, ווייטער פאָרטצוזעצן דעם אָנגעצייכנטן וועג.

זיי זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון טייך גוּאַמיני. די צווייטע גרופּע איז שוין געהאַט פאַרשוווּנדן פון אויג.

די פערד האָבן אָנגעהויבן צו גיין וואָס אַמאָל שוואַכער. די היץ האָט פשוט פאַרפייניקט. פייער האָט זיך געגאָסן פון הימל.

פלוצלינג זענען די פערד געוואָרן מונטערער און פרישער זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן, משמעות זיי האָבן עפּעס דערפילט א גוטע זאַך.

נאָך אַ האַלבער שעה פאָרן האָט פונדערווייטנס ענדלעך אַ בליץ געטון פאַר די אויגן אַ ווייסער, זילבערנער פּאַס, וואָס האָט שימערירט אויף דער זון.

די אויגן האָבן זיי אויפגעגלאַנצט פאַר פרייד און די פערד האָבן אָנגעהויבן פליען פייל פון בויגן און נאָך אייניקע פאַר מי־

גוט זענען זיי שוין געלעגן אין טייך, ווי צוגעקלעבט מיט זייערע מאַרדעס צום וואַסער.

ווען אַלע האָבן זיך געהאַט גוט אָנגעטרונקען, האָט לאָרד גלענאַרוואָן באַפוילן, אַז טהאַלקאַווע זאָל וואָס שנעלער אָנשעפּן אַ פּאָר לאָגלען וואַסער און אַהינלויפן צו די איבעריקע.

ווען ער האָט זיי אָנגעיאָגט, זענען שוין אַלע כמעט געלעגן פאַרחלשטע. די פערד האָבן זיך געטאָרגלט אין דעם אויסגעברענטן גראָז און געוואָרפן מיט די פיס.

זיי זענען אַלע באַפאַלן טהאַלקאַווען און פאַר אומגעדולד אים שיער מיטן וואַסער צוזאַמען נישט צעריסן. מען האָט געגעבן אויך די פערד אָנצוטרינקען. טהאַלקאַווע האָט זיי נאָר אָנגעוויזן דעם וועג צום טייך און אַליין איז ער פייל פון בויגן צוריק אַוועק צום לאָרד גלענאַרוואָן מיט ראָבערטן.

ווען ער איז צו זיי צוגעקומען, האָט ער זיי שוין געטראָפן איינגעאָרדנט אין אַ פאַרצוימונג, וואָס איז אודאי איבערגעבליבן נאָך אַ פּאַרטיע אינדיאַנער. ראָבערט האָט געהאַט אָנגעשאָסן אַ פּאָר פייגל און קליינע חיות.

ווען ער איז צוגעקומען, האָט מען ערשט צעלייגט אַ פייער און געמאַכט אַן אמת געבראָטנס.

נאָך די פּאָר טעג אויסמאַטערונג צוליבן וואַסער, האָט אויך דאָס מיטאָג גאַנץ גוט געשמעקט, בפרט, אַז דער זעלבער גלאַנציקער טייך, וועלכער האָט זיך איצט געראָזט אין דער אונטערגייענדיקער זון, איז געווען אין דער נאָענט.

זיי האָבן אויך, פאַרשטייט זיך, אין זינען געהאַט זייערע הינטערשטעליקע חברים און זיי איבערגעלאָזט אַ פיין מיטאָג, זיי האָבן זיך גערעכנט, אַז זיי וועלן אָנקומען אין שפּעטער נאַכט.

XVIII.

אַ נײַע פּלאָג.

אַ פֿינסטערע נאַכט איז געווען, מ׳האָט אויף אַ פּאָר טריט ווייטער פֿון זיך גאָרנישט געזען. דער הימל איז נאָר געווען אויס־געשפּרייט מיט אומצייליקע פֿינקלדיקע שטערן, וואָס האָבן מיט בלוילעך־גרינע פֿייערלעך געפֿלאַקערט.

אַרום איז געווען שטיל. מ׳האָט נאָר געהערט דאָס שנאָרכן פֿון די דריי רייזנדע, וועלכע זענען פֿאַר די לעצטע פּאָר טעג זיי־ער שטאַרק אָפּגעמאַטערט געוואָרן.

פּלוצלינג אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך דערהערט אַ פּאָר־דעכטיק שטיל גערויש, וואָס נאָר אַ צוגעוווינט אויער האָט דאָס געקענט אויפֿפּאַסן. טהאַלקאַווע האָט אויפֿגעוואַכט, אויפֿגעשפּיצט די אויערן אין אַלע זייטן און איז מיט שרעק אויפֿגעשפּרונ־גען.

ער האָט שנעל צוגעוואָרפֿן טרוקענע צווייגן צום פֿייער, וואָס האָט זיך שוין געהאַלטן אין אויסלעשן. ס׳האָט פֿריש אָנגעהויבן צו קנאַקן און שפּריצן מיט רויטע פֿונקען אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין.

דאָס פֿערד האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שנאָרכן און אומ־דרייען זיך אויף אַלע זייטן, איבערטרעטן פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן, ווי ס׳וואָלט זיך פֿאַר עפּעס געשראָקן.

טהאַלקאַווע האָט גענומען זיין לאַנגע ביקס, אַנידערגעקניט אויף איין פֿוס און זיך איינגעקוקט אין דער פֿינסטערניש, וואָס

איז צוליב דעם ראָזן פלאַם פון פייער פונדערווייטנס נאָך שוואַר־צער געוואָרן.

פלוצלינג האָבן פון צווישן די גראָזן און די קליינע ביימעלעך ארום אָנגעהויבן אַרויסצופינקלען גליענדיקע אויגן, וואָס האָבן אים קיל געמאַכט דאָס בלוט און די אָדערן.

— אַנוואַראַס — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט און אַ שוידער איז אים דורכן גאַנצן לייב אַדורך.

דאָס זענען געווען די אין יענער געגנט באַקאַנטע רויטע וועלף, וועלכע פלעגן אָנפאַלן אין גאַנצע באַנדעס, איבערהויפּט זומער, ווען די טייכן זענען אויסגעטרוקנט. דאַמאָלס זענען זיי זייער געפערלעך.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַן אימהדיק היילן, וואָס איז אַלע מאָל נענטער געוואָרן. מ׳האָט שוין געהערט דאָס רוישן פון דעם טרוקענעם גראָז, וואָס זיי האָבן מיט זייערע פיס באַוועגט, דאָס קנאַקן פון די טרוקענע צווייגעלעך אונטער זייערע טריט.

טהאַלקאַווע איז געוואָרן אומרויִק, — ער האָט אויסגעצויגן די ביקס און פלוצלינג האָט אַ קנאַל אָפּגעהילכט אין דער ווייטער פינסטערניש אַרום. ווי אַן עכאָ האָט אָפּגעענטפערט דאָס גרעסערע היילן נאָך פון די הונדערטער וועלף.

זיי זענען אַ גאַנצע מחנה שוין נישט ווייט געשטאַנען און געלויערט מיט די בליציקע אויגן אויף זייערע קרבנות.

פון דעם ביקסן־קנאַל האָט זיך לאַרד גלענאַרוואַן מיט ראָ־בערטן אויפגעכאַפּט דערשראָקן. זיי האָבן געמיינט, אַז אַ באַנדע ווילדע זענען זיי באַפאַלן.

ווען טהאַלקאַווע האָט זיי דערציילט, ווער עס איז דער אייגנ־לעכער שונא זייערער, האָבן זיי זיך אויף אַ מאָמענט באַרויקט, אָבער ווען דאָס געהייל און געוואָיערײַ איז שטאַרקער געוואָרן

און דאָס בליצן פון די אויגן — גליענדיקער און נענטער, זענען בײַ זיי העגט און פיס אָפּגענומען געוואָרן פון פחד.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אָנגעהויבן באַרויקן דעם קליינעם ראָבערט, וועלכער האָט געציטערט, ווי אַ פיש, איינרעדנדיק אים, אַז די רויטע וועלף זענען גאָרנישט אַזוי שרעקלעך. אַליין אָבער האָט ער גאַנץ גוט געוווּסט, מיט וואָס פאַר אַ געפערלעכער חיה ער האָט דאָ צו טון.

זיי האָבן אָנגעלאָדן די ביקסן און געשטאַנען גרייט.

דערווײַל זענען די וועלף שוין געהאַט צוגעקומען כמעט ביז דער פאַרצוימונג. טייל פון זיי האָבן שוין די צווייגעלעך פון פלויט געריסן, דערפילנדיק באַלד דערלעבן די פערד.

ראָבערט האָט געוואָלט אויסשיסן, אָבער טהאַלקאַווע, אָנ־ווייזנדיק, אַז עס איז פאַרהאַן זייער ווינציק פולווער, האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון, אָנזאָגנדיק צו זיין שפּאָרזאַם מיט די קוילן.

די לאַגע איז געווען נישט קיין זייער פריילעכע. עס זענען געווען עטלעכע הונדערט וועלף, אויסגעהונגערטע און זיי סך הכּול דריי שיסער. אין בעסטן פאַל קענען זיי נאָך מיט דעם ביסל פולווער, וואָס זיי פאַרמאָגן אַוועקלייגן עטלעכע און צוואָנציק שטיק, אָבער די איבעריקע וועלן זיך אָן זיי ביטער נוקם זיין.

זיי האָבן געטון אַלע מיני תחבולותן: זיי האָבן אָנגעלייגט אַ פייער, כּדי די וועלף אָפּצושרעקן, אָבער זיי זענען נאָך דרייס־טער געוואָרן און שטאַרקער גענומען וואָיען. ווען זיי זענען צוגע־געקומען נאָענט צום פייער, האָט מען ערשט געשאָסן אויף זיי.

עס זענען שוין געלעגן אַ פּאָר צענדליק געהרגעטע וועלף,

אָבער וואָס האָט דאָס אויסגעמאַכט קייגן אַזאַ גרויסע מחנה? מ'האָט זיי נאָך מער צערייצט מיט דעם כסדרדיקן שיסן.

ראָבערט איז געשטאַנען, איינגעצאַנצן אַריינגעטון אין דער פֿאַרטיידיקונג, מיט דער ביקס אין דער האַנט, און געוואַרט נאָר עס זאָל זיך באַווייזן אַ וואָלף נענטער צו דער פֿאַרצוימונג.

לאָרד גלענאַרוואַן איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דער דער העלדישקייט פֿון דעם יינגל און צו זיין אויסערגעוויינטלעכער דרייסטקייט.

טהאַלקאַווע האָט זיי ביידע מיט אַלע כּוחות קוים איינגעהאַלטן נישט צו אָפּט צו שיסן. ער האָט מיט זיינע פֿאַרשידענע צייכנס און סמנים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אויב מען וועט אויסהאַלטן ביז טאָג, איז מען געראַטעוועט, ווייל די וועלף פֿאַלן נאָר אָן באַנאַכט.

דערווייל האָט דער פּאַטאַגאָניער אויסגענוצט אַלערליי מיטלען, אָבי נישט קאַליע צו מאַכן קיין אומזיסטע קויל. ער האָט מיט זיין מעסער נישט איין וואָלף אַנידערגעלייגט, אָדער מיט דער לאַנגער ביקס אַ קאָפּ צעשפּאָלטן.

כּל־זמן דאָס פֿייער האָט נאָך געברענט, האָבן נאָך די וועלף ווי ס'איז מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן. ווען עס האָט אָבער פֿאַרפֿעלט טרוקענע צווייגן מיט גראָז, האָט דאָס פֿייער גענומען זיך לעשן. וואָס זיי האָבן געהאַט בא זיך פּאַר אַ נישט ווערטיקע זאַכן, האָבן זיי עס אַריינגעוואָרפֿן אין פֿלאַם, ביז אַלץ איז פֿאַרבריִענט געוואָרן און ביסלעכווייז האָט אָנגעהויבן אויסגיין דאָס פֿייער.

די וועלף האָבן גענומען רייסן מיט די נעגל דעם פּלויט און וואָרטשען.

טהאַלקאַווע האָט זיין לעצטע קויל שוין געהאַט אויסגעשאָסן און אַוועקגעלייגט אַ גרויסן וואָלף.

עס איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל.

אַלע האָבן געמיינט, אַז די וועלף האָבן שוין אָפּגעטרעטן און עס איז זיי לייכטער געוואָרן אויף די הערצער, צום סוף האָבן גאָר די וועלף שטילערהייט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן די פּאַרצוימונג און מיט מער חוצפּה גענומען רייסן דעם פּלויט.

זיי האָבן זיך פּאַרטיידיקט, מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. לאָרד גלענאַרוואַן האָט געפּאַכעט אַרום זיך מיט אַ מעסער און טהאַלקאַווע האָט זיך געווערט מיט זיין לאַנגער ביקס, אָבער לאַנג האָט אַזאַ פּאַרטיידיקונג נישט געקאָנט אָנהאַלטן.

פּלוצלינג האָט טהאַלקאַווע, צו אַלעמענס פּאַרוווּנדערונג, זיך געפּונען באַם פערד און ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויפזעצן רייטן.

— וואָס גייסטו טון? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אַ געשריי געטון, מיינענדיק, אַז דער פּאַטאַגאָניער גייט אַליין אַנטלויפן און זיי איבערלאָזן דאָ מיט די וועלף.

אָבער טהאַלקאַווע האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט זיין שפּראַך:

— איך לויף אַוועק, פערד רייט שנעל, וועלף נאָך אים לויפן.

ראָבערט האָט אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל זיי נישט פּאַרלאָזן.

טהאַלקאַווע האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, ער האָט זיי נאָר געוויזן מיט דער האַנט אויף די פּאַמפּאַסן, אַז דאָרט איז פריי, דאָ אַרום קאָן מען אַרויסלויפן מיטן פערד און אַלע וועלף וועלן נאָכלויפן. דאָס פערד אָבער, וואָס איז זייער פלינק, וועלן זיי בשום אופן נישט קענען כאַפּן. דערווייל וועט אָנהייבן צו טאָגן און די וועלף וועלן זיך צעלויפן, וועלן מיר זיין געראַטעוועט.

ווי זיי האָבן דאָ אַזוי געשמועסט, האָט זיך ראָבערט אַ כאַפּ

אַרויף געטון אויפן פערד און ווי אַ בליץ אַרויסגעפלויגן פון דער פאַרצוימונג.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אַ געשריי געטון פון פאַרצווייפ־לונג. ער האָט דעם קליינעם ראָבערט שוין געהאַלטן פאַר אַ פאַר־לוירענעם.

די וועלף האָבן זיך מיט אַ געהייל אַ לאָז געטון נאָכן פערד און אין איינציקע סעקונדן אַרום איז קיין סימן פון קיין וואָלף נישט געווען. פונדערווייטנס האָט זיך נאָר געהערט דאָס וואָיען און היילן, וואָס איז מיט יעדער ווײַלע געוואָרן שטילער און שטילער.

— לאָמיר אויפזיצן אויף די פערד און נאָכרייטן. איך האָב מורא פאַר דעם לעבן פון יינגל — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויס־געשריגן.

— דו דיך נישט שרעק. ראָבערט גוט רייטן, פערד שנעל לויפן.

ער האָט געהייסן צוּוואַרטן ביז טאָג.

יעדע מינוט האָט זיך געצויגן — אַ יאָר. ענדלעך האָט זיך באַוויזן אויף מזרח אַ ראָזע שנירעלע, וואָס איז אַלע מאָל ברייטער געוואָרן. די בלויקייט האָט אָנגעהויבן גרויער ווערן און מישן זיך.

ערשט ווען די זון האָט אַ בליץ אַפער געטון פון הינ־טערן האָריזאָנט, האָט טהאַלקאַווע געהייסן זאָטלען די פערד און רייטן.

וווהין אָבער צו פאָרן האָבן זיי נישט געוווּסט. האָבן זיי קודם כּל באַשלאָסן צו פאָרן זוכן די איבעריקע חברים.

זיי האָבן צווישן זיך גאָרנישט מער גערעדט, נאָר געפאָרן שטילשווייגן. יעדעס מאָל האָט טהאַלקאַווע אַ מאָדנע פייף גע־געטון, ביז מיט איינמאָל האָט זיך אויף זייגס אַ פייף דערהערט

אַ הירזשען פון אַ פערד און ראָבערט מיט טהאַלקאַוועס. פערד האָבן זיך ווי אַ בליץ אַנגעטראָגן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים אַרומגעכאַפּט און געקושט, צוגעדריקט צו דער ברוסט און צו זיין פרייד האָט קיין סוף נישט געגומען.

טהאַלקאַווע האָט געגלעט זיין פערד, געפרייט זיך מיט ראָבערטן, געפּאַטשט אים אין די פּלייצעס, אָנערקענענדיק, אַז ער איז אַ מוטיקער בחור.

אין דערדאָזיקער פריילעכער שטימונג זענען זיי צוגעקומען צו דער איבעריקער חברה.

XIX.

אַ ר ע ט ע נ י ש.

נאָכן צוזאַמענטרעפן זיך האָבן אַלע איינער דעם אַנדערן אויסדערציילט די איבערלעבונגען זייערע. אויסהערנדיק די העלדישע געשיכטע פון קליינעם ראָבערט, האָבן זיך אַלע צו אים אַ וואָרף געטון קושן און האַלדזן און מיט באַוואונדערונג אויף אים צו קוקן.

— מילא, אַז געטראָפן האָבן מיר זיך שוין, אַלע זענען געזונט — האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל אויסגערופן — מוזן מיר אַ טראַכט טון וועגן וואַסער, מיר שטאַרבן פּשוט פאַר דורשט.

מ'האָט שוין מער נישט גערעדט פון די פאָריגעקומענע גע-

שעענישן, נאָר אויפגעזעצט זיך אויף די פערד און צוגעריטן צום נעכטיקן טייך.

אַלע האָבן ווי איינער אין טייך זיך אַריינגעוואָרפן, געטרונקען וויפיל יעדער האָט נאָר געקענט, אויסגעבאָדן זיך.

נאָכדעם האָט זיך אַלע אָנגעהויבן הונגערן. טהאַלקאַווע האָט פון די נעכטיקע געשאָסענע פייגל געהאַט באַהאַלטן נאָך אַ שפּאָרע פּאָרציע, וואָס ער האָט געהאַט אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים. דאָס איז דאָס בעסטע באַהעלטעניש אין יענע געגנטן. מ׳האָט פונאַנדערגעלייגט אַ פייער און עס איז נישט אַדורך קיין האַלבע שעה, האָט יעדער געגעסן זיין געבראָטענע פּאָרציע און פאַרטרונקען מיט פריש קוועלנדיק וואַסער. נישט ווייט פון טייך איז געווען זייער באַנאַכטיקע פאַרצוימונג, אַרום וועלכער עס זענען געלעגן עטלעכע צענדליגג געהרגעטע וועלף. אַ גרויל האָט איטלעכן אַרומגענומען באַם געדאַנק, אַז זייערע חברים האָבן דאָ געקענט דורך די שרעקלעכע חיות צעריסן ווערן.

נאָך אַזאַ פאַרמאַטערנדן וועג האָבן זיך אַלע געמוזט גוט אויסרוען. די פערד זענען אויך זייער שטאַרק מיד געווען, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט דאָ אויף גאַנצע צוויי טעג.

נאָך די צוויי טעג האָט מען זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין. אין אָנהויב דעצעמבער זענען זיי צוגעקומען צו דער אַרגענטינישער גרענעץ.

דאָס לאַנד דאָ אַרום איז ווילד, באַוואַקסן מיט פאַרשידענע גראָזן, נישטאָ קיין וועגן, נישט קיין שטעגן.

די אינדיאַנער פלעגן מאַכן כסדרדיקע אָנפאַלן אויף די היגע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן זיך מיט דער ביקס אין דער האַנט אַליין געמוזט פאַרטיידיקן, ווייל די אַרגענטינישע רעגירונג איז צו

שוואַך געווען און געהאַט אַ צו קליינע אַרמיי, כּדי זי זאָל זיך קענען די ווילדע פּאַטאַגאָניער אַנטקעגנשטעלן.

דאָ האָבן אויך שטענדיק געוווינט גאַנצע מאַסן אינדיאַנער, צווישן וועלכע לאָרד גלענאַרוואָן האָט, לויט דער אָנווייזונג פון טהאַלקאַווען, געהאָפט צו געפינען דעם קאַפּיטאַן גראַנט.

אויפן וועג האָבן זיי געטראָפן טויזנטער פייגל אַרומפליען, זיי האָבן זיך כּלל נישט געשראָקן פאַר די רייזנדע.

די שענסטע פייגל, וועלכע האָבן מיטגעריסן דאָס אויג פון פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, זענען געווען די פלאַמינגאָס. דאָס איז אַ פלאַם־רויטער פויגל, וואָס ער פליט, דאַכט זיך, אַז לעבעדיקע פאַקעלן פליען און פלאַקערן אין דער לופט.

דער פּראָפעסאָר האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו האַלטן אַ לעקציע איבער די פלאַמינגאָס, וועגן וועלכע דער געלערנטער שאַטאָבריאַן שרייבט, אַז ווען זיי פליען, זעען זיי אויס, ווי די פיילן מיט פעדערן אַרום.

ער האָט די גאַנצע גרופּע מיטגעשלעפּט מיט זיך צו דער רייע פלאַמינגאָס, וואָס זענען פונדערווייטנס געשטאַנען, און האָט אויסגעשאָסן אין דער לופט, כּדי זיך איבערצוצייגן אין דער אמת־דיקייט פון יענעם געלערנטן.

ס'האָט אָבער קיינער נישט איינגעשטימט, אַז זיי זעען ווירק־לעך אַזוי אויס, ווי די פיילן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּוואונדערן, ווי אַ געלערנטער זאָל זיך אַזוי גראָב קענען טועה זיין.

לאַנג אָבער שטיין און באַטראַכטן די פלאַמינגאָס האָט לאָרד גלענאַרוואָן נישט געלאָזט. ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איבעריקע צייט.

האָט מען טאַקע אַ טרייב געטון די פערד, וועלכע זענען

נאָך אַן אָפּרוען זיך פון עטלעכע טעג, געגאַנגען אַ סך מונ־טערער.

פלוצלינג האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט און פאַרוואונדערט גע־קוקט אויף טהאַלקאווען, וועלכער האָט געוויזן פאַרשידענע צייכנס און גערעדט אויף זיין לשון. אויף זיין פנים האָט מען דערקענט אַ צעמישטקייט. פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, וועלכער איז געבליבן הינ־טערשטעליק צוליבן נישט קענען זיך אָפּרייסן פון זיינע פלאַמינ־גאָס, איז דערווייל אונטערגעקומען.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אים צוגערופן און אים געבעטן זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן פּאַטאַגאָניער.

נאָך אַ קורצן שמועס מיט טהאַלקאווען האָט פּראָפעסאָר פּאַ־גאַנעל באַלד איבערגעגעבן די איבעריקע חברים, אַז טהאַלקאווע איז זייער פאַרוואונדערט, וואָס מ׳זעט נישט דאָ קיין שום אינדיאַ־נער, אין דער צייט, וואָס זיי דאַרפן זיך דאָ געפינען אין גאַנצע מחנות. ער האָט אויך געהאָפט צו געפינען דאָ דעם קאַציק קאַל־פוקרו און צום סוף זעט מען אפילו נישט קיין צייכן פון זיי.

— דאָס איז אַ גרויס רעטעניש — האָט טהאַלקאווע גע־זאָגט צום פּראָפעסאָר, וועלכער האָט עס באַלד אויך איבערגעגעבן די איבעריקע רייזנדע. — דאָ קומט געוויינלעך פאַר דער יאַריד צווישן די אַרגענטינער מיט די ווילדע. אויף דעם פּלאַץ קומט פאָר דער אויסטויש פון ביידנס סחורות. די אַרגענטינער ברענגען פולווער, ווייַן און די אינדיאַנער — פעל, שטרויספעדערן און אַנדערע זאַכן, וואָס מען באַקומט זיי גאָר אין די פּאַמפּאַסן.

אַלע זענען געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. אויף אַלע פראַגן פון פּראָפעסאָר האָט טהאַלקאווע געהויבן מיט די פּלייצעס און אַ דערשטוינונג האָט אין זיין פנים זיך אָפּגעשפּיגלט.

— וואָס־זשע פאַר אַן עצה גיט איר, הער פּראָפעסאָר? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך איבערגעשמועסט מיטן פּאַטאַגאָ־ניער און דאַן האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריקע:

— ער זאָגט, און איך בין מיט אים איינשטימיק, אַז מיר דאַרפן זיך איצט נעמען אין דער ריכטונג צו איינעם פון די פאָרטן, וואָס געפינען זיך אין אַ גרויסער צאָל אין אַרגענטינע, דאָרט וועלן מיר געוווירווערן די סיבה, וואָס די אינדיאַנער זענען פאַר־שווונדן געוואָרן פון דער געגנט און מיר וועלן קענען זיך דער־וויסן, ווו עס געפינט זיך דער קאַציק קאַלפוקרו.

— ס'איז נישט אַמאָל אַ צו גרויסער מהלך? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן זיך געפרעגט.

— עטלעכע צענדליגג מייל — האָט דער פּראָפעסאָר גע־ענטפערט. — עס דאַרף געדויערן קנאַפּע צוויי טעג אַהין.

דאָס האָט זייער נישט געשמעקט דעם לאָרד גלענאַרוואָן. ס'האָט געהייסן פּשוט פאַרלירן אומזיסטע צוויי טעג. ס'איז אָבער נישט געווען קיין שום אַנדערע עצה און מען האָט באַשלאָסן צו גיין צו דערדאָזיקער פעסטונג.

אויפן וועג האָבן זיי געטראָפן אַ סך קליינע פאָרטן, וועל־כע זענען אָבער צו דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג פון טהאַלקאַווען אַלע געווען ליידיק.

דאָס זענען אַמאָל געווען פעסטונגען, אָבער ווען אין אַר־גענטינע האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען, האָט מען פונדאַנען אַלע סאָלדאַטן אַרויסגעצויגן.

איבערגעבליבן זענען נאָר איינצלנע, גרעסערע. צו דידאָ־זיקע האָט אויך געהערט דאָס פעסטונג, צו וועלכן אונדזערע רייזנדע זענען געגאַנגען. עס האָט זיך גערופן: „פאָרט אינדע־פּענדענט".

דאָך האָט סהאַלקאָוועך געוואַנדערט אויף דערדאָזיקער פּאָסט־קייט פון די פעסטונגער ווייל געוויינלעך פלעגן זיך איצט דאָ אויפהאַלטן אינדיאַנער.

אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט עטלעכע רייטער.

גאַוטשאָס! — האָט דער פּאַטאַגאָניער אויסגערופן.

דאָס זענען רויבער — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגע־רופן, אַ שמייכל טוענדיק פאַר זיך. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זיי זיך געקריגט איבער דעם זעלבן און שיער נישט געשלאָגן זיך.

אַרום אָוונט זענען זיי צוגעקומען צו אַן אינדיאַניש דאָרף, וועלכעס איז אָבער אויך ליידיק געווען און דאָס רעטעניש איז וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער געוואָרן.

וואָס נענטער אָבער זיי זענען צוגעקומען צו דער הויפּט־שטאָט פון אַרגענטינע, אַלץ פרייליכער און לעבעדיקער איז די געגנט געוואָרן אַרום. מען האָט אָנגעטראָפן אויף פיל פאַרמעס, אין וועלכע די אַרגענטינער האָבן זיך צום מייניסטנס באַשעפטיקט מיט האָדעווען בהמות, שעפּסן און פערד.

די גאַנצע געגנט איז באַדעקט געווען מיט זאַלץ און פון דעם זענען די בהמות זייער פעט געוואָרן.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגע־צוימט און דאָרט האָט מען אין די הונדערטער אַריין געשאָכטן בהמות. דאָס פלייש האָט מען כמעט נישט גענוצט. מען האָט בלויז די בהמות געשאָכטן צוליב זייער פעל. ערשט ווען די ענגלענדער האָבן דערפונדן אַ מיטל, ווי אַזוי איינצופּרעסירן פלייש, האָט זיך אָנ־געהויבן אַ גרויסער עקספּאָרט פונדאַנען מיט געפּרעסירן פלייש. די פאַרמערס זענען פשוט רייך געוואָרן.

מ׳האָט געבויט ספּעציעל שיפן מיט מאַשינען אויף צו מאַכן

אייז און אין זיי פלעגט מען גאַנצע פּאַרטיעס פלייש קיין ענג-לאַנד עקספּעדירן.

דערנאָך האָבן זיי אויך אַנדערע מלוכות נאָכגעטון און אַזוי אַרום האָט זיך ד'אַרט אַנטוויקלט דער פלייש-עקספּאָרט.

מ'האָט זיך דאָ אויף אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעשטעלט, ווייל טהאַלקאַווע האָט נאָך געוואָלט היינט אין אָוונט אָנציען קיין פּאַרט אינדעפּענדענט.

מען האָט געקענט באַמערקן, ווי אַלע פּאַרמעס זענען געשטאַנען אויסגעבויט אויף בערגלעך, וועלכע זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ טיפן גראָבן. דאָס איז געמאַכט געוואָרן אַלס באַשיצונג קעגן די אָנפאַלן פון די אינדיאַנער.

פאַרנאַכט זענען זיי אָנגעקומען קיין טאַנדיל, אַ קליין שטעטל, וואָס ליגט הארט לעבן דעם פעסטונג אינדעפּענדענט.

זיי זענען צוגעפאָרן אין אַ גאַסט-הויז, וו זיי האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן אויף דער ערד.

דאָס שטעטל איז געווען אַ וויכטיקער פונקט אין אַרגענטי-נע. אַהער פלעגן זיך צונויפקומען אינדיאַנער און אַרגענטינער און פירן זייער אויסטויש-האַנדל.

די געגנט איז מערסטנטיילס געווען באַוווינט מיט איטאַ-ליענער און פראַנצויזן, כמעט קיין איין שפּאַניער נישט. בלויז אין דער פעסטונג האָבן געוווינט אַרגענטינער.

XX.

נישטאָ דער קאַפּיטאַן גראַנט!

ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל אויסגערוט פֿון וועג, איז לאָרד גלענאַרוואָן, ראָבערט מיטן פּראָפֿעסאָר און טהאַלקאַווע געגאַנגען באַזוכן דאָס פֿעסטונג, אפשר וועלן זיי דאָרט עפּעס געוואָר ווערן, ווי עס געפֿינט זיך דער קאַציק קאַלפֿוקרו.

באַם טויער פֿון פֿעסטונג איז געשטאַנען אַ זעלנער וועלכער האָט זיך אפֿילו נישט אומגעקוקט אויף זיי, ער איז געגאַנגען הין און צוריק מיט דער ביקס אויפֿן אָרעם, מכּלומרשט ווי אויף דער וואַך, און עס איז אים גאַנץ קנאַפּ אָנגעגאַנגען, ווער עס קומט דאָרט אַריין.

אין הויף איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אַ שורה סאָלדאַטן פֿון צוועלף מאַן, אָנגעטון אין ברייטע העמדער מיט ווייסע און בלויע פּאַסן. פֿאַר זיי איז געשטאַנען אַן אָפֿיציר און געלערנט די סאָלדאַטן מאַרשירן און שיסן.

די סאָלדאַטן, וועלכע זענען נאָך געווען גאַנץ יונגע בחורים, האָבן קיין שום ערע דעם אָפֿיציר נישט אָפּגעגעבן, זיי זענען געשטאַנען און גאַנץ געמיטלעך גערעדט מיט אים; ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַ טאַטע וואָלט זיך מיט זיינע קינדער געשפּילט אין זעלנער.

דער פּראָפֿעסאָר האָט גאָרנישט געקענט זיינע אויגן אָפּרייסן פֿון דעמדאָזיקן בילד, אָבער לאָרד גלענאַרוואָן, וועלכער איז דאָ נישט אַהערגעקומען קוקן, האָט זיינס אין זינען געהאַט, ער האָט

אים קוים אָפּגעריסן און זיי זענען אַלע פיר אַריינגעגאַנגען צום קאָמענדאַנט פון פעסטונג.

ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש, פון אַ יאָר עטלעכע פופציק, ער האָט אויסגעזען, ווי אַ דייטשישער אָדער פראַנצויזישער אָפיציר. ער האָט די רייזנדע זייער פיין אויפגענומען, פאַרבעטן זיי זיצן.

די גאַנצע צייט, וואָס טהאַלקאָווע האָט איינגעטענהט מיטן קאָמענדאַנט, האָט יענער קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון פראָפעסאָר. ענדלעך האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און איז צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט אויף פראַנצויזיש

— דו ביסט נישט אַמאָל אַ פראַנצויז?

— יאָ — האָט פּאַגאַנעל געענטפערט.

ער קאָמענדאַנט איז אויף אים פשוט אַרויפגעפאַלן. ער האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט זיין לאַנדסמאַן, אַז עס האָבן נישט געהאָלפן די געבעטן פון לאָרד גלענאַרוואַן, מען זאָל שוין צוטרעטן צום עיקר און פרעגן וועגן קאַפּיטאַן גראַנט, אָדער ווייניקסטנס אויפן קאַציק קאַלפוקרי.

דער קאָמענדאַנט האָט דעם פּראָפעסאָר דערציילט זיין גאַנצע לעבנסגעשיכטע פון דער צייט, וואָס ער איז נאָך אַלס קינד געקומען קיין אַרגענטינע ביז דער לעצטער צייט. ער האָט אים אויך דערציילט, ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אינדיאַנערין און זי האָט אים געבוירן צוועלף קינדער, וועלכע לערנען זיך איצט אַלס סאָלדאַטן. דיזעלבע טאָקע, וואָס די רייזנדע האָבן באַמערקט, אַריינקומענדיק אין הויף אַריין.

ער האָט אַריינגערופן זיין יינגסטן זון, וועלכן ער האָט באַפוילן צו ווייזן פאַר די געסט די אַלע מיליטערישע קונצן, וואָס יענער האָט אויסגעצייכנט אויסגעפירט.

דער פראָפעסאָר האָט מיט גרויס פאַראינטערעסירונג אַלץ

אויסגעהערט און באַוווּנדערט. לאָרד גלענאַרוואָן איז געשטאַנען, ווי אויף הייסע קוילן. עס זענען אים ווינציק־וואָס ׳נגעגאַנגען דעם קאָמענדאַנטס מעשיות וועגן זיינע קינדער.

— ס׳איז אָבער געווען פאַרפאַלן: אַזוי איז שוין, אַז צוויי פראַנצויזן קומען זיך צוזאַמען, מוזן זיי זיך אויסרעדן צו דער זעט; ערשט ווען זיי ווערן מיד פון רעדן, הערן זיי אויף.

אַזוי איז טאַקע געווען. ווען דער קאָמענדאַנט איז ענדלעך איינגעשטילט געוואָרן, האָט אים לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט די סיבה, וואָס זיי האָבן קיין שום אינדיאַנער אויפן וועג נישט באַגעגנט.

— עס איז אַ מלחמה צווישן אַרגענטינע מיט פּאַראַגוויי — האָט דער קאָמענדאַנט רויק געענטפערט.

- אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן דערצו די אינדיאַנער? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— זיי נוצן דערווייל אויס די מלחמה און פאַרנעמען זיך מיט רויבעריי. מכלומרשט דינען אַ טייל דער אַרגענטינישער מלוכה און אַ טייל דער פּאַראַגוויי־שער, אָבער אינדערעמתן פאַרנעמען זיי זיך הויפּטזעכלעך מיט רויבעריי און רציחות.

— און די קאַציקן ווו זענען אַהינגעקומען? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אומגעדולדיק געפרעגט,

— זיי זענען מיטגעגאַנגען אין מלחמה אַריין מיט זייערע פעלקער — האָט דער קאָמענדאַנט געענטפערט.

לאָרד גלענאַרוואָן איז געבליבן שטיין פשוט אין פאַרצווייפלונג. קוים זיי האָבן זיך אַהער דערשלעפּט מיט דעם מיין צו געפינען דאָ די אינדיאַנער, באַ וועלכע עס געפינט זיך דער קאַפּיטאַן גראַנט, לאָזט זיך אויס צום סוף, אַז די אינדיאַנער זענען גאָר ערגעץ אַוועק.

האָט לאָרד גלענאַרוואָן אַ פרעג געטון דעם קאָמענ-

דאַנט, צי ער ווייסט נישט אַמאָל, ווו עס געפינט זיך דער קאַ־ציק קאַלפּוקרו און צי האָט ער נישט געהערט וועגן אַן איירראָ־פּעער, וואָס זאָל זיך בּאַ אים געפינען געפאַנגען.

— אָן שום ספק ווייס איך וועגן אַזאַ געפאַנגענעם, אָבער דער קאַציק איז איצט אויף דער מלחמה — האָט דער קאָמענ־דאַנט געענטפערט.

אַלעמענס אויגן האָבן אָנגעהויבן צו שטראַלן פון שמחה. ענדלעך האָבן זיי זייער ציל דערגרייכט. זיי האָבן זיך אַרומגע־שטעלט אַרום קאָמענדאַנט, כדי צו הערן פון אים די גענויעסטע איינצלהייטן וועגן קאַפּיטאַן גראַנט.

— אדרבא, מיר בעטן אייך, הער קאָמענדאַנט, דערציילט אונדז וועגן דעם איירראָפּעיִשן געפאַנגענעם — האָבן זיך אַלע גע־בעטן.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און אָנגעהויבן:

— ס'וועט שוין זיין אַ שיינע עטלעכע יאָר, ווי איך האָב געהערט, אַז דער קאַציק קאַלפּוקרו האָט גענומען געפאַנ־גען צוויי איירראָפּעער, אָבער געזען האָב איך זיי קיינמאָל נישט, ווייל די אינדיאַנער היטן זיך זייער שטאַרק מיט זייערע געפאַנ־גענע.

— איר זאָגט: שיינע עטלעכע יאָר — האָט לאָרד גלע־נאַרוואַן איבערגעריסן — אָבער דאָס קען דאָך נישט זיין, ס'איז ערשט איינגאַנצן צוויי יאָר די גאַנצע געשיכטע.

— ניין, לאָרד, ס'איז שוין מער פון פיר יאָר, איך געדענק עס גאַנץ גענוי, מיין יינגסטער זון איז דאַמאָלס אַלט געווען אַ יאָר און ערשט איז ער אַלט פינף. — האָט דער קאָמענדאַנט גע־ענטפערט, איך געדענק, אַז ס'זענען דאַמאָלס געפאַנגען געוואָרן צוויי איירראָפּעער.

— ס׳שטימט ווידער נישט — האָט לאָרד גלענאַרוואַן שוין מיט עטוואָס אויפרעגונג געזאָגט — עס דאַרפן זיין דריי פּערזאָן — דער קאַפּיטאַן און צוויי מאַטראָזן, און ענגלישער קאַפּיטאַן.

— דאָס זענען אָבער נישט געווען קיין ענג. ענדער, נאָר איינער אַ פראַנצויז און דער צווייטער אַן איטאַליענער. דער איטאַליענער איז געהרגעט געוואָרן דורך די ווילדע און דער פראַנצויז איז נאָך עטלעכע יאָר אָפּזיין אין געפאַנגענשאַפט אַנטלאָפן.

איצט האָט זיך ערשט דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל דערמאַנט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז טאַקע פאַרפאַלן געוואָרן אַ פראַנצויז מיטן נאָמען גוסטאַוו גינאַר, זיינס אַ באַקאַנטער, וועלכער איז דערנאָך אַהיימגעקומען און דערציילט, אַז ער איז געווען געפאַנגען בײַ די אינדיאַנער.

— מיר האָבן געמאַכט אַ מיאוסן טעות! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן מיט אַ באַמערקבאַרן פאַרדרוס. מיר האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן פראַנצויז אַלס דעם קאַפּיטאַן גראַנט!

׳איז אָבער קיינער נישט שולדיק געווען דערין. — טהאַלקאַווע האָט זיי דערציילט, אַז ער ווייסט פון אַן אייראָפּעער, ער האָט אָבער נישט געזאָגט, צי עס איז אַן ענגלענדער אָדער אַ פראַנצויז. בײַ אים הייסן אַלע גלייך: ווייסע.

— אפשר איז איבער דער צייט נאָך עמעצער געפאַנגען געוואָרן דורך די אינדיאַנער — האָט געפּרוּווט נאָך פרעגן לאָרד גלענאַרוואַן.

— דאָס ווייס איך אויך געוויס, אַז פון יענער צייט אָן איז קיין שום אייראָפּעער נישט געפאַנגען געוואָרן.

— אפשר האָט איר געהערט עפּעס וועגן אַ שיפבראַך? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן ווידער געפרעגט.

— עס זענען געווען עטלעכע שיפּבראָכן, אָבער אַלע קאַ־פּיטאַנען זענען גליקלעך געראַטעוועט געוואָרן. זיי געפינען זיך אָדער אין טשילי אָדער אין אַרגענטינע.

פון די אַלע מעשיות, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט זיי אָנ־דערציילט, האָבן זיי אַלע באַשיינפּערלעך געזען, אַז זיי האָבן גע־האַט אַ מיאוסן טעות: קאַפּיטאַן גראַנט איז דאָ קיינמאָל אין דעם קאַנט נישט געווען.

אַלע זענען געווען העכסט פאַרצווייפלט. ווען דער קאָמענ־דאַנט האָט זיי איינגעלאַדן צו זיך אויף מיטאָג, האָבן זיי אים העפלעך אָפּגעדאַנקט. זיי זענען פּשוט נישט אין שטאַנד געווען איצט וויזיטן אָפּצושטאַטן.

ווען זיי זענען אַהיימגעקומען, האָט דער פּראָפעסאָר נאָכאַ־מאָל געבעטן זיך געבן די דריי בריוו, כּדי זיי אויפסניי דורכצו־שטודירן.

נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת האָט דער פּראָפעסאָר ענדלעך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז מ׳האָט די בריוו שלעכט געלעזן, אַז דער קאַפּיטאַן האָט נישט געליטן קיין שיפּבראָך אין פּאַטאַגאָ־ניען.

— איך וועל מוזן אויסגעפינען דאָס ריכטיקע אָרט, איך וועל ספּעציעל דורכשטודירן די לאַנדקאַרטע. — האָט ער צוגע־געבן.

די שטימונג איז געווען זייער אַ שווערע. זיי האָבן איבער־גענעכטיקט נאָך אין דעם שטעטל. פון שלאָפן איז געווען אָפּגע־רעדט. אַלע האָבן געטראַכט און אַריינגעקלערט אין דערדאָזיקער מאָדנער געשיכטע.

XXI.

אַ מבול.

אַן אומעטיקייט האָט אַלעמען באַהערשט, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז זייער גאַנצע ביז איצטיקע מי איז געווען בחינם — זיי זענען געגאַנגען אויף אַ פאַלשן שפּור!

דער קליינער ראָבערט האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון וויינען. דער פּראָפעסאָר האָט אים געטרייסט, אַז די האָפנונג איז נאָך נישט פאַרלוירן, מען מוז נאָכאַמאָל די בריוו שטודירן, און ער איז זיכער אין ערפאָלג.

מ׳האָט אָנגעזאָטלט די פערד און אַלע האָבן זיך אין שטילשווייגן אויפגעזעצט און אָנגעהויבן פאָרן אין דער ריכטונג פון אַנטלאַנטישן ים.

ס׳איז געווען זייער הייס. דאָס איינציקע גליק איז נאָך געווען, וואָס אויפן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ סך טייכלעך מיט זיס, פריש וואַסער. זיי זענען דעריבער געפאָרן זייער שנעל.

צומאָרגנס אָבער האָט זיך דאָס וועטער פּלוצלינג געענדערט און אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע וואָלקנס, אַ ווינט האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן און אינגיכן האָט אָנגעהויבן צו רעגענען.

די נאַכט איז צוגעפאַלן — אַ פאַרחושכטע און אַ מרויערדיקע. ס׳האָט קיינער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. יעדער האָט זיך

פעסטער אין זיין מאַנטל איינגעהילט, אָבער די נעץ און קעלט האָט זיי דורך די מאַנטלען געמאַכט שוידערן.

ענדלעך האָבן זיי אויפגעזוכט אַ העכער בערגל, ווו עס איז נישט אַזוי נאַס געווען און געלייגט זיך שלאָפן.

באַלד אינדערפרי האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט. דער רעגן האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט, אָבער די גאַנצע געגנט אַרום איז געוואָרן באַדעקט מיט גריבער וואַסער און טייכלעך. דער גרונט איז געוואָרן וואָס אַמאָל זומפּיקער, אַזוי, אַז די פערד האָבן שוין קוים די פיס אַרויסגעצויגן.

פלוצלינג האָט ראָבערט, וועלכער איז געפאָרן מיט עטלע־טריט פאָרויס, אויסגעשריגן:

— זעט נאָר, הער פּראָפעסאָר, הערנער וואַקסן דאָך דאָ פון דער ערד אַרויס.

— דער פּראָפעסאָר איז פייל פון בויגן אַהינגעלאָפן, זייער דערשטוינט, ווייל ער געדענקט נישט, לויט דער געאָגראַפיע, אַז עס זאָל זיך געפינען אַזאַ אָרט, ווו עס זאָלן וואַקסן הערנער.

— ביסט פון זינען אַראָפּ, קליינער שילער מיינער! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

אָבער דער קליינער ראָבערט האָט זיך עקשנותדיק גע־האַלטן באַ ס'זייניקע און אַלע גערופן, כדי צו ווייזן זיי דאָס ווונ־דער.

— אָט, קומט־צו, וועט איר זען, אַז דאָ וואַקסן הערנער, פונקט ווי באַ אונדז תבואות — האָט דער קליינער ראָבערט גע־שריגן.

אַלע זענען מיטאַמאָל צוגעריטן צו דעם ווונדערלעכן אָרט און זענען געבליבן שטיין דערשטוינט.

— ווירקלעך האָט דער מאַיאָר אויסגערופן — עס וואַקסן טאַקע אויף אַן אמת הערנער.

דער גאַנצער פּלאַץ, אַרום וועלכן זיי זענען געשטאַנען, איז געווען באַזייעט מיט עטלעכע הונדערט אָקסן-הערנער.

דער פּראָפעסאָר איז געבליבן שטיין, ווי געפּלעפּט.

— זאָל איך נישט האָבן געוווּסט פון אַזאַ מין געגנט — האָט ער צו זיך אַליין מיט פאַרוואורף גערעדט. און ער האָט זיך געפרעגט בא טהאַלקאַווען, וואָס דאָס איז.

דער פּאַטאַגאָניער האָט גאַנץ תמימותדיק געענטפערט, אַז מיר זענען נאָר די הערנער בלויז דערפאַר, ווייל די אָקסן זענען פון אונטן.

ס'האָט אים קיינער נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט דער-מיט, און נאָך אַ גרעסערע דערשטוינונג האָט אַלעמען אַרומגע-כאַפּט

טהאַלקאַווע, זענענדיק, וואָס פאַר אַן איבעראַשונג. דאָס איז פאַר זיי און אַז זיי פאַרשטייען נאָך לגמרי נישט, וואָס דאָס איז, האָט ער גענומען דעם פּראָפעסאָר אויסטייטשן:

— דאָ זענען פאַרזונקען געוואָרן עטלעכע הונדערט אָקסן און קי, דעריבער זעט מען אַרויס די הערנער. זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, פאַר עפּעס דערשראָקן, האָבן זיי פאַר שרעק נישט באַמערקט דעם זומפּ און זענען אין אים אַריין.

לאַנג אָבער שטיין און באַטראַכטן דאָסדאָזיקע שרעקלעכע בילד האָט טהאַלקאַווע נישט געלאָזט, ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל וואָס שנעלער ווייטער פאָרן. אַליין איז ער אַוועקגעריטן פאָרויס, אָבער באַלד צוריקגעקומען מיט זייער אַ פאַרדאגהטער מינע אויפן פּנים.

דער פּראָפעסאָר האָט מיט אַ פראַגע-בליק אַ קוק געטון אויף אים, וואָרן מ'האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז עפּעס אין גע-שען.

— איך האָב זייער מורא פאַר עפּעס — האָט טהאַלקאַווע ענדלעך אַרויסגעזאָגט. — איך קען דידאָזיקע געגנט פאַר זייער

אַ טרוקענע און איצט איז זי מוראדיק נאַס אנן זומפּיק. איך קען נישט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פּלוצלינג געשען.

— אפשר זענען פון די אַלע רעגנס די טייכן איבערפולט געוואָרן און ביסלעכווייז פאַרגאָסן די געגנט אַרום? — האָט אים דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— ס'איז גאַנץ מעגלעך — האָט טהאַלקאַווע געענטפערט — מען דאַרף פאָרן וואָס שנעלער.

דער פּראָפעסאָר האָט באַלד איבערגעגעבן טהאַלקאַוועס רייד די איבעריקע חברים.

מ'האָט געפּרוווט אָנהייבן שנעלער רייטן, אָבער ווי איז מעגלעך געווען אין אַזאַ זומפּ די פערד צו יאָגן. זיי זענען אָפּט-מאָל אַריין אין אַ בלאָטע ביזן בויך, מ'האָט זיי קוים אַרויסגע-שלעפּט.

אַרום נאָכמיטאָג האָט אָנגעהויבן פּלוצלינג צו פלייצן אַ רעגן, ווי די פענסטער פון הימל וואָלטן זיך געעפנט — אַ מבול!

די ריינדע זענען דורכגענעצט געוואָרן ביזן לייב. דער-וויי, איז געוואָרן נאַכט און ס'האָט נאָך מער אָנגעהויבן צו גיסן. פון שוואַרצן הימל ביז דער ערד איז פּשוט געווען אַ ים, ס'האָט בעגאָסן אָן אויפהער.

זיי האָבן זיך ווי ס'איז עפּעס דערשלעפּט צו אַן אָרים שטי-בעלע. קיינער איז דאָרט נישט געווען; דער באַלעבאָס, ווייזט אויס, האָט עס אַוועקגעוואָרפן.

זיי זענען אַלע אַריין, מען האָט געפּרוווט אָנלייגן אַ פיי-ער, אָבער אַלץ איז געווען נאַס, ס'האָט נישט געוואָלט ברע-נען.

ענדלעך איז זיי געלונגען, און ס'האָט אָנגעהויבן ווי ס'איז צו רויכערן. אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום פייער. אַ פּאָר-ע

האָט אָנגעהויבן זעצן פון זייערע נאַסע מלבושים. זיי האָבן זיך אָפּגעקאָכט נאַכטעסן און יעדער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד אַרום פייער און אַזוי אַרום איינגעשלאָפן.

צומאָרגנס, ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט און אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, האָבן זיי מיט דערשטוינונג דערזען, אַז זיי געפינען זיך, ווי אין דער מיט פון אַ ים.

דער פּראָפעסאָר האָט גענומען נאָכפאָרשן אויף דער לאַנדקאַרטע, וווּ זיי זענען איצט, האָט ער ענדלעך אויסגעפונען, אַז זיי געפינען זיך צווישן צוויי גרויסע טייכן, וועלכע האָבן, ווי ס'איז צו זען, אויסגעגאָסן און פאַרפלייצט די גאַנצע געגנט אַרום.

לע האָבן באַשלאָסן, אַז לאַנג אַזוי זיצן אין דעם שטיבעלע אוממעגלעך, ווייל גאָר אין קורצן וועט עס פאַרפלייצט ווערן פון דעם ים. מען מוז זוכן עפּעס אַ בערגל, אויף וועלכן מ'וואָלט דערווייל געקענט געפינען שוץ.

מ'האָט אַ טרייב געטון די פערד. זיי זענען געלאָפן מיט אַלע כוחות אויף וויפיל זיי האָבן נאָר געקענט.

פלוצלינג איז טהאַלקאַוועס פערד געבליבן שטיין. עס האָט דערשפירט עפּעס אַ געפאַר.

אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אַרום זיך מיט מורא, אָבער קיינער האָט גאָרנישט געזען.

דאָס שאַרפע געהער אָבער פון טהאַלקאַווען האָט דערכאַפּט עפּעס אַ מין גערויש, ווי פון כוואַליעס פון אַ ים. פלוצלינג האָבן אויף אַלע דערהערט אַ געשריי פון חיות און בהמות, וואָס זענען אַלע געלאָפן אין איין שרעק פאַר עפּעס אַ שרעקלעך אומגליק.

— שנעלער! שנעלער! — האָט טהאַלקאַווע פאַרצווייפלט געשריגן.

— וואָס איז דען געשען? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— אַ מבול! — האָט ער אייליק געענטפערט — שנעלער! שנעלער!

פונדערווייטנס האָבן אַלע איצט דערזען, ווי אַ שוימיקער באַרג האָט זיך מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט געטראָגן גלייך אַהער. עס האָט גערוישט און געשטורעמט, ווי טויזנטער מילן וואָלטן געקלאַפּט. נאָך עטלעכע מינוט און אַלע ווערן באַדעקט פון דעם באַרג.

— אַנדאַ! אַנדאַ! — האָט טהאַלקאַווע אויף זיין לשון געשריגן און געמאַכט מיט די הענט און געיאָגט.

די פערד האָבן אָבער שוין נישט געקענט לויפן, זיי זענען שוין געגאַנגען ביזן בויך אין וואַסער, וואָס איז וואָס אַמאָל העכער געוואָרן.

— מיין פערד שווימט — האָט דער מאַטראָס ווילסאָן אויסגערופן.

אַלעמען זענען הענט און פיס אָפּגענומען געוואָרן פאַר שרעק, אַלע זענען בלייך געוואָרן, ווי קרייד. די פערד זענען שוין אַלע געשווומען און מ׳האָט נישט פאַרויסגעזען קיין שום רעטונג.

דאָס וואַסער האָט געריסן און די מענטשן מיט די פערד האָבן זיך, ווי די שפענדלעך איבערן שרעקלעכן ים געטראָגן.

ס׳איז שוין קיין שום האָפנונג נישט געווען זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם שוימיקן און רוישיקן מלאך־המות.

פּלוצלינג האָט דער מאַיאָר אָנגעהויבן שרייען:
א בוים! אַ בוים!

פונדערווייטנס האָט זיך אין מיטן ים דערזען אַ ריזיקער

גיסנבוים מיט פונאַנדערגעשפּרייטע צווייגן. צום גליק האָט דאָס וואַסער געטראָגן גראָד אין דערדאָזיקער ריכטונג.

פּלוצלינג האָט איין פערד אַ הירזשע געטון און איז מיטן רייטער אַראָפּ צום גרונט. דער רייטער אָבער, וועלכער איז געווען אַ גוטער שווימער, האָט באַוויזן שנעל אַרויסצוכאַפּן די פיס פון די זאָטל־רימען און איז באַלד אַרויפגעקומען אינדערהייך. דאָס איז געווען טאָם אויגוסטין, דער ערשטער אָפיציר.

ער איז נאָכגעשווומען די איבעריקע חברים מיט אַלע זיינע כוחות.

ראָבערטס פערד איז געשווומען, ווי אַ פיש. דער קליינער האָט גאָרנישט געפילט די געפאַר, ער איז געווען פריילעך, גלייך ער וואָלט דאָ אויסגעפירט אַ ספּאָרט־קונץ.

— ראַטעוועט אייך! — האָט נישט מיט זיין קול דער מאַיאָר אויסגערופן.

אָבער איידער ער האָט באַוויזן דעם זאַץ צו ענדיקן, האָט דער שוימיקער באַרג אַלע אונדזערע רייטער אַ דעק איבער געטון און זיי פאַרשלונגען.

דאָס אַלץ האָט נאָר געדויערט אַ מינוט.

באַלד האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ נאָך אַ קאָפּ, וועלכע זענען אַרויסגעשווומען אינדערהייך, די פערד אָבער זענען אַלע פאַרשוונדן געוואָרן, אַ חוץ איין טהאַלקאַוועס, וואָס איז געשווומען מיטן רייטער אויף זיך.

דאָס וואַסער האָט זיי אַ טראַג אַרויף געטון אויפן בוים.

— דער פּראָפעסאָר? דער פּראָפעסאָר ווו איז? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן נישט מיט זיין קול געשריגן.

— דאָ בין איך — האָט ער קוים באַוויזן אויסצורופן, ווייל אַ כוואַליע האָט אים דאָס מויל פאַרגאָסן און ער האָט זיך פאַרכלישניעט.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און האָבן מיט צופרידנהייט דער־זען, ווי טהאַלקאָווע האַלט אים באַם קאָלנער פון מאַנטל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן אַלע געקלעטערט אויף דעם ריזיקן בוים, ווי די וויעוויאָרקעס.

פּאָרויס איז ראָבערט, ווי אַ פייגעלע, פון צווייג צו צווייג איבערגעלאָפן, זוכנדיק זיך אַ באַקוועם אָרט.

נאָך אים זענען נאָכגעקראָכן די איבעריקע מאַטראָסן, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן דעם פּראָפעסאָר מיטן לאָרד גלענאַרוואָן אַרויפצוקלעטערן.

פלוצלינג האָט מען דערזען, ווי טהאַלקאָווס פערד שווימט אַוועק און עס שרייט און הירזשעט נאָך הילף. טהאַלקאָווע האָט זיך אַ וואָרף אַריין געטון אין וואַסער און אין אייניקע מינוט אַרום האָט ער דאָס פערד דערגרייכט, זיי זענען אָבער ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַלע האָבן זיך באַקוועם געמאַכט אויפן בוים, אין זייער ביי־עם האָטעל. דאָס איז געווען זייער אַ צעצווייגטער בוים מיטן נאָמען אָמבו. ער וואַקסט זייער צעשפּרייט, מיט גראָבע טיפע וואָרצלען אין דער ערד פאַרלאָזט. ער האַלט אויס די גרעסטע שטורמען. אויף זיין שפּיץ האָבן זיך געפונען טויזנטער פייגל. מען האָט זיך געפילט, ווי אין אַ גרויסן, הערלעכן און צעשפּילטן וואַלד.

XXII.

דער פּראָפעסאָר פאַלט... אויפן שכל.

עטלעכע פון די רייזנדע ווענען אַרויפגעקראָכן אויף די העכסטע צווייגן פון בוים, כדי אַרומצוקוקן זיך אויף דער גאַנצער געגנט.

שרעקלעך איז געווען צו קוקן. פּונקט ווי נאָך אַ שיפּברוך זענען אויף דער אויבערפלאַך פון וואַסער אַרומגעשווומען שטיקער האָלץ, טויטע בהמות און חיות. פונדערוויטנס האָט זיך דערזען עפּעס אַ שוואַרצער פלעק, וועלכער האָט זיך געראַנגלט מיט די כוואַליעס.

— דאָס איז טהאַלקאַווע — האָט ראָבערט אויסגעשריגן, — ער וועט זיך בלי שום ספק ראַטעווען.

אין דער זעלבער צייט האָט דער פּראָפעסאָר מיטן לאָרד גלענאַרוואָן און די איבעריקע רייזנדע זיך געעצהט וואָס ווייטער צו טון. ס'איז דאָך נישט קיין תכלית צו זיצן אויף אַ בוים און צוהערן זיך, ווי עס רוישן און שטורמען אַרום די וואַסערן.

— ווייסט איר וואָס? — האָט דער פּראָפעסאָר פריילעך אויסגערופן — לאָמיר זיך מאַכן נעסטן אויף דעם בוים. ווי די פייגל זענען מיר שוין אויס, לאָמיר כאָטש זיצן, ווי די פייגל, באַקוועם.

— אָבער וואָס וועלן מיר עסן? — האָבן אַלע גע-פרעגט

— ביקסן האָבן מיר דאָך, וועלן מיר גיין אין וואַלד אַריין שיסן פייגל, האָלץ אין וואַלד איז דאָך אוודאי פאַראַן, וועלן מיר מאַכן פייער און וועלן לעבן, ווי גאָט אין פראַנקרייך.

דער מאַיאָר האָט דערוויייל אַרויסגענומען אַ גרויסן זאַק מיט שפייז, וואָס טהאַלקאַווע האָט אים איבערגעלאָזט. אינעווייניק האָט זיך געפונען געטרוקנט פלייש אויף אַ פּאָר טאָג, אפילו פולווער צום שיסן אויך.

— לאַנג וועט דאָך דאָס וואַסער אַזוי נישט האַלטן — האָט טאָם אויגוסטין געזאָגט.

— און אויב יאָ, וועלן מיר שוין אויסזוכן אַ מיטל, ווי אַזוי פונדאַנען אָפּצופאָרן — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגע־רופן.

— קודם כל מוז מען עפּעס נעמען אין מויל אַריין, כל־זמן מען לעבט, דאַרף מען עסן — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

— אָבער מיר זענען דאָך נישט קיין פייגל, מיר קענען קיין רוי פלייש נישט עסן! האָט דער מאַטראָס ווילסאָן זיך אָנגע־רופן.

— ווער זאָגט דען, אַז מיר וועלן עסן רוי פלייש? מען וועט מאַכן פייער און אָפּקאָכן — האָט דער פּראָפעסאָר אויף זיין שטיי־גער געענטפערט.

— ווי אַזוי, עס איז דאָך קיין האָלץ נישטאָ — האָט דער מאַיאָר געפרעגט.

— ס'וועט זיין האָלץ אויך. ווער גייט אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ? — האָט זיך דער פּראָפעסאָר הויך אַ וועגד געטון צו אַלע אַרומיקע.

— איך — האָט ראָבערט אויסגערופן, און אין איין סעקונ־דע אַרום איז ער שוין געווען צווישן דעם ים צווייגן און עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קנאַקן און ברעכן.

ער האָט אָנגעבראָכן אַ גאַנצע קופּע צווייגן מיט אַ ביסל טרוקענעם מעך. דאָס אַלץ האָט מען אַנידערגעלייגט אויף אַ ברייטער צווייג, נאָר צום אונטערצינדן.

— ווו נעמט מען אָבער שוועבעלעך? — האָט עמעצער אַ פרעג געטון.

— מען וועט זיך באַגיין אָן שוועבעלעך אויך — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט און אָנגעשרויפט דאָס גלאָז פון זיין טעלעסקאָפּ, און ווייל די זון האָט גאַנץ העל געשיינט, האָט ער דורכן פאַרגרעסער-גלאָז אָנגעצונדן דעם מעך.

אין אייניקע סעקונדן אַרום האָט שוין געפלאַקערט אַ פריילעך פייער.

קודם כל האָט יעדער איינער גענומען טרוקענען זיינעם קליידער. דערנאָך האָט מען אויפגעפּאַקט טהאַלקאַוועס זאַק, אַרויסגענומען דאָס געטרוקנטע פלייש און אָפּגעקאָכט.

נאָכן געשמאַקן מיטאָג האָט זיך איטלעכן געוואָלט אַ ביסל אויסשלאָפן, האָט מען זיך צוגעבונדן צו די צווייגן, כדי נישט אַראָפּצופאַלן, און יעדער האָט געכאַפּט אַ דרימל.

זיי זענען אַלע זייער געשמאַק געשלאָפן נאָך אַזאַ מין באָד, בפרט, אַז דער האָטעל איז געווען אַזאַ אידילישער: פון הינטן האָט גערוישט דער ים, פון אויבן האָבן צוגעשפּילט די הונדערטער פייגעלעך, וואָס האָבן זיך דאָ אַהער געראַטעוועט, האָט עס זיי אַזוי איינגעוויגט, אַז אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך צווישן דעם רוישן און שפּילן פונאַנדערגעטראָגן דאָס געשמאַקע כראָפּען פון מידע מענטשן.

זיי זענען אַזוי אָפּגעשלאָפן אַ שיינע פּאָר שעה. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָט שוין די זון געהאַלטן באַם אונטערגיין. אַ ראָזע שיין האָט זיך איבערן גאַנצן ים צעגאָסן און זיך דורכגעריסן צווישן די געדיכטע צווייגן. דער בוים איז באַלויכטן

געוואָרן, ווי מיט פאַנטאַסטיש־רויטע לאָמפּן, און עס איז אַלעמען פרייליך געוואָרן אויף די הערצער.

— ליבע פריינט — האָט טאָם אויגוסטין אויסגערופן — מיר מוזן דאָך אונדזער נייע וווינונג אַ נאָמען געבן.

— אמת, אמת! — האָבן אַלע פרייליך אויסגערופן.

— מיין פאָרשלאַג איז — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — מען זאָל עס אַ נאָמען געבן „ליבערטי־האָל" — די „פריי־הייטס־וווינונג". מיר לעבן דאָ, ווי די פרייע פייגל.

— בראַוואָ, בראַוואָ, הער פּראָפעסאָר — האָבן אַלע אויסגערופן — אַ געלונגענער נאָמען.

— איצט וועל איך מיר איינאָרדנען אַן אָבסערוואַטאָריום אויפן העכסטן שפּיץ, פונוואַנען איך וועל מיט מיין שפּאַקטיוו קענען זען די גאַנצע געגנט אַרום.

און אָט אַזוי רעדנדיק פרייליך, האָט דער פּראָפעסאָר אַרויפגעקלעטערט פון צווייג אויף צווייג ביז צום העכסטן שפּיץ.

מ'האָט זייער שוואַך שוין געהערט זיין שטימע, וואָס האָט זיך קוים דורך דער צווייגן־געדיכטעניש דורכגעריסן.

— ווי ווייט קענען מיר איצט זיין פון אַנטלאַנטישן ים — האָט דער מאַיאָר געפרעגט דעם פּראָפעסאָר.

— אַן ערך פופציק מייל — האָט זיך דערהערט ווי פון אונטער דער ערד אַרויס דעם פּראָפעסאָרס שטימע.

ער האָט זיך נאָך דאָרט געזוימט אַ קליינע ווײַלע, דערנאָך איז ער צוריק אַראָפּגעקראָכן פון זיין אָבסערוואַטאָריום צו זיינע חברים אין דער „פרייהייט־וווינונג".

ס'איז שוין געווען נאַכט. מ'האָט אָנגעצונדן אַ פייער, אַרום וועלכן אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט און געשמועסט.

אַרום איז געווען אַ געדיכטע פינסטערניש, דאָס וואַסער פון

אונטן האָט מוראַדיק געראַנקעט. פון אויבן האָבן זיך ווי-נישט-ווי דורכגעריסן קלײנע, צאַפּלדיקע בלויע שטערנדלעך. דאָס פייער האָט פריילעך געקנאַקט און מיט אַ רויטער שיין באַגאָסן אַ טייל פון בוים, אַלע פּנימער, וואָס זענען אַרום פייער געזעסן. ס'איז געווען אַ הערלעך בילד.

שלאָפן האָט זיך נאָך קיינעם נישט געגלוסט, וואָרן אַלע האָבן זיך פריער געהאַט גענוג אויסגעשלאָפן, איז מען געזעסן און גערעדט וועגן דער רייזע ביז איצט און די צילן אויף ווייטער.

אַלע זענען געווען אייבשטימיק, אַז קאַפּיטאַן גראַנט געפינט זיך נישט אין אַמעריקע, אַז דאָס אַלץ, וואָס זיי זענען ביז איצט אויסגעשטאַנען, איז געווען בחנם.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיין ציל. ער מוז געפינען דעם קאַפּיטאַן, אפילו ער זאָל וויסן די גאַנצע וועלט אויסצופאָרן. „מיר מוזן אַזוי לאַנג פאָרן אויפן 37-טן גראַד, ביז מיר וועלן אים אָפּזוכן“.

— ווער ווייסט, צי דאָס אַלץ איז נישט אומזיסט מיינע לי-בע פריינט? — האָט דער מאַיאָר געצווייפלט.

— וואָס-זשע קענען מיר דאָ אָנווערן? — האָט דער פּראָ-פעסאָר זיך אַריינגעמישט — וועלן מיר אויספאָרן די גאַנצע וועלט.

— נעמט אָבער אין אַכט, אַז אין בריוו שטייט בפירוש: פּ אַ ט אַ ג אָ נ י ע ן און אַט, זעט איר, איז קיין סימן אפילו פון אים נישטאָ — האָט דער מאַיאָר ווידער געזאָגט.

— דאָס איז טאַקע דער שווערפּונקט פון דער גאַנצער לאַ-גע — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אָפּגעזיפצט. — צי זאָלן מיר זיך פאַרלאָזן אויף די רייד פון קאָמענדאַנט פון פעסטונג אינדעפּענ-דענט, און אָפּזאָגן זיך אינגאַנצן פון זוכן מער אין אַמעריקע, צי

זאָלן מיר אַריינפאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע און דאָרט זיך נאָכפרעגן באַם ענגלישן קאָנסול, אפשר האָט ער עפּעס געהערט פון אַזאַ אונטערגעגאַנגענער שיף.

אַלע האָבן געשוויגן, ס׳האָט קיינער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן אָדער אַן עצה צו געבן.

— קודם כּל וואָלט מען געדאַרפט געוואָר ווערן, וואָס פאַר אַ לענדער עס געפינען זיך אַלץ אויפן 37־טן גראַד — האָט דער מאַיאָר געזאָגט.

- נו, אין די זאַכן בין איך שוין נישט קאָמפּעטענט, דאָס דאַרף מען אַ פרעג טון אונדזער פּראָפעסאָר — האָט לאָרד גלע־נאַרוואַן געזאָגט.

— ווו איז ער עפּעס אַהינגעקומען, דער פּראָפעסאָר? פּראָ־פעסאָר פּאַגאַנעל! ווו זענט איר! — האָט מען געוואָפן פון אַלע זייטן.

—דאָ בין איך — האָט זיך דערהערט אַ ווייט, פאַרשטיקט קול.

— וואָס טוט איר ווידער אויבן, איר זענט דאָך שוין גע־האַט אַראָפּגעגאַנגען פון דאָרט? — האָט דער מאַיאָר גע־פרעגט.

— כ׳האָב פאַרגעסן דעם טעלעסקאָפּ, — האָט ער געענט־פערט.

— קומט נאָר גיכער אַראָפּ! — האָט מען צו אים גע־רופן.

— וואָס? איך וועל אייך ענטפערן פונדאַנען.

— וואָס פאַר אַ לענדער ליגן אַלץ אויפן 37־טן גראַד — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אַרויפגעשריגן.

— דעם 37־טן גראַד שניידט אַדורך גאַנץ דרום־אַמע־ריקע.

— וואָס נאָך ?

— דעם אַנטלאַנטישן ים.

— איך וויל נאָר וויסן — לענדער.

— אויב אויסרעכענען, מוז מען אַלצדינג — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט.

— נו, וואָס נאָך פאַר אַ לענדער ?

— דאָס אינדזל ט ר י ס ט אַ ן - ד אַ נ ק ו נ י אַ.

— נאָך ?

— דערנאָך גייט דאָס אינדזל סאַן-פּיער פון דער גרופּע אינדזלען אַמסטערדאַם.

— וואָס גייט ווייטער ?

— ווייטער גייט דורך אַ טייל אויסטראַליען.

— מער שוין נישט ?

— נאָך, באַלד ! . . .

פּלוצלינג האָט דער פּראָפעסאָר אַ געשריי געטון. אַלע זענען ווייס געוואָרן, ווי קרייד.

— וואָס איז געשען, אפשר איז ער אין וואַסער אַריינגעפאַלן ? — האָבן זיך דערהערט געשרייען פון אַלע זייטן.

דערווייל האָט זיך דערהערט אַ פאַלן און ברעכן פון צווייגן.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. — דער פּראָפעסאָר איז געפאַלן פון איין צווייג אויף דער אַנדערער און נישט באַוויזן זיך אפילו אָנצוכאַפּן.

דער מאַיאָר האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און פאַרהאַלטן.

דער פּראָפעסאָר האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן פון שרעק. ער איז געווען בלייך, זייער צעטראָגן. ער האָט אין אָנהויב נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. נאָר ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך.

— אַ דאַנק אייך, העד מאַיאָר — האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט — איר האָט מיר פאַרשפּאָרט צו גיין פאַרן שלאָפן אין אַ באָד.

— אָבער ווי אַזוי איז עס געשען? — האָט דער מאַיאָר געפרעגט.

— איך האָב מיך אַזוי פאַרטראַכט איבער דער לאַנד־קאַרטע, אַז איך האָב פּשוט פאַרגעסן, ווו איך בין אין דער וועלט — האָט דער פּראָפעסאָר זיך פאַרענטפערט.

— וואָס האָט איר געזוכט אויף דער לאַנדקאַרטע? — האָט אים לאָרד גלענאַרוואָן מיט אַ שמייכל אַ פרעג גע־טון.

— איך בין דערגאַנגען, אַז מיר האָבן געמאַכט זייער אַ גראָבן טעות. דערפון בין איך אַזוי איבערראַשט געוואָרן, אַז איך האָב מיך אינגאַנצן פאַרגעסן און בין אַראָפּגעפאַלן.

— ווער האָט געהאַט דעם טעות — מיר אָדער איר? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט מיט דערשטוינונג.

— מיר אַלע! דער קאַפּיטאַן גראַנט געפינט זיך גאָר אין אַן אַנדערן וועלט־טייל און מיר זוכן אים גאָר אין אַמעריקע. מיר האָבן פאַלש אויסגעטייטשט די בריוו.

אַלע זענען געבליבן פאַרגאַפט, מיט אָפענע מיילער און האָבן נישט געוווּסט, צי רעדט דער פּראָפעסאָר פון וועג, צי פאַרשטייען זיי אים נישט.

— איצט ערשט בין איך געפאַלן אויפן שכל — האָט ער אויסגערופן.

XXIII.

די נייע בריוו־אויסטייטשונג.

אַלע האָבן געמיינט, אַז דער פּראָפעסאָר איז פון זינען אַראָפּ. דאַכט זיך, אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרשטענדלעך און קלאָר, וואָס בעסער דאַרף מען שוין נישט, און צום סוף קומט ער איצט און זאָגט, אַז אַלץ איז פאַלש.

קיינער האָט אים נישט איבערגעפרעגט, מ׳האָט אים נאָר געקוקט אין מויל אַריין, וואָס פאַר אַ נייעס ער וועט דאָ אַרויס־זאָגן.

דער קליינער ראָבערט האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַרויס־געפּלאַצט:

— זאָגט מיר, ליבער פּראָפעסאָר, ווו געפינט זיך אַלזאָ מיין פאָטער?

— האָב געדולד, קליין יינגל, באַלד וועסטו געוויר ווערן — ער האָט אויף זיך צורעכט געמאַכט די מלבושים, וואָס זענען אים בשעת דעם פאַלן צעקנאָדערט געוואָרן. ער האָט אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן דערקלערן:

— בשעת איך בין געזעסן אין מיין אָבסערוואַטאָריום און דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט מיך געבומען אויספרעגן, וואָס פאַר אַ לענדער עס שניידט דורך דעם 37־סטן גראַד, איז מיר פּלוצלינג ווי אַ בליץ דורכן קאָפּ דורכגעלאָפן, אַז מיר זענען באַגאַנגען אַ טעות, לייענענדיק די בריוו.

— וואָס־זשע אַלזאָ — האָט דער מאַיאָר אומגעדולדיק געפרעגט.

— מיר האָבן פריער אויסטייטשט דאָס וואָרט austral, וואָס געפינט זיך אין פראַנצויזישן בריוו, אַלס די דרום־זייט פון דער וועלט. אינדעראמתן אָבער מיינט מען דאָס לאַנד „אויסטראַליען״. עס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן צוויי אותיות, עס האָט געדאַרפן זיין australie, אַזוי רופט מען עס אָן אויף פראַנצויזיש.

— עס קען נישט זיין — האָט דער לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

— איך פאַרשטיי עס אויך נישט, עס קריכט מיר נישט אין קאָפּ אַריין — האָט דער מאַיאָר צוגעגעבן.

— עס איז אָבער פּאָרט אַזוי, מיינע הערן, דאָס וואָרט „אויסטראַל״ באַצייכנט נישט אויף פראַנצויזיש די דרום זייט, אַזוי רופט מען נאָר אָן דאָס לאַנד — האָט זיך דער פּראָפעסאָר געשיצט.

— עס שטייט דאָך אָבער אין בריוו בפירוש דערמאָנט דאָס וואָרט ind, דאָס מיינט מען אינדיאַנער, און אין אויסטראַליען זענען קיין אינדיאַנער נישטאָ — האָט לאָרד גלענאַרוואָן ווייטער אָפּגעווענדט.

— דאָ האָט איר ווידער אַ טעות! — האָט דער פּראָפעסאָר זייענדיק זיכער אין זיינע רייד, גאַנץ רויק געזאָגט — שטייט דען אין בריוו דערמאָנט אינדיאַנער? עס שטייט בלויז אַ האַלב וואָרט ind, דאָס מיינט מען דעם פראַנצויזישן אויסדרוק indigenes, וואָס באַדייט: ווילדע מענטשן.

דער מאַיאָר מיטן לאָרד גלענאַרוואָן האָבן איצט איינגעזען, אַז זיי האָבן ווירקלעך געקענט האָבן אַ טעות. זיי האָבן ערשט זיך מודה געווען, אַז דער פּראָפעסאָר האָט רעכט.

— גאַנץ גוט — האָט לאָרד גלענאַרוואָן האַלב מודה גע-

ווען — אָבער טייטשט מיר אויס דעם האַלבן אויסדרוק agonie דאָס מיינט דאָך אָבער פּאָרט: פּאַטאַגאָניען! — האָט ער נישט געוואָלט נאָכגעבן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרטראַכט אַ שפּאָרע ווײַלע, דערנאָך האָט ער פּלוצלינג אַ געשריי געטון מיט פרייד, אויפבליצנ־דיק מיט די אויגן:

— איך האָב, איצט ווייס איך שוין אויף געוויס, אַז נאָר לעבן אויסטראַליען האָט דער קאַפּיטאַן גראַנט געליטן שיפברוך. דאָס וואָרט agonie מיינט גאָרנישט קיין לאַנד. דאָס הייסט אויף פראַנצויזיש: „געפאַר", ער איז אין אַגאָניע, דאָס באַדייט, אַז ער איז אין אַ שרעקלעכער געפאַר.

דער מאַיאָר האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין דער פּלייצע. אַלע זענען אויסער זיך געווען פון באַוווּנדערונג און פרייד.

— נו אדרבה, ווי אַזוי וועט איר איצט לייענען דעם בריוו? — האָט דער מאַיאָר געפרעגט.

— פּשוט:

„דעם 7־טן יוני 1862 האָט די שיף מיט דריי זעגלביימער „בריטאַניאַ" געליטן שיפברוך בײַ די ברעגן פון אויסטראַ־ליען. דער קאַפּיטאַן מיט צוויי מאַטראָסן זענען אין אַ שרעקלעכער געפאַר, זיי האָבן זיך געראַטעוועט אויפן לאַנד, די ווילדע האָבן זיי געפאַנגען. — זיי האָבן אַרײַנגעוואָרפן די פלאַש אין וואַסער און בעטן הילף."

— עס לייגט זיך אויפן שכל — האָט דער מאַיאָר אויס־געשריגן.

— איז נישטאָ וואָס צו קלערן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן — מען מוז פאָרן זוכן דעם קאַפּיטאַן קיין אויסטראַ־ליען.

דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט מיט טרערן אין די אויגן פון

פרייד געדאַנקט דעם פּראָפעסאָר פאַר זיין ריכטיקן איינ־פאַל.

— נאָר גאָט אַליין האָט אייך אויף מיין שיף צוגע־שיקט.

— דאָס איז שוין קיין נפקא מינה, ווי אַזוי איך בין דאָ אויף דער שיף אַרויפגעקומען. דער עיקר איז, מיר זאָלן זיך וואָס שנעלער אויפזעצן אויפן „דונקאַן" און פאָרזעצן אונדזער רייזע קיין אויסטראַליען — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגע־רופן.

די שטימונג צווישן אַלע איז געוואָרן זייער אַ מונטערע. איצט האָבן זיי כאָטש געהאַט, מיט וואָס צו קומען אויפן „דונקאַן", די רייזע איז נישט געווען אומזיסט. אָבער ווי אַזוי קריגט מען זיך אַראָפּ פון דעם בוים, פון דער „פרייהייטס־וווינונג" — דאָס האָט יעדערן געעגבערט אין מוח.

דערווייל איז געוואָרן שפּעט נאַכט. מ׳האָט זיך געדאַרפן גיין לייגן שלאָפן. יעדער איינציקער האָט זיך אויסגעבעט אויף אַ באַזונדערער צווייג און אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון וואַסער־גערויש זענען אַלע פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף.

צומאָרגנס זענען אַלע פרי אויפגעשטאַנען מונטער און פריש, מיט נייע האָפנונגען. דער הימל איז געווען בלוי, די זון האָט געפּלייצט מיט גאָלד, דורך די צווייגן זיך דורכגעריסן און אָפּגע־שיט די בלעטלעך מיט אַ גאָלד־שטויב.

מען איז געלאָפן קוקן, צי דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן. ס׳איז אָבער געשטאַנען אין איין מאָס.

— דאָס איז אויך גוט — האָט דער פּראָפעסאָר אויס־גערופן, — אַבי עס קומט נישט צו, וועט עס שוין ממילא אָפּ־פאַלן.

דאָך איז די לאַגע נישט געווען אַזאַ פריילעכע. די שפּייז, וואָס טהאַלקאַווע האָט איבערגעלאָזט, איז ביסלעכווייז אויסגעגאַנ־גען און ווער ווייסט, ווי לאַנג דערדאָזיקער מבול קען אָנהאַלטן, און נאָך אַזעלכע מאָדנע טרויעריקע געדאַנקען זענען יעדער'ן גע־קומען אין קאָפּ אַריין.

עסן דערווייל האָט מען געדאַרפן, האָט מען אָנגעהויבן קלערן, אויף וואָס פאַר אַן אופן מען מאַכט היינט די ערשטע סעודה.

— היינט מוז זיין אַ גרויסאַרטיקע סעודה לכבוד אונדזער פאָרשטייענדער רייזע קיין אויסטראַליען — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

— ווי אַזוי, ליבער פּראָפעסאָר — האָט דער מאַיאָר גע־חוזקט — אַז אין זאַק איז שוין כמעט גאָרנישטאָ.

— מיר וועלן גיין אין וואַלד אַריין כאַפּן פייגל, אין די נעסטן געפינען זיך אויך אייער. אונטן אין וואַסער זענען דאָ פיש — נו, וועט נישט זיין קיין פיינע סעודה, הער מאַיאָר? — האָט דער פּראָפעסאָר פריילעך זיך געוויצלט.

— איך גיי אין וואַלד אַריין — האָט ראָבערט אויסגערופן, — כ'וועל מיר מיטנעמען מיין רעוואָלווער און אָנשיסן פייגל אויף אַ מיטאָג.

— און איך וועל גיין כאַפּן פיש — האָט דער מאַטראָס ווילסאָן געזאָגט.

ער האָט גענומען זיין דעק, אָנגעבונדן אין די עקן קוילן, כדי זי זאָל אַראָפּזינקען אין וואַסער, און אויף אַזאַ אופן האָט ער באַקומען אַ פיינע נעץ.

די אַרבעט האָט זיך באַלד אָנגעהויבן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז געווען אַ פרייד אין דער „פרייהייטס־

וווינונג" — צאַפּלדיקע פיש האָבן זיך געוואָרפן און געפּאַטשט מיט די ווידלען.

אין דער צייט איז ראָבערט מיטן פּראָפעסאָר אַרויפגעקראָכן אויף די העכסטע שפּיצן פון בוים, אָדער ווי זיי האָבן עס אָנגערופן — אין וואַלד אַריין.

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס קנאַקן פון די רעוואָלווערס און די פרייד־אויסגעשרייען, בשעת זיי האָבן געפונען אין די נעסטן אייער.

אין קורצן זענען זיי ביידע אַראָפּגעקומען פון דער יאַגד. דער פּראָפעסאָר האָט געטראָגן אַ־פּולן הוט מיט פויגל־אייער און ראָבערט האָט געהאַלטן אין דער האַנט עטלעכע געשאָסענע פייגל.

מען האָט אָנגעלייגט אַ פייער און גענומען צוגרייטן די סעודה.

ס'איז נישט אַדורך קיין שעה זענען געווען געבראָטענע פיש מיט געבראָטענע פייגל. און ס'איז געווען אַ סעודה כיד המלך. אַלע האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. זיי האָבן גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, ווו זיי זענען אין דער וועלט.

נאָכן מיטאָג האָבן זיי גענומען פלוידערן וועגן פאַרשידענע זאַכן. צומייגנסט האָט גערעדט דער פּראָפעסאָר, און אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

ס'איז געווען זייער אַ שיינער טאָג, זענען זיי נאָכן מיטאָג אַרומגעקראָכן אויף די העכסטע צווייגן און אַרומגעקוקט זיך איבער דער גאַנצער געגנט. מ'האָט אָבער בלויז נאָר געזען וואַסער און הימל, הימל און וואַסער.

XXIV.

אַ שׂרפֿה.

ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט. איידער מ'איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפֿן, איז לאָרד גלענאַרוואָן, דער פּראָפֿעסאָר און ראָבערט אַרויפֿגעקראָכן אויף דעם העכסטן שפּיץ פֿון בוים, כּדי צו זען, צי דאָס וואַסער האַלט נאָך אין איין שטאַנד, צי עס איז אָפּגעפֿאַלן.

פּלוצלינג האָט לאָרד גלענאַרוואָן באַמערקט אויף מזרח-זייט פֿון הימל אַ שוואַרצן וואָלקן, וואָס האָט זיך מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט אַלץ ווייטער און ווייטער פֿאַרשפּרייט.

די לופֿט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער, ס'איז געוואָרן שטיל, ווי אין דערוואַרטונג פֿון עפּעס שרעקלעכס.

— ס'וועט נישט לאַנג געדויערן, וועלן מיר האָבן אַ געוואַלטיקן שטורעם מיט דונערן און בליצן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט.

דער קליינער ראָבערט האָט אַ צאַפּל געטון.

— האָסט מורא? — האָט אים דער פּראָפֿעסאָר געפֿרעגט.

— לחלוטין נישט, ס'האָט מיך נאָר גלאַט אַ שוידער דורכגענומען, ס'איז קיל.

דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון. ער האָט געשמייכלט.

— וואָס האָבן מיר מורא צו האָבן פֿאַר שטורעמען, ווען מיר

זיצן זיך, ווי די פייגעלעך, אין די נעסטן — האָט ער אויסגע־רופן.

— דער שטורם קען אונדז אפשר נישט שאַטן, אָבער דער רעגן, וואָס וועט זיך אַ גאָס אַראָפּ טון, וועט אונדז אויסווייקן ביזן העמד. מיר זענען פאָרט נישט קיין פייגעלעך — האָט לאָרד גלע־נאַרוואָן געענטפערט.

— נאָר מוט, לאָרד, — האָט אים דער פּראָפעסאָר גע־טרייסט — וואָס וועט אייך אַרויסקומען דערפון, וואָס איר זאָרגט אייך און קלערט אַריין?

לאָרד גלענאַרוואָן האָט נאָר אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— נו, מען דאַרף גיין מתרה זיין אונדזערע חברים, זיי זאָלן זיין צוגעגרייט צום שטורם — האָט לאָרד גלענאַרוואָן גע־זאָגט.

זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען אונטן.

ס'איז געוואָרן נאָך טונקעלער און אַן אומעטיקייט האָט אַלע אַרומגענומען. דעם שוואַרצן פאַרוואָלקנטן הימל האָבן אָנגעהויבן דורכצוקרייצן גאָלדענע פעדעם, וואָס האָט יעדע ווײַלע דעם בוים מיט אַ רויטער שיין אָפּגעגאָסן.

אונטן אין וואַסער האָבן עפּעס ליכטיקע פונקען אַלע מאָל אַ פינקל געטון פאַר די אויגן און פאַרשוווּנדן, אַ פינקל און פאַר־שוווּנדן.

— וואָס קען דאָס זיין? — האָבן זיך אַלע גע־...

— דאָס זענען גלי־ווערעמלעך, וואָס גלאַנצן און פינקלען, ווי די דימענטן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אַלעמען געהייסן זיך צובינדן פעסט צו אַ צווייג, וואָרן דער שטורם וועט געוויס שאָקלען און וואַרפן דעם בוים.

ס'איז געוואָרן שפּעט, קיינער האָט אָבער נישט נעקענט שלאָפן. אַלע זענען געווען אָנגעשטרענגט ביז גאָר.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ ווייטער רעש און ווי אַ קאָלערן זיך פון אַ גאַנצן באַרג מיט שטיינער, וואָס איז אַלע מאָל העכער געוואָרן, דאָ נידעריקער זיך אַראָפּגעלאָזט.

אַ בליץ האָט דעם גאַנצן הימל דורכגעשפּאָלטן און מיט אַ בלוילעך-פיאָלעטן פייער די גאַנצע וועלט באַלויכטן און ווידער איז פינסטער געוואָרן.

דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן צו רוישן און שטאַרקער צו רייזלען, ס'האָט געקאָכט און געזאָטן, ווי פון פייער אונטערגעצונדן.

— עס הייבט זיך אָן דער קאָנצערט! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

אַלע זענען ערנסט געוואָרן, ווי בשעת אַ גאָטעס-דינסט. ס'האָט קיינער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. איטלעכער איז געשטאַנען טרויעריק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, בלויז דער פּראָפעסאָר האָט נישט פאַרלוירן דעם הומאָר.

— ווילן מיר, הייסט עס, האָבן אַן אומזיסטן קאָנצערט — האָט ער זיך געוויצלט — מיט פיינע דעקאָראַציעס, מיט אמתע דונערן און בליצן.

— וואָלט איך עס שוין ליבער געוואָלט זען אין אַ טעאַטער אין לאָנדאָן, זאָלן זיין פאַלשע דונערן מיט פאַלשע בליצן — האָט באַמערקט דער מאַיאָר.

— זענט איר דאָך זייער מוטיק, הער מאַיאָר, — האָט פון אים דער פּראָפעסאָר געחוזקט. — איר ווייסט, אַז טיילמאָל מאַכט זיך, עס דונערט אַ קנאַפּע שעה נאָכאַנאַנד. און ווונדערלעך: מיר ווייסן, אַז ווען עס הייבט אָן צו דונערן, טאָר מען זיך אונטער אַ

בוים נישט באַהאַלטן, ווייל ער ציט צו דעם דונער און איצט איז אונדזער איינציקע שוץ דער בוים!

— וואָס שיט איר נאָך זאַלץ אויף די ווונדן? — האָט דער מאַיאָר ערנסט געזאָגט.

— טאַקע אַזוי — האָט דער לאָרד אים אונטערגעהאַלטן.

דער פּראָפעסאָר האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר אַ שרעק־לעכער דונער האָט אים איבערגעריסן.

ס׳האָבן אָנגעהויבן קנאַלן דונערן נאָך דונערן. בליצן נאָך בליצן האָבן אָנגעהויבן בלענדן פאַר די אויגן און יעדע ווײַלע האָט דער בוים אויפגעלויכטן, ווי איין שטיק פלאַמיק פייער.

— די וועלט גייט אונטער — האָט זיך באַ יעדערן אויף די ליפּן אַרויסגעכאַפּט.

עס האָט געשטורעמט און געקנאַלט, געוואָרפן דעם בוים, די נערע צווייגן האָבן זיך געבראָכן.

— ס׳איז געפאַלן אַ טראָפּן, נאָך איינער. דערנאָך האָט אָנ־געהויבן גיין געדיכטער, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן גיסן, גלייך דער הימל וואָלט פונאַנדערגעריסן געוואָרן און דאָס גאַנצע וואַסער, וואָס געפינט זיך אין די וואָלקנס האָט מיט איין מאָל אַ פלייץ גע־טון און אַזוי האָט געפּלייצט אומאויפהערלעך.

פלוצלינג האָט אַ קנאַל געטון. אַ פייערדיקע קויל האָט דורכ־געזעצט צווישן די צווייגן, אַרומגעקרייזט אַרום בוים און פאַר־שוווּנדן געוואָרן.

אַלע זענען בלייך געוואָרן, ווי די מתים.

— דער בוים ברענט — האָט טאָם אויגוסטין אויסגע־שריגן.

מיט טויט־שרעק זענען אַלע אַריבערגעלאָפן אויף דער זייט בוים, וווּ ס׳האָט נאָך נישט געברענט, און מיט אימה זיך צוגע־קוקט, ווי דאָס פייער האַלט זיך אין איין פאַרברייטערן.

די היץ איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, ס'איז שוין שווער געווען אויסצוהאַלטן.

— שוין גלייכער אין וואַסער אַריין, איידער פאַרברענט צו ווערן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

עס האָט זיך דערהערט אַ שפּריץ.

דער מאַטראָס ווילסאָן איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער.

באַלד אָבער האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך געשריי:

— ראַטעוועט, איך בין פאַרלוירן!

ער האָט קוים באַוויזן צוריק אויפן בוים אַרויפצוקלעטערן און אַנידערגעפאַלן אין אָנמאַכט.

— וואָס איז געשען? — האָבן אַלע ווי מיט איין קול געפרעגט.

— אַליגאַטאָרס! — האָט ער שוואַך אָפּגעענטפערט. — אין וואַסער זענען דאָ אָן אַ שיעור קראָקאָדילן, זיי זענען אויף מיר אָנגעפאַלן.

אַ פּחד איז אַלע באַפאַלן. פון איין זייט דאָס פייער, פון דער צווייטער — קראָקאָדילן — ווי אַזוי גייט מען אַרויס פון דער לאַגע. ס'האָט אויסגעזען, ווי פאַרפאַלן, אָן אַ שום רעטונג.

באַם ליכט פון פייער האָט מען געזען, ווי עס שווימען אַרום די קראָקאָדילן מיט די רויטע אָפענע מיילער און וואַרטן אויף זייערע קרבנות, וואָס מוזן פריער אָדער שפּעטער צו זיי אַריינפאַלן.

דערווייל האָט דאָס פייער געקנאַקט און וואָס אַמאָל אַן אַנדערע צווייג אַריינגעכאַפּט אין זיינע רויטע לאַפּעס און פאַרוואַנדלט עס אין אַן אָנגעגליט שטיק.

די רייזנדע זענען געווען שרעקלעך פאַרצווייפלט.

פּלוצלינג האָט דער שטורם אויפגעהערט. פונדערווייטנס האָט

זיך אַ וואָלקן אַראָפּגעלאָזט, וועלכער האָט אָנגעהויבן דרייען אין וואַסער. פֿון וואַסער האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ זייל, ווי אַן איבער־געקערטער ליַיעק און די ביידע זײַלן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן און מיט אַ שרעקלעכן רעש און געשווינדקייט זיך גענומען דרייען. ווי מיליאָנען טאָנען וואַסער וואָלטן פֿון אַ באַרג אַראָפּגעפֿאַלן, אַזוי האָט עס געררוישט. דאָס איז געווען אַ „טאָרנאַדאָ״.

דאָס קען פֿאָרקומען סיי אויף דער יבשה, סיי אויפֿן וואַסער. די טאָרנאַדאָ איז אַזוי שטאַרק און מעכטיק, אַז זי קען די שטאַרק־סטעביימער אומדרייען, די גרעסטע הײַזער חרוב מאַכן, אײַזערנע זײַלן הייבט זי אויף, ווי די שפּענדלעך און פֿאַרשליידערט זיי ווייט פֿון זייער אָרט.

אויב עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט אויף אַ ים אַזאַ טאָרנאַדאָ, איז שטענדיק די שיף געווען פֿאַראורטיילט צום אונטערגיין, לעצטנס אָבער איז מען דערגאַנגען, אַז מען קען זי צעשיסן מיט אַ האַר־מאַט.

קורץ, דאָס איז געווען אַזאַ אומגליק, וואָס האָט באַ אונדזע־רע רייזנדע דאָס בלויז אין די אָדערן פֿאַרקילט. ס'איז נישט גע־ווען קיין שום אַנדערע עצה, ווי צו וואַרטן רויִק, ביז די טאָרנאַדאָ וועט אַנטלויפֿן און צעשמעטערן דעם בוים מיט אירע באַוווי־נער.

שטיל האָט יעדער פֿאַר זיך תּפֿילה געטון.

דעם לאָרד גלענאַרוואַן איז געקומען אויפֿן געדאַנק זײַן גע־ליבטע פֿרוי העלענאַ, ווי זי וואַרט דאָרט אומגעדולדיק אויפֿן „דונ־קאַן״ און דאַ, ווייסט זי נישט, אויף וואָס פֿאַר אַן אומגליק איר מאַן איז אויסגעשטעלט.

אַלע זענען געשטאַנען אין איין ציטערניש און געקוקט אויף דעם אַנלויפֿנדיקן טויט.

די טאָרנאַדאָ איז געלאָפֿן מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט,

עס האָט זיך געהערט אַ שרעקלעך רוישן, ווי טויזנטער וואַסער־פֿאַלן מיטאַמאָל וואָלטן זיך פֿון די העכסטע בערג אַראָפּגעגאָסן און מיטאַמאָל האָט עס אַ זעץ געטון אין בוים מיט אַ ריזיקער קראַפֿט און אים מיט די וואָרצלען אויסגעריסן. דאָס פֿייער איז פֿאַרלאָשן געוואָרן. ס'איז פּלוצלינג גשוואָרן פֿינסטער, די רייזנדע האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס איז מיט זיי געשען, יעדער האָט זיך נאָר בּאַ אַ צווייג אָנגעכאַפּט און פֿעסט זיך געהאַלטן.

דער בוים איז געשווומען שוין רויִק אויפֿן וואַסער, די טאָר־נאַדאָ איז זיך אַוועק איר וועגס ווייטער צו צעשטערן, וואָס עס וועט איר נאָר אויפֿן וועג אונטערקומען. די קראָקאָדילן זענען פֿאַרשווּנדן געוואָרן.

ביסלעכווייז האָט דער עולם אָנגעהויבן צו קומען צו זיך.

— ווּ זענט איר? — האָט זיך דערהערט לאָרד גלענאַרוואָנס שטימע.

— איך בין דאָ! איך בין דאָ! — האָבן זיך דערהערט שטי־מען פֿון אַלע זייטן.

ס'האָט קיינער נישט געפֿעלט.

דערווייל איז דער בוים געשווומען מיט אַ געוואַלטיקער שנעל־קייט.

דער פּראָפֿעסאָר האָט גענומען דערקלערן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין דער לעצטער רגע.

— דאָס איז איינס פֿון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען פֿון דער נאַטור, מיר האָבן אויסגעהאַלטן אַ טאָרנאַדאָ! — האָט ער געזאָגט.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט. זיי זענען נאָך געווען אונטערן איינדרוק פֿון דעם שרעקלעכן געשעעניש, יעדעס ביינדל האָט אין זיי געציטערט.

איטלעכעס שלעכטס, זעט איר, קומט אַרויס צום גוטן — האָט דער פּראָפעסאָר ווייטער געפילאָזאָפירט. — די טאָרנאַדאָ האָט אונדז געראַטעוועט פון פייער און פון די אַליגאַטאָרס און מעגלעך, אַז מיר וועלן אינגאַנצן געראַטעוועט ווערן. דער בוים וועט דאָך יעדנפאַלס ערגעץ-ווו צושווימען.

ס'איז געווען פינסטער, מ'האָט נישט געוווּסט, ווו מ'געפינט זיך אין דער וועלט, פון צייט-צו-צייט האָט נאָר אַ בליץ דעם הימל צעשפּאָלטן און באַלויכטן אויף אַ ווײַלע די געגנט אַרום.

XXV.

צוריק אויפן „דונקאַן“.

ענדלעך האָט דער רעגן אויפגעהערט, די וואָלקנס זענען זיך צעשווומען און איינס נאָכן אַנדערן האָבן שטערנדלעך אויפגעבלישטשעט אין הימל. די שטימונג איז געוואָרן אַ פריילעכע. ס'איז קיינער נישט געשלאָפן.

אויף מזרח האָט זיך אַ ראָזער פּאַס אָפּגעלייגט און געשמייכלט צו אונדזערע רייזנדע, ווי ער וואָלט זיי אַ גוטע בשורה געברענגט.

ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן.

אַ בלוילעכקייט האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין דער פינסטערניש, וועלכע איז וואָס אַמאָל גרויער און גרויער געוואָרן. דער ראָזער פּאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוט-רויטן, וואָס איז פון מינוט צו מינוט אַלץ ברייטער געוואָרן, ביז די גאַנ-

צע מזרח-זייט איז געבליבן שטיין אין העלישע פלאַמען און אָפּ־געשפּיגלט זיך מיט אַלערליי קאָלירן און וואַסער.

אויף דער וועלט איז געוואָרן העל, פון די רויטע פלאַמען האָט זיך אויסגעשיילט דאָס גרויסע זון־ראָד, וואָס איז ווי אַ מלכותדיקע קרוין איבער דער וועלט אַרויפגעשוווּמען און איר ממשלה פונאַנדערגעשפּרייט.

און דער בוים איז אַזוי געשווומען איבער די קאָלירנדיקע וואַסערן און געטראָגן אויף זיך די איינוווינער פון דער „פּרייהייטס־באַוויגונג", וועלכע האָבן פּאַר פרייד אָנגעהויבן צו זינ־גען.

פּלוצלינג האָט זיך דער בוים ערטערווייז אָנגעהויבן אָנ־שלאָגן אָן גרונט.

איינער פון די מאַטראָסן האָט אַריינגעשטעקט אַ שטעקע־לע, כדי צו פּרוּוון די טיפקייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ'קען שוין כמעט באַלד אויסשטייגן פון דער „שיף".

דער בוים האָט זיך איצט קוים נאָר גערוקט. ס'האָט גע־דויערט אפשר נאָך אַ האַלבע שעה, האָט דער בוים זיך אַ שטויס אָן געטון אָן ערד און איז שטיין געבליבן.

— יבשה! יבשה! — האָט דער פּראָפעסאָר פריילעך גע־שריגן.

די ערשטע זענען אַרויסגעשפּרונגען דער מאַטראָס ווילסאָן מיטן קליינעם ראָבערט.

אַלע האָבן פריי אָפּגעעטעמט, — ענדלעך איבערגעקומען אַזאַ ווייטע און שרעקלעכע „ים־רייזע"!

מ'האָט זיך אויסגעלאָדנט פון דער „שיף" און אַלע זענען שטיין געבליבן אויף פעסטן לאַנד.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער אויסטערלישער פייף.

אַלע האָבן זיך האַסטיק אומגעקוקט און דערזען אַ רייטער.

— טהאַלקאַווע! אונדזער פרײַנט טהאַלקאַווע! — האָבן אַלע אָנגעהויבן שרײַען און פּאַטשן מיט די הענט, ווי די קליינע קינדער, פאַר פרייד.

ער איז עס טאַקע געווען. ווען ער איז צוגעקומען, האָט ער אַרומגעכאַפּט מיט זײַנע אײַזערנע אָרעמס דעם קליינעם ראָבערט און אים צוגעדריקט צו דער ברוסט. די איבעריקע פּאַסאַזשירן זענען אַראָפּגעקומען פון בוים און זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים. זיי האָבן געוויינט און געלאַכט, געשפּרונגען פון שמחה.

ער האָט זיי דערציילט, ווי ער איז פון שטראָם פאַרשלעפּט געוואָרן דאָ אַהער צו דעם בערגל, ווו זיי שטייען איצט. ער האָט זיך אויפגעבויט אַ געצעלט פון צווייגן, געכאַפּט חיות און אַזוי אַרום זיך דערנערט די פּאָר טעג.

דערנאָך האָבן זיי אים אָנגעהויבן צו דערציילן זייערע פּאַסירונגען, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, זינט ער האָט זיי איבערגעלאָזט אויפן בוים.

ווען זיי האָבן געענדיקט דאָס דערציילן, האָט זיי טהאַלקאַווע אַרײַנגעפירט צו זיך אין געצעלט. פאַר דער טיר האָט ער אָנגעלייגט אַ גרויס פײַער, אויף וועלכן ער האָט גענומען בראָטן די געשאָסענע חיות און פייגל, וואָס ער האָט נאָך פון נעכטן געהאַט אָנגעפאַנגען.

די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום פײַער, כדי אויסצוטרוקענען אויף זיך די מלבושים, וואָס זענען דורכגענעצט געוואָרן ביזן לעצטן פאָדעם.

קודם כל האָט ער אויפגעקאָכט טיי. נאָכן אָנוואַרעמען זיך און אויסטרוקענען האָבן זיי זיך אָנגעטרונקען און נאָכדעם ערשט האָט מען זיך גענומען צום געבראָטנס, וואָס זיי האָבן געגעסן מיט אַן אומגעהײַערן אַפּעטיט.

נאָכן עסן האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעגעבן טהאַלקאַווען, אַז דער מענטש, וועלכן זיי זוכן, איז לגמרי נישטאָ אין אַמעריקע און, אַז זיי פאָרן איצט אים זוכן קיין אויסטראַליען.

נאָך דער סעודה האָט מען זיך געלייגט שלאָפן, ווייל אַלע זענען נאָך אַזאַ מין באָד פון קאַלט און וואַרעם געווען זייער מיד און אָפּגעמאַטערט. זענען זיי טאַקע געשלאָפן זייער געשמאַק.

טהאַלקאַווע האָט זיי אויך מודיע געווען, אַז פונדאַנען ביז דעם פּאָרט סאַן אַנטאָניאַ איז נאָך סך הכל פערציק מייל, אַז מען זאָל גיין געוויינלעך, ווי אַ מענטש גייט, דאַרף מען האָבן דערויף צוויי טעג.

אַרום באַכמיטאָג האָט זיי טהאַלקאַווע אויפגעוועקט, כדי צו לאָזן זיך אין וועג אַריין.

קיין פערד אויסער טהאַלקאַוועס איז נישט געווען, האָבן אַלע געמוזט גיין צופוס. ראָבערטן האָט מען אויפגעזעצט אויף טהאַלקאַוועס פערד. ער האָט לכתחילה נישט געוואָלט רייטן אײנ־דערצייט, וואָס אַלע גייען צופוס, אָבער אין יענע קאַנטן צופוס צו גיין איז נישט פון די לייכטע זאַכן. די ערד איז דאָרט באַ־דעקט מיט דערנער, מיט שטיקער זאַלץ.

ס'איז געוואָרן אָוונט, האָבן זיי זיך אויסגעזוכט אַ בערגיק אָרט און דאָרט איבערגענעכטיקט.

צומאָרגנס זענען זיי גאַנץ פרי אויפגעשטאַנען און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די האָפנונג באַלד צו זיין אויפן „דונקאַן" און צו זען זיך מיט אַלע נאָנטע האָט זיי צוגעגעבן מוט און אויסהאַלטעוודיקייט, און נישט קוקנדיק אויף דער שרעקלעכער אָפּגעמאַטערטקייט, זע־נען זיי געגאַנגען, נישט אָפּרוענדיק זיך אפילו אויף קיין רגע.

אויפן דריטן טאָג האָט זיי טהאַלקאַווע מודיע געווען, אַז זיי זענען נאָך סך הכל פופצען מייל פון ים,

אַ פרייד האָט אַלעמען באַהערשט. דעם לאָרד גלענאַר־וואָן האָבן זיך אַזש טרערן געשטעלט אין די אויגן פאַר פרייד.

פלוצלינג אַרום נאָכמיטאָג האָט זיך צו אַלעמענס אויערן דערטראָגן אַ שוואַך רוישן. וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען, אַלץ שטאַרקער איז דאָס רוישן געוואָרן.

מיטאַמאָל האָט זיי אַ בלענד געטון פאַר די אויגן איבערן גאַנצן האָריזאָנט אַ בלענדנדיקער פאַס זילבער. זייערע הערצער האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן און וואַרפן זיך פאַר איבערראַשונג.

ווען ס׳איז געוואָרן אָוונט און די זון, וועלכע איז אונטער־געגאַנגען אַ בלוט־רויטע האָט זיך אין אַטלאַנטישן ים געשפּיגלט, זענען זיי שטיין געבליבן באַ זייבע ברעגן.

ס׳איז שוין געווען פינסטער. זיי האָבן מיט די אויגן געזוכט פון אַלע זייטן, אפשר וועט זיך באַווייזן כאָטש אַ סימן פון דעם „דונקאַן״, אָבער מ׳האָט נישט געהערט און נישט געזען.

אַלע זענען געבליבן שטיין איבעראַשט, נישט געוווסט וואָס צו קלערן, נישט געקענט זיך אויסטייטשן די סיבה פון דעם „דונ־קאַנס״ אָפּוועזנהייט.

— וואָס ווען מיר זיך איצט בחנם די אויגן אויסקוקן — האָט טאָם אויגוסטין געזאָגט — ס׳איז דאָך פינסטער און מיר וועלן איצט סיי ווי גאָרנישט זען. לאָמיר צוואַרטן ביז אינדערפרי, מאָרגן וועט זי זיכער צוקומען צום ברעג, ווייל זי האָט אוודאי מורא געהאַט פאַר אַן אָנפאַל מצד די ווילדע און איז דערפאַר אָפּ־געשווומען אין ים אַריין.

מען האָט נאָך געפּרווט שרייען און אָנרופן באַם נאָמען דעם קאַפּיטאַן פאַראַגוט. דער ים האָט אָבער שרעקלעך גערוישט, ס׳איז אוממעגלעך געווען צו הערן זייער געשריי.

זיי האָבן זיך אויסגעבעט געלעגערס אויפן זאַמד באַם ברעג פון ים און אונטערן אומאויפהערלעכן רוישן פון דערדאָזיקער ווילדער מוזיק און כסדרדיקן ווינקען און בויגן זיך פון די צאַפּלדיקע שטערן זענען זיי מיט גוטע האָפנונגען אויף ווייטער איינגעשלאָפן.

די נאַכט איז געווען זייער אַ קילע, דערצו האָט נאָך פון ים געצויגן אַ פייכט ווינטל, וואָס האָט זיי געמאַכט אַלע מאָל אויפשוידערן. זיי האָבן זיך גוט אין די מאַנטלען און דעקן איינגעהילט און ווייטער געשלאָפן.

איין לאָרד גלענאַרוואָן נאָר איז נישט געשלאָפן. ער האָט כסדר געטראַכט וועגן זיין ליבער העלענאַן. אַזוי נאָענט שוין צו זיין פון איר און דאָך אַזוי ווייט. ער מוז איצט ליגן דאָ אויפן פייכטן זאַמד, אינדערצייט, וואָס גאָר אין דער נאָענט דרייט זיך אפשר אַרום זיין שיף מיט די פּראַכטפולע קאַיוטעס.

— און אפשר? — האָט ער געטראַכט — און אפשר איז מיט דער שיף עפּעס געשען? ס'איז דאָך אַ ים, אויב אויף דער יבשה האָט זיי געקענט טרעפן אַזעלכע מיני געפאַרן, מכל שכן נאָך אויפן ים.

אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען איז לאָרד גלענאַרוואָן אַרומגעקראָכן איבער די זאַמדן, אין דער פינסטערער נאַכט, לענגאויס דעם ברעג פון ים און מיט די אויגן געזוכט עפּעס אַ ליכט, אַ סיגנאַל פון אַ שיף, אָבער אומזיסט.

אָבער פלוצלינג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט עפּעס אַ רויט ליכט, טיילמאָל אַ גרינס. דאָס זענען די סיגנאַללאַמטערן, וואָס יעדע שיף פאַרמאָגט.

ער איז צוגעקראָכן צו די שלאָפנדיקע, אָפּגעזוכט דעם פּראָפעסאָר, וועלכער איז געשמאַק געשלאָפן און אוודאי געחלומט

פון מדבריות, אינדיאַנער, אָדער ווי ער האָט אַ לעקציע פאַר זיי-
נע סטודענטן פון דער רייזע זיינער. ער האָט אים ליכט באַריִרט
און אָנגעהויבן אים שטיל צו וועקן.

— הער פּראָפעסאָר, הער פּראָפעסאָר! — האָט ער גע-
שעפּטשעט.

יענער האָט זיך ביז אַ כאַפּ אויף געגעבן, וואָס מ'האָט אים
אויפגעוועקט פון זיינע זיסע חלומות.

— ווער איז? וואָס וויל מען פון מיר! — האָט ער גע-
שריגן פון שלאָף.

— אָבער הער פּאַגאַנעל, אומגאָטעסווילן, איר דערקענט
מיך נישט? איך, גלענאַרוואָן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעווישט זיך די
פאַרשלאָפענע אויגן, געשווידערט פון קעלט און מיט אַ ציטערדיק
קול געפרעגט:

— וואָס ווילט איר?

— דעם טעלעסקאָפּ, בעט איך אייך, גיט מיר!

— וואָס טויג אייך דער טעלעסקאָפּ?

— דאַכט זיך, איך זע דעם „דונקאַן".

באַ דעם וואָרט איז דער פּראָפעסאָר מיטאַמאָל וואַך גע-
וואָרן און אויסגעשפּרונגען ווי אויף ספּרוזשינעס. ער האָט גענו-
מען דעם טעלעסקאָפּ און געקוקט אויף אַלע זייטן, אָבער נישט
קיין רויט, נישט קיין גרין ליכט האָט ער געזען.

— איך זע נישט קיין שום סיגנאַלן, אייך דאַכט זיך באַר
אויס, לאָרד — האָט אים דער פּראָפעסאָר געענטפערט און איז צו-
ריק געגאַנגען שלאָפן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אויך איינגעזען, אַז באַנאַכט איז
שווער צו זען אויף אַ טעלעסקאָפּ, האָט ער געמאַך געלאָזט, מ...

נישט געקוקט. ער האָט זיך אָבער נישט געלייגט, נאָר כסדר פאַר־זונקען אין געדאַנקען האָט ער געשפּאַצירט הין און צוריק לענגאויס דעם ברעג.

ס'האָט זיך אים פּאָרט דייטלעך אויסגעוויזן, ווי ער זעט, עס טוישן זיך כסדר די רויטע און גרינע ליכט, אָבער באַלד איז אַלץ פאַרשוווּנדן געוואָרן פון די אויגן.

ענדלעך האָט אים דער שלאָף גובר געווען און ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן זאַמד, פאַרזינקענדיק אין אַ טיפן שלאָף.

פּלוצלינג, ער האָט נישט געוווּסט, וויפיל צייט ער איז אַזוי געשלאָפן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט; עס איז שוין געווען העלער טאָג און ער האָט דערהערט דאָס געשריי:

— דער „דונקאַן", דער „דונקאַן" !

ער איז נישט טויט, נישט לעבעדיק אויפגעשפּרונגען און מיטן ערשטן בליק באַלד באַמערקט, ווי זיין שיף וויגט זיך אויף דער אויבערפלאַך פון ים, ווי אַ ווייסער שוואַן וואָלט געשווומען רויק און גלייך.

איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די שיף שטייט אַזוי ווייט פון ברעג. וואָרן איצט, באַטאָג האָט ער באַמערקט, אַז לעבן ברעג איז דער ים נישט טיף און דעריבער האָט דער טיכקיקער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געהאַלטן זיך פונדערווייטנס, מורא האָבנדיק, ער זאָל נישט אַרויף אויף אַ זאַמד.

איצט האָט ער שוין דורכן פּראָפעסאָרס טעלעסקאָפּ אַלץ דייטלעך געזען. מען האָט אפילו באַמערקט, ווי די מאַטראָסן פאָרען זיך הין און צוריק אויפן דעק פון דער שיף. דער קאַפּיטאַן פּאַ־ראַגוט האָט אָבער אונדזערע רייזנדע נישט באַמערקט און ער האָט זיך מיט זיין שיף רויק געוויגט איבער די כוואַליעס פון אַנטלאַנטיק.

איטלעכן האָט איצט געעגבערט אין מוח די פראַגע, ווי אַזוי

גיט מען צו וויסן דעם קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, אַז די רייזנדע זענען שוין אָנגעקומען.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון אַ ביקס. טהאַלקאַ־וועה האָט דאָס אויסגעשאָסן, אַלס סיגנאַל, אָבער די שיף איז צו ווייט געווען, אַז זי זאָל קענען דערהערן איין שאָס. האָט ער דע־ריבער עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אויסגעשאָסן.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אויפן „דונקאַן" אַ ווייס רויכל און באַלד נאָכדעם אַ קנאַל פון אַ האַרמאַטן־שאָס.

— מען האָט אונדז באַמערקט — האָט טאָם אויגוסטין אויס־געשריגן — קאַפּיטאַן פּאַראַגוט איילט שוין צו אונדז מיט הילף.

די שיף האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן באַוועגן אין דער ריכ־טונג צום ברעג.

ענדלעך איז זי שטיין געבליבן עטלעכע מייל פון ברעג, ווייזט אויס, אַז ווייטער האָט זי נישט געקענט גיין. מען האָט אַראָפּ־געלאָזט אַ קליין שיפל.

לאַנגזאַם האָט זיך דאָס שיפל געגליטשט. דער ים איז גע־ווען שטורמיש. אין שיפל האָבן זיך נאָר געפונען צוויי מאַטראָסן.

דער קליינער ראָבערט איז געוואָרן אומגעדולדיק, ער האָט די הענט אויסגעשטעקט צו דער שיף און יעדעס מאָל אויסגע־רופן:

— מיין טייערע שוועסטער! מיין טייערע שוועסטער!

דער פּאַטאַגאָניער איז געשטאַנען רויק, אָנגעשפּאַרט אויף זיין לאַנגער ביקס און מיט פאַרווונדערונג געקוקט אויף אַלעם, וואָס דאָ קומט פאָר.

ער האָט נעמלעך נישט פאַרשטאַנען, אַז די שיף געהערט צום לאָרד גלענאַרוואָן און, אַז זי דאַרף דאָ וואַרטן.

— פאָר מיט אונדז! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אים פאָר־

ַעלייגט, אַרויפֿלייגנדיק אים די הענט אויף זיינע אָרעמס — ווּעסט מיטמאַכן מיט אונדז אַ רייזע קיין אויסטראַליען.

— ניין, — האָט דער פּאַטאַגאָניער געשאָקלט מיטן קאָפּ — דאָ איז מיין היים — די פּאַמפּאַס און דאָס איז מיין פערד טאַהוּקאַ, איך וויל בעסער דאָ בלייבן.

ער האָט געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אויף אַלע אָנוועזנדע, באַזונדערס אויף ראָבערטן, צו וועלכן ער איז שטאַרק צוגעוווינט געוואָרן.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אים פאָרגעלייגט געלט, אָבער דער ווילדער פּאַטאַגאָניער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דאָס אָנצונעמען.

— דאָס איז נישט קיין פריינדשאַפט! — האָט ער אויסגערופן.

דער לאָרד האָט זיך נישט געקענט אָפּוונדערן פון דעם ווילדנס שטאָלץ און ערע. ער האָט אַרויסגענומען אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן, אויף וועלכן ס'איז געווען דאָס בילד פון זיין פרוי און עס אים אָוועקגעשענקט.

— דאָס איז מיין פרוי! — האָט ער אים געזאָגט.

טהאַלקאַווע האָט זיך זייער געפרייט דערמיט.

מען האָט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען.

דער פּראָפעסאָר איז אַרויפגעפאַלן אויף טהאַלקאַוועס ברוסט און אים אַ קוש געטון.

— דאָס איז דאָך מיין לערער פון שפּאַניש — האָט ער אויסגערופן.

דערווייל איז אָנגעקומען דאָס שיפל. די מאַטראָסן האָבן אָפּגעגעבן גרוסן פון אַלע, די זענען אַלע געזונט און דערוואַרטן די געסט מיט אומגעדולד.

דאָס שיפל האָט זיך גענומען אָפּגליטשן פון ברעג, טהאַל־קאַווע האָט כּסדר געמאַכט מיט דער האַנט, אָבער באַלד איז ער פון אויג פאַרשוווּנדן געוואָרן. פאַרשוווּנדן אויף אייביק.

I.

ווידער אויף דער רייזע

וואָס פאַר אַ פרייד אויף דער שיף איז געווען, איז זיך גאָר־נישט פאָרצושטעלן. אַלע האָבן גערעדט איינעם, אַלע האָבן גע־שריגן, די הענט זיך געדריקט, אויף די העלדזער זיך אַרויפגע־פאַלן.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט, נישט וועלנדיק אַריינברענגען זיינע דונקאַן־מענטשן אין אַ שלעכטער שטימונג, זיי באַלד דערציילט, אַז לעת עתה האָבן זיי דעם קאַפּיטאַן גראַנט נישט געפונען, נאָר איצט ווייסן זיי שוין אויף געוויס, ווו ער געפינט זיך.

מערי גראַנט, וועלכע איז ביז אַהער געזעסן און קיין וואָרט פון מויל נישט געקענט אַרויסברענגען, האָט, דערהערנדיק די ידיעה, עטוואָס אויפגעלעבט.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט זייער אָפּגעלויבט פאַר ליידי העלע־נאַ דעם פּראָפעסאָר, אָן וועלכן מען וואָלט זיך באין אופן נישט געקענט באַגיין. ער איז זיי נוצלעך געווען אויף שריט און טריט.

דער פּראָפעסאָר האָט עס טאַקע אויך אויסגעפונען, אַז מיר האָבן פריער פאַלטש אויסגעטייטשט די בריוו און, אַז מען דאַרף גאָר זוכן דעם קאַפּיטאַן גראַנט באַ די ברעגן פון אויסטראַליען. אויך ראָבערטן האָט ער נישט געקאַרגט קיין לויב-ווערטער, דערציילט וועגן זיין מוטיקייט און גבורה, אַז דאָס קליינע ייִנגל האָט זיך אַזש פאַרשעמט פון פאַרלעגנהייט.

— קינד, פאַרוואָס האָסטו דיך צו שעמען — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט אויסגערופן — דאַרפסט שטאָלץ זיין! איך פריי מיך, הערנדיק, אַז דו האָסט דיך אויפגעפירט מוטיק און מענעריש, דאָס פאַרשאַפט דיר נאָר כבוד.

די ערשטע פרייד איז אַדורך, האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן עפּעס וועגן זיך. די רייזנדע זענען אין פאַרלויף פון די עטלעכע און דרייסיק טעג אַרומשלעפּן זיך איבער דרום-אַמעריקע פּשוט פאַר-ווילדעט געוואָרן. כּסדר געשלאָפן אויף דער ערד, נישט געראַזירט זיך, נישט געשוירן, אפילו די האָר נישט אויסגעקעמט, אָפּגעברענט פון דער זון.

דער ערשטער איז דער מאַיאָר פאַרשוווּנדן געוואָרן אין זיין קאַיוטע אַריין און אין אַ צייט אַרום איז ער אַרויסגעקומען נישט צום דערקענען: פיין אַרומגעוואַשן, אָפּגעראַזירט, אָנגעטון אין פרי-שע קליידער, — אַן עכטער דזשענטלמען.

דער פּראָפעסאָר איז אַ צעשטרייטער אַרומגעלאָפן פון איין קאַיוטע אין דער אַנדערער, צווישן אַלע מאַטראָסן, אויסגעפרעגט זיך באַ זיי וועגן יעדער קלייניקייט, צי זיי האָבן געזען ווילדע מענטשן אין „פייערלאַנד" באַ זייער צוריקרייזע. פאַרענדיקט מיט די מאַטראָסן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צום פּראָוויאַנט-מייסטער אַלבינעט און אים אָנגעהויבן אויספרעגן, וואָס פאַר אַ מערקווירדי-קע זאַכן ער האָט אויפן וועג געזען.

דער פּראָוויאַנט-מייסטער אַלבינעט האָט זיך אָבער ווייניק

אינטערעסירט מיט די אַלע זאַכן, ער האָט אים נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ענדלעך, נישט קענענדיק זיך אָפּטשעפּען פון פּראָפע־סאָר, איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה און אַ רוף געטון אויף פרי־שטיק.

— זייער גוט — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — און וואָס פאַר אַ פרישטיק וועט דאָס זיין, טאַקע אַן אייראָפּעישער, מיט גאָפּלען, לעפל, מעסערס ?

אַלבינעט האָט זיך באַליידיקט :

— וואָס הייסט ? אַן גאָפּל־מעסער וועל איך געבן, וואָס זע־נען מיר, ווילדע ?

דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט אים חלילה נישט אין זינען געהאַט צו באַליידיקן. ער האָט זיך נאָר דערמאַנט, אַז העכער אַ חודש־צייט האָבן זיי אַזוי געלעבט, ווי די ווילדע, געשלאָפן אויף דער ערד, געגעסן מיט די הענט, דעריבער איז עס באַ אים שוין געווען אַ נייעס צוריקצוקערן זיך צום אייראָ־פעישן אַרט לעבן.

דערווייל איז צוגעקומען די ליידי העלענאַ און אָנגעהויבן זיך אויספרעגן, ווי אַזוי עס איז אים דערגאַנגען און דאַן זענען זיי אַלע צוגעגאַנגען צום טיש עסן.

באַם טיש האָט זיך ליידי העלענאַ געפרעגט, צי דער פּראָ־פעסאָר האָט עפּעס אַ סך פעלערן געמאַכט אויף דער רייזע.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אַ שמייכל געטון, איבערגעקוקט זיך מיטן מאַיאָר, אַ זווינק טוענדיק מיט די אויגן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך געכאַפּט וועגן וואָס דאָ גייט, האָט ער נישט געוואַרט אַנדערע זאָלן עס דערציילן, און האָט אַליין זיך אויסגעגעבן, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט פּאָרטוגעזיש אַנ־שטאָט שפּאַניש.

— פאַרדאָס — האָט ער צוגעגעבן — קען איך צוויי שפּראַכן. איך רעד גוט פּאָרטוגעזיש און שפּאַניש.

בשעת דעם פרישטיק האָט לאָרד גלענאַרוואָן באַמערקט, אַז קאַפּיטאַן פּאַראַגוט איז עפּעס נישט גלייכגילטיק צו מערי גראַנט, ער האָט מיטן בליק איבערגעפרעגט בײַ ליידי העלענאַ, און זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ.

נאָכן עסן האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט גענומען דערציילן די פּאַסירונגען פון זיין רייזע אויפן ים. נאָכן אינדזל פייערלאַנד האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין אַ גרויסן שטורם, בשעת וועלכן די ליידי העלענאַ און מערי גראַנט האָבן זיך באמת מוטיק געהאַלטן.

לאָרד גלענאַרוואָן איז צופרידן געוועזן צו הערן אַזעלכע ליב־ווערטער וועגן זיין פרוי און ער האָט אויסגערופן:

— צו מיין פרייד גרעמט גאָר קיין גרענעץ נישט, הערנדיק וועגן אייך אַזוי דערציילן. און איר, פרייליין מערי, ווי פילט איר אייך, זענט איר גליקלעך אויף דער שיף?

— זייער — האָט זי געענטפערט, און איז רויט געוואָרן, וואַרפנדיק בגנבה אַ בליק אויפן קאַפּיטאַן פּאַראַגוט.

— איצט דערציילט איר אונדז עפּעס פון אייער רייזע — האָט זיך ליידי העלענאַ געבעטן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט גענומען דערציילן פון דעם טאָג אָן, זינט זיי האָבן זיך געשיידט ביז דער לעצטער מינוט.

ליידי העלענאַ האָט זייער באַדויערט, וואָס זי האָט נישט געזען דעם ווילדן טהאַלקאַווע, דער, וועלכער האָט אַזוי גליקלעך איר מאַן דורכגעפירט איבער די אַלע ווילדעניש.

— נו, דאָס, וואָס איז געוועזן איז אַוועק, איצט מוזן מיר טראַכטן וועגן דער נייער אונדז פאַרשטייענדיקער רייזע — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

אַלע זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין גרויסן זאַל, כדי אָפּצו־

האלטן אַ באַראַטונג ווי אַזוי און ווען אַרויסצופּאָרן אויף דער ווייטערדיקער רייזע.

דער פּראָפעסאָר האָט אַרויסגענומען זיינע לאַנדקאַרטן, אויסגעשפּרייט אויפן טיש און געוויזן דעם וועג, וועלכן זיי דאַרפן פאָרן.

באַ דער געלעגנהייט האָט לאָרד גלענאַרוואָן מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט, ווי אַזוי דער פּראָפעסאָר האָט אויסגעפונען דעם טעות אין פריערדיקן אויסטייטשן פון בריוו.

— מיין מיינונג איז, — האָט זיך דער מאַיאָר אַריינגעמישט — אַז איידער מיר טרעטן צו צו דער נייער רייזע, וואָלטן מיר נאָכאַמאָל באַטראַכטן די בריוו. פּונקט ווי מיר האָבן געקענט פריער האָבן אַ טעות, קען איצט ווידער געשען דאָס זעלבע.

— איך ווייס נישט, צו וואָס די אומזיסטע אַרבעט — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

— איך האַלט מיך אָבער באַ ס׳מייניקע. מיט פינף חדשים צוריק, בשעת מיר האָבן געפונען די פלאַש מיט די דריי בריוו, זענען מיר זיכער געווען אין זייער ריכטיקייט, פּונקט ווי דער הער פּאַגאַנעל איז איצט זיכער אין דער ריכטיקייט פון זיין איצטיקן אויסטייטשן.

— נו, דאַמאָלס האָבן מיר אַלע געהאַט אַ טעות, איטלעכער מענטש קען זיך טועה זיין — האָט דער פּראָפעסאָר זיך פּאַרטיידיקט.

— אמת טאַקע, — האָט דער מאַיאָר געענטפערט — אָבער עס קען דאָך גאַנץ מעגלעך זיין, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל ווידער זיצן אויף אַ בוים און ס׳זאָל אים ווידער עפּעס אַ נייער איינפאַל אויפבליצן אין מוח, דעריבער איז מיין פאָרשלאַג שוין זיך צו נע-

מען, איידער מען שטעלט נאָך אַ פּוס אין וועג אַריין, און נאָכאַ־מאָל איבערלייענען די בריוו.

לאָרד גלענאַרוואַן און אַפילו דער פּראָפעסאָר האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דער מאַיאָר רעדט גאַנץ לאָגיש.

— וואָס־זשע דאַרף מען טון, הייסט עס? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט דעם מאַיאָר.

— אַזוי ווי מיר ווייסן אויף זיכער, אַז דער שיפבראָך איז פאָרגעקומען אויפן 37־טן גראַד, דאַרפן מיר גענוי דורכשטודירן די לאַנדקאַרטע, וואָס פאַר אַ לענדער עס געפינען זיך אויף דעם פּאַס און פאַרגלייכן זיי מיט די בריוו — האָט דער מאַיאָר גע־זאָגט זיין מיינונג.

— דאָס איז פון די לייכטע זאַכן — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט.

ער האָט גענומען די לאַנדקאַרטע, אויסגעשפּרייט זי פאַר אַלע און געוויזן:

— אָט גייט דורך דער 37־טער גראַד גאַנץ דרום־אַמעריקע אויף די אינזלען טריסטאַן דאַנקוניאַ. אין דרום אַמעריקע זענען מיר שוין איבערצייגט, אַז ער איז נישטאָ, איצט דאַרף מען זען, צי האָבן עפּעס די אינדזלען אַ צוזאַמענהאַנג מיט די בריוו.

— דאָס זיכער נישט — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן — די אינדזלען געהערן צו ענגלאַנד און ווען דאָרטן גייט אונטער אַ שיף, וואָלט מען שוין לאַנג געוווּסט.

— איצט ווייטער — האָט דער פּראָפעסאָר פאָרגעזעצט — גייט דורך דער 37־טער גראַד אין אַפריקע אין דער געגנט פון קאַפּשטאַט. דאָרט איז אויך נישט מעגלעך דער קאַפּיטאַן גראַנט זאָל האָבן געליטן שיפבראָך, ווייל דאָרט אַרום גייען דורך הונדער־טער שיפן, וואָלט מען געוווּסט.

— גאַנץ ריכטיק — האָבן אַלע איינגעשטימט.

— ווייטער גייס דער 37־טער גראַד דורך די אינדלען צמסטערדאַם. לאָמיר אויס בייגעריקייט אַ קוק טון אין די בריוו, צי עס געפינט זיך עפּעס אַן אָנדייטונג דערויף.

מען האָט געקוקט, געזוכט איבער דער לאַנדקאַרטע און אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז — ניין.

— הכלל, ס׳איז נישט ערגעץ אַנדערש, ווי נאָר אין אויס־טראַליען, דאָרט געפינען זיך ווילדע מענטשן. דאָרט קען האָבן אַ שיף אונטערגעגאַנגען און ס׳זאָל קיין האָן נישט אַ קריי טון.

איצט האָבן אַלע איינגעזען, אַז דער פּראָפעסאָר האָט פול־קאָם רעכט.

דער מאַיאָר איז אָבער נאָך אַלץ נישט אָפּגעשטאַ־נען.

— אפשר געפינען זיך נאָך עפּעס לענדער אויפן 37־טן גראַ־דוס. — האָט ער געפרעגט.

— ניי־זעלאַנד — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט — אָבער דאָרט איז אוממעגלעך, וואָרן אין בריוו שטייט בפירוש contin, דאָס מיינט מען „קאָנטינענט“ — פעסט לאַנד און ניי־זעלאַנד איז אַן אינדזל.

— דאָס זענען מיר אַלע מסכּים, אַז ס׳איז אויסגעשלאָסן, די שיף זאָל האָבן אונטערגעגאַנגען אין נייזעלאַנד. עס געפינט זיך נישט די מינדעסטע אָנדייטונג אין קיין איינעם פון די בריוו — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגערופן.

— וואָס נאָך פאַר אַ לענדער אויסער נייזעלאַנד געפינען זיך אויפן 37־טן גראַד? — איז דער מאַיאָר נישט אָפּגעשטאַ־נען.

— צווישן נייזעלאַנד און אַמעריקע געפינט זיך נאָך אַ קליין אינדזל מיטן נאָמען „מאַריאַ טהערעזאַ“ — האָט דער פּראָפּע־

סאַר געגענטפערט, טייטלענדיק מיטן פינגער אויף דער לאַנדקאַר־
טע — נו, קענט איר עפּעס געפינען אַן אַנדייטונג פון דעם אינדזל
אין די בריוו?

— דאָס זיכער נישט — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געענט־
פערט.

— נו, ליבע פריינד מיינע, ווייסן מיר שוין, הייסט עס,
אַלע לענדער, וואָס ליגן אויפן 37־טן גראַדוס, קענען מיר שוין
אַלזאָ איצט אויסקלייבן און באַשליסן וווהין מיר פאָרן — האָט
דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

— אין דעם צווייפלט איצט שוין קיינער נישט, — האָט
לאָרד גלענאַרוואַן געזאָגט, — אַז מיר פאָרן קיין אויסטראַליען,
נאָר דאָרט וועלן מיר געפינען דעם פאַרלוירענעם קאַפּיטאַן
גראַנט.

— קיין אויסטראַליען! קיין אויסטראַליען! — האָבן אַלע
מיט איין קול אויסגערופן.

— איצט, קאַפּיטאַן, זעט, ס'זאָל זיין אַ גענוגנדער זאַפּאַס
פון קוילן און הייסט פאָרן קיין אויסטראַליען.

— מיין עצה איז, כאָטש מיר האָבן שוין קיין צווייפל נישט,
אַז ער קען זיך געפינען נאָר אין אויסטראַליען, דאָך זיך אָפּצו־
שטעלן אויף די אינדזלען טריסטאַן דאַנקיניאַ און אַמסטערדאַם און
זיך נאָכפרעגן אויפן קאַפּיטאַן גראַנט, שאַטן וועט עס דאָך בעווים
נישט!

אַזוי איז געוואָרן באַשלאָסן און דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט
האָט געגעבן אַ באַפעל צו לענקען די שיף צו די אינדזלען טריס־
טאַן־דאַנקוניאַ.

II.

אין טראסטאַן־דאַנקוניאַ

רויק און שטיל האָט זיך דער „דונקאַן" געגליטשט איבער די בלויע וואַסערן פון אַנטלאַנטישן ים. דאָס וועטער איז געווען הערלעך שיין, קיין ווינטל האָט נישט געבלאָזן — מען איז געפאָרן קיין אויסטראַליען.

— ווען דאָס וועטער זאָל זיך נישט ענדערן, וועלן מיר אין צען טעג אַרום זיין אין טריסטאַן דאַנקוניאַ — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געמאָלדן.

אַלע זענען געווען פריילעך, אין דער בעסטער שטימונג. דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ בוך וועגן זיין רייזע אין דרום־אַמעריקע. ער האָט קיינעם נישט געוואָלט ווייזן, וואָס ער שרייבט, אַ חוץ איין לײדי העלענאַ. אַרום אים איז געלעגן אָנגעלייגט אָן אַ שיעור פּאַפּירן, באַטיצן, לאַנדקאַרטן.

דער מאַיאָר האָט געפּרוווט חוזק מאַכן פון פּראָפעסאָר, וואָרנדיק אים, אַז באשר ער פאָרט קיין אויסטראַליען, זאָל ער זיך אַמאָל אָנשטאָט אויסטראַליש נישט אויסלערנען האָטענטאָטיש.

— אַלץ גלייכער מיט איין שפּראַך מער צו קענען, ווי גאָרנישט — האָט אים דער פּראָפעסאָר געענטפערט אויף צוריק.

צווישן קאַפּיטאַן פּאַראַגוט און מערי גראַנט איז די באַציונג פון טאָג צו טאָג וואַרעמער געוואָרן, פון וואָס לאָרד גלענאַרוואַן

איז זייער צופרידן געווען. ער האָט אפילו וועגן דעם געהאַט אַ שמועס מיט ליידי העלענאַ.

— דער קאַפּיטאַן גראַנט וועט אָן שום ספק צופרידן זיין דערפון — האָט זי געזאָגט — אונדזער קאַפּיטאַן פּאַראַגווט איז אַ טיכטיקער מענטש.

דערווייל איז מען געפאָרן אַלץ ווייטער און ווייטער. אין האַלבן וועג זענען זיי צוגעקומען צו אַן אָרט, ווו דער ים איז געווען באַוואַקסן מיט גרינס, פּונקט ווי אויף אַ לאָנקע

ס׳האָט אַלעמען דאָס געוווּנדערט צו זען און ליידי העלע־נאַ האָט זיך געווענדט צום פּראָפעסאָר, ער זאָל די דערשיינונג אויסטייטשן.

— דאָס אָרט, מיין ליבע ליידי — האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן — הייסט סאַראַגאָסוס־ים, דאָ וואַקסן אָן אַ שיעור גראָזן, וועלכע האָבן זייער ליב ליכט, זיי ציען נאָר צו דער זון. אויך דאַרפן זיי נאָר האָבן ליימיקן גרונט און דעריבער זעט מען זיי דאָ וואַקסן, ווייל דער ים האָט דאָ ליימיקן באָדן. די גראָזן האַלטן טיילמאָל ביז פיר־פינף טויזנט מעטער די לענג. דידאָזיקע גראָזן הייסן סאַרגוס, צוליב דעם טאַקע רופט מען דאָס אָרט: סאַראַגאָסוס.

איבערן טאָג האָט זיך די שיף אַזוי געגליטשט איבער די גראָזן, ווי איבער אַ גרינער לאָנקע.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך געוויצלט, זאָגנדיק, אַז מיר פאָרן ווידער איבער די אַמעריקאַנער פּאַמפּאַס.

עס זענען אַדורך צען טעג, האָט מען אין אַ שיינעם פרי־מאָרגן, דערהערט אויפן דעק פון דער שיף דעם באַקאַנטן, פריי־לעכן אויסגעשריי:

— לאַנד! אַלע זענען אַרויס קוקן, צולעצט אויך דער

פּראָפעסאָר מיטן טעלעסקאָפּ. ס׳האָט אָבער קיינער גאָרנישט געזען.

ענדלעך האָט זיי דער שיפס־קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אָנגעוויזן אויף די ווייטע וואָלקנס, צווישן וועלכע עס האָט זיך געשוואַרצט אַ ווייטער שפּיץ. דאָס איז געווען דער באַרג פּיק טריסטאַן, וועלכער האַלט זיבן טויזנט פיס די הייך.

— האָבן מיר, זעט אויס, נאָך זיבעציק מייל צו דעם אינדזל טריסטאַן דאַנקוניאַ — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — ווייל דעם באַרג זעט מען, לויט ווי די געאָגראַפיע לערנט אונדז אויף זיבעציק מייל.

— אַזוי איז עס — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געענטפערט.

אַרום מיטאָג צו איז די שיף צוגעקומען צום פּאָרט פון דער הויפּט־שטאָט, וועלכע האָט סך הכל פאַרמאָגט באַ פופציק הייזער.

דאָסדאָזיקע אינדזל געהערט צו ענגלאַנד, עס זיצט דאָרט אַן ענגלישער באַאַמטער, וועלכער רעגירט מיט דעם קליינעם לאַנד.

דאָס אינדזל טריסטאַן דאַנקוניאַ באַשטייט אייגנטלעך פון דריי אינדזלעך. איינס הייסט „אינאַקסעסיבל״, דאָס איז אַ פעלזנדיק שטיקל באָדן, צו וועלכן עס איז שווער צוצוקומען, דאָס צווייטע הייסט „נאַכטיגאַלן־אינדזל״, ווייל דאָרט זינגען אָפט די נאַכטיגאַלן. און דאָס דריטע, דאָס הויפּט־אינדזל איז טריסטאַן.

ווען זיי זענען אַריינגעפאָרן אין פּאָרט, איז אַרויסגעקומען אַנטקעגן דער דאָרטיקער גובערנאַטאָר אויפנעמען די געסט.

דאָרט איז אַ נייעס אַ שיף. ווייל סך הכל צוויי מאָל אין יאָר קומט דאָרט צו „שיף, וואָס ברענגט צייטונגען און באַפעלן פון דער רעגירונג.

קודם כל האָט לאָרד גלענאַרוואָן אָנגעהויבן אויספרעגן דעם

גובערנאַטאָר, צי ער האָט נישט געהערט וועגן אַן אונטערגעגאַנגע־נער שיף בריטאַניאַ און וועגן קאַפּיטאַן גראַנט.

— אויסער וואַלפֿיש־פֿאַנגער, קומט קיין שום שיף נישט אַהער — האָט דער גובערנאַטאָר געענטפֿערט — שוין לאַנג, מיט לאַנגע יאָרן צוריק זענען עפּעס אונטערגעגאַנגען דאָ עטלעכע שיפֿן, וואָס דער שטורמווינט האָט זיי אַהער פֿאַרטראָגן, אָבער ס'איז שוין זייער לאַנג.

ווי ס'איז פֿריער געווען פֿאָרויסצוזען, האָט מען קיין שום ידיעות דאָ נישט געקענט געפֿינען, מען איז נאָר צוגעפֿאָרן צו דעם אינדזל, אַבי נאָר צוליב צו טון דעם מאַיאָר, וועלכער האָט דווקא געוואָלט זיין זיכער.

ליידי העלענאַ איז צוגעגאַנגען צום לאָרד גלענאַרוואָן, ער זאָל דערלויבן אַראָפּצוגיין באַטראַכטן דאָס אינדזל, ווייל שוין אַזוי לאַנג, ווי זיי שלעפּן זיך אַרום אויפֿן ים, האָט זיך זיי שוין פֿאַר־בענקט נאָך אַ שטיקל לאַנד.

אַלע זענען אַראָפּגעגאַנגען. די מאַטראָסן האָבן געכאַפּט פֿיש און ים־הינט. דער פּראָפֿעסאָר מיט ראָבערטן זענען אַוועק אין שטאָט אַריין כאַפּן אַ שמועס מיט די איינוווינער, וועלכע זענען מערסטנטייל ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט שוואַרצע נעגער־פֿרויען.

זיי זענען אַרומגעקראָכן אַ גאַנצן טאָג, אָנזעענדיק זיך מיט פֿאַרשידענע מערקווירדיקייטן. ווען זיי זענען צוריקגעקומען אויף דער שיף, האָט מען זיך געזעצט עסן. די זון האָט שוין געהאַלטן באַ אונטערגיין. אַ ראָזע שיין האָט אַלע פּנימער אָפּגעגאָסן, דער ים האָט זיך געפֿאַלדעוועט און געשימערירט מיט אַלערליי קאָלירן און אַלע מאָל האָט אַ פֿיאָלעט־רויטע כוואַליע אַ פּאַטש געטון אין דער שיף און איך אַ ווייסן שוים זיך צעגאָסן.

זיצנדיק אַלע אַזוי אַרום טיש נאָכן עסן, האָט דער לאָרד

גלעגנהײט האָט ער פאַרגעלײגט דעם פּראָפעסאָר ער זאָל זײ דערצײלן די געשיכטע פון דידאָזיקע אינדזלען.

דער פּראָפעסאָר האָט זײ צוליב געטון און אָנגעהױבן:

— אין אָנהײב 16־טן יאָרהונדערט האָט אַ פּראָװענצוויזישער קאַפּיטאַן מיטן נאָמען טריסטאַן דאַנקוניאַ אַנטדעקט דידאָזיקע אינדזלען, װעגן װעלכע ער האָט באַלד געמאָלדן דער פּאָרטוגאַלישער רעגירונג. יענע האָט אַרויסגעשיקט אַ שטאַב מיט געלערנטע, װעלכע זענען אָפּגעזעסן עטלעכע חדשים און אָנערקענט, אַז די אינדזלען טויגן צו גאָרנישט, זײ װעלן נישט ברענגען קײן שום נוצן.

אין יאָר 1811 האָט אַן אַמעריקאַנער, װעלכער האָט אַרומגעװאַנדערט איבער גאַנץ אַפריקע ענדלעך דאָ זיך אויסגעזוכט זײן מקום מנוחה. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שװאַרצער נעגער־פרוי. ער האָט געהאַט מיט איר עטלעכע קינדער און ער איז געװען דער אײנציקער הערשער איבער דעם לאַנד.

די ענגלישע רעגירונג האָט אים פאַרגעלײנט איר שוץ, װאָס ער האָט גערן אָנגענומען און ער האָט פאַרשטעקט לעבן זײן װױנונג די ענגלישע פאָן.

אין אַ צײט אַרום איז ער דערטרונקען געװאָרן און די קינדער האָבן פאַרלאָזט דאָס אינדזל און אַרויסגעפאָרן קײן אַפריקע.

מיט אַ צײט שפּעטער, װען ענגלאַנד האָט אַרויפגעזעצט נאַפּאָלעאָן דעם I. אויפן אינדזל סאַנקט העלענאַ, האָט זי געהאַלטן עטלעכע באַטאַליאָן סאָלדאַטן אויף די אַרומיקע אינדזלען. אין טריסטאַן דאַנקוניאַ איז אויך געשטאַנען אַ באַטאַליאָן. װען נאַפּאָלעאָן איז געשטאָרבן, האָט מען די סאָלדאַטן צוריקגעצויגן און

אויף דעם אינדזל טריסטאַן דאַנקוניאַ איז איבערגעבליבן אַ סאָל-דאַט מיט זיין פרוי.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז לעבן דעם אינדזל אונטער-געגאַנגען אַ שיף, עטלעכע האָבן זיך געראַטעוועט און צוגעשווומען צו דעמדאָזיקן שוין באַוווינטן אינדזל.

אַזוי ווי עס זענען געווען מער מענער ווי פרויען, האָט די ענגלישע רעגירונג זיי צוגעשיקט פרויען, פאַר וועלכע די איינוווי-נער האָבן באַצאָלט מיט פעל פון ים-הינט.

איצט געפינען זיך שוין אויף דעמדאָזיקן אינדזל הונדערט מיט פופציק איינוווינער.

אַלע האָבן דעם פּראָפעסאָר זייער באַדאַנקט פאַר דער לעק-ציע און באַוווּנדערט, ווי אַזוי עס שאַפן זיך פעלקער און לענ-דער.

עס איז אויך דאָ געווען אַ ראָבינזאָן-קרוזאָ. אַ געוויסער גע-לערנטער, וועלכער איז דורכגעפאָרן מיט אַ פראַנצויזישער שיף, וועלכע האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט נעמען פריש וואַסער. דאָס איז נאָך געווען איידער מען האָט, דאָס אינדזל אָנגעהויבן באַזעצן, סוף 18-טן יאָרהונדערט.

דער געלערנטער איז אַראָפּגעגאַנגען באַקוקן די געגנט און ער האָט זיך צו לאַנג געזוימט, איז די שיף דערווייל אָפּגעגאַנגען און ער איז פאַרבליבן אויף דעמדאָזיקן אינדזל גאַנצע אַכט חדשים, ביז אַן ענגלישע שיף, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן, האָט אים אויפגע-נומען.

אויפן צווייטן טאָג זענען אַלע געגאַנגען אויף יאַגד, זיי האָבן געשאָסן אַ סך ווילדע ציגן.

די מאַטראָסן האָבן אָנגעפאַנגען פיש, אַז ס'זאָל גענוג זיין אויף אַ וואָך צייט.

פאַרנאַכט זענען אַלע צוריקגעקומען אויפן „דונקאַן“ און צו-

מאָרגנס האָט זיך די שיף ווידער געגליטשט איבער די שטילע, בלויע וואַסערן.

III.

אויף דעם אינדזל אַמסטערדאַם.

לויטן פּלאַן, וואָס איז פריער אָנגעצייכנט געוואָרן, האָבן זיי געזאָלט פאָרן צו דעם אינדזל אַמסטערדאַם, אָבער פּלוצלינג האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס וועט אויספעלן קוילן, האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט דעריבער באַשלאָסן צוצופאָרן קיין קאַפּשטאַט.

אין זעקס טעג אַרום זענען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסן באַרג, וואָס מען רופט: „טיש-באַרג״, ווייל ער איז פון אַלע זייטן גלייך אָפּגעהאַקט און אויבן איז ער גלאַטיק, ווי אַ טיש.

אַרום אָוונט-צו זענען זיי אַריינגעפאָרן אין פּאָרט פון קאַפּשטאַט, וווּ זיי האָבן אָנגעלאָדנט קוילן.

צומאָרגנס אינדערפרי זענען זיי געפאָרן ווייטער צו דעם אינדזל אַמסטערדאַם. דאָס איז אַ מהלך פון דריי טויזנט מייל.

לאָרד גלענאַרוואַן איז אפילו נישט זייער צופרידן געווען פון דעם, וואָס מ׳דאַרף אָנלייגן אומזיסט וועג, אָבער ווילנדיק צוליב טון דעם מאַיאָר, וועלכער האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט צו באַזוכן אַלע לענדער און אינדזלען אויפן 37-טן גראַד, האָט ער באַפוילן צוצופאָרן צו דעם אינדזל.

דאָס וועטער איז געווען הערלעך שיין, די רייזע איז געווען אָנגענעם, אַ ווינטל האָט לייכט געבלאָזן און געגלעט איבערן פּנים

און דער ים האָט אַזוי שטיל גערוישט, ווי איינזינגנדיק אונדזערע רייזנדע צום שלאָף.

אַרום האַלב יאַנואַר האָט מען פלוצלינג דערזען, ווי אַ באַרג שטייגט אויף אויפן ווייטן האָריזאָנט, וואָס אַמאָל זעט מען אים דייטלעכער און דייטלעכער. דאָס איז געווען דאָס אינדזל אַמסטערדאַם.

— מיר זענען שוין נישט ווייט — האָט זיך דער פּראָפעסאָר אָנגערופן — סך הכל באַ פופציק מייל.

— צי איז עפּעס פאַרהאַן אינטערעסאַנטס אויף דעמדאָזיקן אינדזל — האָט זיך ליידי העלענאַ געפרעגט באַם פּראָפעסאָר.

— כמעט דאָסזעלבע, וואָס אויפן טריסטאַן דאַנקוניאַ — האָט ער געענטפערט — עס צייכנט זיך נאָר אויס מיט זיינע רובינזאָן קרוזאָס, וואָס זענען אין אַ גרויסער צאָל דאָ אַהער פאַרוואָרפן געוואָרן.

— צי איז טאַקע אמת, הער פּראָפעסאָר, אַז עס איז טאַקע אַמאָל געווען אַ ראָבינזאָן קרוזאָ? — האָט ליידי העלענאַ געפרעגט.

— גאַנץ זיכער, ליידי, דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. יעדער אינדזל כמעט האָט זיך געהאַט זיין ראָבינזאָן־קרוזאָ.

— און איר, הער פּראָפעסאָר — האָט זיך מערי גראַנט אַריינגעמישט — וואָלט נישט קיין מורא געהאַט איינער אַליין צו בלייבן אויף אַזאַ אינדזל?

— מורא? פאַרוואָס עפּעס מורא האָבן? איך וואָלט מיר שוין אַן עצה געגעבן, פאַר הונגער וואָלט איך נישט געשטאָרבן

— און ווי אזוי קען דאָס אַ מענטש זיין איינער אַליין? — האָט מערי נישט געקענט פאַרשטיין.

— כ'וואָלט מיר צוגעווינט אַ חיהלע אָדער אַ פויגל, וואָלטן מיר צוזאַמען געלעבט, געגעסן, געשמועסט צווישן זיך.

— פונדעסטוועגן, הער פּראָפעסאָר, וואָלט איך מער צופרידן געווען, ווען איך בין צווישן מענטשן, ס'איז גאָר אַן אַנדער לעבן, ווי צו זיין פאַרוואָרפן ערגעץ איינזאַם — האָט מערי גראַנט טרויעריק געזאָגט, דערמאַנענדיק זיך, אַז איר פאָטער אפשר איז אַזוי פאַרוואָרפן איינזאַם.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרטראַכט. אפנים, אַז אים אַליין וואָלט אויך בעסער געשמעקט צו זיין צווישן מענטשן, ווי אָפּצולעבן לאַנגע יאָרן אין איינזאַמקייט.

דערווייל איז די שיף צוגעפאָרן צום אינדזל אַמסטערדאַם.

דאָס אינדזל איז איינגעטיילט באַשטאַנען פון צוויי. דאָס גרעסערע האָט געהייסן אַמסטערדאַם, דאָס קלענערע — סען פאָל.

אויפן סען פאָל וווינט קיינער נישט, דאָס איז אַ שפּיציקער פעלז, דאַקעגן אויפן אינדזל אַמסטערדאַם וווינען עטלעכע מענטשן, זיי באַשעפטיקן זיך מיט פיש־פאַנג.

אַסדאָזיקע אינדזל האָט געהערט צו אַ רייכן סוחר, וועלכער האָט דאָ געהאַלטן מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם פאַנגען די פיש, זיי פאַרפּאַקן און אָפּשיקן קיין אייראָפּע.

סך הכל איז די באַפעלקערונג באַשטאַנען פון איין פראַנצויז מיטן באַמען וויאַרדאָ און צוויי נעגערס.

איצט, איז שוין געווען די צייט נאָכן פיש־פאַנג, האָבן זיי זיך פאַרנומען מיטן איינזאַלצן די פיש און טרוקענען זיי.

די צווייטע פּראָוויזיע, ס׳הייסט דער פּראָפעסאָר מיט דעם הער וויאַרדאָ, האָבן זיך זייער דערפרייט, וואָרן עס גייען טייל מאָל דורך חדשים, וואָס מ׳זעט נישט קיין שיף און קיין לעבעדיקן מענטש פאַר די אויגן. סך הכל צוויי חדשים אין יאָר קומט פאָר דער פיש-פאַנג, דאַמאָלס איז דאָ זייער פרייליך, אָבער די איבעריקע צען חדשים לעבט ער דאָ אַזוי איינזאַם צוזאַמען מיט די צוויי נע-גערס.

ס׳ערשטע, מיט וואָס לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך פאַראינטערע-סירט, איז געווען, צו פרעגן אים וועגן דער שיף „בריטאַניאַ" און וועגן קאַפּיטאַן גראַנט. אָבער דער הער וויאַרדאָ האָט געענטפערט, אַז ער געדענקט שוין נישט זינט פיל יאָרן קיין שיפּברוך אין דער נאָענט פון דעם אינדזל.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט שוין געוואָלט צוריקגיין אויף דער שיף, כדי ווייטער צו מאַכן די נסיעה, ווייל מער וואָס צו טון דאָ האָט ער שוין נישט געהאַט.

אָבער דעם פּראָפעסאָר האָט זיך זייער נאָך נישט געגלוסט צו שיידן מיט זיין לאַנדסמאַן, האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל נאָך אַ ביסל שפּאַצירן.

די ליידי העלענאַ איז דערויף איינגעגאַנגען, נאָר מיטן תנאי, אַז ער זאָל זיי עפּעס דערציילן וועגן די ראָבינזאָנס פון דעם אינדזל אַמסטערדאַם.

אַ סך בעטן האָט מען אונדזער פּראָפעסאָר נישט געדאַרפט, ער האָט זיך באַלד אַוועקגעשטעלט און אָנגעהויבן צו דער-ציילן:

— אין אַ געוויסער צייט אין יאָר 1827 איז די ענגלישע שיף „פּאַלמיראַ" פאַרבייגעפאָרן דידאָזיקע אינדזלען. פּלוצלינג האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט, ווי פון דעם אינדזל גייט אַ רויך. דער

קאפּיטאַן האָט געוווּסט, אַז קיין מענטשן באַוווינען נישט דאָסדאָ־זיקע אינדזל, האָט ער זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, דערזעענדיק דעם דזשיק.

צוקומענדיק נענטער, האָט ער באַמערקט, ווי צוויי גע־שטאַלטן, וואָס זענען גיכער ענלעך געווען צו חיות, איידער צו מענטשן, האָבן געמאַכט מיט די הענט און גערופן הילף. ער האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שיפל מיט עטלעכע מאַטראָסן, זיי זאָלן אַרויפ־ברענגען אויף דער שיף די דאָזיקע צוויי האַלב־מענטשן האַלב־חיות. זיי זענען געווען באַוואַקסן מיט האָר, מיטווילדע בערד, די קליידער צעריסן, פאַרחושכט, פאַרברענטע פּנימער, אַ שרעק געווען צו קוקן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיי געלאָזט אַרומוואַשן, אָפּשערן, אָפּ־ראַזירן, אָנטון אין פרישע קליידער, געגעבן זיי צו עסן. דער־נאָך האָבן זיי דערציילט, ווי אַזוי זיי זענען אַרויפגעקומען אויף דעם אינדזל.

אַליין זענען זיי שאָטלענדער, געוועזענע מאַטראָסן אויף אַן ענגלישער שיף. זיי זענען מיט צוויי יאָר צוריק אַרויסגעפאָרן כאַפּן וואַלפיש. דער קאַפּיטאַן האָט זיי איבערגעלאָזט אויף דעם־דאָזיקן אינדזל, כדי זיי זאָלן צוגרייטן אַן אָרט, ווו אָפּצולייגן די געפאַנגענע וואַלפיש. ער האָט זיי איבערגעלאָזט אויף אַ חודש־צייט צו עסן.

דערווייל איז דער קאַפּיטאַן נישט צוריקגעקומען, וואַרשיינ־לעך איז זיין שיף אונטערגעגאַנגען. דאָס עסן איז זיי נאָך אַ חודש צייט אויסגעגאַנגען און זיי האָבן אָנגעהויבן צו הונגערן. וואָלטן זיי כאָטש געהאַט געווער מיט זיך, וואָלטן זיי געפאַנגען חיות. האָט מען זיי אָבער גאָרנישט געהאַט איבערגעלאָזט, האָבן זיי זיך דערנערט פון די טויטע פיש, וואָס דער ים האָט טייל־מאָל אַרויסגעוואָרפן.

זיי האָבן בלויז געהאַט אַ פייערגעצייג, וואָס איז באַשטאַ־
נען פון אַ שטיקל שטאָל מיט אַ שטיק צונטער. דערמיט האָבן זיי
געקענט מאַכן פייער און אָפּבראָטן די פיש.

אַזוי זענען אַדורך חדשים נאָך חדשים, ביז קנאַפּע צוויי
יאָר. די קליידער זענען אויף זיי אײַנגאַנצן צעריסן געוואָרן. איינ־
מאָל האָבן זיי באַמערקט אַ שיף, האָבן זיי אָנגעהויבן צו רופן,
מאַכן אַ פייער, אָבער זיי ווייסן נישט, צי האָט זיי די שיף באַ־
מערקט, אָדער נישט געוואָלט קומען זיי צוהילף.

זיי האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל
צו שטאַרבן פאַר הונגער, האָט דער ים, ווי אויף להכעיס אַרויס־
געוואָרפן אָן אַ שיעור פיש; זיי האָבן זיך נישט געקענט איינ־
האַלטן און געגעסן.

— אָט דאָס איז די נישט פרייליכע געשיכטע פון די ער־
שטע צוויי ראָבינזאָנס אויפן אינדזל אַמסטערדאַם — האָט דער
פּראָפעסאָר פאַרענדיקט זיין לעקציע.

— איר זאָגט פון די ערשטע צוויי, עס זענען דען נאָך
ראָבינזאָנס געווען אויף דעמדאָזיקן אינדזל — האָט ליידי העלענאַ
מיט נייגעריקייט געפרעגט.

— אָ, נאָך זייער אַ סך — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגע־
רופן.

— דערציילט־זשע אונדז, הער פּראָפעסאָר, דערציילט
אונדז — האָט זיך מערי גראַנט געבעטן.

— נו, טאָ הערט־זשע אויס — האָט דער פּראָפעסאָר מיט
פאַרגעניגן אָנגעהויבן. — דאָס איז געווען אין יאָר 1831. אין
דער נאָענט פון דעם אינדזל איז אונטערגעגאַנגען אַ שיף, און פון
איר האָבן זיך געראַטעוועט דער קאַפּיטאַן — אַ פראַנצויז און דריי
מאַטראָסן, איינער אַ פראַנצויזישער און צוויי ענגלענדער.

זיי זענען צוגעקומען אויף אַ קליי רעטונגס־שיפל צו דעם

אינדזל אַמסטערדאַם און האָבן זיך מתחילת אפילו גאַנץ פיין גע־
האַט איינגעאָרדנט. מיטאַמאָל איז אָבער אויסגעבראָכן אַ מחלוקת
צווישן די צוויי נאַציעס, צווישן די פראַנצויזן מיט די ענגלענדער.
ס׳איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז זיי האָבן זיך איינמאָל שיעור
נישט דערהרגעט. דער סוף איז געווען, זיי האָבן זיך צעשיידט.
די פראַנצויזן האָבן זיך באַזעצט אויף איין עק אינדזל, די ענג־
לענדער אויפן צווייטן.

אַ קנאַפּ יאָר האָבן זיי אַזוי פאַרבראַכט אין כּסדרדיקער שנאה
און אָפּגעזונדערטקייט. ענדלעך איז אָנגעקומען אַן ענגלישע שיף
און געוואָלט זיי אַלע אויפנעמען. איז אָבער די שנאה פון די
צוויי פראַנצויזן אַזוי שטאַרק געווען, אַז זיי האָבן באַין אופן
נישט געוואָלט אויפזיצן מיט די ענגלענדער צוזאַמען אויף איין
שיף. זיי האָבן נאָר געבעטן, אַז דער קאַפּיטאַן זאָל מעלדן זייער
רעגירונג, מען זאָל זיי קומען אַהיימנעמען.

אַזוי איז געווען — אין אַ צייט אַרום איז נאָך זיי געקומען
אַ שיף און אויפגענומען — האָט דער פּראָפעסאָר פאַרענ־
דיקט.

נאָך די אַלע געשיכטעס האָבן זיי נאָך אַביסל אַרומגע־
שפּאַצירט איבערן אינדזל. קיין שום מערקווירדיקס האָבן זיי
נישט באַמערקט, אויסער די הייסע קוואַלן, וואָס האָבן זיך יאָ דאָרט
געפונען.

זיי האָבן נאָך פאַרבראַכט עטלעכע שעה, זיך אָפּגעזעגנט
מיטן אַלטן וויאַדראָ און זיך געלאָזט אין וועג אַריין שוין גלייך
קיין אויסטראַליען.

דאָס וועטער איז געווען זייער שיין. די שיף איז זיך רויק
געשוווּמען, אַרויסלאָזנדיק אַלע מאָל בלויע קנײַלעכלעך רויך, וואָס
איז אין דער ריינער לופט פאַרשווּנדן געוואָרן.

IV.

דער געוועט.

גאַנצע טעג זענען אַלע געזעסן אויפן דעק און געמיטלעך איינגעטעגהט צווישן זיך.

זיין ראָבערט איז געזעסן פאַרטראַכט עפּעס אין זיך און מיטאַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ:

— אָט פונקט אין די וואַסערן אפשר איז מיין פאָטער מיט דער שיף זיינער געפאָרן, איידער זי איז אונטערגעגאַנגען. ער האָט זיך לגמרי נישט געריכט אויף דעם אומגליק, ער האָט גע־טראַכט וועגן די קינדער זיינע. און איצט? ווי קען ער זיך איצט געפינען?

— זאָרג נישט, קינד מיינס — האָט אים דער פּראָפעסאָר באַרויקט — מיר וועלן אים אָן שום ספק אָפּזוכן.

פון אָט דעם געשפּרעך זענען אַלע פּלוצלינג אומעטיק גע־געוואָרן. איטלעכער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ציל פון דער רייזע, אַז אָט פאָרט מען שוין אַזוי באַלד פינף חדשים — און נישט קיין שפּור אפילו געפונען. ווער ווייסט, צי אין אויסטראַליען וועט זיין אַ בעסערער רעזולטאַט!

אַלע האָבן זיך פאַרטראַכט, ס׳איז שטיל געוואָרן אויפן דעק. מ׳האָט נאָר פון צייט צו צייט געהערט דאָס לייכטע פּאַטשן פון די ים־כוואַליעס אָן דער שיף, וועלכע האָט זיך רויק געוויגט און כסדר פאָרויס געשווומען.

— איר ווייסט, הער פּראָפעסאָר, — האָט זיך לוידי העלע־

נאַ פלוצלינג אָנגערופן — עס מאַטערט מיך אַ געדאַנק שוין אַ געווויסע צייט, נאָר כ׳האָב מיך אָבער נישט געקענט באַשליסן צו פרעגן. לויט דער צייטונג, אין וועלכער עס איז באַטירט, ווען די „בריטאַניאַ״ איז אָפּגעגאַנגען פון טשילי, קומט אויס, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין 30-טן מאַי. אין 7-טן יוני איז געשען דאָס אומגליק — נו, איז דען מעגלעך, אַז אין פאַרלויף פון 8 טעג זאָל אַ שיף אָפּלויפן פון טשילי ביז אויסטראַליען. אָט פאָרן מיר דאָך שוין אַ חודש און זענען נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען?

דידאַזיקע פלוצלינגע פראַגע האָט אַלע שטום געמאַכט. איטלעכער האָט איינגעזען, אַז די ליידי העלענאַ איז פולקאָם גערעכט.

דער פּראָפעסאָר האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. פלוצלינג האָט ער נאָך אַ לאַנגער ווײַלע טראַכטן אויסגערופן:

— קאַפּיטאַן פאַראַגוט, זייט אַזוי גוט!

די איבעריקע האָבן אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

„וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו דער פראַגע דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט״ — האָט יעדער איינציקער פאַר זיך געטראַכט.

דער קאַפּיטאַן איז תּיכף צוגעקומען.

— וואָס, הער פּראָפעסאָר? — האָט ער געפרעגט

— צי קענט איר מיר נישט זאָגן, הער קאַפּיטאַן, וויפיל עס דאַרף געדויערן באַ אַ גוטער שיף און באַ אַ רויק וועטער די רייזע פון טשילי ביז אויסטראַליען? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— באַ גוטע אומשטענדן — אַ חודש צייט — האָט ער מיט אַ זיכערקייט אין טאָן געענטפערט.

— דאָס ווייס איך שוין! — האָט דער פּראָפעסאָר פריילעך אויסגערופן.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג, קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען זיין מיין.

— אין בריוו שטייט, אַז די שיף איז אונטערגעגאַנגען דעם 7=טן יוני, דאַרפן מיר אַלזאָ לייענען דעם 27=טן, — די 2 איז אָפּגעמעקט.

איטלעכער האָט געמוזט איינשטימען מיט דערדאָזיקער באַהויפּטונג. מ'האָט נאָר באַוואונדערט די אויסערגעוויינלעכע חריפות פון פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל. אפילו דער מאַיאָר האָט אויסגעדרוקט זיין אַנטציקונג דעם פּראָפעסאָר.

— ער האָט זיכער געמוזט ליידן שיפבראָך אין דער מערב=טייל פון אויסטראַליען — האָט דער פּראָפעסאָר ווייטער גערעדט — ווייל אין מזרח וואָלט ער שוין לאַנג געווען געראַטעוועט, וואָרן די טייל איז באַוווינט דורך ענגלענדער, דאַקעגן — די מערב=טייל איז באַוווינט בלויז דורך ווילדע און באַזיי, בין איך מיך משער, געפינט ער זיך געפאַנגען.

— אויסטראַליען איז גרויס, הער פּראָפעסאָר? — האָט דער קליינער ראָבערט געפרעגט.

— אָ, זייער גרויס, זי איז מיט איין פינפטל קלענער פון גאַנץ אייראָפּע.

— פונוואַנען ווייסט איר עס פונקט אַזוי גענוי, איר האָט עס אויסגעמאָסטן? — האָט דער מאַיאָר געלאַכט.

— פאַרוואָס זאָלן מיר נישט וויסן! זינט אויסטראַליען איז אַנטדעקט געוואָרן, זענען שוין דאָרט געווען באַ פופציק רייזנדע, עס אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט און באַשריבן, — דעריבער ווייסן מיר. שטעלט אייך פאָר, אַז אויסטראַליען האָט מען אַנטדעקט באַלד פון אָנהייב 17=טן יאָרהונדערט, — האָט דער פּראָפעסאָר צוגעגעבן.

— פונקט פופציק ? — האָט דער מאַיאָר ווידער גע־לאַכט — אפשר ווייניקער, הער פּראָפעסאָר.

— אפילו מיט קיין איינעם אויך נישט.

— נו, אויב אַזוי, רעכנט זיי מיר אויס כסדר, אַלע פופ־ציק — האָט דער מאַיאָר באַמערקט מיט שפּאָט.

— גלאַט אַזוי איז דאָך נישט קיין קונץ, לאָמיר זיך גע־ווען. איר, הער מאַיאָר, שטעלט איין אייער ביקס און איך מיין טעלעסקאָפּ — האָט דער פּראָפעסאָר, זייענדיק זיכער אין זיין דערפאָלג, אים צוגעדריקט צו דער וואַנט.

— גוט, — איז דער מאַיאָר באַלד באַשטאַנען, נאָר אויב איך וועל דאַרפן מיין ביקס (אין פאַל, פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל פאַרשפּילן), זאָלט איר זי מיר לייען. אין קעגנפאַל, וועל איך אייך לייען דעם טעלעסקאָפּ.

זיי האָבן גענומען דעם קליינעם ראָבערט, ער זאָל פאַרציי־כענען אַלע נעמען, וואָס דער פּראָפעסאָר וועט דאָ אויסרע־כענען און דער פּראָפעסאָר האָט זיך גענומען צו דער אַר־בעט.

אַלע האָבן זיך אין אַ רעדל אַרומגעשטעלט אַרום די צוויי געוועטערס און זיך געוויצלט און דאָך מיט ביי‌גערי‌קייט זיך צוגעהאָרכט צו די אַלע נעמען און פאַקטן, וואָס הער פּאַגאַנעל האָט דאָ אויסגערעכנט.

— נו, פאַרשרייב: איינס — האָט דער פּראָפעסאָר געקאָ־מאַנדעוועט. — אין יאָר 1606 האָט אַ געוויסער קאַפּיטאַן קוויראָס אַנטדעקט אויסטראַליען.

ראָבערט האָט געשריבן: איינס.

און אַזוי איז געגאַנגען אַ נאָמען נאָך אַ נאָמען, אַ פאַקט נאָך אַ פאַקט.

אַלע זענען פּשוט געשטאַנען דערשטוינט פֿון אַזאַ אויסער־געוויינטלעכן זכּרון. דער מאַיאָר האָט שוין נישט געלאַכט.

ווען ער האָט שוין געהאַלטן נאָך עטלעכע און צוואַנציק און קיין סוף האָט נאָך אַלץ נישט גענומען, האָבן אַלע אָנגעהויבן שרייען:

— גענוג, הער פּראָפעסאָר, מיר גלייבן אייך.

אפילו דער מאַיאָר אַליין האָט שוין נאָכגעגעבן, אַז דער פּראָפעסאָר האָט דעם געוועט געוווּנען, אָבער דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל איז נישט אָפּגעשטאַנען — ער האָט געהאַלטן אין איין ציילן.

— איך מוז אים נאָך אַריבערציילן איבער פֿופֿציק און זאָל ער וויסן כאָטש, פֿאַרוואָס ער האָט פֿאַרשפּילט — האָט ער זיך געוויצלט.

אַלע האָבן האַרציק געלאַכט און געבעטן, ער זאָל שוין אויפֿהערן.

— מילא, פֿאַרפֿאַלן, די ביקס געהערט צו אייך און לאָזט מיך אָפּ — האָט דער מאַיאָר מיט אַ נעבעך־פּנים געזאָגט.

— דאָ זענט איר גלייך געווען אַ פֿאַרשפּילטער — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, ווייל אויסטראַליען קען איך אויסגעצייכנט און האָב מיך שטענדיק מיט איר אינטערעסירט מער, ווי מיט אַלע לענדער.

— מיט וואָס האָט דאָס אויסטראַליען אַזוי בײַ אייך אויס־גענומען מער, ווי אַנדערע לענדער — האָט לײדי העלענאַ גע־פֿרעגט.

— ווייל אויסטראַליען איז אַ לאַנד פֿון בלויז וווּנדער און טיילמאָל בלייבן שטיין אפילו די גרעסטע געלערנטע פֿאַר איר, ווי פֿאַר אַ רעטעניש.

— וואָס פֿאַר אַזעלכע וווּנדער זענען דאָרט פֿאַרהאַן, וואָס

געלערנטע זאַלן דאַרפן זיך אַזוי ברעכן דעם קאָפּ — האָט ווידעי לײדי העלענאַ געפרעגט.

— פשוט. עס זענען דאָ אַ סך זאַכן, וואָס פאַר אונדז זע־נען זײ אומפאַרשטענדלעך. למשל, אויף דער גאַנצער וועלט, אַז עס קומט האַרבסט, פאַלן פון די בײמער אַראָפּ די בלעטער, און אין אויסטראַליען פאַלט גאָר אַראָפּ די קאָרע. אומעטום אין דער וועלט האָבן די פּירות די קערעלעך אינעווייניק, אין אויסטראַליען האָבן זײ צום גרעסטן וווּנדער די קערעלעך פון אויסנווייניק. בײַ אונדז אין אייראָפּע, למשל, ווי אויך אין די איבעריקע דרײַ טײלן וועלט, וואַקסט אַ בוים געוויינטלעך — דער שטאַם פון אונטן, מיט אַ פּאָר פיס העכער שפּרייטן זיך פונאַנדער די צווייגן. אין אוי־סטראַליען איז פונקט פאַרקערט: די צווייגן הייבן זיך אָן פונאַנ־דערוואַקסן בײַ דער ערד און אינדערהייך איז דער שטאַם. די בלעטער בײַ אונדז ליגן אויף דער פלאַך, דעריבער פאַראורזאַכן זײ אַ שאָטן. אין אויסטראַליען זענען פאַראַן בײמער, וואָס די בלעטער ליגן גאָר אויף אַ קאַנט און גיבן קיין שום שאָטן נישט — האָט דער פּראָפעסאָר דערציילט.

און אויסער די בײמער, וואָס נאָך פאַר אַ וווּנדערלעכקייטן זענען דאָ אין אויסטראַליען? — האָט געפרעגט לײדי העלענאַ.

— אויך חיות זענען אין אויסטראַליען פאַראַן אויסטער־לישע. ס'איז פאַראַן אַזאַ מין חיה, וואָס האָט אין זיך די אייגנ־שאַפטן פון אַ פויגל, אַ זויג־חיה און אַ פיש צוזאַמען: זי גייט אויף פיר פיס, איז באַוואַקסן מיט האָר, און דערבײַ לעבט זי אין וואַסער, לייגט אייער, האָט אַ שנאָבל. עס זענען פאַראַן פייגל, ווי למשל, די קאַזואַרן, וואָס זענען באַדעקט מיט האָר אָנשטאָט פעדערן.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט אַקעגן דער טיאַ־פּיאַ — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין חיה? — האָט לײדי העלענאַ אַ פאַראינטערעסירטע געפרעגט.

— דאָס איז, מאָלט אײך אױס, אַ באַשעפעניש, װאָס האָט נישט קײן קאָפּ, נישט קײן פּיס, נישט קײן הענט, נישט קײן מויל, נישט קײן אויגן און ס'איז אײנס פון די געפערלעכסטע ברואים אויף דער װעלט.

אַלע האָבן זיך נענטער צוגערוקט און פאַרגאַפט זיך צוגע־הערט צום פּראָפעסאָרס רייד.

— דאָס איז אַ חיה — האָט ער װײטער געצויגן, — גרויס װי אַ קאַץ, איז גרוי און האָט דרײ שורות מיט זויגערס אויפן בויך. זי ליגט באַהאַלטן אויף אַ בוים צװישן די צװײגן און װען זי זעט אַ מענטש אָדער אַ חיה, צײעט זי זיך פון איר באַהעלטע־ניש און װאַרט ביז ער קומט צו נאָענט, דאַמאָלס גיט זי אַ פאַל אַרויף אויפן קאַרק און װיקלט זיך אַרום, װי מיט אײזערנע צװאַנ־גען אַרום האַלדז און זויגט אויס דאָס גאַנצע בלוט, ביז דער מענטש אָדער די חיה שטאַרבט.

— געפינען זיך נאָך אַזוינע װילדע חיות אין אויסטראַל־יען? — האָט מערי גראַנט מיט שרעק געפרעגט.

עס איז איר געקומען אויפן זינען, אַז איר פאָטער מוז זיך אַזוי געפינען צװישן אַזעלכע מאָדנע און װילדע באַשעפע־נישן.

— נײן — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. — קײן אויס־טעראַלישע װילדע חיות אַ חוץ דער טיאַ־פּיאַ איז נישטאָ. ס'זענען נישטאָ קײן לײבן, בערן, װעלף, טיגערן — די אַלע חיות װעל־כע געפינען זיך אין אײראָפּאַ, אַפריקע, אַזיען זענען דאָרט נישט פאַרהאַן.

דערװײל איז זיך די צײט אַזוי געגאַנגען. טאג נאָך טאָג,

און יעדער טאָג מיט זיינע געשפּרעכן און אַלע מאָל האָט דער פּראָפעסאָר עפּעס אינטערעסאַנטס אַריינגעברענגט.

די שיף איז זיך געשווומען איר וועג. לויט קאַפּיטאַן פּאַ־ראַגוטס מעלדונג, האָט מען נאָך סך הכל געהאַט פינף טעג רייזע קיין אויסטראַליען.

דאָס וועטער איז געווען זייער שיין, קיין פּיצל ווינט האָט נישט געבלאָזן און דאָס האָט דאָך באַמרויקט דעם קאַפּיטאַן פּאַגאַנעל.

V.

אַ קאַטאַסטראָפע אין מיטן ים.

— לאָרד — האָט דער קאַפּיטאַן איינמאָל אויסגערופן, — עס שרעקט מיך עפּעס זייער די שטילקייט אויפן ים, עס זעט אויס, ווי פאַר אַ שטורם.

— אַז מען פאָרט אויפן ים, מוז מען צו אַ שטורם אויך גרייט זיין — האָט לאָרד גלענאַרוואָן רויק געענטפערט.

— דאָס, וואָס עס נישטאָ קיין ווינט, איז נישט גאָר גינ־סטיק — איך קען נישט אַרויפציען די זעגלען, איך מוז פאָרן בלויז מיט פּאַרע און ס׳קען מיר אַמאָל אויספעלן קוילן.

דער ים איז טאַקע געווען גלאַטיק, ווי אַ שפּיגל. די זון האָט פריילעך געשיינט און בשפע געגאָסן מיט גאָלד איבער די וואַסערן. דער הימל איז געווען בלוי, אָן אַ פּיצל וואָלקן. שטיל איז געווען די לופט, קיין גלעט אויפן פּנים האָט מען נישט געפילט.

— איך זע נישט פאַר קיין שטורעם — האָט לאָרד גלענאַר־וואָן געזאָגט, נאָך אַ לאַנגן אומקוקן זיך אויף די האָריזאָנטן, ווו אַלץ איז געווען בלוי און ריין.

— זעט אָבער, ווי דאָס קוועקזילבער אין באַראָמעטער איז אַראָפּגעפאַלן, דאָס איז דער זיכערסטער סימן אויף אַ שטורעם. אין דער געגנט, וווּ מיר געפינען זיך איצט, קומען אָפט פאַר שרעקלעכע שטורמווינטן. דער דונקאַן איז אפילו גאַנץ שטאַרק, און איך בין זיכער, אַז ער וועט דעם שטורעם בייקומען; כ׳האָב שוין אַמאָל אַזאַ שטורעם דורכגעמאַכט. איך האָב אייך נאָר מתרה געווען, כדי איר זאָלט באַרויקן די דאַמען, טאָמער וועט ער אָנ־הייבן באַווייזן זיינע קונצן.

דער לאָרד גלענאַרוואָן איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין קאַ־יוטע און דער קאַפּיטאַן איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אויף זיין בריקל און געפּאַרשט דעם הימל. ער איז אויך עטלעכע מאָל אַראָפּגעגאַנגען צום מאַשין אַ קוק טון; ער האָט איינגעטענהט מיטן מאַשיניסט, קאָנטראָלירט יעדעס שרייפעלע, צי עס איז אין אָרדנונג. ווען ער האָט געזען, אַז ער קען זיין רויק בנוגע דעם מאַשין, איז ער צוריק אַרויפגעגאַנגען אויף זיין בריקל און ווידער געגעבן זיינע באַפעלן, שטרענג אַכטונג געבנדיק און נאָכפּאָרשנדיק דעם צו רייגעם הימל.

מיט דעם איז פאַרביי דער טאָג. קיין שום פאַרדעכטיקס איז נישט געווען צו באַמערקן. דער עולם האָט זיך גאַנץ געמיטלעך אונטערגעהאַלטן. ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָט זיך ביסלעכ־וויז דער דעק אָפּגערייניקט פון מענטשן, איטלעכער איז רויק אַוועק אין זיין קאַיוטע אַריין שלאָפן, נישט פאָרויסזעענדיק קיין שום שלעכטס.

איין קאַפּיטאַן פאַראַגוט, וואָס האָט נישט אָפּגעטרעטן פון זיין בריקל, איז געשטאַנען פאַרזאָרגט לעבן רודער. טאָם אוי־

גוסטין האָט אכטונג געגעבן אויף דער הינטערשטער טייל פון דער שיף.

אַרום האַלבע נאַכט האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן פאַר־טונקלען, אַ קיל ווינטל איז איבער דער שיף דורכגעלאָפן און איטלעכן אַ שמיר געטון איבערן פּנים. אַלע מאַטראָסן זענען צונויפגערופן געוואָרן. קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָט איטלעכן צעשטעלט אויף זיין אָרט. מ'האָט פאַרמאַכט אַלע פענסטער, פאַרשטאָפּט אַלע לעכער, די זעגלען פעסט צוגעבונדן צו די מאַסטבוימער. מ'האָט זיך צוגעגרייט אויפצונעמען דעם אומגעוווּנטשענעם גאַסט. און דאָס אַלץ איז אָפּגעטון געוואָרן שטיל, כּדי די פּאַסאַזשירן נישט צו באַ־אומרויקן.

פּלוצלינג איז דער הימל אינגאַנצן פאַרפינסטערט געוואָרן, ס'זענען מיטאַמאָל פאַרדעקט געוואָרן די אָקאָרשט בלישטשענדיקע שטערן.

פּונקט האַלבע נאַכט האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט, וועל־כער האָט אָנגעהויבן מיטאַמאָל צו רייסן און זייער יעמערלעך צו וואָיען, דער ים האָט אָנגעהויבן צו שטורמען.

לאָרד גלענאַרוואָן, דער מאַיאָר מיטן פּראָפעסאָר זענען באַלד געקומען אַרויפצולויפן און מיט שרעק גענומען זיך אומקוקן, וואָס עס טוט זיך.

דער קאַפּיטאַן איז צו זיי צוגעקומען און געבעטן, זיי זאָלן אַראָפּגיין אין זייערע קאַיוטעס, ווייל זיי שטערן די מאַטראָסן אין זייער אַרבעט.

— אָבער דער שטורם האָט זיך שוין אָנגעהויבן? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט מיט אַ ציטערדיק קול.

— דאָס איז אַ פּרעלודיע, לאָרד, — האָט ער געענט־פערט, — דאָס אמתע קומט ערשט נאָך.

דער לאָרד האָט זיך נאָך אומגעקוקט צום פינסטערן הימל

און צום שטורמדיקן ים. ער האָט שוין איצט מודה געווען, אַז דער קאַפּיטאַן איז געווען גערעכט מיט זיין פּראָגנאָזן וועגן דעם שטורם.

דאָס איינע איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס די נעכט זענען גראָד דאַמאָלס געווען די קורצסטע. ס'האָט באַלד אָנגעהויבן טאָגן. אַלץ גלייכער, מען קוקט דעם פיינט אין די אויגן אַריין, איידער מיט אים צו קעמפן אין דער פינסטער.

דערווייל זענען אויך אַרויסגעלאָפן אויפן דעק די ליידי העלענאַ מיט מערי גראַנט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיי דערזעען. ער איז באַלד צוגעלאָפן און שטרענג באַפוילן:

— גייט אַראָפּ צו אייך אין די קאַיוטעס, דער ים ווערט מיט יעדער סעקונדע אַלץ שטורמישער, איר וועט נאָר שטערן די אַרבעט.

די ליידי האָט זיך נאָר אַ פרעג געטון, צי עס דראָט נישט קיין געפאַר. באַקומענדיק אַ באַרויקנדן ענטפער, איז זי באַלד מיט מערי גראַנט צוריק אַראָפּגעגאַנגען צו זיך אין דער קאַיוטע.

דערווייל איז דער שטורם געוואָרן וואָס אַמאָל רעשיקער און בייזער. ער האָט געריסן די זעגלען, אָנגענומען גאַנצע כוואַליעס און זיי אויף דער שיף געוואָרפן. אָבער די שיף האָט אַלץ אויסגעהאַלטן און זיך געגאַנגען איר וועג, ווי נישט זי מיינט מען.

דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען רויק און קאַלטבלוטיק אויף זיין בריקל און אַרויסגעגעבן אַלע מאָל נייע באַפעלן:

— צובינדן דעם קליינעם זעגל, צופעסטעווען דעם מיטלסטן מאַסטבוים, — און געלאַכט זיך פון דעם שטורם.

דער לאָרד גלענאַרוואַן איז געשטאַנען לעבן דער טיר

פון זיין קאַיוטע און מיט באַוווּנדערונג זיך צוגעקוקט צו דער קאַלטבלוטיקייט און מוט פון דעם יונגן קאַפּיטאַן.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן אַלאַרם־פייף פון דעם מאַשין, דאָס רעדל האָט זיך אַרויסגעריסן פון קאַפּיטאַנס הענט און אָנגעהויבן שנעל זיך צו דרייען. עס האָט אַ קנאַק געטון און געבליבן שטיין אויף אָן אָרט.

ער איז אַראָפּגעלאָפן צו דעם מאַשין. דאָרט איז געווען פול מיט דאַמף. דער מאַשיניסט האָט אים דערציילט, אַז עפּעס איין שרויף האָט זיך אייגגעבויגן, זי האָט זיך, ווייזט אויס אָן עפּעס פאַרהאַלטן און דעריבער האָט זיך דער גאַנצער מעכאַניזם אָפּגעשטעלט. מורא האָבנדיק, דער קעסל זאָל נישט פּלאַצן, האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם דאַמף.

דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָט נאָר אַ קליינעם טראַכט געטון, באַרנישט געענטפערט, אַרויף צוריק אויפן דעק און געגעבן אַ באַפעל די מאַטראָסן אויפצוציִען די זעגלען.

— וואָס איז געשען? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אַ בלאַסער אים געפרעגט.

ער האָט אים אַלצדינג דערציילט, וואָס עס איז געשען, און געבעטן ער זאָל שוין אַראָפּגיין אין קאַיוטע, ער זאָל באַרויקן די דאַמען און נישט שטערן אים. לאָרד גלענאַרוואָן האָט באַלד געהאָרכט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס מוז נישט זייער פריילעך זיין, אויב דער קאַפּיטאַן רעדט צו אים אין אַזאַ אַנטשלאָסענעם טאָן.

די שיף האָט געקרעכצט און געבויגן זיך דאָ אויף איין זייט, דאָ אויף דער צווייטער.

די דאַמען האָבן קיין וואָרט נישט גערעדט, געזעסן בלייכע אין זייערע קאַיוטעס און זיך איינע אָן דער אַנדערער אָנגעהאַלטן.

דער קאַפּיטאַן וועט איבערהאַלטן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן זיי באַרויקט — אַ מוטיקער מענטש!

דערווייל האָט מען אויפגעצויגן די זעגלען, כּדי די שיף זאָל זיך ווייטער מיט זייער הילף טראָגן פאָרויס. זי איז יעדע ווײַלע אַרויף אויף אַ כוואַליע, ווי אויף אַ באַרג, מיטאַמאָל אַ זינק אַראָפּ געטון אין אַ טאָל און ווייטער זיך געהוידעט מיטן גרעסטן אימפּעט.

דער שטורעם איז געוואָרן פון מינוט צו מינוט ווילדער. פּלוצ־לינג האָט ער אַ ריס אַראָפּ געטון דעם זעגל און דער ווינט האָט אַ כאַפּ געטון די שיף אין זײַנע אָרעמס און געוואָרפן מיט איר ווי מיט אַ באַלעם.

אָבער דער קאַפּיטאַן איז נישט געבליבן שטיין פאַרצווייפלט, ער האָט געהאַט אַ צווייטן אין זאַפּאַס. ווי אַזוי אָבער בינדט מען אים צו? אַרויפקריכן אין אַזאַ שטורעם אויפן מאַסטבוים, האָט גע־הייסן ריזיקירן מיטן לעבן. אָבער די מאַטראָסן האָבן נישט גע־קוקט אויף דער סכּנה און געטון אַלץ, וואָס איז געווען מעגלעך, כּדי אַרויפצוציען דעם זעגל.

אַרום נאָכמיטאָג ערשט איז זיי נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען און לעבן־איינשטעלעניש דאָך געלונגען דעם זעגל אויפצוהענגען. די מאַטראָסן זענען געוואָרן פרייליכער, די שיף איז געפלויגן פייל פון בויגן, געיאָגט פון ווינט.

דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט אָבער איז נישט געווען אין קיין גו־טער שטימונג, — דער ווינט האָט די שיף געטריבן נישט אין דער ריכטונג, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט אויך מורא געהאַט פאַר די ריפן, וואָס ציען זיך לענגאויס דרום־אויסטראַליען. איינער אַזאַ ריף איז באַקאַנט מיט זײַן אויסערגעוויינלעכער לענג: ער ציט זיך אַוועק אויף גאַנצע צוועלף הונדערט מייל. און ווען די שיף

לויפט מיט אַזאַ אומגעוויינטלעכער שנעלקייט, קען זי לייכט אַרויף אויף אַזאַ ריף און צעשמעטערט ווערן.

ר האָט אפילו געהאַט אַ מיטל, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון דער געפאַר, אָבער דערביי איז גאַנץ מעגלעך געווען, אַז די שיף זאָל צעבראָכן ווערן און מען זאָל זיך דאַרפן ראַטעווען אויף רעטונגס־שיפלעך.

ער האָט דעריבער נישט געוואָלט שטעלן אויף זיך אַליין. ער איז אַראָפּגעגאַנגען צו לאָרד גלענאַרוואַן אין דער קאַיוטע און אים אַלץ איבערגעגעבן, וואָס ער טראַכט צו טון:

— איין רעטונג איז נאָר פאַרהאַן — האָט ער געזאָגט — דאָס וואַסער שטייט איצט הויך איבער די ריפן, קען איך די שיף פירן גלייך צום ברעג, אָבער דאַמאָלס קען זי צוליב איר גע־וואַלטיקער שנעלקייט אָנשלאָגן זיך אָן אַ שטיין אָדער אָן אַ זאַמד און צעבראָכן ווערן, דאַמאָלס מוזן מיר האָבן גרייט אונדזערע רע־טונגס־שיפלעך און זיך באַלד אין זיי אַריינזעצן.

— מילא, פאַרפאַלן — האָט לאָרד גלענאַרוואַן רויק און אַנטשלאָסן געזאָגט, — ווען ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, מוז מען זיך דערויף באַשליסן.

— אָבער גוט, מוז מען דאָך די פרויען צוגרייטן צו אַזאַ מין פאַל — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט ערנסט געזאָגט.

— איך וועל זיי שוין צוגרייטן. ווען עס וועט האַלטן שלעכט, זאָלט איר מיר געבן אַ סיגנאַל מיט אייער פייפל.

אַזוי איז געבליבן, און ביידע האָבן זיך פונאַנדערשיידט. ער איז אַריין צו זיך אין קאַיוטע, וווּ אַלע זענען געזעסן און רויק גערעדט, הגם איטלעכער פאַר זיך האָט געוווּסט, אַז די געפאַר איז גרויס. דער פּראָפעסאָר האָט געהאַלטן אַ לעקציע וועגן שטורעם־ווינטן, ווי אַזוי זיי שאַפן זיך און פאַרוואָס זיי זענען אַזוי אָפט אין דערדאָזיקער געגנט.

אַלע האָבן אים אויסגעהערט, אָבער מיט נאָך מער אויפֿ־מערקזאַמקייט האָבן זיי זיך צוגעהאָרכט צום שטורם, וואָס האָט גע־בושעוועט און געוואָרפֿן מיט דער שיף.

אַרום פֿאַרנאַכט־צו איז דער שטורמווינט עטוואָס שטילער געוואָרן, די וואָלקנס אויפֿן הימל האָבן זיך פֿונאַנדערגעריסן און אַ שטיקל רויטע זון האָט אַ בליץ אַפֿער געטון און מיט אַ רויטע שיין די שוימיקע כוואַליעס מיט דער ווייסער שוואַנען־שיף אָפּגע־גאָסן.

פֿלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ פֿריידנס־אויסגעשריי:

— לאַנד!

— לאַנד! — האָבן אַלע מיט שיינענדיקע פּנימער איבער־געחזרט.

נישט ווייט פֿון דער שיף האָט זיך געזען אַ געלער פּאַס זאַמד — דאָס איז געווען אויסטראַליען.

דער ים האָט אָבער נאָך געשטורעמט, געשליידערט זיינע שוימיקע כוואַליעס און זיי אויפֿן ברעג מיט אַ רעש אַרויפֿגע־גאָסן.

— דאָ זענען דאָ ריפֿן און שטיינער — האָט טאָם אויגוס־טין באַמערקט — דאָס דערקענט מען באַלד אָן די כוואַליעס, וואָס הייבן זיך אויף אַ שרעקלעכער הייך.

— דאָ איז אַ געפֿערלעך אָרט — האָט פּאַראַגוט טרויעריק אויסגערופֿן — ווען אונדז זאָל געלינגען גראָד צוצוקומען צו די ריפֿן אין דער צייט, וואָס די כוואַליעס וועלן זיך אויפֿהייבן, וועלן מיר גליקלעך אַריבערשווימען, אויב נישט, זענען מיר אין געפֿאַר.

ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו פֿייפֿן, צו געבן סיגנאַלן. באַלד זענען אַלע פּאַסאַזשירן אַרויפֿגעקומען אויפֿן דעק פֿון דער שיף.

די שיף איז געלאָפן מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט גלייך אויף די ריפן, וועלכע מ'האָט פון צייט צו צייט באַמערקט, בשעת די כוואַליעס האָבן זיך אויפן ברעג איבערגעגאָסן.

— ווען דאָס וואַסער וואָלט נישט געווען אַזוי שטורמיק — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט באַמערקט — פאָרן מיר איבער אַזאַ הייך רויק אַריבער און דער שיף וואָלט גאָרנישט געשאַט.

פּלוצלינג האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן צו שרייען

— בוימאייל, בוימאייל גיט אַהער!

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט ווי משוגע, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט אים פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

באַלד האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אויסצוגיסן אין ים אַריין, וויפיל עס געפינט זיך נאָר בוימאייל, וועלכער האָט די אייגנ-שאַפט, אַז ווען ער קומט אַרויף אויף די שטורמישע כוואַליעס, ווערט דאָס וואַסער רויק.

מען האָט כסדר געגאָסן די פעסלעך בוימאייל, עס האָט זיך געבילדעט אַ רויקער פאַס וואַסער, וווּהין דער קאַפּיטאַן האָט די שיף אַריינגעפירט. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער אויסגע-רופן:

— מיר זענען געראַטעוועט! די שיף איז אַריבער די ריפן!

בייזע כוואַליעס זענען נאָכגעלאָפן און געריטשעט, ווי די ווילדע חיות, וואָס מען האָט זיי דעם ביסן פון מויל אַרויסגע-ריסן.

די שיף איז זיך רויק צוגעשווומען צום ברעג.

VI.

אַן אומדערוואַרטעטע בשורה.

קודם כּל האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעזוכט אַ זיכער אָרט, ווּ די שיף צו פאַראַנקערן. דאַמאָלס איז צוגעגאַנגען צו אים לאָרד גלענאַרוואָן און געדריקט אים די האַנט, זאָגנדיק:

— דיר, ליבער קאַפּיטאַן, האָבן מיר אַלע דאָס לעבן צו פאַרדאַנקען.

דער קאַפּיטאַן איז געווען גערירט און מיט אַ גליקלעכן בליק אַ קוק געטון אויף מערי גראַנט.

אַלע זענען געווען אויסערגעוויינלעך פאַרמאַטערט. דער קאַ־פּיטאַן פאַראַגוט איז קוים אויף די פיס געשטאַנען, ער האָט צוויי טאָג שוין נישט געהאַט געגעסן. ער האָט פריער דורכגעקוקט די שיף, צי עס רינגט אין איר נישט אַריין קיין וואַסער. געפינענדיק, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדנונג, אַז די שיף איז נאָר בלויז אין דער הייך באַשעדיקט, האָט ער איבערגעלאָזט אַ מאַטראָס אויף דער וואַך און זיך געלייגט שלאָפן.

ס'איז געוואָרן שטיל אויפן דעק. הין און צוריק האָט זיך נאָר געדרייט דער וואַך־מאַטראָס. פון לויטערן הימל האָבן איצט גע־פינקלט אומצייליקע שטערן.

צומאָרגנס, ווען אַלע האָבן זיך גאַנץ פרי אויפגעכאַפּט, האָט די זון זיך שוין געבאָדן אין די וואַסערן, וועלכע זענען איצט גע־לעגן רויק, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

מ'האָט געמאַכט אַ באַראַטונג, וואָס מ'האָט ווייטער צו טון.

קודם כל האָט דער פּראָפעסאָר מיטן קאַפּיטאַן געמאַכט זייערע אויסמעסטונגען מיט די אַסטראָנאָמישע מכשירים און געפונען, אַז זיי געפינען זיך נישט ווייט פון מעלבורן, די הויפּטשטאָט פון אויסטראַליען.

מען האָט באַשלאָסן צוצופאָרן מיטן „דונקאַן" קיין מעלבורן, דאָרט לאָזן פאַרריכטן די שיף, און אויפן וועג כסדר אויף אַ שיפל אָפּשטייגן אויפן ברעג, כדי בײַ די מענטשן זיך נאָכצופרעגן וועגן דער שיף „בריטאַניאַ" און וועגן קאַפּיטאַן גראַנט.

געענדיקט די באַראַטונג, האָט דער קאַפּיטאַן געגעבן אַ באַפעל, מ׳זאָל אויפציִען די זעגלען און פאַמעלעך אַריינפאָרן קיין מעלבורן.

נאָך מיטאָג איז אַלץ געווען פאַרטיק און די שיף האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיטן ווינט לענגאויס דעם ברעג פון אויסטראַליען.

יעדע פאָר שעה האָט מען זיך מיט אַ שיפל אַראָפּגעלאָזט צום ברעג, אומגעקוקט זיך, צי מען וועט נישט טרעפן עפּעס מענטשן, אָבער אומזיסט איז געווען די מי: שטיל איז געווען קיין שום שפּור פון אַ לעבעדיקן מענטש.

זיי זענען אָבער נישט אָפּגעשטאַנען און כסדר באַזוכט די ברעגן, לעבן וועלכע זיי זענען דורכגעפאָרן.

צומאָרגנס זענען זיי דורכגעפאָרן דורך אַ געגנט, וווּ עס האָבן זיך געוויזן בערג. מ׳האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שיפל, אויף וועלכן עס האָבן זיך אויסגעזעצט דער פּראָפעסאָר, ראָבערט מיטן לאָרד גלענאַרוואָן און צוגעשיפט זיך צום ברעג. ראָבערט איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ שטיין, כדי זיך אַרומצוקוקן אויף דער געגנט. פּלוצלינג האָט ער אויסגעשריגן:

— אַ מיל! איך זע די פליגל פון אַ ווינט-מיל!

דער פּראָפעסאָר מיטן לאָרד גלענאַרוואָן האָבן זיך בעסער צוגעקוקט און ווירקלעך דערזען פונדערווייטנס אַ מיל.

זיי האָבן באַשלאָסן צו איר צוצוגיין, דאָ ווינען דאָך שוין געוויס מענטשן.

זיי זענען געגאַנגען דורך באַארבעטע געגנטן. עס זענען געוואַקסן פּאָמעראַנצן, ציטרינען, וויין־גערטענער. זיי האָבן אויך געטראָפן אויפן וועג גאַנצע סטאַדעס מיט בהמות און שעפּסן.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ בילן פון עטלעכע הינט.

אַ פרייד האָבט באַ זיי אויפגעברויזט אין די הערצער. דאָס בילן פון די הינט האָט באַ זיי איצט אויסגעוויזן, ווי די שענסטע מוזיק, ס'איז זיי געוואָרן אַזוי היימלעך און אָנגענעם. דערווייל זענען די הינט נענטער צוגעקומען און זיך שוין געוואָלט אויף זיי אַרויפוואַרפן, ווי מיטאַמאָל איז דערשינען אַן עלטערער מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און פופציק, אַ פעסטגעבויטער און אַ רוף געטון די הינט צו זיך.

ער האָט זיך מיט זיי באַגריסט און פאָרגעשטעלט זיך אַלס פּעדרי מעק מור.

באַלד זענען אויך אַרויסגעקומען עטלעכע פעסטגעבויטע קינדער מיט אַ פרוי, וועלכע האָבן זיך דערפרייט מיט די אָנגעקומענע. משמעות, זיי האָבן שוין לאַנג קיין פרעמדן מענטש נישט געזען.

מעק מור האָט זיי פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין, געבעטן זיי זיצן, פאַראָרדנט אָפּצוקאָכן אַ פיין מיטאָג פאַר די פרעמדע געסט.

— איר זענט אַן אירלענדער ? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— איך בין געווען, איצט בין איך אַן אויסטראַליער — האָט ער, שטאָלץ פון זיין נייבירגערשאַפט, געענטפערט. — און

איר, פילט אייך, ווי באַ זיך אינדערהיים. אַליין זענט איר דאָ?

— ניין, מיר האָבן נאָך דאַמען מיט זיך — האָט דער קליי־נער ראָבערט אויסגערופן.

— בעט איך אייך, גייט ברענגט זיי — האָט דער באַלע־באָס אויסגערופן.

ער האָט מיטגעשיקט זיינס אַ זון מיט ראָבערטן און אין אַ שטיקל צייט אַרום זענען אַלע שוין געזעסן באַ די ווייסע טישן, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט מיט כל טוב: וויינטרויבן, פּאָמע־ראַנצן, מאַנדלען, אַליוון און באַלד האָט מען אַריינגעברענגט אַ פריש, געשמאַק מיטאָג. אַלע האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און דער באַלעבאָס האָט געשעפּט תענוג.

בשעת דעם עסן האָט ער זיי דערציילט זיין געשיכטע, ווי אַזוי ער איז אַהערגעקומען און דאָ זיך איינגעאָרדנט.

געקומען אַהער איז ער אַן אָרימאַן, געאַרבעט אַלס איינפּאַ־כער אַרבעטער אין מעלבורן. ווען די רעגירונג האָט צווישן די קאָ־לאָניסטן איינגעטיילט ערד, האָט ער זיך אויך פאַרשריבן און גע־נומען אַ חלק פון אַכציק אַקער פעלד. ביסלעכווייז האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט און איצט פאַרמאָגט ער שוין פיר הונדערט אַקער מיט פינף הונדערט שטיק בהמות. ער האַלט נאָך צו עטלעכע פרעמ־דע אַרבעטער און ער לעבט זיך איצט זייער רויק. ער האָט אַלצ־דינג, עס פעלט אים גאָרנישט.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אָבער כסדר אין זינען געהאַט זיינס און באַלד נאָכדעם, ווי דער באַלעבאָס מעק מור האָט געענדיקט זיין ביאָגראַפיע, האָט ער אים אַ פרעג געטון, צי ער האָט נישט גע־הערט פון אַ שיף „בריטאַניאַ". וואָס האָט דאָ געזאָלט אונטערגיין, און וועגן קאַפּיטאַן גראַנט. ער האָט אים מיט אַלע איינצעלהייטן

דערציילט דעם ציל פֿון זייער רייזע. דער באַלעבאָס האָט אַלץ אויסגעהערט. דערנאָך האָט ער געענטפֿערט:

— מיר ווינען לעבן ים און מיר האָבן וועגן אַזאַ ענלעכע געשיכטע קיינמאָל נישט געהערט! מיר דאַכט זיך, אַז אייער רייזע דאָ אין די קאַנטן איז אומזיסט.

דידאָזיקע ערלעכע ווערטער פֿון קאָלאָניסט האָבן געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף אַלע אָנוועזנדע, באַזונדערס אויף ראָבערטן און מערי גראַנט. זיי זענען אַלע געבליבן זיצן פֿאַרצווייפֿלט, די קעפּ צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט און שטיל געשוויגן.

פּלוצלינג האָט זיך פֿון ווינקל צימער דערהערט אַ גראָבע שטימע:

— אויב ס'איז מעגלעך, אַז קאַפּיטאַן גראַנט לעבט נאָך, מוז ער זיך געפֿינען אין די געגנטן!

אַלע זענען פֿון די ערטער אויפֿגעשפּרונגען, ווי עלעקטריזירטע. די אויגן האָבן זיך באַ אַלע ברייט אויפֿגעעפֿנט און מיט די בליקן געזוכט, ווער עס איז דערדאָזיקער מלאך, וואָס האָט די גוטע בשורה געזאָגט, פּונוואַנען גייט דאָסדאָזיקע בת-קול!

— ווער האָט דאָס געזאָגט? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן מיט אַ ציטערדיקער שטימע געפֿרעגט און מיט פֿאַרבלענדטע אויגן געקוקט אַרום זיך.

אַלע האָבן זיך אויפֿגעשטעלט דערשיטערטע פֿון דערדאָזיקער אומדערוואַרטעטער בשורה.

VII.

דער שטייערמאַן פון דער „בריטאַניאַ".

דער באַלעבאָס האָט זיך אומגעקוקט, ווייל לויטן קול האָט ער דערקענט, אַז דאָס האָט געזאָגט איינער פון זיינע אַרבעטער, איירטאָן.

— דאָס האָסטו געזאָגט, איירטאָן? — האָט מעק מור פאַרוואונדערט געפרעגט.

— יאָ, איך! — האָט אַ גראָבע באַס־שטימע פון ווינקל געענטפערט און אַרויסגערוקט זיך אין דער מיט שטוב אַריין. — איך בין געווען אַ מאַטראָס אויף דער „בריטאַניאַ" אונטער דעם קאַפּיטאַן גראַנטס אָנפירונג.

דער איינדרוק איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער. מערי און ראָבערט גראַנט האָבן געוואָלט צופאַלן אים קושן. די פרייד פון אַלע איז געווען אויסערגעוויינטלעך. נאָר, וואָס איין פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל האָט זיך רויק פאַרהאַלטן און אָבסערווירט דעם מאַטראָס פון דער „בריטאַניאַ".

דאָס איז געווען אַ באַוואַקסענער מאַנספּאַרשוין פון אַ יאָר פערציק מיט אַ ווילד פּנים, וואָס איז דעם פּראָפעסאָר גישט זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. די אויגן האָבן געבליצט באַ אים, ווי באַ אַ ווילדער חיה.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט געשיקט רופן דעם מאַיאָר און דעם קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, וועלכע זענען געהאַט איבערגעבליבן אויף דער שיף.

זיי זענען געקומען צולויפן פאַרסאַפּעט, אָן איין אָטעם, דערהערנדיק אַזאַ אומגעריכטע ידיעה.

אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם מאַטראָס אייער־טאָן און דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים גענומען אויס־פרעגן:

— זענט איר, הייסט עס, אַ געוועזענער מאַטראָס בּאַם קאַ־פּיטאַן גראַנט?

— איך בין געווען דער שטייערמאַן פון דער „בּריטאַנ־יאַ" — האָט אייערטאָן מיט זיין גראָבער שטימע געענטפערט.

— איר זענט דאָס איינער פון די צוויי מאַטראָסן, וואָס זע־נען ניצול געוואָרן בשעת דער שיפבּרוך צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן גראַנט?

— ניין, איך בין נאָך פאַר דעם אונטערגאַנג פון דער שיף אַראָפּגעשווענקט געוואָרן דורך אַ גרויסער כוואַליע. איך ווייס אפילו נישט, צי דער קאַפּיטאַן האָט זיך געראַטעוועט, אָדער דערטרונקען געוואָרן. בּאַ מיר איז בּיז איצט געבּליבן דער איינדרוק, אַז איך בּין דער איינציקער, וואָס איז ניצול געוואָרן פון דערטרונקען צו ווערן.

— ווייסט איר גאָרנישט וועגן קאַפּיטאַן גראַנט?

— ניין. ווען כ'האָב געהערט, אַז איר רעדט וועגן קאַפּי־טאַן גראַנט, האָב איך מיך אָנגערופן, אַז אויב ער לעבּט, מוז ער זיך נאָר געפינען אין די קאַנטן.

— קענט איר מיר נישט זאָגן, ווו די שיף איז אונטערגע־גאַנגען? — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געפרעגט.

— גענוי קען איך אייך נישט זאָגן, נאָר, אַז אין דער נאָנט פון בּרעג פון אויסטראַליען דאָס איז זיכער, ווייל ווען די כוואַ־ליע האָט מיך אַראָפּגעשווענקט, האָב איך געזען דעם געלן פּאַס זאַמד פון בּרעג.

— נו, און דערנאָך? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפֿרעגט.

— ווען איך בין אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אויפֿן ברעג, בין איך אַ לאַנגע צייט געלעגן פֿאַרחלשט. שפּעטער ווען כ׳בין געקו־מען צו זיך, האָב איך שוין קיין שפּור פֿון דער „בריטאַניאַ" נישט געפֿונען.

— ווען האָט דאָס געקענט געשען, קענט איר געדענקען? — האָט ווידער לאָרד גלענאַרוואַן געפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס נישט. דאָס איז געווען דעם 27־טן יוני, 1862.

אַלע האָבן מיט אַנטציקונג אַ קוק געטון אויפֿן פּראָפֿע־סאָר, וועלכער האָט טאַקע דעם בריוו אַזוי געלייענט.

— ריכטיק! — האָבן אַלע מיט איין קול אויסגע־רופֿן.

מערי און ראָבערט גראַנט האָבן אים געדריקט ביי־דע הענט און נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פֿון אים.

קיינער האָט נישט געצווייפֿלט אין דער ריכטיקייט פֿון זיי־נע רייד. דער פּראָפֿעסאָר האָט אפֿילו פֿריער געהאַט עפּעס אַ חשד, נאָר הערנדיק די אַלע סמנים, וואָס ער גיט ראָבערט גראַנטן מיט מערין, אַז ער געדענקט זיי און ווי ער דערמאָנט זיי פֿאַר־שידענע געשיכטן פֿון זייער קינדהייט, וועלכע ראָבערט האָט מיט פֿרייד באַשטעטיקט, האָט ער אויך ענדלעך איינגעזען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום גרונט אים חושד צו זיין אין פֿאַלש־קייט.

— דערציילט מיר, איך בעט אייך, — האָט דער פּראָ־פֿעסאָר אים געבעטן — וואָס עס איז מיט אייך געשען נאָך דעם, ווי איר זענט אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אויפֿן ברעג.

— ווען איך בין צו מיר געקומען און געעפֿנט די אויגן, האָב איך געזען אַרום מיר אַ מחנה ווילדע. זיי האָבן מיך אַוועק־

געשלעפט צו זיך אין דאָרף. דאָרט בין איך אָפּגעווען צוויי יאָר אין האָב שווער און ביטער געאַרבעט. איינמאָל זענען זיי באַפאַלן א גרופּע ענגלישע רייזנדע און זיי באַרויבט. צווישן די אָנגערויבטע זאַכן איז אויך געווען אַ פּעסעלע בראָנפן, מיט וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט. דאַמאָלס בין איך פון זיי אַנטלאָפן, האָב זיך אַרומגעוואַלגערט אין די וועלדער, געגערט זיך מיט פאַרשיידענע וואָרצלען, ביז איך בין אַריינגעפאַלן צו מיין איצטיקן באַלעבאָס מעק מור, באַ וועלכן, ווי איר זעט, איך אַרבעט איצט.

אַלע האָבן מיט אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט זיין דערציילונג, נאָר דער מאַיאָר האָט עפּעס נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי. ער האָט אים פלוצלינג, ווי וועלנדיק אים כאַפּן באַ א ליגנט, אַ פרעג געטון:

— איז דאָס טאַקע אמת, אַז איר זענט געווען שטייערמאַן אויף דער „בריטאַניאַ״?

— אָן שום ספק — האָט איירטאָן געענטפערט, דערקענענדיק אין מאַיאָרס טאָן אַ נישט־גלויבן.

און כדי צו באַווייזן, אַז ער זאָגט דעם ריינעם אמת, האָט ער פון דער צווייטער שטוב אַריינגעברענגט דעם קאָנטראַקט, וואָס ער האָט געהאַט געשלאָסן מיטן קאַפּיטאַן גראַנט.

די קינדער האָבן דערקענט דעם פאָטערס האַנטשריפט. איצט איז שוין באַ קיינעם קיין ספק נישט געווען, אַז ער האָטווירקלעך געדינט אויף דער „בריטאַניאַ״.

און לאָרד גלענאַרוואָן האָט, אויסהערנדיק דאָס אַלץ, באַשלאָסן צונויפרופן אַ באַראַטונג, באַ וועלכן אויך איירטאָן זאָל בייזיצן, כדי ער זאָל מיט עפּעס קאָנען בייהילפיק זיין.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — האָט איירטאָן געענט־

פערט — מיט וויפיל כ׳וועל קענען, וועל איך העלפן. איך קען די שפראך פון די ווילדע אין אויסטראליען.

— קודם־כל — האט לארד גלענארוואן אנגעהויבן — מוזן מיר באשטימען אויף זיכער, ווו דער קאפיטאן גראנט קען זיך געפינען.

— מיין מיינונג איז, — האט אייערטאן זיך אנגערופן — אז ער האט געהאט דעמזעלבן סוף, וואס איך, און נעמלעך: ער איז אריינגעפאלן צו די ווילדע אין די הענט.

— ווי אזוי געפינט מען אים אבער? — האט דער פראפעסאר פאגאנעל געפרעגט. ווי אין די בריוו שטייט געשריבן, איז ער געפאנגען געווארן אויפן 37־טן גראד, אבער די ווילדע האבן דאך אים געקענט אוועקשלעפן אין טיפערע קאנטן.

— דאס איז אויך גאנץ מעגלעך — האט אייערטאן געזאגט — ווייל די ווילדע זיצן נישט אויף איין ארט און דא, ווו עס גרייכט די ענגלישע מאכט, זענען קיין ווילדע נישטא.

די פראגע וועגן געפינען דעם קאפיטאן גראנט איז נאך ווייט נישט געלייזט געווארן, הגם מ׳האט באקומען אזא וויכטיקע פערזאן, ווי דעם מאטראס פון דער „בריטאניא". ס׳איז נישט קיין לייכטע זאך צו גיין זוכן א מענטש אין אזא גרויס לאנד, וואס איז נאר עטוואס קלענער פון אייראפע.

אלע האבן געשוויגן, קיינער האט נישט געהאט קיין ענטפער אויף דערדאזיקער הארבער פראגע.

— וואס זאגט איר, אייערטאן? — האט לידי העלענא געפרעגט.

— מיין מיינונג איז, מען זאל קודם כל מיט דער שיף צופארן צו דעם ארט, ווו די „בריטאניא" איז אונטערגעגאנגען. דארט וועט מען זיך אומקוקן, צי עס ווינען מענטשן, צי עס גע־

זינען זיך ווילדע און מיר וועלן שוין עפּעס ווי עס איז קענען
געוואָר ווערן — האָט אייערטאָן געענטפערט.

— די שיף אונדזערע איז אָבער באַשעדיקט — האָט לאָרד
גלענאַרוואָן געענטפערט — מיר קענען מיט איר קיין שום רייזע
נישט אונטערנעמען.

— באַשעדיקט גאָר? — האָט אייערטאָן מיט אַ געוויסער
אומרויקייט אַ פרעג געטון — מוז מען זי פירן קיין מעלבורן צו
פאַרריכטן.

— איך מיין אויך אַזוי — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט —
מיר וועלן גיין צו פוס ביז דער בוכטע טופאָלד, וועלכע ליגט
אויפן 37-טן גראַד און דאָרט איז משמעות די „בריטאַניאַ" אונ-
טערגעגאַנגען. און די שיף וועט מען דערווייל רעפּערירן. שפּע-
טער וועלן מיר צוריקגיין קיין מעלבורן, אָבער די שיף וועט נאָכ-
קומען אויף אַן אָפּגערעדטן פּאָרט און מיר וועלן ווייטער פאָרן.

— און די שיף וועט דערווייל שטיין אין מעלבורן? —
האָט אייערטאָן פּלוצלינג אַ פרעג געטון און די אויגן האָבן בײַ
אים אויפגעבליצט.

קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי די שיף גייט עפּעס צו-
פיל אָן דעם געוועזענעם מאַטראָס, אַלע זענען געווען צופיל באַ-
שעפטיקט מיט זייער ציל.

— איך בין איינשטימיק מיטן פּראָפעסאָר — האָט דער מאַ-
יאָר אויסגערופן — די פראַגע איז נאָר, צי עס איז לייכט צו
פאָרן איבער אויסטראַליען?

— עס איז איינס פון די לייכטסטע זאַכן — האָט אייערטאָן
געענטפערט — מען שפּאַנט איין עטלעכע אָקסן אין אַ וואָגן און
עס פאָרט זיך, ווי איבער אַ טיש. אַפילו פרויען קענען גאַנץ לייכט
מיטמאַכן אַזאַ רייזע.

ליידי העלענאַ איז אויפגעשפרונגען פאַר פרייד.

— קענען טאַקע פּרויען אויך פאָרן? — האָט זי איירטאַ־נען איבערגעפרעגט.

— אומבאַדינגט. אין צוואַנציק טאָג פאָרן מיר דורך גאַנץ לייכט די שטרעקע, וואָס מיר דאַרפן מאַכן.

— און קיין ווילדע חיות זענען אין אויסטראַליע ניטאָ? — האָט זי געפרעגט.

— ניין.

— און ווילדע מענטשן? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— ווען מען האָט מיט זיך געווער, האָט מען נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן — האָט איירטאָן געענטפערט.

— מען זאָגט אָבער, אַז אין אויסטראַליען גייען אַרום אי־בער די ווילדענישן גאַנצע מחנות קאַטאָרזשניקעס, באַשטראָפטע מערדער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די טורמעס. זיי זענען נאָך אפשר שרעקלעכער פון די ווילדע.

— ווער האָט דאָס אייך איינגערעדט, ליידי! — האָט איי־רטאָן מיט אַ פינקל אין די אויגן איר אויסגערעדט די מורא.

— דאַרפן מיר זיך הייסט עס גרייט מאַכן אין וועג אַריין! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

VIII.

די רייזע איבער אויסטראַליען

מ׳האָט זיך אָנגעהויבן פיבערהאַפט צוצוגרייטן צו דערריי־זע. לאָרד גלענאַרוואָן האָט פאָרגעשלאָגן דעם קאָלאָניסט, אַז ער זאָל דערלויבן מיטצונעמען איירטאָנען.

דער באַלעבאָס האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט, אָבער ענד־לעך געזאָגט:

— דאָס איז אפילו מײַן בעסטער אַרבעטער, אָן וועלכן עס וועט מיר שווער זײַן זיך צו באַגיין, דאָך, ווען עס האַנדלט זיך אין אויסלייזן אַ מענטש פון דער געפאַנגענשאַפט, שטים איך אײַן צו באַפרייען אים פון זײַן דינסט.

— און איר, אייערטאָן, זענט אַליין גרייט מיט אונדז מיט־צוגיין? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

דער מאַטראָס האָט אַ ווײַלע געטראַכט, מכלומרשט, ווי האָבנדיק אַ ישוב, ענדלעך האָט ער אײַנגעשטימט.

— און ווי וועט שטיין אייער שיף? — האָט אייערטאָן פלוצלינג אַ פרעג געטון דעם לאָרד גלענאַרוואָן.

— זי וועט צופאָרן קיין מעלבורן און דאָרטן וועט זי וואַרטן אויף מײַנס אַ באַפעל — האָט לאָרד גלענאַרוואָן תמימותדיק גע־ענטפערט.

— אַלזאָ גוט, און ווער בלײַבט מיט איר? — האָט ווידער פאָרזיכטיק געפרעגט אייערטאָן.

— דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט.

מען האָט אײַנגעקויפט פאַרשידענע שפּײַז און זאַכן, וואָס מען דאַרף אויף אַזאַ רייזע. אַלע זענען אָן אַ שיעור צופרידן גע־ווען, וואָס אייערטאָן פאָרט מיט. ס'איז דאָך פאָרט אַ מענטש, אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן.

זיי זענען נאָך אַהינגעגאַנגען צו דער שיף, כדי פון דאָרט אַראָפּצונעמען נאָך טייל זאַכן, וואָס וועלן נוצן אויף דער רייזע איבער אויסטראַליען.

אויפן וועג האָט זיך קאַפּיטאַן פּאַראַגוט זייער שטאַרק אָנ־געהויבן בעטן, אַז ער וויל מיטפאָרן מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע איבער אויסטראַליען.

— אָבער אויף וועמענס פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועל איך די
די שיף איבערלאָזן ? — האָט זיך לאָרד גלענאַרוואַן פאַרהידושט
געפרעגט.

— טאָם אויגוסטין איז אַ גאַנץ גוטער מאַטראָס, מען
קען זיך אויף אים פאַרלאָזן ! — האָט ווידער דער קאַפּיטאַן גע-
בעטן.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אים נישט געקענט אָפּזאָגן און עס
איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז קאַפּיטאַן פאַראַגוט פאָרט מיט און טאָם
אויגוסטין פאָרט מיטן „דונקאַן" קיין מעלבורן.

אַרויסנעמענדיק פון דער שיף אַלע נייטיקע זאַכן, האָבן זיי
זיך צוריק אומגעקערט צום אויסטראַליער קאָלאָניסט, וועלכער האָט
זיי ווידער זייער פריינדלעך אויפגענומען און צוגעהאָלפן זיי פאַר-
פּאַקן זיך צו דער רייזע.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט פאַרבעטן דעם גאַסטפריינדלעכן באַ-
לעבאָס צוזאַמען מיט איירטאָנען אויף דעם „דונקאַן", כדי אים
צו באַווייזן די רייכקייט און גלאַנץ, וואָס דאָרט איז פאַרהאַן. דער
געוועזענער אָרימער אירלענדער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּ-
וווּנדערן, ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ עשירות נישט געזען. איי-
ערטאָן ווידער האָט נאָר באַטראַכט שטאַרק די זעגלען, די מאַסט-
ביימער און מיט דער צונג געטשמאָקעט:

— שטאַרק, פיין, אַ גוטע שיף.

לאָרד גלענאַרוואַן איז געווען צופרידן און געשמייכלט פון
זיינע אָפּלויבענישן.

— אויף אַזאַ שיף איז אַ מחיה צו זיין מאַטראָס — האָט
איירטאָן געזאָגט.

— נו, אויב איר זענט מסכים, זענט איר שוין צוגענומען
אַלס מאַטראָס אויפן „דונקאַן" ! — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויס-
גערופן.

— כ'וועל עס אויך זיכער אזוי טון נאָכן צוריקקומען פון דער רייזע — האָט אייערטאָן געענטפערט.

דערווייל האָט אַלבינעט אויסגערופן, אַז דאָס מיטאָג איז פאַרטיק.

איצט האָבן זיך די ראָלן געביטן: לאָרד גלענאַרוואָן האָט דעם קאַלאָניסט מיט אייערטאָנען איינגעלאַדן צום מיטאָג.

— איר הערט, ליבער מאַיאָר — האָט אים דער פּראָפעסאָר שטיל איינגערוימט אַ סוד — דער אייערטאָן געפעלט מיר גאָר לגמרי נישט.

— יאָ, ער איז עפּעס אַ צו גרויסער חכם — האָט דער מאַיאָר געענטפערט.

בשעתן מיטאָג האָט זיך אייערטאָן פּלוצלינג אַ פרעג געטון באַם לאָרד, וויפיל מאַטראָסן ער נעמט מיט אויף דער רייזע. ווען יענער האָט אים אָפּגעענטפערט, אַז מער נישט ווי צוויי, האָט ער געמאַכט אַזאַ פאַרקרומטע גרימאַסע און געענטפערט:

— מיין מיינונג איז, אַז צוויי זענען ווייניק, איך וואָלט געראָטן מער מענטשן מיטצונעמען.

— ניין, איך מוז מער מאַטראָסן אויף דער שיף האָבן, ווייל זי גייט צום רעפּערירן — האָט דער לאָרד זיך געהאַלטן בא זיינס.

זעענדיק, אַז דער לאָרד איז פאַרעקשנט, האָט אייערטאָן מער דערפון נישט גערעדט.

דערווייל איז געוואָרן שפּעט, דער עולם האָט זיך געדאַרפן אויסרוען צו דער פאָרשטייענדיקער רייזע, און אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

צומאָרגנס זענען אַלע פרי אויפגעשטאַנען. דער אויסטראַ-

לישער וואָגן איז שוין געשטאַנען גרייט. דאָס איז געווען אַ גרויסער קאַסטן אויף פיר גרויסע, שווערע רעדער, וואָס זענען געווען קיי־לעכדיקע שטיקער האָלץ פון אַ קלאָץ אָפּגעזעגט.

אין דעם וואָגן האָבן זיך געוואָלט אַריינזעצן די דאַמען. פאַר די מענער האָט מען ספּעציעל געקויפט באַם קאָלאָניסט פערד. דער פּראָפעסאָר האָט זיך מיטגענומען זיין טעלעסקאָפּ און אַלץ איז געווען גרייט צו דער רייזע. — ענדלעך האָט דער וואָגן גע־רירט פון אָר

IX.

בלויז חידושים.

אַלע זענען געווען פריילעך, די געשרייען און אויסרופן זע־נען זיך צעגאַנגען איבער די ברייטע אויסטראַלישע פעלדער. דער קאָלאָניסט איז נאָך געשטאַנען פונדערווייטנס מיט זיין הוט, ביז דער וואָגן איז פאַרשווונדן געוואָרן.

אייערטאָן האָט אָנגעטריבן מיט די פערד.

דאָס וועטער איז געווען זייער שיין און קיינער האָט זיך זאַט נישט געקענט אָנקוקן און אָפּחידושן פון די אַלע וווּנדער, וואָס זיי האָבן צום ערשטן מאָל אין אויסטראַליען געזען.

קודם כל דאָס אַליין, וואָס איצט אין יאַנואַר איז פולשטענ־דיק זומער, ווי אין איראָפּע אין יולי. אין דער צייט, וואָס דאָרט ליגן איצט שנייען און פרעסט אויף די שויבן, ווערט מען דאָ צעשמאָלצן פון היץ.

דאָס איז אָבער נישט דאָס איינציקע וווּנדער, וואָס מען זעט

אין אויסטראַליען. דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל האָט אויף דער שיף שוין דערציילט וועגן די ביימער, חיות, פייגל און בלומען, וועלכע זענען איינגאַנצן אַנדערש, ווי בײַ אונדז. אָבער זיי האָבן געזען נאָך אַ סך וווּנדערלעכע דערשיינונגען: דהיינו, דאָס מענטשלעכע אויג איז צוגעוווינט צו זען שוואַרצע שטיינקוילן, ווי פאַרחידושט בלייבט מען אָבער שטיין, ווען מען דערזעט פּלוצלינג ווייסע שטיינקוילן!

דער פּראָפעסאָר האָט זיך דאָ דערפילט, ווי אַ פיש אין וואַ-סער, ער האָט זיך פונאַנדערגעלאָזט מיט זיינע לעקציעס און פון יעדער פיצל, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָט ער אָוועקגערעדט שעהן. נישט איין מאָל איז ער אָוועקגעריטן פון דער קאָמפּאַניע און פאַר-פאָרן אין די וועלדער אַריין, וועלכע זענען אגב נישט אַזוי גע-וואַלטיק גרויס געווען. זיי זענען ס׳רוב באַשטאַנען פון עווקאַליפּ-טוסן, וועלכע גיבן בכלל נישט קיין שאָטן, ווייל די בלעטער זיינע ליגן נישט אויף דער פלאַך, נאָר אויף אַ קאַנט.

נישט איינמאָל איז דער פּראָפעסאָר אַזוי פאַרפאַלן געוואָרן, אַז מ׳האָט אים געמוזט דערנאָך שעהן אַרומזוכן, ביז מ׳האָט אים געפונען.

אַרום פאַרנאַכט-צו זענען זיי צוגעקומען צו אַן אַזוי גערו-פענער סטאַציע.

דאָס איז אַזאַ פערמע, וווּ דער קאָלאָניסט פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך נאָר מיט פי-צוכט. איטלעכער קאָלאָניסט פאַרמאָגט אַ פּאָר טויזנט שטיק בהמות, שעפסן, פערד. ער מאַכט קעז און פּוטער, שעכט טיילמאָל די בהמות אויף פלייש. דאָס פירט ער אָוועק אין שטאָט אַריין און דערפאַר קויפט ער זיך איין אַלע נויטיקע זאַכן.

גאַסטפריינדלעכקייט איז בײַ זיי איינער פון די גרעסטע מנהגים. און ס׳איז מערקווירדיק: אַ גאַנצן טאָג שטייט פאַר דער

טיר געדעקט אַ טיש מיט כּל טוב, און ווען עס קומט צו אַ פרעמ־דער, גייט ער גלייך צו, ווי צו זיין אייגנס און עסט זיך אָן צו דער זעט און גייט אַוועק, איבערלאָזנדיק נאָר אַ סימן, אַז דאַ איז געווען אַ פרעמדער.

ווען אונדזערע רייזנדע זענען צוגעקומען צו דער סטאַציע, האָבן זיי גראָד געטראָפן דעם באַלעבאָס מיטן גאַנצן בני־בית באַם טיש. יעדער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט זייער אַ גאַסטפריינט־לעכער טאָן זיי פאַרבעטן צום עסן.

נאָך אַזאַ רייזע אויף דער פרישער לופט צווישן בלומען און שמעקעדיקע גראָזן, איז דער אַפּעטיט געווען שטאַרק און זיי האָבן אויפגעגעסן אַלץ, וואָס מ׳האָט אויפגעגעבן.

— ווו אייגנטלעך, געפינען מיר זיך איצט, פּראָפעסאָר? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

דער פּראָפעסאָר האָט איצט געפונען די געלעגנהייט זיך פונאַנדערצולאָזן מיט זיינע לעקציעס און ער האָט אָנגעהויבן:

— אויסטראַליען איז איינגעטיילט אין זעקס גרויסע פּראָ־ווינצן; ניו סאַוט וועלס מיט דער הויפּשטאָט סידניי; קווינסלאַנד מיט דער הויפּט־שטאָט בריזבען: וויקטאָריאַ מיט דער הויפּשטאָט מעלבורן; סאַוט אויסטראַליען מיט דער הויפּשטאָט אַדעלאַידאַ: וועסט־אויסטראַליען מיט דער הויפּשטאָט פּערט און נאָרד־אויס־טראַליען, וועלכע האָט צוליב איר שיטערער באַפעלקערונג איבער־הויפּט נאָך קיין הויפּטשטאָט נישט.

די אַלע לענדער ציען זיך אַלץ אַרום דעם ים. דאַקעגן די מיטלסטע טייל פון אויסטראַליען, וועלכע איז די גרעסטע טייל איז נאָך לגמרי ווילד און נישט אויסגעפאָרשט. מיר געפינען זיך אין דער טייל, וואָס רופט זיך וויקטאָריאַ.

— ווי איך ווייס, איז וויקטאָריאַ ערשט נישט לאַנג באַזעצט געוואָרן? — האָט לעידי העלעיי אויסגערופן.

— פֿולשטענדיק ריכטיק. דאָס איז געשען דינסטיק, דעם 17=טן יוני 1835 — האָט דער פּראָפֿעסאָר גאָרנישט טראַכטנדיק אויסגערעכנט.

— אַ פֿערטל אויף אַכט אינדערפֿרי, האָט איר פֿאַרגעסן צו= צוגעבן — האָט דער מאַיאָר זיך געוויצלט.

— איר האָט אַ טעות, ליבער מאַיאָר. דאָס איז געשען פּונקט צען אַ זייגער פֿאַר מיטאָג — האָט דער פּראָפֿעסאָר גאַנץ ערנסט אויסגערופֿן. — פּונקט אין דער צייט האָבן צוויי מענטשן מיטן נאָ= מען באַטמאַן און פֿאַלקנער אָנגעהויבן בויען אַ שטאָט באַם ים, וואָס הייסט היינט מעלבורן.

און ער האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען, ווי אַזוי די שטאָט איז געוואַקסן. מיט יעדע פֿאַר יאָר איז די באַפֿעלקערונג גרעסער גע= וואָרן. ער האָט אָנגעגעבן די גענויע צאָלן פֿון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין יעדער טייל פֿון אויסטראַליען געפֿונען.

דער מאַיאָר, וועלכער האָט נישט געקענט פֿאַרגינען דעם פּראָפֿעסאָר, וואָס ער ווייסט אַלץ אַזוי גענוי, האָט אים געפּרוּווט אויסלאַכן און שטעלן פֿאַרשידענע ליצנותדיקע פֿראַגן. דער פּראָ= פֿעסאָר אָבער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פֿון דעם אַלעם און אויף אַלץ אים געענטפֿערט און דאָס האָט נאָך דעם מאַיאָר מער געשטאָכן.

— אָט זענען מיר שוין דעם פֿערטן טאָג אין אויסטראַליען און כ'האָב נאָך קיין שום וווּנדער נישט געזען — האָט דער מאַיאָר ווידער זיינס אַריינגעוואָרפֿן.

— האָט געדולד, איר וועט אייך נאָך אָנזען מיט אַזעלכע וווּנדער, אַז די האָר וועלן זיך אייך קאַפּויר שטעלן — האָט אים דער פּראָפֿעסאָר מיט איראָניע געענטפֿערט. — אויסטראַליען אַליין פֿאַר זיך איז שוין איין גרויס וווּנדער.

— מיט וואָס דהיינו? — האָט לײדי העלענאַ נײגעריק געפרעגט.

— ווי כ׳האָב אײך שוין געהאַט געזאָגט נאָך אויף דער שיף, זענען אין אויסטראַליען לגמרי נישטאָ קײן ווילדע חיות און אַ חוץ דעם ווירקט דער קלימאַט, אַז מענטשן ווערן דאָ גוט. די גרעסטע פאַרברעכער ווערן דאָ אויסגעאײדלט.

אַלע האָבן זיך זײער געוואונדערט, הערנדיק דאָס, און ווי מיט אַ פראַגע-צײכן אים אָנגעקוקט, ער זאָל זײ דאָס באַשײדן.

— שטעלט אײך פאָר, אַז די היגע בינען האָבן נישט קײן גיפט און ווײל זײ גיבן ווײניקער האָניק, ווי אונדזערע בינען, האָט מען פון אײראָפּאַ אַראָפּגעבראַכט אַ פּאַרטיע בינען, האָבן זײ אויך דעם גיפט אָנגעוווירן. — נו, איז עס נישט קײן וווּנדער?

— נאָט אײך נאָך אַ וווּנדער! — האָט דער פּראָפעסאָר, נאָך אַ ווײלע שטילשווײגן, ווידער אָנגעהויבן — די לופט פון אויסטראַליען איז אַזוי שטאַרק, אַז זי מאַכט אַלץ ווײס. אײזן ווערט נישט פאַרזשאַווערט, אַלערלײ מעטאַלן, לײוונט און אפילו מענטשן ווערן דאָ רײן.

דאָס חידושן זיך פון פּראָפעסאָרס דערצײלן איז געווען אָן לשער. דער מאַיאָר האָט שוין געשוויגן און גאָרנישט גערעדט.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דערדאָזיקער לעקציע זענען זײ דורכגעפאָרן אַ וואַלד. די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט מען באַשלאָסן דאָ צו נעכטיקן.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, אָקסן און זײ געלאָזט פּאַשען זיך אין דעם הויכן גראָז. די רײזנדע האָבן זיך אויסגעבעט אונטער די בײמער און זיך געלײגט שלאָפן.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן אומגעהייער לאַכן. אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון די געלעגערס און דערשראָקן זיך אומ־געקוקט.

— לייגט אייך רויק צוריק! — האָט דער פּראָפעסאָר אויס־גערופן — דאָס איז איינס פון די אויסטראַלישע ווונדער — דאָס לאַכט דער לאַכפויגל.

דערווייל האָט מען דערהערט אַ קלינגען ווי פון אַ גלאָק.

— ס'מוז דאָ אין דער נאָענט זיין אַ קלויסטער — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

— דאָס קלינגט דער קלינג־פויגל! — האָט דער פּראָפעסאָר רויק און זיכער אויסגערופן — נו, מאַיאָר, וואָס זאָגט איר צו די ווונדער?

דער מאַיאָר האָט געשוויגן. און דאָס קלינגען און לאַכן האָט זיך אַלע מאָל איבערגעחזרט, אָבער קיינער האָט זיך שוין נישט געשראָקן, נאָר געקוקט זיך מיט דער זיסקייט, וואָס האָט אָפּגע־שאָלט אין דער שטילער, וואַרעמער נאַכט אַריין.

זשול ווערן

די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט

ראָמאַן אין דריי טייל

פריי באַארבעט פון ש. ר.

צווייטעס בוך

פארלאַג א. גיטלין, ווארשע

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט

X

אַ פּאַרדעכטיקער צופאַל.

רויק זענען אַלע די נאַכט דורכגעשלאָפן. צומאָרגנס זענען זיי אויפגעשטאַנען דערפרישטע און מען איז ווייטער געפאָרן.

דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. די זון האָט געגליט און ס׳איז אפילו נישט געווען קיין שאָטן, ווו זיך צו באַהאַלטן.

דער ליידי העלענאַ האָט אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו דורשטן און גראָד איז קיין וואַסער לחלוטין אין דער געגנט נישט געווען. באַלד האָט זיך אויך לאָרד גלענאַרוואַן אָנגעהויבן קלאָגן אויף דורשט און ס׳איז נישט געווען קיין שום עצה.

— וואַרט — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — איך וועל אייך געבן צו טרינקען.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, זעענדיק, ווי ער גייט אַוועק אין דעם נאָענטן וואַלד.

— פונוואַנען וועט ער דאָ נעמען וואַסער ? — האָט דער מאַיאָר געפרעגט.

ס'איז אָבער פאַרגאַנגען אַ קורצע ווײַלע און ס'האָט זיך דערהערט דעם פּראָפעסאָרס רוף:

— קומט אַהער שנעלער, אַט דאָ האָט איר וואַסער.

זיי זענען אַלע זיכער געווען, אַז ער האָט געפונען אַ ברונען אָדער אַ טײַכל, אָבער זיי האָבן זיך געוווּנדערט פונוואַנען ער האָט וועגן דעם געוווּסט.

ווען זיי זענען צוגעקומען, האָבן זיי אים געזען שטיין לעבן אַ בוים, וואָס האָט געהאַט די פאָרם פון אַ פלאַש און אינדערהייך אויפן שפּיץ — אַ קרוין פון בלעטער.

— איר מאַכט גאָר חוזק פון אונדז, הער פּראָפעסאָר — האָט לאָרד גלענאַרוואַן האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט אויסגערופן. — ווו האָט איר וואַסער ?

דער פּראָפעסאָר האָט נאָר אַ שמייכל געטון און געוואָרפן אַן איראָנישן בליק אויפן מאַיאָר, וועלכער איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל פון דערשטוינונג, צוקוקנדיק זיך, ווי דער פּראָפעסאָר האָט אויסגעשניטן מיט אַ מעסערל אַ שטיק קאָרע פון בוים און געהייסן שעפּן וואַסער.

לײַדי העלענאַ האָט אָנגעשעפּט אַ גלאָז וואַסער, וואָס איז געווען קריסטאַל-ריין און קאַלט, און עס אויסגעטרונקען. דאָס זעלבע האָט נאָכגעטון לאָרד גלענאַרוואַן און נאָכדעם אויך די איבעריקע.

— פונוואַנען האָט איר דאָס געוווּסט, הער פּראָפעסאָר, אַז דאָ געפינט זיך וואַסער ? — האָט לײַדי העלענאַ געפרעגט.

דערויף האָב איך געלערנט, לײַדי — האָט ער שטאָלץ געענטפערט — דאָס איז אַ מין בוים, וועלכן די געלערנטע רופן אָן: „פלאַשנבוים". ער זאַפּט אין זיך אַרײַן פון דער ערד דאָס וואַ-

סער, וועלכעס זאמלט זיך אָן אינדערמיט, ווו ער איז אויסגע־הוילט.

דער בוים איז בא די ווילדע הייליק, אָדער, ווי זיי רופן דאָס אָן „טאַבו״, מען טאָר נישט גראָבן ארום אזא בוים, נישט קריכן אויף אים. ווען מען טרינקט זיך אָן מיט וואסער, לייגט מען צוריק צו דאָס שטיקל קאָרע, וואָס פאַרוואַקסט צוריק אין א קורצער צייט.

— איצט גלייב איך אייך אַלצדינג, הער פּראָפעסאָר — האָט דער מאַיאָר מיט באַגייסטערונג געדריקט זיין האַנט.

אָנטרינקענדיק זיך מיט וואסער צו דער זעט, זענען אונדזערע רייזנדע דערפרישטע געפאָרן ווייטער.

פלוצלינג האָט ראָבערט, וועלכער איז געריטן עטוואָס פאָ־רויס, א הויכן געשריי געטון. אַלע זענען צוגעלאָפן און דערזען א מאָדנע חיה. דער גאַנצער קערפּער איז געווען באַדעקט מיט באַדלען און געהאַט א שנאָבל, פונקט ווי בא א פויגל, פון שנאָבל האָט כסדר אַרויסגעשטעקט א רויטע, דינע קלעבעדיקע צונג.

אַלע האָבן זיך דעסגלייכן דערשראָקן, ביז דער פּראָפעסאָר האָט זיי באַרויקט, אז דאָס איז נישט קיין שרעקלעכע חיה, זי דערנערט זיך נאָר מיט מאָרעוועס. זי שטעקט אַרויס איר לאַנגע צונג, אַרום וועלכער עס קלעבן זיך אָן א סך מאָרעוועס, דער־נאָך ציט זי אַריין די צונג, עסט זיי אויף און העגנט זי ווידער אַרויס. קיין שלעכטס טוט זי נישט קיינעם. די חיה הייסט ערידנאַ.

בשעת מען איז אַזוי געשטאַנען און איינגעטענהט וועגן דערדאָזיקער חיה, האָט לאָרד גלענאַרוואַן באַמערקט פונדערווייטנס א רויך, וואָס קיינער האָט זיך אים נישט געקענט אויסטייטשן, אפילו דער פּראָפעסאָר אויך נישט.

דאָ האָט זיך אָבער אַריינגעמישט איירטאָן, וועלכער האָט באַלד דערקלערט די סיבה פון דעם רויך.

— דאָ גייט אונדז אַ קעגן אַ גרויסע סטאַדע בהמות און שעפסן, מאַכן זיי אַן אַזאַ שטויב — האָט ער אויסגערופן.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט זיך טאַקע דערהערט אַ ברומען און מעקן פון טויזנטער בהמות און שעפסן. פון דעם וואָלקן שטויב איז אַרויסגעריטן פאָרויס אַ רייטער, וועלכן דער לאָרד גלענאַרוואָן איז אַקעגנגעריטן און באַגריסט.

יענער האָט אים דערציילט, אַז ער איז אַ סוחר, וואָס קויפט אויף אין די ווייטע געגנטן בהמות, דאָרטן קאָסטן זיי ביליק און ער פירט זיי קיין מעלבורן.

עס געדויערט אָפּ חדשים איידער מען ברענגט דאָס צו טרייבן. די אַרבעט איז אומגעהייער שווער, אָבער מען פאַרדינט נישקשה.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך צוגעקוקט, ווי די מחנה איז איינגעטיילט אין פאַלקן. פאָרויס גייען די אָקסן, דערנאָך די קי, צום סוף די שעפסן. זיי זענען דעריבער אַזוי איינגעטיילט, האָט דער סוחר דערקלערט, ווייל די אָקסן ווילן נישט עסן דאָס גראָז, וואָס די קי אָדער שעפסן האָבן שוין פריער געטרעטן דערויף.

זיי האָבן נאָך אַ ווײַלע געשמועסט, דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט און איטלעכער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין וועג.

אַרום אָוונט־צו זענען זיי צוגעקומען צו אַ טייך מיטן נאָמען ווימעראָ. אין דער גאַנצער געגנט אַרום איז נישט געווען צו זען קיין שום בריק, אָדער פּראָם, אויף וואָס מען זאָל זיך קענען אַריבערבאַקומען אויף דער צווייטער זייט טייך.

ס'איז שוין געווען נאַכט. איצט איז געווען אַ סכנה צו גיין

...ין אַ בלאָך אָרט, דורך וועלכן מען זאָל קענען אַדורכגיין. האָט מען באַשלאָסן איבערצונעכטיקן לעבן טייך.

צומאָרגנס, גאַנץ פרי איז אייערטאָן געלאָפן לענגויס דעם טייך, כדי אויסצוזוכן נישט קיין זייער טיף אָרט, ווו מען זאָל קענען אַריינפאָרן מיטן וואָגן און דורכרייטן מיט די פערד.

ענדלעך, נאָך אַ שטיק צייט זוכן, איז אייערטאָן צוריקגעקומען, מעלדנדיק, אַז ער האָט אַזאַ מין אָרט געפונען.

אַלע זענען אַריינגעפאָרן אין טייך, די רייטערס האָבן זיך געשטעלט אין די זייטן, דער וואָגן אינדערמיט. פּלוצלינג איז אין מיטן טייך דער וואָגן אַריין אין אַ לאָך און זיך אָנגעבויגן אויף אַ זייט.

אייערטאָן איז אַריין אין וואַסער, מיטן אָרעם געפּרוווט דעם וואָגן אונטערהייבן, אָבער ס׳איז צוגעגאַנגען שווער. ענדלעך איז אים געלונגען דעם וואָגן אַרויסצושלעפּן, אָבער פּלוצלינג האָט עפּעס אַ קנאַק געטון. מ׳האָט נאָכגעזוכט און געפונען, אַז די אַקס האָט געפּלאַצט.

מען איז געבליבן שטיין און נישט געוווסט, וואָס צו טון ווייטער.

— איך וועל לויפן נאָך אַ שמיד — האָט אייערטאָן אויסגערופן — דאָ נישט ווייט וווינט אַזעלכער. עס דאַרף דויערן אַ קנאַפּן טאָג.

ער איז באַלד פאַרשווונדן געוואָרן אויפן פערד, וואָס ער האָט באַ איינעם פון די רייטער גענומען.

— עפּעס געפעלט מיר נישט דער אייערטאָן! — האָט דער מאַיאָר געזאָגט. — דער צופאַל, וואָס האָט זיך מיט אונדז דאָ געטראָפן, קוקט מיר אויס פאַרדעכטיק.

— גייט שוין, גייט, וואָס אייך פאַלט איין — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געענטפערט.

זיי האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויפֿן גראָז אָפּרוען.

XI.

די שרעקלעכע באַן־קאַטאַסטראָפֿע.

עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט. אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן דאָסמאָל שוין אויף דער אַנדערער זייט טייך. לאָרד גלענאַרוואָן האָט מיט אומגעדולד אויסגעקוקט אייערטאָגען, אָבער ער איז אַזוי גיך נישט צוריקגעקומען.

דער מאַיאָר איז אַלײן געלעגן און געטראַכט וועגן דעם געוועזענעם מאַטראָס אייערטאָן. ער האָט באַשלאָסן צו האַלטן אויג אויף אים.

אַזוי איז אַדורך די נאַכט. ווען ס'איז געוואָרן פֿרי, האָבן זיך אַלע אויפֿגעכאַפּט און מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט אייערטאָגען מיטן שמיד.

ענדלעך איז ער מיט אים אָנגעקומען. דער שמיד האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט און באַלד זיין מלאכה פֿאַרטיק געמאַכט. דאָס איז געווען זייער אַ פֿאַרווילדעטער מענטש, באַוואַקסן מיט האָר. דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך פֿאַר אים פּשוט דערשראָקן.

דער מאַיאָר האָט באַמערקט אויפֿן שמידס אָרעם אַ צייכן, אַזוי ווי פֿון אַ קייט. ער האָט אים געפֿרעגט, וואָס דאָס איז, נאָר יענער האָט אפֿילו נישט געענטפֿערט.

ווען ער האָט געענדיקט זיין אַרבעט, האָט אים לאָרד גלע־

באַרוואָן גוט באַצאָלט. און דער שמיד איז אַוועק פונוואַנעןעֶר איז געקומען.

ווי באַר דער וואָגן איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין, אַזוי איז מען אָפּגעפאָרן אַ גאַנצן טאָג. צומאָרגנס זענען זיי אָנגעקומען אין אַ שטעטל מיטן נאָמען קאַריסברוק.

— איך ראָט אייך, מיינע הערן,׳ נישט אַריינצופאָרן אין שטעטל — אָט אייערטאָן אויסגערופן מיט אַ טאָן, אין וועלכן עס האָט זיך געפילט אי בקשה, אי מורא.

— פאַרוואָס אייגנטלעך ? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— ווייל אַריינקומענדיק אין שטעטל, וועט זיך אייך אַלע גלוסטן דאָס שטעטל צו באַזען, אין אַ האָטעל איבערנעכטיקן, דערווייל וועט אַוועקגיין צייט אויף גאָרנישט און מיר דאַרפן אַ ביסל צו שפאָרן — האָט ער געזאָגט.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט מיט אים מסכים געווען. דער פּראָפעסאָר אָבער איז זייער נייגעריק געווען צו באַקוקן אַ שטעטל אין אויסטראַליען, האָט ער נישט געוואָלט נאָכגעבן. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פּראָפעסאָר אַליין זאָל אַריינפאָרן קיין קאַריסברוק און די איבעריקע זאָלן לאַנגזאַם נאָכפאָרן.

צוזאַמען מיטן קליינעם ראָבערט איז דער פּראָפעסאָר אַוועק אין שטעטל אַריין, אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, איז ער שוין געווען צוריק. ס׳איז נישט געווען קיין אינטערעסאַנטע זאַכן דאָרטן צו זען. דאָס שטעטל אַליין איז געווען זייער אַ רוישיקס, עס זענען דערלעבן געווען גאָלד-גרובן, זענען אַ סך מענטשן דאָרט געווען באַשעפטיקט און מען האָט זיך אויף זיי גאָרנישט אומגעקוקט.

אַ ביסל ווייטער פון קאַריסבּרוק זענען אויך געווען גאָלד-

גרובן, וועלכע האָבן זיך אַוועקגעצויגן אויף מיילן ווייט. די רע־
גירונג האָט דעריבער געבויט אַ באַן פון קאַריסברוק ביז מאָונט
אַלעקסאַנדער, ווי מען האָט יענעם גאָלד־גרובן גערופן.

די רייזנדע האָבן געדאַרפן אַריבערפאָרן די אייזנבאַן־לי־
ניע, ווייל זיי האָבן באַדאַרפט דורכפאָרן די איינציקע בריק אין
יענער געגנט, וואָס איז געלעגן איבערן טייך מורריי.

פּלוצלינג האָבן זיי שוין זייענדיק גאַנץ נאָנט פון דער בריק,
דערהערט אַ געפייפעריי פון לאָקאָמאָטיוון, געשרייען פון מענטשן,
וועלכע זענען געלאָפן פאַרוויינט, ברעכנדיק זיך די הענט, אין
דער ריכטונג פון דער בריק.

לאָרד גלענאַרוואַן מיט זיינע באַגלייטער האָבן פאַרשטאַ־
נען, אַז עס איז מסתמא געשען עפּעס אַן אומגליק, האָבן זיי אַ
טרייב געטון די פערד, כדי וואָס גיכער צוצוקומען אויפן אָרט
פון געשעעניש.

אַ מוראדיקע בילד האָט זיך פאַר זייערע אויגן פאַרגעשטעלט:
די בריק איז געווען איינגעבראָכן אינדערמיט, דער לאָקאָמאָטיוו
מיט צען וואַגאָנעס זענען געלעגן אין וואַסער און איין וואַגאָן איז
געהאָנגען אין דער לופט. איבערן טייך זענען געשווומען צעבראָ־
כענע שטיקער פון וואַגאָנעס, פון באַגאַזש און צעריסענע מענטשן־
גלידער, וואָס זענען געווען רויט פון בלוט.

מ׳האָט נישט געוווּסט, וויפיל מענטשן עס זענען געהרגעט
געוואָרן, עס איז געווען אַ מהומה, אַ טומל, און מען האָט נישט
געוווּסט, וואָס מען האָט צו טון.

די מענטשן, וואָס זענען געווען דערביי, האָבן זיך געאַמ־
פּערט צווישן זיך וועגן דער סיבה פון דער קאַטאַסטראָפע. אַ טייל
האָבן געזאָגט, אַז צוליב דער שווערער משא פון צוג האָט זיך
די בריק איינגעבראָכן. טייל ווידער האָבן געזאָגט, אַז די בריק
איז נישט געווען גוט צוגעשלאָסן.

די בריק האָט מען געקענט עפענען, בשעת אַ שיף איז דורכגעגאַנגען און פאַרמאַכן — בשעת אַ צוג האָט געדאַרפֿן דורכגיין.

דערווייל איז אָנגעקומען דער גובערנאַטאָר מיט פּאָליציי און דאָקטוירים מיט שפּיטאָל־וועגענער אויפצונעמען די קראַנקע און פאַרוווּנדעטע.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם גובערנאַטאָר און אים געפרעגט די סיבה פון דערדאָזיקער באַן־קאַטאַסטראָפע. ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ס'זענען אין דעם שולדיק די וועכטער.

— דאָ איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעך פאַרברעכן — האָט דער גובערנאַטאָר געענטפערט — אַ סימן, די וועכטער האָט מען אַלע געפונען טויט. די רויבער זענען אָנגעפאַלן אויפן לעצטן וואַגאָן און אַלץ צוגערויבט און נאָך דערהרגעט עטלעכע פּאַסאַזשירן.

— ווער קענען דאָס זיין די מערדער? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— דאָס זענען די אַנטלאָפענע קאַטאָרזשניקעס, דאָס איז אַ געפערלעכע באַנדע, זיי וואַרפן אָן אַ שרעק אויף דער גאַנצער געגנט אַרום.

אין מיטן דעם שמועס איז אונטערגעקומען דער וואָגן מיט לײדי העלענאַ און די איבעריקע.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיי נישט געוואָלט איבערשרעקן מיט דערדאָזיקער ידיעה, האָט ער געהייסן ווייטער פאָרן, דערציילנדיק איר נאָר, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע מיט גאַנץ קליינע שאָדנס.

מען איז אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועגס, ביז מען איז צוגעקומען צו אַ קליין וועלדל. די לײדי העלענאַ האָט זיך געבעטן מען

און אַוועקגעשטעלט אויף דער זייט, אַז אַלע זאָלן קענען צוקוקן זיך צו דעם ווילדן מענטשן. עס האָט אָבער קיינער קיין אינטערעס

אַל בלייבן שטיין אַ ווײַלע. דאָס וועלדל איז געווען ממש אַ גן עדן, עס זענען געוואַקסן דערין אָן אַ שיעור בלומען, די ריחות זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען ווייט אַרום, עס האָט פּשוט נישט געגלוסט פון דעם וועלדל אַרויסצופאָרן. אין דעם וועלדל האָבן זיך געפונען שיין באַאַרבעטע ביימער, מיט וועגלעך אויסגעשניטן צווישן זיי, ווי מענטשלעכע הענט וואָלטן דאָס געמאַכט.

— ס׳זעט בשום אופן נישט אויס, ווי אַ ווילדער וואַלד, וואָרן ווער וואָלט דאָס אַלץ אַזוי שיין פאַרפלאַנצט ? — האָט ליי-די העלענאַ אויסגערופן.

— איר האָט רעכט. — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן. דאָ איז אַ בית הקברות פון די ווילדע, דעריבער היטן זיי עס אַזוי אָפּ, זיי האַלטן בכבוד די ביינער פון זייערע עלטערן.

פּלוצלינג זענען זיי שטיין געבליבן דערשטוינט : אַ קליין יינגעלע פון אַ יאָר אַכט איז געלעגן אין וואַלד און רויק זיך גע-שלאָפן. עס איז געווען אָנגעטון איידאָפּעיש, אָבער לויט דעם אויסזען איז געווען צו דערקענען, אַז עס איז אַן אויסטראַליש ווילד קינד.

אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט און באַטראַכט דאָס יינגעלע. די ליידי העלענאַ האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין ווילדן אויס-טראַליער.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס קינד אָנגעהויבן רירן און איבער-געדרייט זיך מיטן פּלייצעלע אַרויף. דאַמאָלס האָבן אַלע דערזען צוגעקלעבט אויפן פּלייצעלע אַ צעטל מיט פאָלגענדע גרויסע אותיות :

„טאָלינע״.

„בעט אָפּצושיקן דאָס קינד קיין עטושקאַ און איבערגעבן דזשעפּיר סמיט. באַן-געלט אָפּגעצאָלט״.

— דאָס הייסט אויפן אמתן ווילדן אופן ! — האָט די

פראָפעסאָר אויסגערופן — מען שיקט איבער קינדער, ווי פשוטע פעקלעך!

— אַ רחמנות! — האָט די ליידי העלענאַ אויסגערופן — אפשר איז עס אויך געווען אויף דער באַן און זיינע עלטערן זענען געהרגעט געוואָרן?

— ניין, דאָס גלויב איך נישט, וואָרן ווי אַזוי קומט עס אהער — האָט דער פּראָפעסאָר אָפּגעווענדט.

דערווייל האָט זיך דאָס יינגעלע אויפגעכאַפּט.

ראָבערט איז צו אים צוגעלאָפן און ס׳ערשטע געפרעגט, צי עס רעדט ענגליש. ווען ער האָט דערהערט, אַז יאָ, האָט מען אָנגעהויבן צו אים צו רעדן.

— ווי הייסטו, יינגעלע? — האָט ליידי העלענאַ געפרעגט.

— טאָלינע.

— ווי קומסטו עפּעס אַהער?

— איך פאָר פון מעלבורן.

— ביסטו דען אויך געפאָרן מיטן זעלבן צוג, וואָס האָט געליטן די קאַטאַסטראָפע? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— יאָ, איך בין אַרויסגעשפרונגען דורכן פענסטער.

— וווּ־זשע ווילסטו איצט גיין?

— צו מיינע עלטערן אין לאַכלאַן.

קיינער האָט נישט געוווּסט וווּ דאָסדאָזיקע לאַכלאַן שטעקט, אפילו דער פּראָפעסאָר אויך נישט.

אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דעם דערציילן פון קליינעם אויסטראַליער און פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. דעם קליינעם ראָבערט האָט ער גערופן בכבודער און מיט אים האָט ער זיך צום מיינסטנס אָפּגעגעבן

מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און אָקסן און אַלע זע־
נען געבליבן נעכטיקן אין דעמדאָזיקן גן־עדן־ווינקל.

מען האָט אָנגעצונדן אַ פייער פון די דאַרע צווייגלעך, אָפּ־
געקאָכט מיטאָג און דער עולם האָט זיך אַנידערגעזעצט אַריינאָ־
טעמען אין זיך די טייערע ריחות פון די בלומען אַרום.

דער קליינער טאַלינע האָט דערציילט, ווי אַזוי ער איז
געקומען פון מעלבורן.

זיינע עלטערן שטאַמען פון דעם ווילדן דאָרף לאַכלאַן.
דאָרטן האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט פיש־פאַנג. איינמאָל איז דורך
זיי פאַרבייגעפאָרן אַן ענגלישער מיסיאָנער און געברענגט שיינע
מתנות. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער געבעטן זיין פאָטער,
ער זאָל אים מיטגעבן דעם זון. די עלטערן זענען געווען זייער
אָרים, האָבן זיי נאָך געדאַנקט גאָט, וואָס מען נעמט בא זיי צו
אַן איבעריקן עסער.

ער איז מיטגעפאָרן מיטן מיסיאָנער קיין מעלבורן, ווו ער
האָט פאַרבראַכט פינף יאָר. ער האָט געלערנט אין אַן ענגלישער
שול און רעדט גוט און שרייבט ענגליש. די לעצטע צייט האָט
ער זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך די עלטערן, האָט מען אים אויף
זיין ביטע אַהיימגעשיקט.

— וועסטו נאָך צוריקפאָרן? — האָט די ליידי העלענאַ
געפרעגט.

— יאָ, איך וועל מיך נאָר אָפּפרייען מיט מיינע עלטערן
און נאָנטע, פאָר איך באַלד צוריק.

— וואָס וועסטו זיין, אַז וועסט גרויס ווערן? — האָט אים
ראָבערט נייגעריק געפרעגט.

— איך וועל זיין אַ מיסיאָנער און וועל אַרומפאָרן צווישן
די קינדער פון מיין פאָלק און לערנען זיי.

— וואָס האָסטו געלערנט אין דיין שולע? — האָט אים דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— איך האָב אויסער ענגליש געלערנט די ביבל, רעכענען און געאָגראַפיע.

— געאָגראַפיע! — איז דער פּראָפעסאָר אויפגעשפּרונגען. ער איז שרעקלעך נייגעריק געווען, וואָס אַזאַ קינד ווייסט שוין פון געאָגראַפיע. — קענסטו כאָטש גוט געאָגראַפיע.

— אָ, זייער גוט, איך האָב אפילו באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר דעם געגנשטאַנד — האָט דער קליינער אויסטראַליער שטאָלץ געענטפערט.

— דער הער איז אַ פּראָפעסאָר פון געאָגראַפיע — האָט זיך לײדי העלענאַ אַריינגעמישט.

דער קליינער אויסטראַליער האָט באַקומען גרויס רעספּעקט פאַרן אַלטן פּראָפעסאָר. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין ביכל אין גאָלדענעם שניט און עס געוויזן דעם פּראָפעסאָר:

— דאָס איז די אויסצייכענונג פאַר געאָגראַפיע.

דער פּראָפעסאָר האָט אים אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו קושן.

— איך בין זייער נייגעריק צו וויסן, ווער פון אייך קען בעסער געאָגראַפיע — האָט דער מאַיאָר אין אַ וויציקן טאָן אויסגערופן — פאַרהערט אייך!

אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט. עס איז געווען אַ פיינער איינפאַל — אַ פאַרהער צווישן פּראָפעסאָר פון דעם פּאַריזער אוניווערזיטעט און אַ קליינעם ווילדן אויסטראַליער, ווירקלעך אינטערעסאַנט!

— גוט! איך באַשטיי — האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַ שמייכל אויסגערופן און געווענדעט זיך צום קליינעם אויסטראַליער:

— זאָג מיר, מיין קליינער געאָגראַף, וויפיל וועלט־טיילן געפינען זיך און ווי הייסן זיי.

דער קליינערווילדער האָט זיך אַ שטעל אויף געטון מיט רעספעקט און געענטפערט:

— וועלט־טיילן איז דאָ פינף און הייסן: אייראָפּאַ, אַפריקע, אַזיען, אַמעריקע און אויסטראַליען.

— ווו זענען מיר אין דעם איצטיקן מאָמענט?

— אין אויסטראַליען, דאָס לאַנד געהערט צו דער ענגלישער קעניגין.

— גוט! וואָס פאַר אַן אינדזלען געפינען זיך אַרום אויסטראַליען און צו וועמען געהערן זיי?

— די אינדזלען, וואָס געפינען זיך אַרום אויסטראַליען הייסן: נייזעלאַנד, טאַסמאַניאַ און נאָך קלענערע, וועלכע געהערן אַלע צו דער ענגלישער קעניגין.

— און קיין אינדזלען, וועלכע זאָלן געהערן צו אַן אַנדער קעניגרייך איז נישטאָ?

— ניין. אַלע לענדער געהערן צו דער ענגלישער קעניגין.

דער פּראָפעסאָר האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט.

— און צו פראַנקרייך געהערט גאָרנישט?

— אַלץ צו דער ענגלישער קעניגין.

דער פּראָפעסאָר האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן אַנדערע לענדער, וועגן כינע, וועגן רוסלאַנד און וועגן קלענערע מלוכות. און דער קליינער האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אַז אַלץ געהערט צו דער ענגלישער קעניגין.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך פּשוט געביסן די ליפּן. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען לערנט אין די ענגלישע שולן. ער האָט נאָך געפרווט שטעלן איין פראַגע דעם ווילדן:

— ווי הייסט די הויפטשטאָט פון רוסלאַנד ?

— מאָסקווע — האָט דער קליינער אויסטראַליער געענט־פערט — דאָרט זיצט אַן ענגלישער גובערנאַטאָר מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער ראָמאַנאָוו.

דאָ האָט זיך דער פראָפעסאָר שוין נישט געקענט איינהאַלטן און אַרויסגעפלאַצט אין אַ גרויס געלעכטער. אַלע האָבן זיך גע־האַלטן באַ די זייטן.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט ? — האָט דער מאַיאָר גע־קייכט פון געלעכטער — אַז דער קליינער טאַלינע קען בעסער פון פראָפעסאָר.

— איך בין אַדורכגעפאַלן, מאַיאָר — האָט דער פראָפעסאָר געלאַכט. — אָט אַזוי לערנט מען געאָגראַפיע אין די ענגלישע קאָלאָניעס, און ער האָט זיך געווענדט צום קליינעם מיט נאָך אַ פראַגע :

— זאָג, געהערט די לבנה אויך צו דער ענגלישער קעני־גין ?

— אָן שום ספק ! — האָט דער קליינער בתמימות אויסגע־רופן.

— ביסט ווערט אַ מעדאַל — האָט דער פראָפעסאָר פריש אָנגעהויבן צו לאַכן.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אויסגעזוכט צווישן זיינע ביכער אַן אַלטע געאָגראַפיע און זי געגעבן דעם קליינעם טאַלינע :

— נאַ, לערן דיך, וועסטו וויסן. נישט אַלע לענדער געהערן צו דער ענגלישער קעניגין. עס זענען דאָ נאָך מלוכות.

דער קליינער האָט אַ בליק אַריין געטון אין עטלעכע בלעט־ער און עס צוריקגעשטויסן :

— דאָ שטייט נישט אמת, די מיסיאָנערן האָבן געזאָגט אמת.

עס איז געוואָרן שפּעט. מען האָט זיך געלייגט שלאָפן. ראָ־בערטן האָט מען געלייגט מיטן קליינעם אויסטראַליער צוזאַ־מען.

אינדערפרי, ווען מ׳האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער קליי־נער טאָלינע נישט געווען. אויפן געלעגער זיינעם האָט מען נאָר געפונען אַ קראַנץ פון די פּראַכטפולסטע בלומען און די געאָגראַ־פיע, וואָס לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים געגעבן. אַליין איז ער פאַר־שוווּנדן, ווי אין וואַסער אַריין.

XII.

די ערשטע צייט.

דערווייל זענען אַדורך עטלעכע טעג, קיין שום נייעס איז נישט פאָרגעקומען. דער פּראָפעסאָר האָט געמאַכט אַ רעכנונג, אַז מ׳איז שוין אָפּגעפאָרן העכער האַלב וועג ביז דעם אָרט, ווו די שיף „בריטאַניאַ” האָט געזאָלט, לויט אייערטאָנס רייד, האָבן אונ־טערגעגאַנגען.

די רייזע איז איצט פאָרגעקומען אין דער גרעסטער דיס־ציפּלין. אַלע זענען שטענדיק געגאַנגען באַוואָפנט און האָבן זיך נישט דערווייטערט פון דער איבעריקער קאָמפּאַניע. דידאָזיקע פאָרזיכט־מיטלען האָט לאָרד גלענאַרוואָן אָנגענומען אין צוזאַמענ־האַנג מיט דער באַנדע אַנטלאָפענע קאַטאָרזשניקעס, אויף וועלכע מען האָט זיך געקענט אָנטרעפן.

מ׳האָט אויך באַמערקט, אַז די קאָלאָניסטן אין דער גאַנצער

געגנט אַרום זענען זייער פּאַרזיכטיק, מ׳האָט פאַרמאַכט טירן־פענ־סטער אויף באַנאַכט, די הינט אָפּגעלאָזט.

אָפּפּאַרנדיק נאָך אַ שטיקל צייט, האָט מען באַמערקט פונ־דערווייטנס אַ רייע הייזער.

— דאָס איז דאָס שטעטל סאַמור, דאָס לעצטע אין דער פּראָווינץ וויקטאָריאַ — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן. — נאָך דעמדאָזיקן שטעטל וועלן מיר שוין ביז דעם טופאָלד נישט באַגעגענען קיין שום ציוויליזירטע מענטשן.

זיי זענען, אויפן פּאָרשלאַג פון לאָרד גלענאַרוואַן, אריינ־געפאָרן קיין סיימור און דאָרט איבערגענעכטיקט.

אין האָטעל האָבן זיך אַלע צוגעכאַפּט צו די צייטונגען, וואָס זיי האָבן שוין נישט געהאַט אָנגעזען פון ווי לאַנג.

פלוצלינג האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן :

— גיט נאָר, ליבער פּראָפעסאָר, אַ בליק אַריין אין דער צייטונג, מען ווייסט דאָך שוין, ווער עס זענען די מערדער, די פאַרברעכער פון דער באַן־קאַטאַסטראָפע !

— זיי זענען אַרעסטירט ? — האָט איירטאָן מיט אַ ציטער־דיק קול אַ פרעג געטון.

— ניין, מ׳האָט זיי נאָך נישט אַרעסטירט — האָט דער מאַ־יאָר רויק אויסגערופן, גוט באַמערקנדיק, ווי איבעראַשט איירטאָן איז געוואָרן פון דער ידיעה.

דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט פאַר אַלעמען איבערגעלייענט די נאָטיץ אין דער צייטונג.

דאָס איז געווען אַ מעלדונג פון גובערנאַטאָר פון דער פּראָ־ווינץ וויקטאָריאַ, אַז די אויספאָרשונג האָט שוין באַוויזן פעסטצו־שטעלן, ווער עס זענען די פאַרברעכער. דאָס זענען אַנטלאָפענע קאַטאָרזשניקעס אין דער צאָל פון 29 מאַן, אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן בען דזשאָנס, אַ געפערלעכער רוצח, וועלכער איז

אַנטלאָפן פון אַן ענגליש געפענגעניש. דער גובערנאַטאָר בעט אויך די באַפעלקערונג, אַז זי זאָל בייהילפיק זיין דער רעגירונג און כאַפּן די מערדער.

— נו, וואָס וועט איר איצט זאָגן, ליבער הער פּראָפע־סאָר, — האָט זיך לײַדי העלענאַ אָנגערופן — איר זאָגט דאָך, אַז דער קלימאַט ווירקט, דאָס פאַרברעכער זאָלן ווערן דאָ צוריק גוט און איידל.

— דאָס מאַכט זיך אָבער נישט, ליבע לײַדי, אין עטלעכע טעג. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר קען דאָס דער קלימאַט באַ־ווייזן.

די רייזנדע האָבן זיך איצט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן, וואָס מען זאָל טון, צי זאָל מען זיך צוריק אומקערן קיין מעלבורן, ווי די שיף מוז שוין זיכער זיין רעפּערירט, צי זאָל מען ווייטער פאָרן צום געפּלאַנטן אָרט.

קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז, ווען נישט די דאַמען, וואָלט ער געווען דערפאַר, מען זאָל פאָרן ווײַ־טער.

— און איר, הער מאַיאָר ריטשאַרדסאָן, וואָס זאָגט ? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— וואָס קען איך וויסן, לאָמיר בעסער פרעגן אונדזער וועגפירער אייערטאָנען, וואָס זאָגט ער, ער איז בעסער באַקאַנט מיט דער געגנט, ווי איך.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ ווענד געטון צו אייערטאָנען און געוואַרט אויף אַ תשובה.

— מיין מיינונג איז, אַז מיר זענען שוין צו ווייט אָפּגע־פאָרן, אַז מיר זאָלן זיך ערשט גיין צוריק אומקערן. מיר האָבן נישט קיין שום גרונט מורא צו האָבן, מיר זענען אַכט שטאַר־

קע באוואָפּנטע מאַנטפּערשוינען, מיין עצה איז, מען זאָל פאָרן ווייטער.

דער פּראָפעסאָר האָט איינגעשטימט מיט אייערטאָנען און צוגעגעבן אויך זיין הסכמה.

פאַרשטייט זיך, אַז דער איבעריקער עולם האָט זיך פאַרקוקט אויפן פּראָפעסאָר און ס'איז געבליבן, — מען פאָרט ווייטער.

— אפשר וואָלט גלייך געווען צו שיקן אַ בריוו דעם קאַפּיטאַן פון „דונקאַן", אַז ער זאָל אונדז אָקעגנפאָרן צו דער טואָלד-בוכטע? — האָט אייערטאָן כיטרע אַ פרעג געטון דעם לאָרד גלענאַרוואָן.

— דאָס קענען מיר נישט טון — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן — טאָמער באַשטימען מיר צוריקצופאָרן קיין מעלבורן, ווו וועלן מיר דאַמאָלס זוכן די שיף?

אייערטאָן האָט שוין זיין פאָרשלאָג נאָכאַמאָל נישט באַנייט.

צומאָרגנס איז מען צוגעקומען צו אַ געגנט, וואָס איז אינגאַנצן באַזעצט געווען פון די ווילדע אויסטראַליער. דאָ אַהער האָט זיי ענגלאַנד פאַריאָגט און געלאָזט זיי רויק לעבן.

דעם זעלבן טאָג אַרום פאַרנאַכט-צו האָט מען, אַדורכפאָרנדיק אַן עווקאַליפּטוס-וואַלד, פלוצלינג באַמערקט אַ מאַלפּע, וואָס שפּרינגט פון צווייג אויף צווייג.

דער ערשטער האָט זי דערזען ראָבערט, וועלכער האָט אויסגעשריגן:

— אַ מאַלפּע! אַ מאַלפּע!

דאָן זענען אַלע צוגעלאָפן, אָפּגעשטעלט זיך עטוואָס פונדערווייטנס און געזען, ווי עפּעס אַ שוואַרצע חיה שפּרינגט פון איין בוים אויפן אַנדערן.

איידער מען האָט זיך גוט צוגעקוקט, איז די חיה אַראָפּ פון בוים, געמאַכט עטלעכע קאָזשלקעס און מיט אַ קוויטש

— קו־איה! קו־איה! — איז זי אַנטלאָפן.

— אַ מאָדנע חיה! — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

— דאָס איז נישט קיין חיה, נאָר אַן אויסטראַליער — האָט דער פּראָפעסאָר דערקלערט.

די רייזנדע זענען באַכגעגאַנגען נאָך די טריט פון דעם פּאָר־שוווּנדענעם ווילדן אויסטראַליער, זענען זיי באַלד צוגעקומען צו אַ גאַנץ דאָרף פון אַזעלכע ווילדע.

דאָס איז געווען אַ קליין דערפל פון אַ צענדליק הייזלעך, יעדעס אויפגעשטעלט פון צוויי שטיקער קאָרע, אָנגעשפּאַרט משופּע איינס אָן אַנדערן. די איינוווינער דערין זענען געווען זייער שמו־ציק און אָרים, דאָס לייב זייערס איז געווען באַדעקט מיט אַ פּעל פון אַ קענגורו.

דערזעענדיק די אָנגעקומענע רייזנדע, האָבן זיי געוואָלט אַנטלויפן, נאָר ווען אייערטאָן האָט זיי געזאָגט אַ פּאָר ווער־טער, האָבן זיי זיך באַרויקט און זענען געבליבן אויף דעם אָרט.

דער פּראָפעסאָר האָט איצט געהאַט די געלעגנהייט זיך גוט צוצוקוקן צו די ווילדע, זיי זענען געווען פון נידעריקן וווּקס, די טונקעלע פאַרב פון זייער הויט איז ענלעך געווען צו אַ ליי־מיקער בלאָטע, די פּנימער זענען בײַ זיי געווען צעאַקערט, זיי האָבן געהאַט פלאַטשיקע נעז, ברייטע מיילער, פון וועלכע עס האָבן זיי אַרויסגעשטעקט צוויי גרויסע שפּיציקע ציין, ווי בײַ אַ ווילד חזיר, אַרויסשטאַרנדיקע קין־באַקן.

— טאַקע ווי די מאַלפּעס זעען זיי אויס — האָט דער מאַ־יאָר אויסגערופן.

— פונדעסטוועגן זענען זיי מענטשן, זיי פילן דאָך און האָבן אַביסל פאַרשטאַנד — האָט ליידי העלענאַ געזאָגט.

— זי האָט אַרויסגענומען פון וואָגן ברויט און אַנדערע מאכלים און זיי צעטיילט. זיי האָבן זי אָנגענומען פאַר אַ גאָט, זע־נען אַנידערגעפאַלן אויף די קניען פאַר איר און עפּעס געמורמלט מיט די ליפּן אַ תּפילה.

זיי האָבן זיך אַ וואָרף אַרויף געטון אויפן ברויט טאַקע ווי די ווילדע הײשעריקן און אין איין רגע עס פאַרשלונ־גען.

אַ רחמנות האָט דאָס אַרויסגערופן בײַ דער ליידי העלע־נאַ, באַזונדערס האָט זי מיטגעפילט די פרויען, וועלכע זענען נאָך אומגליקלעכער ווי די מענער. זיי ווערן פּשוט געפאַנגען ווי די חיות, פריער באַקומענדיק גוט געשלאָגן, און אַז זי קומט צום מאַן אין הויז אַריין, מוז זי פאַר אים אַרבעטן און די גאַנצע פאַמיליע דערנערן.

עסן עסט דער ווילדער אַלצדינג. פון אַ יאַשטשערקע און אַ שלאַנג ביז די קלענסטע שרצים, וואָס קריכן אַרום אין שטוב און אויפן לייב. דאָס ווייב טאָר נישט עסן פאַרן מאַן, נאָר דאָס, וואָס ער לאָזט איבער, עסט זי אויף.

בשעת ליידי העלענאַ האָט זיי צעטיילט דאָס ברויט און גע־געבן די פרויען באַזונדער, זענען טאַקע די געשרייען געווען אוי־סערגעוויינלעך מצד די מענער, און זיי האָבן עס פּשוט פון זייערע מיילער אַרויסגעריסן.

צוקוקנדיק זיך צו די האַלבע חיות, האָט זיך מערי צע־וויינט, דערמאָנענדיק זיך, אַז איר פאָטער געפינט זיך צווישן אָט אַזעלכע ברואים.

— און איר, אייערטאָן, זענט טאַקע בײַ אַזעלכע חיות גע־ווען געפאַנגען? — האָט זי מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט.

— פונקט ווי דידאָזיקע, נאָר יענע זענען נישט געווען אַזוי פאַראַרימט.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ ווילד געקוויטש, — די ווילדע האָבן אָנגעהויבן טאַנצן און שפּרינגען, מאַכן קרומע העוויות און אַרומלויפן ווי די משוגעים.

— וואָס באַדייט דאָס? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט בײַ אײַערטאָנען.

— זיי גיבן אָלס דאַנק אַ פאָרשטעלונג. דאָס איז אַזאַ מין מאַנעוור פון זייערס אַ מלחמה.

זיי האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן און אָנגעפאַלן איינע אויף די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געפירט מלחמה.

זייער געווער באַשטייט פון אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ גראָבן קאָפּ, פון וועלכן עס שטעקן אַרויס שאַרפע שפּיצן. דאָס איז זייער אַ געפערלעך וואָפן. אָבער נאָך געפערלעכער איז דער באַוווסטער בומעראַנג, דאָס איז געמאַכט פון אַ פשוט שטיקל האָלץ, אויסגעקרומט אינדערמיט, נאָר ווען דער ווילדער גיט דאָס אַ וואָרף, אין פלוג גאַנץ פשוט, ווי איטלעכער מענטש וואָלט עס געקענט באַווייזן, באַקומט זיך אַ וווּנדערלעכער, אומוואַרשיינלעכער רעזולטאַט. דער בומעראַנג לויפט פאַמעלעך, הייבט זיך אויף פון דער ערד, טרעפט אין דער געצילטער חיה אַריין, צעברעכט איר אויף פּיצלעך די ביינער, פאַלט צוריק אַראָפּ און הייבט זיך ווידער אויף, טרעפט אַ צווייטע חיה, און אַזוי קען ער אויסהרגענען אָן אַ שיעור, ביז ער בלייבט ליגן אויף דער ערד.

טייל ווילדע זענען אַזוי פלינק און געשיקט, אַז ווען זיי וואַרפן דעם בומעראַנג און ער הרגעט אויס עטלעכע חיות צי פייגל, קומט ער נאָכדעם צוריק און פאַלט פאַר די פיס פון דעם ווילדן. ס'איז פשוט אומגלויבלעך, ווען מען זעט מיט די אייגענע אויגן.

ס'האָבן שוין אַ סך געלערנטע און רייזנדע געפאָרשט, געפּרוּווט דעם בומעראַנג צו שליידערן, און עס דאַכט זיך, אַז אַט גיט ער דאָך פונקט אַזאַ וואָרף ווי די ווילדע, און דאָך ווירקט ער גאָרנישט. דער כּוח פון בומעראַנג איז פאַר די אייראָפּעער און בכלל ציוויליזירטע מענטשן געבליבן אַ סוד.

דער מאַנעוור האָט געדויערט בערך אַ פופציק מינוט.

פּלוצלינג זענען די געשרייען אַנטשוויגן געוואָרן, די וואָפן זענען זיי אַרויסגעפאַלן פון די הענט און אַ טויטע שטילקייט איז אַריינגעטרעטן.

די רייזנדע זענען זייער פאַרוואונדערט געוואָרן פון דעם פּלוצלינגן אַנטשוויגן ווערן און האָבן געוואַרט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

דערווייל האָט איינער פון די רייזנדע באַמערקט אַ טשאַטע פּאַפּוגייען פליען אינדערהייך און ער האָט דאָס די איבעריקע אָנגעוויזן.

איצט האָבן אַלע פאַרשטאַנען דאָס פּלוצלינגדיקע שווייגן.

איין ווילדער האָט גענומען אַ שטעקן און אים אַ וואָרף געטון. דער שטעקן האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן, באַרירט אַ צווייג פון אַ בוים, נאָכן באַרירן די צווייג האָט ער ווי באַקומען מער כּוח און נאָך העכער זיך אויפגעהויבן, ביז ער איז צוגעקומען צו די פּאַפּוגייען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קנאַקן און ברעכן, פעדערלעך זענען געפלויגן און ס'האָבן אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן די פּאַפּוגייען. דער לעצטער פּאַפּוגיי איז געווען טויט, איז דער שטעקן צוריק אַראָפּגעפאַלן צו די פיס פון דעם ווילדן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און איז צוגעלאָפן צום ווילדן, אויפגעהויבן דעם שטעקן און אויסגערופן:

— אַט איז דער בומעראַנג, וועגן וועלכן מיר לערנען און קענען נישט פאַרשטיין.

— קענט איר, ליבער פּראָפעסאָר, נישט דערקלערן, ווי אַזוי דער בומעראַנג ווירקט? — האָט ליידי העלענאַ זיך געבעטן.

— דאָס גראַד, זעט איר, פאַרשטיי איך נישט, און קיין שום געלערנטער קען עס נישט דערקלערן.

דערווייל איז געוואָרן שפּעט. לאָרד גלענאַרוואָן האָט געהייסן איינשפּאַנען די אָקסן און ווייטער פאָרן. בײַ די ווילדע וועט ער דאָ גאָרנישט געוואָר ווערן.

דער קאַראַוואַן האָט זיך אָנגעהויבן שלעפּן אונטער די ווילדע אויסגעשרייען פון די אויסטראַליער, וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן אַרויסגעוויזן זייער דאַנקבאַרקייט צו די ווייסע מענטשן.

XIII.

געהיימנישפולע צופאַלן.

אין מיטן וועג האָבן זיי איבערגענעכטיקט. עס איז געווען אַ קילע נאַכט, האָבן זיך אַלע גוט איינגעהילט מיט די דעקן, און אַזוי אַדורכגעשלאָפן ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן.

צומאָרגנס זענען זיי ווייטער געפאָרן. די געגנט איז געווען פוסט, מ'האָט קיין שום מענטשן נישט באַגעגנט, נאָר בלויז גאַנצע מחנות פון קענגורוס. דאָס איז די איינציקע ווילדע חיה אין אויסטראַליען און דער פּראָפעסאָר האָט וועגן איר אָנגעהויבן צו דערקלערן:

מיט איר גאַנצן געבוי פֿון קערפּער און אַרט דערנערן זיך, שיידט זי זיך אונטער פֿון די חיות, וואָס מיר באַגעגענען אין איי־ראָפּע, אַפֿריקע אָדער אַזיען. דאָס איז אַ פּירפּיסיקע חיה, די פֿעדערשטע פֿיס זענען בײַ איר קורצע און די הינטערשטע לאַנגע, גיין פֿאַמעלעך קען זי נישט, נאָר לויפֿן. צעלויפֿט זי זיך, איז דאָס בעסטע פֿערד זי נישט אין שטאַנד צו דעריאָגן. זי דערנערט זיך מיט גראָז, ביימער־בלעטער און פּרות. פֿאַר אַ מענטש האָט זי מורא און אַנטלויפֿט. טאָמער זעט זי אָבער, אַז זי האָט שוין נישט קיין שום רעטונג, שטעלט זי זיך אַוועק לעבן אַ בוים און מיט אירע הינטערשטע לאַנגע פֿיס פֿאַרטיידיקט זי זיך. ווען זי טרעפֿט אַזוי אַ חיה אַ בריקע מיט די פֿיס, הרגעט זי זי באַלד אויפֿן אָרט. אונטערן בויך האָט זי אַ בייטל, ווו זי האַלט אירע קינדער כּל זמן זיי זענען יונג. ווייל די יונגע קענגורוס זענען זייער שוואַך. עס איז אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקן, ווען די קענגורו שטייט און עסט און פֿון אונטערן בויך שטעקן אַפּער קעפּלעך פֿון די יונגע חיהלעך.

פֿאַר די קאָלאָניסטן אין אויסטראַליען איז זי אַן אמתע פּלאָג. טיילמאָל פֿאַלן אָן גאַנצע מחנות קענגורוס אויף אַ פֿעלד פֿון תּבֿואה און פֿרעסן עס אויף ביז דעם לעצטן קערנדל.

די קאָלאָניסטן שיסן זיי טאַקע אויס אין די טויזנטער אַריין. דאָס פֿלייש זייערס איז נישט געשמאַק, ס'איז האַרט, אָבער די ווילדע פֿרעסן דאָס מיט גרויס אַפּעטיט, קליידן זיך מיט זייער פֿעל.

זיי זענען אַזוי געפֿאָרן אומדערמידלעך ווייטער און ווייטער, ביז זיי זענען אין אַ פּאָר טעג אַרום צוגעקומען צו אַ באַרג־קייט, וועלכע איז, וואָס אַן אמת, נישט געווען אַזוי הויך, אָבער דאָך שווער אַריבערצופֿאָרן. אויף טייל ערטער איז דער באַרג געווען באַוואַקסן מיט קליינע ביימעלעך, דורך וועלכע מ'האָט נישט גע־

קענט דורכפאָרן און מ׳האָט געמוזט מיט אַ האַק זיך דורכאַרבעטן אַ וועג.

די אָקסן האָבן קוים געשלעפּט דעם וואָגן, וואָס האָט כּסדר אונטערגעקרעכצט און אונטערגעשפּרונגען; ס׳איז אָן אַ שיעור שטיינער און בלאָטעס געווען אויפן וועג.

— די בערג רופט מען מכּלומרשט אַלפּן — האָט דער פּראָפעסאָר שמייכלענדיק געזאָגט — אָבער זיי זענען לויט זייער הייך ווייט נישט יענע אַלפּן.

דערווייל האָט עפּעס אַ מאַטראָס אויסגערופן מיט אַ פריילעכער שטימע:

— אַ גאַסטהויז!

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און ס׳איז באמת אָן אַ זייט געשטאַנען אַ שטוב. ווען זיי זענען דאָרט אַריינגעקומען, האָבן זיי מער נישט געטראָפן, ווי איין מענטש, וועלכער האָט געהאַט אַ שרעקלעך ווילדן אויסזען.

זיי האָבן אים געפרעגט וועגן אַ בעסערן וועג, ווי אַזוי אַדורכצוקומען די בערג. ער האָט זיי דערקלערט, אָנגערופן פאַרשידענע נעמען פון ערטער, וועלכע קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען אַ חוץ איין אייערטאָגען. דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל פון אַזעלכע קאַנטן נישט געהערט, אָבער אייערטאָגן האָט פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט, און ער וועט זיי שוין גוט פירן.

ווען זיי האָבן שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט דער מאַיאָר פּלוצלינג באַמערקט אויף דער וואַנט אַ באַקאַנטמאַכונג פון גובערנאַטאָר אין פּערט וועגן די 29 אַנטלאָפענע קאַטאָרזשניקעס אונטער דער אָנפירונג פון געפערלעכן רויבער בען דזשאָנס. ער זאָגט צו הונדערט פונט באַלוינונג, ווער עס וועט כאַפּן דעם מערדער.

— הונדערט פונט איז גאָר קיין געלט נישט פאַר אַזאַ גע־פערלעכן רוצח! — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

— ער איז דאָס אויך נישט ווערט — האָט אייערטאָן מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן.

— דער באַלעבאָס פון דעם גאַסטהויז זעט אויס צו האָבן קיין בעסער פנים פון אַזאַ מין מערדער — האָט דער פּראָפעסאָר זיך אָנגערופן.

— יאָ! — האָט מיט אַ שמייכל אייערטאָן צוגע־שטימט.

זיי האָבן אָנגעהויבן פאָרן לויט דער באַקומענער אָנווייזונג, אָבער דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער, פול מיט בלאָטעס און זומפּן. די אָקסן האָבן שוין קיין כוח נישט געהאַט צו שלעפּן.

מיטאַמאָל איז איין פערד אַ פאַל אַנידער געטון, און איי־דער מען האָט באַוויזן צוצולויפן דערצו, איז עס שוין געלעגן טויט. קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין די פּלוצלינגדיקע סיבה פון דעם פאַלן. מ׳האָט געפרעגט אייערטאָנען, האָט ער געהויבן מיט די פּלייצעס.

לאַנג האָט מען נישט געקענט טראַכטן, מען האָט געמוזט ווייטער פאָרן. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, זייער אַ קאַלטע, האָט מען איבערגעגעבכטיקט און צומאָרגנס ווייטער זיך גענומען שלעפּן איבער די שטיינער און ערטערווייז איבער זומפּן, — אַ שרעקלע־כער וועג געווען.

צומאָרגנס איז מען ענדלעך אַראָפּגעפאָרן פון די בערג. דאָס אַראָפּפאָרן איז אָבער געווען ערגער, ווי דאָס שלעפּן זיך איבער די בערג. אַלע האָבן געמוזט אַראָפּקריכן פון וואָגן און גיין צו־פיס.

אַזוי זענען זיי צעבראָכענע אָפּגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג, ביז זיי זענען צוגעקומען אויף אַ גלייכן פּלאַץ, וווּ זיי האָבן באַשלאָסן

איבערצוגעכטיקן. מידע און פאַרמאַטערטע האָבן זיי זיך אויף דער ערד אַנידערגעוואָרפן. מען האָט אויסגעשפּאַנט די אָקסן, אָפּגעזאָטלט די פערד, געגעבן זיי צו עסן.

פאַרן לייגן זיך שלאָפן איז אייערטאָן צוגעגאַנגען צו לאָרד גלענאַרוואָן און געזאָגט אים, אַזוי ווי עס איז שוין נישט ווייט צום ים, ווו די „בריטאַניאַ" איז אונטערגעגאַנגען, איז זיין עצה, מען זאָל שוין אַוועקשיקן אַ בריוו צום קאַפּיטאַן פון „דונקאַן" פון דער נאָענטסטער פּאָסט, אַז ער זאָל אַרויספאָרן מיט דער שיף דאָ אַהער און אונדז אָפּוואַרטן.

— איך בין פולקום איינשטימיק מיט אייערטאָנען — האָט דער פּראָפעסאָר זיך אָנגערופן. — מען דאַרף שיקן צוויי מענטשן מיט אַ בריוו אויף דער נאָענטסטער פּאָסט.

דער מאַיאָר האָט זיך ענערגיש קעגן דעם אַרויסגעזאָגט.

— מיר קענען קיין צוויי מענטשן פון זיך נישט אַוועקשיקן, מיר זענען סך הכל 8 מענטשן אין אַזאַ ווילדער געגנט. אייער־טאָנען אַליין שיקן קען מען אויך נישט, ווייל ער איז אונדזער וועגווייזער און אָן אים קאָן מען זיך קיין רגע נישט באַגיין. — האָט דער מאַיאָר באַגרינדעט זיין מיינונג.

דער לאָרד גלענאַרוואָן איז געווען איינשטימיק מיטן מאַיאָר און געהאַלטן פון דעם, אַז מען זאָל פאָרן ווייטער ביז דער בוכ־טע טופאָלד און דאָן וועט מען ערשט זען, וואָס מען האָט צו טון. דאָרטן, לעבן דער טופאָלד־בוכטע גייען אָפטע שיפן אַדורך פון כינע און ניי־זעלאַנד, וועט אויך גרינגער זיין אַ בריוו מיטצו־שיקן.

אייערטאָנען האָט נישט געשמעקט דידאָזיקע מיינונג און אויף זיין פּנים האָט זיך בפירוש געצלאָזט מערקן אַ נישט צופרי־דענע גרימאַסע, ער האָט אַזש די ליפּן פאַרביסן פאַר כּעס. דאָס האָט גאַנץ גוט באַמערקט דער מאַיאָר, וועלכער האָט פון אים קיין

אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, ער האָט אָבער קיינעם דערפון קיין וואָרט נישט געזאָגט.

צומאָרגנס האָבן זיי זיך ווייטער געלאָזט אויף דער רייזע. זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ הערלעכער געגנט. עס האָבן זיך אַוועקגעצויגן אויף מײַלן ווייט רחבותדיקע גרינע פעלדער, צווישן וועלכע עס זענען געוואַקסן פיל שיינע בלומען. אָבער זיי איז געווען זייער הייס פון דער גליענדיקער זון, און קיין שאָטן איז נישט געווען.

אַרום מיטאָג־צו זענען זיי אַריינגעקומען אין אַ וואַלד פון פּאַפּראָטן, וועלכע האָבן מיט זייערע שירמען באַשיצט פאַר דער זון. אַ פרייַלעכקייט האָט אַלעמען באַהערשט, עס איז אַריינגעטרעטן אַ מונטערע שטימונג צווישן אַלע. דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעהויבן צו האַלטן אַ לעקציע וועגן די פּאַפּראָטן־ביימער, צושאָקלענדיק זיך אויף זיין פערד. אַלע האָבן אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט. אַ חוץ איין אייערטאָן, וואָס איז געריטן אָפּגעזונדערט, ביין, און אַ פאַרבאָרגן גיפטיק שמייכעלע האָט זיך איבער זיין ווילד פּנים געקרומט.

פּלוצלינג איז דעם פּראָפעסאָרס פערד אַ פאַל אַנידער געטון און דער פּראָפעסאָר אַליין האָט געמאַכט צען קאָזשלקעס. ווען מ׳איז צוגעלאָפן צום פערד, איז עס שוין געלעגן טויט.

— אַ ווונדערלעכע זאַך! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן — שוין ס׳צווייטע פערד פאַלט אַזוי פּלוצלינג! באמת אַ געהיימנישפולער צופאַל!

— דאָ מוז עפּעס זיין, ס׳איז נישט קיין פּשוטער צופאַל! — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

ס׳איז אָבער נישט געווען קיין שום עצה דערצו, מען האָט געמוזט ווייטער פאָרן. מען האָט דעם פּראָפעסאָר געגעבן אַן אַנ־

דער פערד פון אַ מאַטראָס, וועלכער האָט איצט געמוזט גיין צופיס.

אין טעלעכע שעה אַרום איז ווידער געפאַלן אַ פערד. אַלע זענען געוואָרן בלייך, ווי קאַלך.

— וואָס וועט זיין דער סוף? מיר וועלן דאָך אַזוי ביסלעכווייז בלייבן שטיין אין דער מיט ווילדעניש — האָט לאָרד גלענאַרוואָן פאַרצווייפלט אויסגערופן.

דערווייל איז געפאַלן נאָך אַן אָקס. די לאַגע איז געוואָרן וואָס אַמאָל קריטישער. דער וואָגן וועט שוין באַלד נישט קענען זיך רוקן פאָרויס, די איבערגעבליבענע אָקסן האָבן שוין קיין כוח נישט צו ציען און וואָס טוט מען, אַז די איבעריקע אָקסן וועלן אויספגרן. און דאָ איז נאָך העכער הונדערט מייל צום ים, ווי אַזוי וועלן די דאַמען דערגיין אַזאַ שטיק וועגס צופיס? אָט אַזעלכע פראַגעס האָבן זיך באַ יעדן אין מוח געשטעלט און קיין ענטפער איז אויף זיי נישט געווען.

— כל זמן מיר קענען זיך נאָך באַוועגן, לאָמיר פאָרן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

און מען איז געגאַנגען, ווער צופיס, ווער ס'האָט נאָך געהאַט אַ פערד — אויף אַ פערד. מען האָט זיך אָפט געביטן.

דער אַנדערער טאָג איז אַדורך אָן שום צופאַלן. אויפן דריטן טאָג איז מען קעגן אָוונט-צו צוגעקומען צו אַ וואַלד, אין וועלכן אייערטאָן איז גלייך אַריינגעפאָרן, און נישט אָפּפאָרנדיק קיין הונדערט טריט, האָט ער אַ געשריי געטון: האַלט!

— וואָסי, וואָס איז ווידער געשען? — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

זיי זענען אַלע צוגעלאָפן צום וואָגן. ער איז געווען פאַרזונקען ביז איבער די רעדער אין אַ זומפּ.

אייערטאָן האָט געשלאָגן די אָקסן, ס׳האָט אבער גאָרנישט געהאָלפן — זיי האָבן זיך קיין ריר נישט געטון.

— פאַרפאַלן! מיר מוזן דאָ איבערנעכטיקן — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן. — מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר שוין ווי עס איז דעם וואָגן פון זומפּ אַרויסשלעפּן.

ענדלעך האָט אייערטאָן דאָך די אָקסן אַרויסגעשלעפּט.

די לופט איז געווען זייער הייס און שטיקנד, עס האָט זיך געפילט אַ רעגן אין דער לופטן. מען האָט זיך ווי געהעריק צוגעגרייט, מען האָט אויפגעצויגן געצעלטן אונטער די ביימער. מיד זענען אַלע געווען נאָך אַזאַ שווערער רייזע און גאַנצע טעג צופיס גיין, איז דער עולם גיך איינגעשלאָפן. איין מאַטראָס איז נאָר אַרומגעגאַנגען אויף דער וואַך באַוואָפנט.

ארום האַלבער נאַכט האָט זיך דער מאַיאָר אויפגעכאַפּט. ער האָט נישט געקענט שלאָפן, איז ער אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט אינדרויסן אַרויס. פּלוצלינג האָט ער דערזען עפּעס מאָדנע, אויסטערלישע פייערלעך, וואָס האָבן פונדערווייטנס אַזוי בלוי געפינקלט. ער האָט אויפגעוועקט דעם פּראָפעסאָר, און אים דאָס געוויזן. דער פּראָפעסאָר האָט אים דערקלערט, אַז דאָס זענען אַזעלכע שוועמלעך, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך פאָספאָר און אין אַ פינסטערער נאַכט לייכטן זיי. דער פּראָפעסאָר איז געווען מיד, איז ער צוריק אַריינגעגאַנגען שלאָפן און דער מאַיאָר האָט זיך נאָך אַרומגעפּאָרעט.

פּלוצלינג איז ער אויפגעציטערט געוואָרן, עס האָט זיך אים געדאַכט, ער זעט אין וואַלד מענטשלעכע שאָטנס. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און שטיל, ווי אַ שלאַנג אַריינגעקראָכן. ער איז דאָרט אָפּגעלעגן אַ לאַנגע ווײַלע און זיך צוגעהאָרכט. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן. ער האָט געזען, ווי זיי פאַרשווינדן אין די געדיכטענישן. דערווײַל האָט אָנגעהויבן שטאַרק

צו רעגענען. ער איז צוריק אַוועק אין געצעלט, און גאָרנישט זאָגנדיק, צוריק זיך אַנידערגעלייגט.

אַזוי האָט געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט אָן אויפהער.

XIV.

נישט אייערטאָן, נאָר בען-דזשאָנס.

קיינער איז שוין נישט געקענט שלאָפן. אַלע האָבן זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ לייוונט און דער פּראָפעסאָר איז געזעסן אינדערמיט און גערעדט וועגן די לייכטנדיקע שוועמלעך, וואָס דער מאַיאָר האָט די נאַכט באַמערקט. אַלע האָבן אויפמערקזאַם זיך צוגעהאָרכט צום אינטע-רעסאַנטן געשפּרעך, נאָר, וואָס דער מאַיאָר איז געזעסן אָן אַ זייט זייער פאַרטראַכט.

דערווייל האָט אָנגעהויבן טאָגן. דער רעגן האָט אויפגע-הערט, נאָר דער הימל איז נאָך באַלייגט געווען מיט בלייערנע וואָלקנס. גאַנצע טייכן וואַסערן זענען געשטאַנען. דער זומפּ איז נאָך גרעסער געוואָרן.

— מען מוז ווייטער פאָרן, פון שטיין וועט אונדז גאָרנישט אַרויסקומען! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

מען האָט געפּרוווט צוגיין צום וואָגן אים רירן פון אָרט. ס׳איז אָבער קיין אופן אים נישט געווען צו נעמען. מען האָט איינגעשפּאַנט וויפיל פערד ס׳איז נאָר געווען, וויפיל אָקסן, די מענטשן האָבן צוגעהאָלפן — מ׳האָט גאָרנישט אויפגעטון.

אייערטאָן איז אַוועקגעגאַנגען אויסהאַקן צוויי שטאַרקע בוי-

ער, וואָס מען זאָל זיי אונטערלייגן אונטערן וואָגן, כדי אים אַרויסצוציען. די פערד מיט די אָקסן האָט מען געמוזט אויסשפּאַ-נען, צו לאָזן זיי אויסרוען, זענען זיי אַוועקגעקראָכן אין וואַלד און זיך געפּאַשעט.

דערווייל האָט דער פּראָפעסאָר באַמערקט, אַז דער גאַנצער וואַלד איז אָפּגעדאַרט, די קאָרע פון די ביימער שיילט זיך און פאַלט אַראָפּ. ס'האָט קיינער נישט געקענט פאַרשטיין די סיבה דער-פון.

די רייזנדע האָבן אַרומגערינגלט דעם פּראָפעסאָר, ער זאָל זיי דערקלערן דידאָזיקע דערשיינונג.

ער האָט זיי דאַן פאָלגענדעס דערקלערט:

— אין אויסטראַליען טרעפט זיך אָפּטמאָל, אַז עס פאַלט אַ מגפה אויף ביימער און זיי שטאַרבן אויס אייבציקווייז. קיינער האָט נאָך ביז אַהער נישט דערקלערט די סיבה פון דערדאָזיקער מגפה. עס איז געבליבן אַ רעטעניש פאַר דער וויסנשאַפט.

דערווייל איז אייערטאָן צוריקגעקומען מיט די צוויי ביי-מער, וואָס מ'האָט געדאַרפט אונטערלייגן אונטערן וואָגן. דערנאָך איז ער געגאַנגען צונויפזאַמלען די פערד און אָקסן, כדי זיי ווי-דער איינצושפּאַנען אין וואָגן.

פּלוצלינג הערט מען פון אים אַ געשריי, אַז ער קען נישט געפינען די פערד מיט די אָקסן.

אַלע זענען געלאָפן זוכן, פונאַנדערשפּרייטנדיק זיך איבערן וואַלד. מיטאַמאָל דערהערט זיך דעם מאַיאָרס שטימע:

— קומט נאָר דאָ אַהער!

ווען די גאַנצע קאָמפּאַניע איז זיך צוזאַמענגעקומען צום מאַיאָר, האָבן זיי דערזען אַ שרעקלעך בילד:

אַלע פערד און אָקסן, אויסער דעם לאָרד גלענאַרוואַנס פערד מיט איין אָקס, זענען געלעגן טויט.

דער מאַיאָר איז צוגעגאַנגען צום לאָרדס פערד, אויפגעהויבן בײַ אים דעם פוס און באַמערקט, אַז עס האָט אַ פּאָדקאָווע. דער מאַיאָר האָט, נעמלעך, באַמערקט, אַז ווען דער שמיד האָט פאַר־ראָכטן דעם וואָגן, האָט ער צו איין פערד צוגעקלאַפּט אַ פּאָדקאָווע און דאָס איז טאַקע געבליבן לעבן. דאַמאָלס איז דאָס אים נאָך געווען אויפפאַלנד, איצט האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען..

אַלע זענען געבליבן שטיין פאַרצווייפלט ביז גאָר.

— אָבער ס'איז פאַרפאַלן, פון קלערן וועט גאָרנישט זיין — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן — נעמט, אייערטאָן, דאָס איינע פערד און דעם אָקס און מען וועט פרווון דעם וואָגן אַרויס־שלעפן.

— ווען מיר זאָלן זיך נאָר ווי ס'איז דערשלעפּן צו אַ צי־ווילליזירטער געגנט, וועט מען פאַר געלט באַקומען אַנדערע פערד מיט אָקסן, אָבער ווי אַזוי באַקומט מען זיך פון דאַנען אַרויס! — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט באַמערקט.

אייערטאָן האָט גענומען דאָס איינציקע פערד מיטן אָקס און צוגעפירט צום וואָגן.

— איר ווייסט, אייערטאָן, אַ גרויסער שאָד, וואָס איר האָט דעם שמיד דאַמאָלס נישט געהייסן אַלע פערד צוקלאַפּן פּאָדקאָ־ווען, וואָלטן זיי אַלע געווען געבליבן לעבן — האָט דער מאַיאָר איראָניש אויסגערופן:

אייערטאָן איז עטוואָס רויט געוואָרן, אָבער באַלד זיך באַ־הערשט און אויסגערופן:

— גייט, ס'איז נאָר אַ צופאַל אַזעלכער!

דער מאַיאָר האָט געשוויגן, גאָרנישט געענטפערט, ער האָט זיך אַ ביס געטון אין דער ליפּ פאַרדרוס.

די ליידי העלענאַ האָט דאָס באַמערקט און אויסגערופן שטיל צום קאַפּיטאַן:

— עפּעס דער מאַיאָר האַלט אין זיך אַ סוד און וויל אים נישט אַרויסזאָגן. וואָס קען דאָס זיין, איר ווייסט נישט?

— מיר דאַכט זיך, — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט, — אַז דער מאַיאָר איז עפּעס חושד אייערטאָנען.

— איך ווייס נישט, אויף וועלכן גרונד? — האָט לײדי העלענאַ אויסגערופן — לויט מיין מיינונג איז ער אַ גאַנץ אָרנט־לעכער מאַן.

— אינגאַנצן אומגערעכט מוז ער נישט זיין דער מאַ־יאָר — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט געזאָגט, — מסתמא האָט ער אַ גרונד.

דערווייל זענען זיי געגאַנגען אַ קוק טון צום וואָגן, צי מען האָט אים שוין אַרויסגעשלעפּט. אָבער דער וואָגן איז נאָך געהאַט טיפער פאַרזונקען. דאָס פערד מיטן אָקס זענען שטאַרק פאַרמאַ־טערט געוואָרן, זיי האָבן קוים געאָטעמט.

— לאָז שוין זיין גענוג, אייערטאָן, — האָט דער לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט — סיי ווי וועט מען שוין גאָרנישט מיט דעם וואָגן, זע איך, אויפטון. אַ שאָד נאָר די פערד, זיי וועלן צונויף קומען צו שלעפּן אונדזערע פּעק און מיר וועלן, דאַכט זיך מיר, מוזן גיין צופוס.

אייערטאָן האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר געפאָלגט דעם באַפעל.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אַלע צונויפגערופן אויף אַ באַראַטונג, וואָס ס׳איז דאָ ווייטער צו טון.

דערווייל האָט מען אָפּגעגעסן מיטאָג, אַלע זענען געווען, נאָך דער אַרבעט מיטן וואָגן, זייער אָפּגעמאַטערט און הונגעריק. דאַן האָט זיך יעדער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— קודם כל, פּראָפעסאָר, לאָמיר וויסן ווו מיר געפינען זיך — האָט גלענאַרוואָן אויסגערופן.

דער פּראָפעסאָר האָט אַרויסגענומען זיינע אַסטראָנאָמישע מכשירים, געמאַכט די נויטיקע אויסמעסטונגען און דערקלערט, אַז מען געפינט זיך פינף און זיבעציק מייל ווייט פון דער בוכטע טופאַלד, דאָרט וווּ די „בריטאַניאַ" איז לויט אייערטאָנען אונטער־געגאַנגען, און פון מעלבורן דריי הונדערט מייל. דאָס איז לויט דער קליינער ריכטונג אין דער לופט, אָבער מיר מוזן זיך רעכע־נען מיט די פאַרשידענע צופאַלן, אָפּווייזונגען פון וועג, האָבן מיר ביז דער בוכטע טופאַלד העכער הונדערט מייל ביז מעלבורן — באַ פיר הונדערט מייל.

— אַלזאָ קלויבן מיר אויס דאָס אָרט וווהין ס'איז נענ־טער! — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגערופן. — אפשר וועלן מיר נאָך אויפן וועג אָנטרעפן אויף קאָלאָניסטן, וועלן מיר קויפן פערד און אָקסן. איר מוזט דאָך וויסן, הער פּראָפעסאָר, געפינען זיך עפּעס פערמעס אויפן וועג צו דער בוכטע טופאַלד?

— געוויס! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן. פינף און דרייסיק מייל פון דער בוכטע טופאַלד געפינט זיך דאָס שטעטל „עדען". דאָרטן וועלן מיר אַלץ קריגן צו קויפן און פון דאָרטן וועלן מיר שנעל צוקומען צו דער בוכטע טופאַלד.

— לויט מיין מיינונג קומט אויס, אַז ס'וואָלט גלייכער גע־ווען צו שיקן אַ מענטש קיין עדען אויפצוגעבן אַ טעלעגראַם צום קאַפּיטאַן פון „דונקאַן", אַז ער זאָל וואָס גיכער קומען צו דער בוכטע — האָט אייערטאָן זיך אָנגערופן.

— איך פון מיין זייט זאָג, אַז דאָס וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקן — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגערופן.

— איך שליס מיך אָן אין דער מיינונג פון קאַפּיטאַן — האָט דער פּראָפעסאָר צוגעגעבן — אין פינף טעג אַרום וועלן מיר זיין אין „עדען" און דאָרטן וועט מען באַשליסן, וואָס צו טון.

— פינף טאָג ? — האָט אייערטאָן אַ גיפטיקן שמייכל געט טון — פאַרוואָס נישט פינף מאָל פינף טאָג און אפשר נאָך מער ! אויף דער לאַנדקאַרטע באַ אייך לויפט איר שנעל מיטן פינגער, אָבער אין דערווירקלעכקייט איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש !

— וואָס רעדט איר, אייערטאָן ? ס'איז דאָך אוממעגלעך, ווי איר זאָגט : 25 טאָג ! האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן מיט פאַרצווייפלונג.

— נו, נו, איר וועט שוין זען. דאָ הייבט זיך ערשט אָן די אמתע ווילדעניש, מיר וועלן מיט אַ האַק אין דער האַנט זיך מוזן דורכאַרבעטן אַ וועג, עס איז פאַרוואַקסן מיט אָן אַ שיעור ביימ־לעך — האָט אייערטאָן געענטפערט מיט אַ זיכערן טאָן.

דער פּראָפעסאָר האָט שוין געשוויגן. אפשר איז ער טאַקע גערעכט, דער אייערטאָן, ער קען דאָך פאָרט דידאַזיקע געגנט.

— אָבער דאָך, האַלט איך, אַז מיר זאָלן צופאָרן קיין „עדען", וויפיל ס'זאָל נישט געדויערן — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט באַ זיינס זיך געהאַלטן.

— איר ווייסט אָבער נישט, מיינע הערן, וואָס פאַר אַ געט וואַלטיקן טייך מיר האָבן אויפן וועג — האָט אייערטאָן כסדר אַטאַ־קירט.

— איר מוזט מיינען, אייערטאָן, דעם טייך „סנאָאיי רי־ווער" ? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט — דאָס איז דאָך אָבער אַ קליין טייכל.

— גייט אָבער אַהין, גרויסער פּראָפעסאָר, — האָט שוין אייערטאָן גראָב געזאָגט, זעענדיק, ווי זיין פּלאַן לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט פאַרווירקלעכן — וועט איר שוין זען, ווי גרויס דער טייך איז ! ער איז דאָך איצט אויסגעגאָסן צוליב די רעגנס.

— וועלן מיר מאַכן אַ שיפל פון אַ בוים — האָט דער

קלײנער ראָבערט זיך אָנגערופן — און מיר װעלן דורכשװײַ־
מען.

— טאַקע אַ גוטער פּלאַן ! — האָט לאָרד גלענאַרװאַן אױס־
געררופן — אין ערגסטן פֿאַל קענען מיר צונױפשלאָגן פֿון אַ רײ
בײמער אַ טראַטװע און איבערשיפן זיך.

אײַערטאָן האָט זיך צעלאַכט :

— פֿון אײַערע ביכער קענט איר מאַכן שיפן און טראַטװעס,
אָבער אין דער אמתן איז דאָס אַלץ גאָרנישט װערט. װאָרן דער
טײַך איז דאָ זײער שטורמיש און דאָס אַלץ װעט כהרף עין פֿונאַנ־
דערגעריסן װערן.

— װאָס־זשע זאָגט איר, אײַערטאָן, אדרבה, גיט איר אונדז
אַן עצה — האָט לאָרד גלענאַרװאָן כמעט װי געבעטן זיך בײַ
אים.

— איך האָב שױן מײַנס געזאָגט. די אײנציקע הילף איז
אין „דונקאַן". ס׳מוז אײנער פֿון אונדז גײן און טעלעגראַפֿירן קײן
מעלבורן, אַז די שיף זאָל תיכף ומיד אַרױספֿאָרן. מיר װעלן דאָ
צװואַרטן, ביז דער „דונקאַן" װעט אָנקומען, איבער דער צײַט װעט
דאָס װאַסער אָפּפֿאַלן און מיר װעלן דאַמאָלס ערשט מיט דער הילף
פֿון אַ טראַטװע זיך קענען איבערשיפן דעם טײַך.

ס׳האָט קײנער נישט געענטפֿערט, אַלע האָבן געשװיגן, פֿאַר־
טראַכטנדיק זיך איבער דעם אַלעם, װאָס אײַערטאָן האָט דאָ אַרױס־
געזאָגט.

— נו, מײַנע פֿרײַנט, װאָס זאָגט איר צו אײַערטאָנס
פּלאַן ? — האָט ענדלעך לאָרד גלענאַרװאָן אַ פֿרעג געטון.

דער מאַיאָר, װעלכער האָט צו אַלעמענס באַװוּנדערונג ביז
אַהער געשװיגן, האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן :

— איך בין פֿולשטענדיק מסכּים מיט אײַערטאָנען. מיר מוזן

שיקן אַ שליח קיין „עדען״, ער זאָל טעלעגראַפירן נאָך דער שיף.

דערשטוינט זענען אַלע געווען פון דעם מאַיאָרס פלוצלינגע רייד, אפילו אייערטאָן אַליין אויך, ווייל ביז איצט האָט ער זיך קעגנגעשטעלט אַלע אייערטאָנס מיינונגען.

אַלע כמעט זענען איינשטימיק געווען צו וואַרטן דאָ אויפן אָרט, ביז דער „דונקאַן״ וועט אונטערקומען.

— און איר, קאַפּיטאַן פּאַראַגוט ? — האָט זיך לאָרד גלענאַרוואַן געווענדט צו אים, ווייל ער האָט געשוויגן און גאָרנישט גערעדט. — ווי איז אייער מיינונג ?

— איך פּאַרשטיי נישט די מענטשן — האָט ער אַרויסגעפּלאַצט — אויב דער טייך „סנאָאיי ריווער״ איז אַזוי פונאַנדערגעגאָסן, ווי אַזוי וועט אַ מענטש קענען אים אַריבערגיין אויפגעבן די טעלעגראַמע ?

— פּשוט, דער מענטש, וואָס וועט גיין מיט דעם בריוו אָדער טעלעגראַמע, וועט צוריקגיין מיט דעם זעלבן וועג, וואָס מיר זענען געקומען — האָט אייערטאָן אויסגערופן. — אויף אַ גוט פערד נעם איך מיך אַליין אונטער אין זעקס טאָג אַרום צו זייַן אפילו אין מעלבורן !

— זייער ריכטיק — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

קיינער האָט דעם מאַיאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ פלוצלינגע ענדערונג אין אים איז פאָרגעקומען. דעריבער האָט קיינער גאָרנישט געזאָגט, און נאָר צוגעשוויגן.

— איצט, מיינע ליבע פריינט, אז עס איז שוין באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ שליח צום „דונקאַן״, טאָ ווער זאָל דאָס זיין ?

איטלעכער אָן אויסנאַם האָט געוואָלט זיין דער שליח צו פאָרן קיין מעלבורן צו טאָם אויגוסטינען.

ווען אַלע האָבן שוין אָפּגערעדט, האָט זיך אייערטאָן אָנגע־
רופן:

— דער בעסטער שליח וועל איך אַליין זיין, ווייל איך קען
גוט די וועגן און בין אַ גוטער רייטער, אַ חוץ דעם קען איך מיך
צונויפרעדן מיט די ווילדע. צייט אַכט טאָג בין איך דאָ צוריק מיט
דער שיף.

אַלע האָבן איינגעזען, אַז אייערטאָן איז דער פּאַסיקסטער
מענטש, וואָס זאָל קאָנען אויספירן די שליחות, האָבן זיי דעריבער
שווייגנדיקערהייט איינגעשטימט.

— אָבער אָן אייערטאָנען וועלן מיר זיך דאָך דאָ נישט קע־
נען באַגיין — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגערופן — מיט זיין
הילף וועלן מיר דאָ צווישן די ווילדע קענען עמעצן אויפזוכן און
געוויר ווערן וועגן קאַפּיטאַן גראַנט, ווי קאָן מען עפּעס אָוועקלאָזן
אונדזער וועגווייזער?

— איר רעדט שוין צו פיל — האָט זיך דער מאַיאָר אַ
בייזער געטון אויפן קאַפּיטאַן — מיר וועלן די גאַנצע צייט דאָ
גאָרנישט טון, נאָר וואַרטן אויף דער שיף, און קיינער וועט אַזוי
די שליחות נישט קענען אויספירן, ווי אייערטאָן!

דער קאַפּיטאַן האָט נאָר פאַרוואונדערט מיט די פּלייצעס גע־
הויבן און גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בשום אופן נישט גע־
קענט היינט פאַרשטיין דעם מאַיאָר.

— אַלזאָ, — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן. — איר,
אייערטאָן, מאַכט אייך פאַרטיק צו דער רייזע און איך וועל דער־
ווייל אָנשרייבן אַ בריוו צו טאָם אויגוסטין, ער זאָל אַהערקומען
מיטן „דונקאַן".

אייערטאָן האָט אַזש אויפגעשטראַלט פון פרייד און די אויגן
האָבן בײַ אים אויפגעבליצט, ווי בײַ אַ הונגעריקן וואָלף. דער קאַ־

פיטאַן פּאַראַגוט האָט .דאָס גאַנץ גוט באַמערקט, און אַ שרעקלע־
כער חשד איז אים איינגעפאַלן אויף אייערטאָגען.

דערווייל האָט זיך לאָרד גלענאַרוואַן אַנידערגעזעצט שרייבן דעם בריוו צו טאָם אויגוסטין, אַז ער זאָל אין אַלעם האָרכן, וואָס אייערטאָן וועט הייסן.

אייערטאָן איז אָפּגעגאַנגען צום וואָגן, וווּ די זאַכן זענען געלעגן, כדי זיך צוצוגרייטן צו דער רייזע. דער מאַיאָר האָט זיך אַנידערגעשטעלט לעבן לאָרד גלענאַרוואַן און געקוקט, ווי ער שרייבט דעם בריוו.

ווען לאָרד גלענאַרוואַן האָט פאַרענדיקט דעם בריוו און זיך געהאַלטן באַם אונטערחתמענען, האָט אים דער מאַיאָר פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און געמאַכט אַ באַמערקונג:

— לאָרד, איר האָט נישט ריכטיק אָנגעשריבן דעם נאָמען אייערטאָן.

— וואָס הייסט? — האָט זיך פאַרוווּנדערט לאָרד גלענאַר־וואַן געפרעגט, ווי דען שרייבט מען?

— אויף ענגליש, ליבער לאָרד, הייסט ער נישט אײ־ערטאָן — נאָר בען דזשאָנס!!

ווי אַ דונער וואָלט זיי אַלע דערשלאָגן, אַזוי זענען זיי גע־בליבן זיצן, דערהערנדיק דעם שרעקלעכן נאָמען. איטלעכער האָט זיך אינסטינקטיוו געכאַפּט צום געווער, אָבער אין דער אותו רגע האָט אַ קנאַל געטון אַ שאָס און דער לאָרד איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער האַנט.

XV.

דער גורל.

— לאָמיר אים בינדן! — דאָס איז געווען דער ערשטער געשריי, וואָס אַלע האָבן אַרויסגעלאָזט מיט אַמאָל און זיך אַ וואָרף געטון צום וואָגן, אָבער פון אייערטאָגנען איז שוין קיין סימן נישט געווען. עס האָבן זיך נאָר געהערט אייניקע שאָס, קיין מענטשן האָט מען אַרום נישט געזען. דערנאָך איז ווידער אַלץ שטיל געוואָרן.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צום וואָגן, וועלכער האָט איצט געקענט זיין דערווייל דאָס אייציקע פעסטונג. די דאָמען האָט מען באַזעצט אינעווייניק, די מענער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום וואָגן מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן און געוואַרט.

ס'איז אָבער געווען רויק, מען האָט קיין שאָרך אפילו נישט געהערט.

קודם כל האָט מען דעם לאָרד באַנדאַזשירט די האַנט, און דער קאַפּיטאַן מיטן מאַיאָר זענען געגאַנגען אַ קוק טון אויפן אָרט, פונוואַנען עס האָבן זיך געהערט די שאָסן. ס'איז קיינער דאָרט נישט געווען, נאָר אויף דער פייכטער ערד האָט מען געפונען צייכנס פון מענטשלעכע טריט, מען האָט אויך געפונען אויסגעשאָסענע גילזן.

זיי זענען צוריקגעקומען און דאָס אַלץ געמאָלדן.

ראשית כל האָט מען גענומען דעם וואָגן פאַרוואַנדלען

אין אַ פּעסטונג. די רויבער קענען נאָך אַמאָל באַנאַכט אָנ־פאַלן.

מען האָט צונויפגעשלעפּט קלעצער פון אַרום און ביימער און דערפון געמאַכט אַ צוים פאַרן וואָגן.

ווען דאָס פעסטונג איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיי זיך גע־זעצט אָפּרוען.

דער לאָרד גלענאַרוואַן האָט דאַן געפרעגט דעם מאַיאָר פונוואַנען ער איז דאָס אַלץ געוואָר געוואָרן, אַז דער אייערטאָן הייסט גאָר בען־דזשאָנס און, אַז ער איז דער אָנפירער פון די אַנט־לאָפענע אַרעסטאַנטן?

דער מאַיאָר האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן צו דער־ציילן מיט יעדער איינצלהייט:

— מיר איז דערדאָזיקער אייערטאָן פון דער ערשטער מי־נוט אָן נישט געפעלן געוואָרן, איך האָב פשוט געפילט צו אים אַ שנאה, כ׳האָב אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס. איך האָב דאַן באַ־שלאָסן פון אים קיין אויג נישט אַראָפּצולאָזן. בשעת איר פלעגט אייך פאַרעדן און בשעת איר האָט געגעסן אָדער געטרונקען און גאָרנישט אין זינען געהאַט, האָב איך אים נאָכגעשפּירט יעדע גרי־מאַסע אויפן פנים, יעדן צוק זיינעם פון אַן אָדערל — קורץ גע־רעדט: כ׳האָב אים געהאַלטן אויפן אויג.

ווען דער שמיד איז געקומען פאַריכטן דעם וואָגן, האָב איך באַמערקט, ווי זיי האָבן געמאַכט צווישן זיך געהיימע צייכנס. איך האָב אויך באַמערקט, אַז ער וויל אין קיין שום שטאָט נישט אַריינ־פאָרן, ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל אים נישט דערקענען.

איך האָב אויך געזען, אַז זיין גרעסטע שטרעבונג איז גע־ווען, אַז דער „דונקאַן" זאָל קומען דאָ אַהער.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס מוז דאָ שטעקן, אַז ער האָט דאָ עפּעס אַ ציל, דערביי על פּי צופאַל האָב איך די פאַריקע

נאַכט נישט געקענט שלאָפן און בין אַרויסגעגאַנגען אַ ביסל אין דרויסן און באַם שוואַכן שיין פון די לייכטנדיקע שוועמעלעך האָב איך באַמערקט, ווי שאָטנס פון מענטשן שלייכן זיך אַדורך. איך האָב מיך אַריינגעוואָרפן אין גראָז און, ווי אַ שלאַנג בין איך צוגע־קראָכן ביז צו יענעם אָרט, וווּ עס האָט זיך מיר געדאַכט צו זען שאָטנס. פּלוצלינג דערהער איך פאָלגנדיקן געשפּרעך.

— דו ווייסט שוין וועלכע בהמות מען דאַרף אָפּסמען. — בען דזשאָנס האָט געמאַכט אַ צייכן אויף איין פערד, עס האָט אַ ספּע־ציעלע פּאָדקאָווע, דאָס דאַרף מען לאָזן לעבן.

— האָסט נאָך גענוג סם? — האָב איך דערהערט אַ צווייי־טע שטימע.

— אפילו טויזנט בהמות און פערד קען איך אָפּסמען. — אָך, ווען אונדז געראָט אָנצוקריגן די שיף! וואָס וואָלט אונדז דאַ־מאָלס געפעלט?

— אַז בען-דזשאָנס האָט זיך דערצו גענומען, מעגסטו שוין זיין זיכער, אַז עס וועט גוט אַדורכגעפירט ווערן, ער האָט אויף זיך אַ קעפּל, נישקשה!

— ווי אים איז אַזוי געלונגען אַריינצונאַרן דעם לאָרד מיט זיינע אונטערהעלפער, זיי גלייבן דאָך אין אַלדינג. זיי קוקן אים אין מויל אַריין, וואָס ער זאָגט זיי! היינט דאַרף ער נאָך אַרויס־באַקומען דעם בריוו צום קאַפּיטאַן, זענען מיר געראַטעוועט.

— איך מוז אייך זאָגן דעם אמת — האָט דער מאַיאָר פאַר־ענדיקט זיין דערציילן, — אַז הענט און פיס האָבן מיר אָנגעהויבן צו ציטערן, כ'האָב נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. איך בין צוריקגעקראָכן אין געצעלט אַריין, געלייגט מיך שלאָפן און קיינעמען קיין וואָרט דערפון נישט געזאָגט.

אַלע האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם מאַיאָרס געשיכ־טע און געשוויגן. וואָס האָבן זיי געהאַט צו ענטפערן?

— איך וואָלט עס מיר קיינמאָל אין לעבן נישט געגלייבט — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסער זיך אויסגערופן. — ער האָט זיך דאָך אויסגעוויזן אַזוי געטריי און ערלעך!

— אָבער איצט זענט איר שוין איבערצייגט? די באַנדע זייגע גייט אונדז שוין נאָך זינט אַ לאַנגע צייט, זי האָט אונדז נאָר גאָרנישט געטון דערפאַר, ווייל זיי האָבן געדאַרפט אויסנאַרן די שיף בײַ אונדז, דאַן וואָלטן זיי שוין געוווּסט, וואָס מיט אונדז צו טון.

— קומט אויס לויט אייער מיינונג, אַז דער אײַערטאָן איז גאָר קיינמאָל נישט געווען קיין מאַטראָס אויף דער „בריטאַנ־יאַ"? — האָט לײדי העלענאַ געפרעגט.

— דאָס קען מען נאָך לעת עתה נישט וויסן. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער איז יאָ געווען דאָרטן אַ מאַטראָס, ווייל ער האָט געגעבן גאַנץ גוטע סמנים, אָבער דאָס קען אים גאָרנישט שאַטן צו זיין דער מערדער בען־דזשאָנס — האָט דער מאַיאָר אויסגע־רופן.

— וואָס־זשע האָט ער געטון אין דער פערמע בײַ יענעם קאָלאָניסט? — האָט ווידער לײדי העלענאַ געפרעגט.

— וואַרשיינלעך האָט ער געהאַט די כוונה אים צו באַרויבן, נאָר מיר זענען אים אונטערגעקומען, האָט ער, דערפילנדיק אַ פעטערן ביסן, צו אונדז זיך געגומען.

אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אײַערטאָנען, האָט זיך איצט איטלעכער עפּעס דערמאַנט וועגן אים. איצט האָט איטלעכער פון יעדער באַוועגונג, וואָס אײַערטאָן האָט אמאָל גע־מאַכט, דערקענט אין אים דעם מערדער און רויבער.

דער מאַיאָר האָט נאָך דערציילט, אַז ער האָט פון די רוי־בער געהערט, בשעת זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז די „וויק־טאָריאַ" איז לחלוטין גאָרנישט געווען אין די וואַסערן, ס'איז גע־

ווען אַ פּשוטע אָפּנאַרעריי, אויסגעטראַכט זיך, אַבי די רייזנדע צו פאַרפירן.

מערי גראַנט האָט פלוצלינג אָנגעהויבן צו וויינען. זי האָט געזען, אַז אומזיסט האָט מען זיך געשלעפּט אַזאַ שטיק צייט אין אַזאַ ווילדעניש, אַזוי פיל געפאַרן אויסגעשטאַנען און צום סוף געפינט זיך גאָר אפשר איר פאָטער לחלוטין נישט אין אויסטראַליען.

דער לאָרד גלענאַרוואָן איז אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד אַריין געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך. אין וואַלד זענען געשטאַנען אויף דער וואַך די צוויי מאַטראָסן ווילסאָן און מילרעד. ס'איז געווען שטיל אַרום, מען האָט נאָר געהערט די פייגל זינגען, אַ שאָרך פון אַ בלעטל דורכן ווינט באַוועגט.

דער לאָרד האָט זיי געפרעגט, צי זיי האָבן עפּעס נישט געהערט, נישט געזען.

זיי האָבן אָבער קיין שום צייכן פון קיין מענטשן נישט געזען, קיין שום פאַרדעכטיקס נישט באַמערקט.

— לויט מיין מיינונג, איז היינט אינדערפרי נישט געווען דאָ די גאַנצע באַנדע און מיר דאַרפן זיך ריכטן היינט באַנאַכט אויף אַן אָנפאַל — האָט ווילסאָן געזאָגט.

— ווען מיר קענען אַריבערגיין דעם טייך, וואָלטן מיר עט־וואָס זיכערער געווען — האָט מילרעד באַמערקט — מיר זאָלן קענען מאַכן אַ טראַטווע און אַריבערשווימען, וואָלט געווען דאָס בעסטע.

— וועגן דעם איז נישטאָ איצט וואָס צו רעדן, דער סנאָ־איי ריווער איז איצט זייער שטאַרק פונאַנדערגעגאָסן און ס'איז אוממעגלעך — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט.

דערווייל איז צוגעקומען דער מאַיאָר מיטן קאַפּיטאַן פּאַ־ראַגוט און אָנגעהויבן זיך צו באַראַטן, וואָס מען האָט ווייטער צו

טון. מען מוז עפּעס אויסזוכן אַ מיטל פון דאַנען זיך אַרויסצוּ־כאַפּן.

— אייערטאָן האָט אונדז אין אַ גוטע בלאָטע פאַרפירט — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן — מיר קענען זיך נישט קיין ריר טון. דעם טייך קענען מיר נישט אַריבערגיין, דאָ בלייבן איז אויך אַ סכנה.

— וואָס־זשע אָבער טוט מען? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— איך וואָלט פאָרגעלייגט מען זאָל זיך אומקערן קיין מעלבורן — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט אויסגערופן — אַזוי, ווי מיר האָבן נאָר איין פערד, וואָלט איך דערמיט אַוועקגעריטן און אין אַן אַכט־צען טאָג בין איך דאָ צוריק מיט פערד און אָקסן.

— איך קען מיר אָבער נישט דערלויבן אייך צו שיקן אויף אַזאַ געפערלעכער רייזע — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אומעטיק גע־ענטפערט — אויפן וועג קענען אייך נאָך באַפאַלן די באַנדע רוי־בער מיט אייערטאָנען אָן דער שפּיץ.

— איך פיל אַליין, ווי גרויס עס איז די געפאַר, אָבער נאָך מער געפערלעך איז דאָ צו בלייבן אין אַזאַ וויסטער געגנט — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט געענטפערט.

אַ ווײַלע האָט לאָרד גלענאַרוואָן שטיל געשוויגן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו באַשליסן.

דערווײַל איז אויך צוגעקומען דער פּראָפעסאָר, אַ ווײַלע זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך.

— איך בין פולשטענדיק מסכים מיטן קאַפּיטאַן, אַז איינער פון אונדז מוז פאָרן קיין מעלבורן. עס איז אָבער אויסגעשלאָסן, אַז די רייזע זאָל מאַכן דער קאַפּיטאַן. דער וועג איז געפערלעך, און אָן אַ קאַפּיטאַן קענען מיר נישט בלייבן — האָט דער פּראָפּע־

סאָר געזאָגט — מער פּאַסיק אויף דורכצומאַכן די רייזע וואָלט איך געווען.

— איז שוין גלייכער, איך זאָל פאָרן — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן. — איך בין אַ גוטער רייטער, אַ בעסערער פון אייך ביידע, אַ סאָלדאַט, וואָס איז שוין אַ סך געפאָרן אויסגעשטאַנען און קען קוקן דעם טויט אין די אויגן אַריין.

— און אפשר גאָר זאָל איינער פון אונדז רייטן קיין מעל־בורן — האָבן ביידע מאַטראָסן פאָרגעלייגט — מיר אַלס געוויינ־לעכע מאַטראָסן וועלן זיין מער אויסהאַלטעוודיק אויף אַזאַ ריי־זע.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, זייענדיק אין האַרץ זייער צופרידן, וואָס איטלעכער פון זיי וויל איינשטעלן דאָס לעבן זיינס, אַלע גלייך זענען אים אָבער אַ שאָד גע־ווען.

— אַז איינער פון אונדז מוז רייטן קיין מעלבורן, דאָס איז דאָך שוין אויף געוויס — האָט לאָרד גלענאַרוואַן ענדלעך אויסגערופן — דעריבער לייג איך פאָר מען זאָל וואַרפן גורל, איר, הער פּראָפּע־סאָר, נעמט און שרייבט אויף צעטעלעך מיט איטלעכנס נאָמען און מען וועט זיי אַרייַנלייגן אין אַ הוט. וועמענס נאָמען מען וועט אַרויסציען, דער וועט רייטן קיין מעלבורן.

— איר ווילט אויך אַריין אין גורל, לאָרד? — האָט דער פּראָפּעסאָר אויסגערופן — דאָס נישט, אויף דעם קענען מיר נישט דערלויבן, איר זענט אונדזערע אָנפירער, אַ חוץ דעם זענט איר דאָך פאַרוווּנדעט!

— אַלע זענען מיר דאָ גלייך, קיין שום אויסנאַמען, שרייבט מיין נאָמען אויך אַריין — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויס־געַרופן.

אַלע זענען דורכויס געווען דאַקעגן, אָבער ס׳האָט גאָרנישט

געהאָלפן, מען האָט זיין נאָמען אויך געמוזט אַריינשרייבן. מען האָט די אַלע צעטעלעך אַריינגעלייגט אין אַ הוט, צוגערופן דעם קליינעם ראָבערט, ער זאָל אַרויסציען.

אַן אָנגעשטרענגטע שטימונג איז אַריינגעטרעטן צווישן אַלע. איטלעכער האָט מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ געוואַרט, אַז מען זאָל זיין נאָמען אַרויסציען. ענדלעך האָט ראָבערט לאַנגזאַם אַרויסגע־צויגן דאָס צעטעלע, אויפגעוויקלט עס, און אַרויסגעלייענט דער־פון: — יוג מילרעד.

דער מאַטראָס האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען פאַר פרייד, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצופירן אַזאַ וויכטיקע שליחות.

איטלעכער באַזונדער האָט אים געדריקט די האַנט און אָנ־געוווּנטשן, ער זאָל מצליח זיין.

— אַלזאָ — האָט מילרעד אויסגערופן — ס'איז אַ שאָד איטלעכע איבעריקע מינוט. זאָל מען אָנשרייבן אַ בריוו און איך פאָר תּיכף אַוועק.

אַליין איז ער אַוועקגעלאָפן זיך צוגרייטן אין וועג אַריין.

ווען די פרויען זענען דערפון געוואָר געוואָרן, האָבן זיי אויס־געדריקט זייער פרייד און לײדי העלענאַ האָט מילרעדן בעזאָגט אַ פאָר דערמינטערנדע ווערטער, פון וועלכע דער מאַטראָס איז גע־ווען אויפן זיבעטן הימל.

— אָבער איין באַמערקונג האָב איך צו מאַכן — האָט לײ־די העלענאַ אויסגערופן, ווען אַלע זענען צוגעקומען צום וואָגן. — דאָס פערד, אויף וועלכן מילרעד דאַרף מאַכן די רייזע, איז דורך אייערטאָנס שמיד געצייכנט געוואָרן, וועט עס דאָך איבערלאָזן נאָך זיך געוויסע סימנים. דער באַנדע וועט בכן לייכטער זיין מילרעדן צו פאַרפאָלגן, אים דערהרגענען און צונעמען דעם בריוו.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט מיט באַוווּנדערונג געקוקט אויף זיין

פרוי, וועלכע איז געפאַלן אויף אַזאַ וויכטיקן געדאַנק, וואָס קיי־נעם איז נישט געקומען אין קאָפּ אַריין.

— מיט אייך קענען מיר זיך שוין לאָזן אויף די שווערסטע רייזעס — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — איר האָט געניאַלע איינפאַלן.

— וואָס־זשע טוט מען ? אַראָפּנעמען די פּאַדקאָווע קען יע־דער איינציקער, אָבער אַרויפזעצן אַ צווייטע דאַרף מען דאָך זיין אַ שמיד דערצו ! — האָט ווילסאָן אויסגערופן.

— שאַט, איך האָב אַ גוטע עצה, כ׳האָב אַמאָל געלייענט וועגן דעם אין אַ רייזע־באַשרייבונג — האָט מילרעד אויסגערופן — מען זאָל אָפּשינדן אַ טויטע בהמה, אַרומבינדן מיט דער נאַסער פעל די פיס פון דעם פערד, וועט די פעל זיך אויסטריקענען, וועלן דאָס זיין די בעסטע שיך, וואָס קען נאָר געבן. ס׳האָט נאָך דערצו אַ מעלה, מען וועט נישט הערן די טריט פונדערווייטנס און עס וועלן נישט איבערבלייבן נאָכן פערד קיין שום צייכנס פון קאָפּיטעס.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך גאָרנישט געקענט שענקען, וואָס אים איז דאָס נישט איינגעפאַלן.

דער מאַטראָס איז אַוועק אויספירן די מלאכה, ס׳האָט געדוי־ערט אַ לענגערע צייט, ווייל ער איז נאָך קיינמאָל קיין קצב נישט געווען.

דערווייל האָט אַלבינעט פּאַרטיק געמאַכט דאָס מיטאָג און אַלע צוזאַמענגערופן.

זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אויף דער ערד, אַרום דעם אויס־געשפּרייטן טישטוך און געוואַרט מען זאָל דערלאַנגען די געריכטן. אַלבינעט האָט זיך נאָך געפּאָרעט, אויסגעפּאַקט פאַרשידענע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס מ׳האָט געהאַט אין לעצטן שטעטל איינגעקויפט.

איין אַרטיקל איז געווען איינגעפּאַקט אין עפּעס אַ צייטונג, וועל־
כע ער האָט נאָכן אויספּאַקן אַוועקגעוואָרפן. דער פּראָפעסאָר האָט
זי צופעליק אויפגעהויבן און אַריינגעבליקט אין איר.

פלוצלינג האָט זיך אַ וואָרף געטון אין די אויגן דאָס קעפּל
פון דער צייטונג, וועלכע האָט געהייסן: „די נייע זעלאַנד
טיימס".

דער פּראָפעסאָר האָט עפּעס אָנגעהויבן צו ברומען אונטער
דער נאָז: אַלאַנד: אַלאַנד. די אויגן האָבן אים אויפגעבליצט, ווי
בײַ אַ משוגענעם. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן פּשוט
אַרומצולויפן, כסדר אונטערברומענדיק די אומפאַרשטענדלעכע ווער־
טער: אַלאַנד! אַלאַנד!

קיינער האָט אים נישט געשטערט, מען האָט פאַרשטאַנען,
אַז מסתמא איז אים עפּעס איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

— גיט מיר, זייט אַזוי גוט די בריוו, וואָס מען האָט געפו־
נען אין דער פלאַש — האָט ער זיך פלוצלינג געווענדט צום לאָרד
גלענאַרוואָן.

מ'האָט אים דערלאַנגט די בריוו און ער איז, נישט אויס־
רעדנדיק קיין וואָרט, אַוועקגעגאַנגען מיט זיי אָן אַ זייט, כדי מען
זאָל אים נישט שטערן.

דערווייל איז דער מאַטראָס פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין קצבי־
שער מלאכה און איז צוגעקומען צום וואָגן שוין אַ רייזע־
פאַרטיקער. לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך גענומען שרייבן דעם בריוו
צו טאָם אויגוסטין, אָבער זיין פאַרווונדעטע האַנט האָט אים דאָס
נישט דערלויבט. ער האָט געמוזט אַוועקלייגן די פעדער און אָנ־
געהויבן רופן דעם פּראָפעסאָר, אַז ער זאָל דעם בריוו אָנ־
שרייבן:

— זייט אַזוי גוט, ליבער פּראָפעסאָר, פּראָפעסאָר פּאַגאַ־

נעל — האָט ער העכער אַ געשריי געטון, זעענדיק, אַז יענער רופט זיך נישט אָן. — קומט וועט איר ענדיקן דעם בריוו.

דער פּראָפעסאָר איז אויפגעשפּרונגען, גלייך ווי מ׳וואָלט אים פון שלאָף אויפגעוועקט און איז צוגעקומען, זייענדיק נאָך אַלץ אַזוי פאַרטראַכט און ברומענדיק די פריערדיקע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער: אַלאַנד! אַלאַנד!

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַנידערגעזעצט שרייבן.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אים אָנגעהויבן צו דיקטירן:

„צו טאָם אויגוסטין, דעם ערשטן אָפיציר פון „דונקאַן“. באַקומענדיק דעם דאָזיקן בריוו, זאָלט איר תיכף אַרויספאָרן פון מעלבורן מיטן ברעג פון אויסטראַליען ביז דעם 37־טן גראַדוס“.

— אויפן 37־טן גראַדוס — האָט דער פּראָפעסאָר פאַר זיך איבערגעחזרט און די אויגן האָבן אים אויפגעלויכטן — איצט איז פולשטענדיק ריכטיק!

ער איז געווען ווי צערודערט אינגאַנצן. ער האָט פאַרענדיקט דעם בריוו. דער לאָרד האָט אונטערגעשריבן און דער פּראָפעסאָר איז צוריק אַוועק אויף זיין פריערדיק אָרט.

מען האָט אים געפּרוווט פרעגן די סיבה פון זיין צעמישטקייט, האָט ער קיינעמען נישט געוואָלט ענטפערן, נאָר כּסדר פאַר זיך געחזרט יענע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

XV

אַ שאָס.

די זון איז פאַרגאַנגען. אַ געלבלעכע רויטקייט האָט די וועלט פאַרגאָסן. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט, ס׳האָט אויסגעזען, ווי עס גרייט זיך אויף אַ שטאַרקן רעגן.

די גאַכט איז ביסלעכווייז צוגעפאַלן, דער עולם האָט זיך גענומען צוגרייטן צו אַ מעגלעכן אָנפאַל מצד די רויבער. מ׳האָט איבערגעקוקט די ביקסן, אָנגעלאָדן זיי, אָנגעגרייט זיך בײַ דער זייט אַ סך פּאַטראָנעס.

דער פּראָפעסאָר איז אויך געוואָרן מונטערער, מען האָט שוין אויף אים נישט דערקענט די פריערדיקע צעטראָגנקייט. אָבער ווי־פיל מ׳זאָל אים נישט האָבן געבעטן, ער זאָל זיי דערציילן די סיבה פון זיין פריערדיקער צעטראָגנקייט, האָט נישט געהאָלפן.

— וואָס וועל איך זיי גיין דערציילן — האָט ער זיך גע־טראַכט, — אַז זיי וועלן סייווי מיר שוין נישט גלייבן און איבע־ריקנס איז שוין צו שפּעט אויך.

נאָכן באַפעסטיקן זיך, האָט דער עולם זיך געזעצט עסן אָוונט־ברויט, וואָס האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט, ווייל מ׳האָט געמוזט מילרעדן אָפּגעזעגענען. מ׳האָט אים מיטגעגעבן אַן אָנגע־לאָדענעם רעוואָלווער אין קעשענע אַריין און אָנגעזאָגט, ווי אַזוי ער האָט זיך צו פירן אין וועג.

דערווייל האָט זיך געמאַכט זייער פינסטער, שוואַרצע וואָלקנס

האָבן דעם הימל באַדעקט און מ'האָט געוואַרט, אַז אַ ליאַדע מינוט זאָל אָנהייבן צו גיסן.

מילרעד האָט זיך אויפגעזעצט אויפן פערד, אַלעמען די האַנט געדריקט און טריט באַ טריט איז ער אין פינסטערן וואַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן.

נאָך זיין אַוועקרייטן האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער ווינט און געריסן די ביימער פון וואַלד. ס'האָט געשטורעמט און גערוישט, אַז מ'האָט כמעט נישט געהערט, וואָס איינער רעדט צום אַנדערן.

אַלע זענען אַריין אין וואָגן, וואָס האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ גוט פאַרשאַנצט פעסטונג.

דער מאַיאָר מיטן קאַפּיטאַן פאַראַגוט זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, נישט קוקנדיק אויפן שטורם און שלאַקס-רעגן, וואָס האָט זיך באַלד נאָכדעם אַראָפּגעלאָזט. זיי האָבן גוט געפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זיי האָבן מיט דער היינטיקער וואַך אויף זיך גענומען.

ס'איז אָבער גאָרנישט געווען צו הערן אַרום, דער שטורם האָט געשטערט. פינסטער איז געווען, ווי אין אַ זאַק. זיי האָבן פשוט די אויגן אויפגעריסן, כדי עפּעס צו קענען באַמערקן, אָבער קיין שום פאַרדעכטיקס האָבן זיי לעת עתה נישט באַמערקט.

דער וואָגן איז געווען איינגעטיילט אויף צווייען, באַזונדער פאַר מענער און באַזונדער פאַר דאַמען. אָבער קיינער איז די נאַכט נישט געשלאָפן.

מינוטנווייז האָט דער ווינט אויפגעהערט און דאַמאָלס האָבן אונדזערע צוויי וועכטער שטאַרק דאָס אויער אָנגעשטרענגט, אפשר וועלן זיי עפּעס פון דער פינסטערניש אַרויס עפּעס אויפכאַפּן.

פלוצלינג האָט דער קאַפּיטאַן דערהערט אַן אויסטערלישן פּייף. ער האָט זיך געפרעגט דעם מאַיאָר, צי ער האָט אויך געהערט. דער מאַיאָר האָט אים געענטפערט, אַז אַ פּייף האָט ער געהערט, נאָר ער קען נישט אונטערשיידן, צי דאָס איז פון אַ מענטש, צי פון אַ חיה.

דערווייל האָט זיך דערהערט אַ צווייטער, שוין העכערער פּייף און ס'איז פאַר זיי שוין קיין שום ספק נישט געווען, אַז דאָס איז אַ פּייפן פון אַ מענטש. באַלד דערנאָך האָט אין דער ווייטער פינסטערניש אָפּגעקנאַלט אַ שאָס.

לאָרד גלענאַרוואַן, וועלכער איז נישט געשלאָפן, האָט אויך פריער דאָס פּייפן, דערנאָך דעם שאָס דערהערט. ער איז אַרויסגעקראָכן פון וואָגן, דערנענטערט זיך צו די צוויי וועכטער און שטיל געפרעגט:

— איר האָט געהערט?

— מיר האָבן געהערט — האָבן זיי ביידע מיט איין קול געענטפערט.

— צי האָט איר נישט דערכאַפּט, פון וועלכער זייט דער שאָס איז געגאַנגען? — האָט דער לאָרד גלענאַרוואַן ווידער געפרעגט.

דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעוויזן די זייט, וווהין מילרעד איז אַוועקגעריטן.

— דאָס האָט געקענט זיין דריי־פיר מייל ווייט פון דאַנען.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אַ כאַפּ געטון די ביקס און מיטגערופן מיט זיך דעם קאַפּיטאַן מיטן מאַיאָר.

— לויפט נישט, לאָרד, איך בין מיך משער, אַז דאָס וויל אונדז אייערטאָן אַרויסנאַרן אין פעלד אַריין. איך בין שוין באַקאַנט מיט די שפּיצלעך.

— ס'קען דאָך אָבער גאַנץ מעגלעך זיין, אַז זיי זענען אָנ־געפאַלן אויף מילרעדן ! — האָט דער לאָרד מיט שרעק אויסגע־רופן.

— האָבן מיר צייט זיך מאָרגן איבערצוצייגן — האָט דער מאַיאָר קאַלטבלוטיק געענטפערט.

דער קאַפּיטאַן אַליין האָט געוואָלט אַהינלויפן, האָט אים דער מאַיאָר פאַרשטעלט דעם וועג.

— איך וועל קיינעם נישט דערלויבן צו גיין ! וואָס ווילט איר, די רויבער זאָלן אַהערקומען און אייניציקווייז אַלע אויסהרגע־נען ? — האָט ער געשריגן.

— פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט נאָך עטלעכע שאָסן און באַלד נאָך דעם אַ געשריי פון אַ מענטש נאָך הילף.

דאָ האָבן זיי זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און גע־לאָפן אין דער פינסטערניש אַוועק נאָכן געשריי נאָך.

אַלויפנדיק עטלעכע הונדערט טריט, האָבן זיי דערהערט גאָר אַ נאָענט קרעכצן פון אַ פאַרוואונדעטן מענטש. זיי זענען נאָך אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט און האָבן אָנגעטאַפּט אַ מענטשלעכן קער־פּער צווישן די ביימלעך אין פעלד.

דאָס איזווירקלעך געווען דער מאַטראָס מילרעד, ער איז שוין געווען כמעט, ווי טויט, אָן באַוווסטזיין.

זיי האָבן אים אויפגעהויבן פון דער ערד און דערפילט אויף די הענט וואַרעם בלוט.

גלייכצייטיק האָט דער רעגן געגאָסן אומאויפהערלעך. זיי האָבן אים צוגעטראָגן צום וואָגן און אים אַריינגעלייגט אין געלע־גער, וואָס די ליידי העלענאַ האָט אים אָפּגעטרעטן.

ס'איז געוואָרן אַ געוויינעריי פון די פרויען, דער פּראָפעסאָר איז נישט טויט, נישט לעבעדיק פון געלעגער אַראָפּגעשפּרונגען. א מהומה איז אין דער פעסטונג אַנטשטאַנען.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אַלעמען באַרויקט און דער מאַיאָר איז געוואָרן דאָקטאָר. ער האָט מילדערן אַרומגעבונדן די ווונד, אַרומגעוואַשן דאָס בלוט, אַ פּאָר טראָפּן קאָניאַק אין מויל אַריינגעגאָסן.

דער פאַרוווּנדעטער איז געלעגן טויט־בלאַס, די אויגן האָט ער געהאַלטן צוגעמאַכט און קוים געאָטעמט.

אַזוי האָט אָפּגעדויערט בּאַ אַ האַלבע שעה אין דער גרעסטער שרעק. ענדלעך האָט דער מאַטראָס געעפנט די אויגן און אָנגעהויבן צו באַוועגן מיט די ליפּן.

ער האָט קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— דער בריוו — בען־דזשאָנס!

ווי אַ בליץ איז דורך אַלעמענס קעפּ אַדורך און זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך אַראָפּגעבויגן, באַזוכט די קעשענעס באַם פאַרוווּנדעטן און דער בריוו איז נישט געווען.

דער מאַטראָס האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן און געבליבן ליגן ווי אַ טויטער.

די ליידי העלענאַ מיט מערי גראַנט זענען נישט אָפּגעטרעטן פון זיין געלעגער, געוואַכט איבער אים אַ גאַנצע נאַכט.

טרויעריק איז באַ אַלע אויפן האַרץ געווען, אַ טויטע שטימונג, ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳וועט שוין אַזוי אייביק זיין נאַכט.

ענדלעך האָט אָנגעהייבן צו טאָגן, דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָבער דער הימל איז נאָך געווען באַלייגט מיט שווערע וואָלקנס. קאַלוזשעס וואַסער זענען געשטאַנען אַרום ווי די טייכן, ס׳איז אוממעגלעך געווען צו מאַכן אַ טריט פון וואָגן אַוועק.

דאָך, ווען ס׳איז גוט ליכטיק געוואָרן האָט זיך דער קאַפּיטאַן מיטן מאַיאָר ווי ס׳איז דורכגעכאַפּט דורך די וואַסערן און

אַרויס אויפֿן פֿעלד זוכן די שפּורן פֿון די מערדער. לויט די־צייכנס פֿון בלוט, וואָס איז פֿון מילרעדן אַראָפּגערינען, בשעת זיי האָבן אים געטראָגן, האָבן זיי געטראָפֿן צום אָרט פֿון אָנפֿאַל. לעבן דעם אָרט, ווו זיי האָבן מילרעדן באַנאַכט געטראָפֿן ליגן, האָבן זיי איצט געזען ליגן נאָך צוויי טויטע קערפּערס, צווישן וועלכע זיי האָבן אין איינעם דערקענט דעם שמיד, וואָס אייערטאַן האָט דאַמאָלס צוגעברענגט, ער זאָל פֿאַרריכטן דעם וואָגן.

— דאָס, ווייזט אויס, זענען געווען די שאָסן, וואָס מיר האָבן נעכטן געהערט — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָנגערופֿן. — דאָס האָט מילרעד אָוועקגעלייגט צוויי מערדער.

זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט צום וואָגן, וואָס האָבן זיי נאָך געהאַט דאָרט צו זוכן.

— ווען שיקן אַן אַנדערן מענטש איצט קיין מעלבורן איז אויסגעשלאָסן — האָט לאָרד גלענאַרוואַן צו זיי געזאָגט, נאָכדעם, ווי זיי זענען צוריקגעקומען און דערציילט, וואָס זיי האָבן געזען.

— ס'איז קיין אַנדערע ברירה נישטאָ, ווי נאָר צופֿיס צוצוגיין צו דער בוכטע טופֿאָלד, דאָרטן וועלן מיר געוויס טרעפֿן אַ שיף און מיר וועלן צוריקפֿאָרן קיין מעלבורן — האָט דער פּראָפֿעסאָר אויסגערופֿן.

פּלוצלינג איז צוגעלאָפֿן צו זיי דער קליינער ראָבערט און געבראַכט אַ בשורה, אַז מילרעדן איז שוין בעסער. און אַז ער וויל זיך זען מיטן לאָרד. לאָרד גלענאַרוואַן איז באַלד אַריינגעגאַנגען אין וואָגן און זיך אַנידערגעזעצט לעבן קראַנקען, וועלכער איז נאָך געווען זייער בלייך, אָבער ער האָט שוין דייטלעך גערעדט.

ווען מילרעד האָט דערזען דעם לאָרד, האָט ער אַ שמייכל געטון און אין די אויגן האָט אויפֿגעבלאַנצט אַ פֿייערל.

— וואָס מאַכסטו, מיין ליבער פרייַנט ? — האָט אים לאָרד גלענאַרוואָן מיט אַ ציטערדיקער שטימע געפרעגט.

— שוין בעסער.

— קענסטו שוין דערציילן וועגן די רויבער, וועסט זיין בכוח שוין צו רעדן ? — האָט ער אים ווידער געפרעגט.

— כ'האָב ספּעציעל טאַקע צוליב דעם געבעטן אייך צו רופן.

— נו, מיר הערן אויס, דערצייל ! מיט אַ סדר !

— אַזוי, ווי כ'בין אַרויסגעפאָרן פון אייך — האָט ער מיט אַ שוואַכער שטימע אָנגעהויבן — האָב איך קיין שום שאָרך נישט געהערט, כ'בין געפאָרן לאַנגזאַם, טריט-באַ-טריט, אומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן — כ'האָב קיינעמען נישט געזען. כ'בין שוין גע-האַט אָפּגעפאָרן עטלעכע מייל, ווי פלוצלינג זענען אויף מיר אַ מאָל אַרויף געטון באַ אַ פינף מאַן און האָבן אָנגעכאַפּט באַם ציימל פון פערד. איך האָב אָנגעהויבן שיסן.

ער האָט זיך אָפּגערוט אַביסל, מחמת ר'איז נאָך זייער שוואַך געווען.

— צי איך האָב עמעצן געטראָפן — האָט ער ווידער אָנ-געהויבן — ווייס איך נישט. איך האָב נאָר פלוצלינג דערפילט אַ שטאַרקן זעץ איבער די הענט און אַ שטאָך פון אַ מעסער אין דער זייט. כ'בין אַראָפּגעפאַלן פון פערד און געבליבן ליגן אָן כוחות. דאָך באַם באַוווסטזיין בין איך געווען, און האָב אַלץ דייטלעך געהערט, וואָס עס קומט פאָר אַרום מיר.

— אָט האָב איך דעם בריוו — האָב איך געהערט, ווי איין שטימע האָט אויסגערופן.

— גיב אים אַהער שנעל, איצט איז דער „דונקאַן" אונדזער — האָב איך געהערט אייערטאָנס קול.

— איצט דאַרף מען כאַפּן דאָס פערד. אין צוויי טאָג בין

איך דאָ אין מעלבורן און עס וועט נישט פאַרבייגיין קיין אַכט טאָג בין איך דאָ צוריק מיט דער שיף בּאַ דער בוכטע טופאָלד. און איר זאָלט מיך דאָ אָפּוואַרטן — האָט איירטאָן ווידער געזאָגט.

— און ווי אַזוי וועלן מיר אַריבּער דעם גרויסן טייך? — האָט איינער פון די רויבער געפרעגט.

איך האָב געהערט, ווי איירטאָן האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— אַ ביסל ווייטער פון דאַנען געפינט זיך אַ בריק, זי הייסט קעמפל-בריק. איר וועט די בריק אַריבערגיין, קומט איר גלייך צו צו דער בוכטע טופאָלד.

— וואָס וועסטו טון מיט די מאַטראָסן? — האָט אים ווידער איינער געפרעגט.

— גאַנץ פשוט. ווער עס וועט צו מיר צושטיין, דער וועט בלייבן, ווער נישט, וועט גיין אין ים אַריין.

דערווייל האָט מען אים צוגעבּרענגט דאָס פערד, ער איז אויפגעזעסן, געזעגנט זיך מיט דער באַנדע און אַוועקגעריטן. ווען ס'איז געוואָרן שטיל, האָב איך אָנגעהויבן צו קריכן פאָרויס אויף אַלע פיר אַזוי לאַנג, ביז איך בין געפאַלן אין אָנמאַכט. וואָס ווייטער מיט מיר איז געשען, געדענק איך נישט. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אין בעטל און די ליידי העלענאַ מיט דער ליידי מערי גראַנט זענען לעבן מיר געשטאַנען.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַלע האָבן געשוויגן, אַ טויטע שטילקייט האָט אַלע באַהערשט. פּלוצלינג האָט ער אויסגערופן.

— אָט צו וואָס מיין „דונקאַן" האָט זיך דערוואַרט! אַ פּיראַטן-שיף וועט ער איצט זיין. מיינע ערלעכע מאַטראָסן און טאָם אויגוסטין וועלן געהרגעט ווערן!

ער האָט פֿאַרבראָכן די הענט און אין שרעקלעכער וויטיק און מיט צער האָט ער נאָר מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט.

— ניין! — האָט ער פֿלוצלינג אויסגעשריגן — מיר טאָרן דאָס נישט דערלאָזן! און מיר וועלן עס נישט דערלאָזן.

— מיר מוזן זען, וואָס גיכער זיך אַרויסצורירן פֿונדאַנען, כּדי פֿריער נאָך פֿאַר זיי אָנצוקומען צו דער בוכטע טופֿאַלד, דאַן זענען מיר געראַטעוועט — האָט דער פּראָפֿעסאָר געזאָגט — וואָרן מיט דער שיף וועט דאָך נאָר אָנקומען איירטאָן אַליין, דאַן וועלן מיר אים הייסן בינדן און אַלץ וועט זיין ווי אַמבעסטן דער־גרייכט.

אָבער דער עיקר איז דאָך, ווי אַזוי וועלן מיר אַריבערגיין דעם טייך? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופֿן.

— מיר האָבן דאָך איצט די קעמפּבעל־בריק! — האָט דער מאַיאָר זיך אָנגערופֿן. — די רויבער אַליין האָבן דאָך אונדז דעם וועג אָנגעוויזן.

זיי האָבן באַשלאָסן דעם פֿאַרוווּנדעטן מילרעד צו טראָגן מיט זיך אויף אַ טראָג־בעטל, פֿון צווייגן אָפּגעפֿלאָכטן און אַזוי אַרום זיך לאָזן אין וועג אַריין.

— אָבער קודם כּל מוזן מיר זען, צי דער וועג איז ריין, צי די רויבער געפֿינען זיך אַמאָל נישט אין דער נאָענט פֿון אונדז — האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָנגערופֿן — מיין מיינונג איז, מען זאָל שיקן צוויי מענטשן פֿריער אויספֿאָרשן דעם וועג און טאַקע צו זען, צי מען קען אַריבערגיין דעם טייך. איך בין איינער, וואָס נעם מיך אונטער צוצוגיין צום טייך.

— איך אויך! — האָט זיך דער פּראָפֿעסאָר אָנגערופֿן, און נישט קלערנדיק קיין סך, זענען זיי באַלד אין וואַלד פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער, מיט וואַסערן און

וומפּן, מיטביימלעך, וואָס מ׳האָט געדאַרפן מיט אַ האַק אויסהאַקן. דער איבעריקער עולם איז פּאַראומעטיקט געבליבן זיצן לעבן וואָגן.

שפּעט באַנאַכט זענען זיי ערשט צוריקגעקומען, מען איז שוין דאָ געווען אומרויק וועגן זיי. זייערע פּנימער זענען אָבער געווען טרויעריק, פאַרדאגהט און קוים וואָס זיי האָבן די שלעכטע בשורה אַרויסגעבראַכט פון די ליפּן:

— די רויבער האָבן די בריק נאָך זיך פאַרבראָכן!
אַ טויט שטילשווייגן האָט אַלע אַרומגענומען.

XVII.

אין שרעקלעכער נויט.

אַלע זענען געבליבן זיצן אַ לאַנגע ווײַלע, ווי פאַרשטיינערט, קיין מויל האָט זיך נישט געעפנט צום רעדן. מ׳האָט באַשיינפּער־לעך געזען, ווי דאָס אומגליק פאַרפאָלגט זיי פשוט.

ענדלעך האָט זיך לאָרד גלענאַרוואַן דער ערשטער אויפגע־כאַפּט פון זיין פאַרשטיינערטקייט און אויסגערופן.

— איצט איז נישט די צייט פאַרצווייפלט צו זיין, נאָר אַ צייט פון טעטיקייט, מיר דאַרפן אַלע כוחות אָנווענדן, אַלע מעגלעכ־קייטן, כדי צוצוקומען צו אונדזער ציל.

דערווייל איז געוואָרן נאַכט. מען האָט נאָך דאָ געמוזט אי־בערנעכטיקן. די נאַכט איז געווען זייער אַ רויקע. ווילסאָן מיט לאָרד גלענאַרוואָן האָבן געהאַלטן וואַך און קוים ווי ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, זענען שוין אַלע געשטאַנען אויף די פיס.

קודם כּל איז לאָרד גלענאַרוואָן מיטן קאַפּיטאַן נאָכאַמאָל גאַנץ פרי צוגעלאָפן צום טייך אַ בליק טון, ווי ער האַלט.

דער טייך האָט געשטורעמט און זיך געשוימט, געקאָכט און געזאָטן, אַז ס'איז גאָר קיין אופן נישט געווען צו טראַכטן אפילו וועגן אַריבערבאַקומען זיך דאָ אַרום.

— אפשר זאָל איך אַריבערשווימען דעם טייך, כּדי וואָס גיכער צוצוקומען צו דער בוכטע טופאָלד — האָט דער קאַפּיטאַן פאָראַגוט פאָרגעלייגט — וועל איך וואָרענען אונדזערע מאַט-ראָסן.

— ניין, איך וועל עס באַין אופן נישט דערלאָזן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן. — לאָמיר צוּוואַרטן און מיר וועלן אַלע צוזאַמען פאָרן.

זיי האָבן נאָך אַ ווײַלע געטראַכט, זיך מיישב געווען און צוריקגעלאָזט זיך צום וואָגן.

פון זייערע פּנימער האָט מען לײַכט געקענט אָראָפּלייענען נישט קיין גוטע ידיעות.

דער קראַנקער מילרעד האָט זיך געפילט שוין אַ סך בע-סער, אָבער גיין אַליין איז אים נאָך נישט מעגלעך געווען.

מען האָט באַשלאָסן נאָך צוצוּוואַרטן אַ טאָג, צוויי. אויב עס וועט אים נאָר בעסער ווערן, וועט ער שוין קענען אַליין גיין, אַזוי האָט פאַרזיכערט דער מאַיאָר.

איבער דער צײַט זענען זיי נישט געזעסן ליידיק, זיי האָבן געזוכט אַ פלאַך אָרט אין דעם טייך. דער קאַפּיטאַן האָט אויס-געאַרבעט פון דער קאָרע פון אַ בוים אַ שיפל און ער מיט ווייל-סאָנען האָבן עס צוגעשלעפּט צום טייך, געפּרוּווט זיך אַרײַנזעצן דערין און אַריבערפאָרן דעם טייך. זיי זענען אָבער געקומען אין דער מיט טייך, האָט זיך דאָס שיפל איבערגעדרייט און ביידע זענען אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער. אַ גליק, וואָס זיי האָבן גוט גע-

קענט שווימען, אַנישט וואָלטן זיי זייער רו שוין געפונען אין די שמוציקע כוואַליעס פון דעם שווימענדיקן טייך.

איצט האָבן זיי געמוזט איינשטימען, אַז לעת עתּה איז דעם טייך אוממעגלעך אַריבערצושווימען. זיי האָבן זיך געפונען אין דער שרעקלעכסטער פאַרצווייפלונג. — אייערטאָן האָט שוין זיכער גע־מוזט אָנקומען קיין מעלבורן און דער „דונקאַן" איז שוין אין זיין באַזיץ. דאָ ליגט אַ קראַנקער מענטש, וואָס קען זיך קיין ר־ר נישט טון.

אַזוי זענען פאַרביי פינף טעג איינער נאָכן אַנדערן אין כסדרדיקער אָפּוואַרטונג און אין האָפענונג.

אויפן זעקסטן טאָג איז דער פּראָפעסאָר געקומען צו לויפן מיט דער בשורה, אַז דער טייך האָט אָנגעהויבן אָפּצופאַלן.

— ס'איז מיר שוין אַלציינס! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן. — סיי ווי געפינט זיך שוין מיין שיף אין די הענט פון די רויבערס, ס'אַרט מיך שוין נישט, אויב עס וועט געדוי־ערן נאָך אַ טאָג.

— יעדנפאַלס מוז מען זען צוצוכאַפּן זיך אין אַ ציווילי־זירטער געגנט אַריין. ס'איז דאָך פאָרט קיין תּכלית נישט דאָ אַזוי צו זיצן — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט.

— אויב מיר האָבן שוין אַזוי פיל געוואַרט, לאָמיר נאָך צוּוואַרטן אַ טאָג, צוויי, דער טייך וועט אָפּפאַלן און מיר וועלן סוף כּל סוף קאָנען צוקומען צו דער בוכטע טופאָלד — האָט דער מאַיאָר זיך אָנגערופן.

— איך מיין, אַז טאָם אויגוסטין וועט אַזוי גיך נישט אַרויס־פאָרן. ערשטנס, גלייב איך נישט, אַז דער „דונקאַן" איז שוין רע־פּערירט, צווייטנס, וועט ער זיך אַליין וווּנדערן, וואָס עס איז עפּעס אַזוי גיך געקומען אַ באַפעל אַרויסצופאָרן. דאָס פּנים פון פון אייערטאָנען וועט אים צווינגען צו זיין פאָרזיכטיק. — האָט

קאַפּיטאַן פֿאַראַגוּט געטענהט. — דערווײַל װעלן מיר צוקוּ־
מען אין דעם ערשטן ציוויליזירטן שטעטל, וועלן מיר פֿון דאָרט
טעלעגראַפֿירן קיין מעלבורן.

— איך בין אינגאַנצן מסכּים מיטן קאַפּיטאַן — האָט דער
פּראָפֿעסאָר זיך אָנגערופֿן. — אַזוי ווי מיר וועלן נאָר דורכגיין
דעם סנאַאיי ריוער. האָבן מיר נישט ווייט פֿון אים דאָס שטעטל
דיליגעט, וווּ עס וווינען אַ פּאָר טויזנט אײַנוווינער, עס האָט אַ
פּאָסט און טעלעגראַף.

— נו, דאַן זאָלן מיר נישט זוימען — האָט דער לאָרד
גלענאַרוואַן אויסגערופֿן — לאָמיר זען וואָס שנעלער צו פֿאָרן.

מען האָט באַשלאָסן צו בויען אַ טראַטווע. צו דעם צוועק
האָט מען צונויפֿגעשלעפּט אַ צענדליק פֿעסטע קלעצער, צונויפֿ־
געשלאָגן זיי, פֿעסט צונויפֿגעבונדן.

אויפֿן צווייטן טאָג איז די טראַטווע געווען פֿאַרטיק. דער
טייך האָט אָבער, טראָץ זײַן טאָג־טעגלעכן כּסדרדיקן אָפּפֿאַלן, דאָך
נאָך ברויזנדער געשטורעמט און געשוימט.

אַרום נאָך מיטאָג האָט מען אָנגעהויבן צונויפֿטראָגן די
פּעק און שפּײַז, וואָס איז געווען, דאָס געווער מיטן פּול־
ווער.

מ׳האָט זיך טרויעריק און מיט אַ ווייטיק אין האַרץ אָפּגע־
זעגנט מיטן וואָגן, וואָס איז שוין יעדן טיף אײַנגעבאַקן געווען,
פּאָרט מיט אים צוזאַמען אַזוי פֿיל לײַדן איבערגעטראָגן.

ענדלעך זענען אונדזערע רײַזנדע אַרויף אויף דער טראַט־
ווע, קאַפּיטאַן פֿאַראַגוּט האָט גענומען דעם רודער אין דער האַנט
און די טראַטווע האָט זיך גערירט פֿון אָרט.

ווי נאָר די טראַטווע איז געקומען אין דער מיט וואַסער־
אַרײַן, ווו די שנעלקייט פֿון פֿלעסן איז געווען אומגעהייער, האָט
עס זי אַ נעם געטון און אָנגעהויבן טראָגן מיט אַ שווינדלדיקער

שנעלקייט, אַז איטלעכן האָט זיך דער קאָפּ פּאַרדרייט. ענדלעך האָט עס די טראַטווע אַ וואָרף געטון צום צווייטן ברעג מיט אַזאַ קראַפט, אַז אַלע קלעצער זענען זיך פונאַנדערגעפאַלן און אַלע זאַכן מיט די מענטשן זענען אַריין אין וואַסער.

די זאַכן זענען אַלע פאַרפאַלן געוואָרן, אפילו די ביקסן מיטן פולווער, דאָס גאַנצע עסנוואַרג. די מענטשן האָט מען לייכט געראַטעוועט, ווייל ס׳איז שוין געווען לעבן ברעג, איז נישט געווען אַזוי טיף.

אַלע האָבן זיך אָפּגעבאָדן פון קאָפּ ביז די פיס און זיי האָבן געציטערט פאַר קעלט.

איצט איז ערשט זייער לאַגע רעכט פאַרצווייפלט געווען. זיי האָבן נישט געהאַט נישט קיין עסן, נישט קיין געווער, נישט קיין פולווער. איין ביקס, דעם מאַיאָרס, איז נאָר געבליבן, ווייל ער האָט זי גראָד געטראָגן אויף די פּלייצעס.

און דאָ איז נאָך עטלעכע און דרייסיק מייל אין דעם שטעטל אַריין, קיין דיליגעט. מען געפינט זיך צווישן ווילדענישן און רויבער און ס׳איז נישטאָ, מיט וואָס אפילו זיך אַנטקעגנצושטעלן.

מילרעד האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל אים איבערלאָזן דאָ אַליין, ער האָט נישט קיין מורא פאַר קיינעם, קיין ווילדע חיות זענען דאָ נישטאָ, רויבער האָבן בא אים נישט וואָס צו נעמען, פאַרוואָס זאָל ער זיין די סיבה פון אָפּהאַלטן זיך ווייטער צו גיין.

אָבער לאָרד גלענאַרוואָן האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען פון אַזאַ מין פאָרשלאַג, בפרט, אַז ער איז זיך געגאַנגען איינשטעלן דאָס לעבן פאַר אַלע.

מ׳האָט אויסגעהאַקט צוויי ביימלעך, אויסגעפלאָכטן זיי מיט צווייגן, אויף וועלכע מ׳האָט ווייך אויסגעבעט מיט בלעטער און ווייך גראָז. דערויף האָט מען אַרויפגעלייגט דעם קראַנקען.

די ערשטע צום טראָגן דאָס בעטל איז געווען דער לאָרד גלענאַרוואָן מיט ווילסאָנען. ווען זיי האָבן אָפּגעטראָגן אַ שטיקל וועג און מיד געוואָרן, האָבן צוויי אַנדערע דאָס בעטל גענו־מען.

אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט טריט בײַ טריט. מיד, פֿאַר־מאַטערט זענען זיי פֿאַרנאַכט אָנגעקומען אויף אַן אָרט, ווו מ׳האָט געמוזט איבערנעכטיקן. צו עסן האָבן זיי נישט געהאַט וואָס, ווייל, ווי באַוווסט, איז דער גאַנצער פּראָוויאַנט אַוועק מיט די שטראָ־מען פֿון סנאָאיי ריווער.

זענען זיי הונגעריקערהייט געגאַנגען שלאָפֿן.

באַלד אינדערפֿרי האָבן זיי זיך אויפֿגעכאַפּט, דער הונגער האָט זיי שוין גוט געמאַטערט, האָט מען געמוזט זוכן עפּעס אַ מיטל, ווי אַזוי צו באַקומען עסן.

גראַד האָט ראָבערט געפֿונען אַ פֿויגל־נעסט פֿול מיט אייער. אַלבינעט האָט נאָך ווי ס׳איז עפּעס אויסגעקראַצט אַ ביסל שפּייז, מ׳האָט אָנגעלייגט אַ פֿייער און אָפּגעקאָכט פֿרישטיק.

ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל אונטערגעלעגט די הערצער, האָט מען זיך ווידער גענומען גיין. זיי זענען אַרייַנגעקומען אין אַ געדיכטן וואַלד מיט קליינע שטעכיקע ביימלעך, וואָס האָבן צעריסן אויף זיי די קליידער, צעשטאָכן זייערע לייבער, אַז בלוט איז גע־רינען. אָבער קיינער האָט זיך נישט געקלאָגט אויף קיין ווייטיק, אַלע זענען געווען מוטיק, אפֿילו די פֿרויען.

אַרום מיטאָג־צו האָבן זיך די וואַנדערער אָנידערגעזעצט אָפּרוען, עס איז געווען זייער הייס. דער מאַיאָר איז אַוועק אויף יאַגד מיט זיין איינציקער ביקס, וואָס איז אים איבערגעבליבן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ דערשאָסענעם קראָליק. וועלכן מ׳האָט אין דער אותו רגע אָפּגעבראָטן און

דער עולם האָט זיך צוגעכאַפּט צו דעם פלייש, ווי די היישע־
ריקן.

דער טאָג איז בײַ זיי אַריבער גאַנץ רויק. אָן שום פּאַסי־
רונגען, כּל זמן זיי זענען געגאַנגען אין וואַלד, האָבן זיי נאָך גע־
האַט גענוג וואַסער צו טרינקען און יאַגדעס.

ווען זיי זענען אַרויס פון וואַלד, זענען זיי אָנגעקומען אויף
אַן אומגעהייער פעלד, וואָס איז באַוואַקסן מיט אַזאַ הויך האַרט
גראָז, פון וועלכן מען מאַכט באַרשטן און בעזעמער. ס'איז פּשוט
אוממעגלעך געווען דאָסדאָזיקע פעלד אַדורכצוגיין. מען האָט גע־
דאַרפן כּסדר גיין מיט אַ האַק אין דער האַנט אָדער מיט אַ מע־
סער און זיך דורכהאַקן אַ וועג. דאָ הייבן זיך ערשט אָן פּאַר די
וואַנדערער די אמתע פּרעגיותן: הייס איז געווען, קיין וואַסער
האָבן זיי נישט געהאַט, נישט צו עסן, און דאָ נאָך אַזאַ פאַרמאַ־
טערנדיקע אַרבעט, ווי דורכהאַקן זיך אויף טריט און שריט אַ וועג.

זיי זענען פּשוט געפאַלן פון די פיס.

אַרום מיטאָג־צו האָבן זיי זיך שוין געמוזט אַנידערזעצן
אָפּרוען, ס'האָט שוין קיינער קיין כּוח נישט געהאַט ווייטער צו
גיין.

בשעת דעם אָפּרוען זיך איז דער פּראָפעסאָר אַוועקגעגאַנ־
גען זוכן עפּעס אַ שפּייז אָדער אַ טרונק. ער האָט ענדלעך גע־
פּאַקט אַ בלום מיטן נאָמען „סעפּאַלאָטעס", וואָס האָט די אייגנ־
שאַפט אַריינצוציען אין זיך די פייכטיקייט פון דער לופט. פון
דידאָזיקע בלומען קען מען אויסקוועטשן וואַסער. ער האָט אויפ־
געזאַמלט אַ גרעסערע צאָל אַזעלכע בלומען, וואָס זענען געוואַקסן
אין דעם קאַנט אין אַ גרויסער צאָל און זיי געבראַכט צו די אי־
בעריקע וואַנדערער.

אויף שפּייז האָט ער געפונען אַזעלכע מין לינדזן. צו

קאָכן האָבן זיי נישט געהאַט קיין געדולד, האָבן זיי די לינדזן גע־שלונגען רויערהייט.

אַוועקגייענדיק פון דעם אָרט, האָט זיך איטלעכער אָנגעגו־מען פולע קעשענעס מיט דידאָזיקע לינדזן, מורא האָבנדיק, טאָמער בלייבן זיי מאָרגן אָן עסן.

אַזוי זענען זיי אָפּגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג, ביז זיי זענען אָנגעקומען אין אַ וואַלד אַריין. דאָ האָבן זיי באַשלאָסן איבערצו־גערטיקן. קודם כּל אין וואַלד האָבן זיי וואַסער, ווייל עס האָט מיט אַ פּאָר טאָג פריער געהאַט אַ סך אָנגערעגנט. אין פעלד ווערט דאָס וואַסער שנעל אויסגעטרוקנט, אין וואַלד אָבער, צוליב דעם, וואָס דער שאָטן פון דיביימער פאַרשטעלן די זון, טרוקנט זיך דאָס וואַסער נישט אַזוי גיך אויס.

ווען די רייזנדע האָבן שוין געהאַט וואַסער מיט לינדזן, האָבן זיי אויסגעזוכט צוויי גרויסע שטיינער און די לינדזן צעמאָלן, גע־מאַכט דערפון אַזעלכע גרויפּן און געוואָלט דאָס אָפּקאָכן. דאָס וועט דאָך סוף כּל סוף געשמאַקער זיין, ווי צו עסן רויע לינדזן. אַלבי־נעט מיט ווילסאָבען האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבערן וואַלד צונויפ־מענצושאַרן צווייגלעך. ווען זיי זענען דאָס געגאַנגען אונטערציִנדן, האָבן זיי צו זייער גרעסטער פאַרוווּנדערונג באַמערקט, אַז די צווייגן ווילן נישט ברענען. האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די צווייגן טרוקענע בלעטער, אָדער גראָז, האָט עס גיך אויפגעפלאַמט און פאַרברענט געוואָרן, אָבער די צווייגן זענען געבליבן אומבאַ־רירט.

ס'האָט זיי אַלע דאָס זייער געחידושט און זיי האָבן זיך גע־ווענדט מיט אַ פראַגע צום פּראָפעסאָר, ער זאָל זיי דערקלערן די סיבה דערפון.

דער פּראָפעסאָר האָט אַ שמייכל געטון און אויסגערופן:

— דאָס איז אויך איינע פון די פיל אויסטראַלישע וווּנ־

דער ! — דאָס איז אַזאַ האָלץ, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ מין וואָלץ, וועלכעס לאָזט נישט צו קיין פייער. ווען מיר וואָלטן פאַר־מאָגט אַ סך וועלדער מיט אַזאַ האָלץ און געבויט הייזער דערפון, וואָלטן מיר פאַרשפּאָרט צו האָבן אָפּטע שרפות.

מען האָט זיך שוין די נאַכט געמוטשט באַגיין אָן פייער. מען האָט זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס איטלעכער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ ביסל רויע לינדזן, פאַרטרונקען מיט וואַסער און נאָכדעם זיך געלייגט שלאָפן.

זיי זענען אַלע שרעקלעך מיד געוואָרן פון דעם היינטיקן גאַנג און הונגעריק זענען זיי געווען, זענען אַלע אַנידערגעפאַלן ווי די געהרגעטע.

באַנאַכט האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ רעגן, אַלע זענען אויס־גענעצט געוואָרן ביזן לעצטן פאָדעם. זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט אָבער, נישט האָבנדיק זיך ווו צו פאַרבאָרגן, האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטוליעט איינער צום אַנדערן און אָפּגעוואַרט דעם טאָג.

ווען ס'איז ליכטיק געוואָרן, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט. דער רעגן האָט אויפגעהערט און מען האָט אָנגעהויבן צו גיין.

דער פּראָפעסאָר האָט געעצהט, אַז כדי מען זאָל זיך דער־וואַרעמען, זאָל מען שנעלער אָנהייבן צו גיין. און באַלד טאַקע אַליין געוויזן דעם ביישפּיל.

מילרעד האָט זיך דערפילט באַדייטנד בעסער. ער האָט דער־קלערט, אַז ער וועט שוין קענען אַליין גיין, מען זאָל אים נאָר שאַפן אַ גוטן שטעקן.

מ'האָט אים באַלד אויסגעזוכט אַ גראָבן, פעסטן שטעקן און ער האָט ווי ס'איז אָנגעהויבן נאָכצושלעפּן זיך די איבעריקע חברה.

קוים וואָס זיי האָבן געשלעפּט די פיס. דער הונגער האָט זיי שרעקלעך געפּייניקט. זיי האָבן שוין קיין רויע לינדזן אויך נישט געהאַט.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָבן פּלוצלינג פאַר זייערע אויגן אויפגעגלאַנצט די דעכער פון דעם שטעטל דיליגעט.

די פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך.

ראָבערט מיט די צוויי מאַטראָסן האָבן זיך אָנגענומען בײַ די הענט און פּשוט געטאַנצט פאַר שמחה.

זייענדיק שוין אַזוי נאָנט לעבן אַ ישוב, האָט ערשט איצט לאָרד גלענאַרוואַן דערפילט זיין אמתדיק־שרעקלעכע לאַגע: די שיף געפינט זיך אין די הענט פון ים־רויבער, די ליבסטע מענטשן זיינע זענען אפשר שוין טויט און ער אַליין דאָ — מיד און צעבראָכן.

אין אַ קורצע צייט אַרום זענען זיי געווען אין שטעטל. אַלע זענען געווען טויט־הונגעריק, אויסגעמאַטערט, די פּנימער אויסגעצויגן, די קליידער צעריסן, אָפּגעהומערט, די שיך געפּלאַצט — אַ שרעק געווען צו קוקן.

זיי זענען קוים צוגעקומען אין האָטעל אַריין, קודם כל האָבן זיי זיך דערכאַפּט די הערצער, זיי האָבן עטוואָס אויפגעלעבט. דער לאָרד האָט דעם דינער פון האָטעל געשיקט מיט געלד נאָך קליידער ביינע. ווען זיי האָבן זיך איבערגעטון, אָפּגעוואַשן זיך און דערפילט זיך עטוואָס פרישער, זאַטער, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין באַקוקן דאָס שטעטל.

דער לאָרד איז אַוועק צום בירגערמייסטער פון דיליגעט און אים דערציילט אַלע זייערע פּאַסירונגען, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען און וואָס מיט זיין שיף איז געשען. דער בירגערמייסטער האָט אים צוגעזאָגט אַלץ צו טון, וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין.

קודם־כל האָט מען טעלעגראַפירט צו טאָם אויגוסטינען קיין מעלבורן, אַז ער זאָל זיך נאָך פאַרהאַלטן ביז אַ ווייטערן באַפעל.

נאָכדעם האָט לאָרד גלענאַרוואַן געקויפט אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד און אויסרוענדיק אַ ביסל, איז ער מיט דער גאַנ־צער קאָמפּאַניע אַוועקגעפאָרן צו דער בוכטע טופאָלד.

דער בירגערמייסטער האָט מיט אים מיטגעשיקט עטלעכע סאָלדאַטן מיט געווער, אַז אין פאַל, אויב די מערדער געפינען זיך נאָך דאָרט, זאָל מען זיי כאַפּן און ברענגען אין שטעטל אַריין.

נאָכמיטאָג איז די קאַרעטע אַרויסגעפאָרן, באַגלייט פון עט־לעכע רייטער מיט ביקסן.

דער לאָרד גלענאַרוואַן האָט געהייסן טרייבן די פערד, ווי־פיל ס'איז נאָר מעגלעך.

פאָרנדיק מיט אַן אומגעווייניטלעכער שנעלקייט, זענען זיי ערשט איבערמאָרגן אָנגעקומען צו דער בוכטע טופאָלד.

נאָך פונדערווייטנס האָבן זיי דערהערט דאָס ברויזן פון די כוואַליעס, ווי אַ מוזיק האָט דאָס באַ זיי אויסגעזען: ענד־לעך נאָך אַזוי פיל שוועריקייטן, אוממענטשלעכע יסורים און מאַטערנישן זענען זיי אָנגעקומען צו דעם אָרט, וואָס האָט זיי שוין אויסגעזען אַזוי אומדערגרייכבאַר צו זיין.

ווי אַנטוישט זענען זיי אָבער געוואָרן, ווען זיי האָבן, צוקוי־מענדיק צו דער בוכטע, גאָרנישט געטראָפן — נישט קיין שיף, נישט קיין מענטשן. אַ טויטע שטילקייט איז געלעגן אַרום, נאָר וואָס די כוואַליעס האָבן ברויזנד געמורמלט און אַלע מאָל זיך אַ גאָס אַרויף געטון אויפן זאַמד באַם ברעג און עס אָפּגע־וואַשן.

מתחילת האָבן זיי קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן, טרערן האָבן זיך זיי אין די אויגן געשטעלט.

— איז אַלץ שוין פאַרפאַלן, איז שוין קיין שום האָפנונג נישטאָ מיין דונקאַן אָפּצוראַטעווען ? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן.

ס'האָט אים קיינער גאָרנישט געענטפערט. אַלע זענען געווען אין אַ שווערער, געדריקטער שטימונג.

אָבער דער לאָרד גלענאַרוואַן אַליין האָט נאָך נישט געוואָלט גלייבן אין דעם געדאַנק, אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלן און ער האָט אויסגערופן :

— אפשר האָט דער „דונקאַן" נישט געקענט צוקומען צום ברעג מחמת דעם שטורם און ער זוכט זיך אַ בעסערן פּאָרט ! אפשר ווייסט איר, ווו עס געפינט זיך אַ זיכערער פּאָרט — האָט ער זיך געווענדט צו די באַגלייטנדיקע רייטערס.

— אַ זיכערער פּאָרט איז פאַרהאַן דאָ נישט ווייט, אין עדען, דאָרטן קומען אָן שיפן פון אַ סך לענדער — האָבן די רייטערס געענטפערט.

— אַלזאָ קיין עדען ! — האָט ער ענערגיש אויסגע-רופן.

און אין עטלעכע סעקונדן זענען אַלע געזעסן אין דער קאַרעטע, די רייטערס האָט ער אהיימגעשיקט קיין דיליגעט, און מען איז געפאָרן.

ס'איז נישט ווייט געווען פון דער בוכטע טופאָלד ביז עדען סך הכּל עטלעכע מייל.

זיי זענען גלייך פאַרפאָרן צום פּאָרט, ווו עס זענען גע-שטאַנען אַ סך קלענערע און גרעסערע שיפן. ער האָט זיך נאָכגע-פרעגט באַם קאָמענדאַנט פון פּאָרט, צי עס איז נישט געווען אַמאָל דאָ אַזאַ שיף. אָבער קיין שום שפּור פון אַזאַ שיף איז דאָרט קיינ-מאָל נישט געווען.

אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן. אַלע זענען געבליבן שטיין צעמישט און נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן.

— און אפשר איז נאָך דער „דונקאַן" אין מעלבורן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן נאָך געפּרוּווט זיך ראַטעווען — איך וועל שיקן פֿונדאַנען אַ טעלעגראַמע.

קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט נאָר טרויעריק מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט. ער האָט געגלייבט, אַז דער „דונקאַן" איז שוין לאַנג אין די הענט פֿון די רויבערס און אַז יעדער שריט, וואָס מען נעמט איצט אָן, איז איבעריק און אומזיסט. ער האָט אָבער געשוויגן.

זיי זענען אַלע פֿאַרפֿאָרן אין אַ האָטעל אַריין אין עדען און באַלד נאָכן איינאָרדנען זיך האָט ער אויפֿגעגעבן אַ טעלעגראַמע קיין מעלבורן.

נאָכמיטאָג האָט ער באַקומען פֿון מעלבורן אַ תּשובֿה:

„לאָרד גלענאַרוואָן

עדען.

„די שיף „דונקאַן" האָט דעם 28־טן פֿעברואַר פֿאַרלאָזט אונדזער פּאָרט, ס'איז נישט באַוווּסט וווהין".

אַנדערסען, קאָמענדאַנט פֿון פּאָרט."

די הענט האָבן דעם לאָרד אָנגעהויבן צו ציטערן, איבער־לייענענדיק די טעלעגראַמע. ער איז בלייך געוואָרן און קיין איין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען פֿון מויל.

די קעפּ דאָבן זיך באַ אַלע אַראָפּגעלאָזט. אַ שטילשווייגן האָט געהערשט אין צימער, ווי אין אַ קבֿר.

ס'האָט קיינער נישט געפּרוּווט אפֿילו טרייסטן, — דאָס אומ־גליק איז געווען צו גרויס, צו אומדערבאַרמדיק: דער „דונקאַן" — אַ רויבער־שיף, די מאַטראָסן מיט טאָם אויגוסטין טויט! וואָס איז אים געבליבן? — גאָרנישט.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט נאָר קוים מיט די ליפּן געשעפּ־
טשעט:

— איך רעזיגניר נאָך נישט, עס גלויבט זיך נישט, אַז אַ
גוטע, ערלעכע אונטערנעמונג, זאָל זיך אַזוי שלעכט אויסלאָזן!

די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט

I.

מען פאָרט קיין אָקלענד.

לאַנג זיין פאַרצווייפלט האָט מען נישט געטאָרט. ביסלעכווייז איז יעדער צו זיך געקומען און אָנגעהויבן זיך אַריינטראַכטן אין דער ניי געשאַפענער לאַגע און צו געפינען עפעס אַן אויס־וועג.

פאָרן זוכן דעם קאַפּיטאַן גראַנט איז איצט קיינעם אין קאָפּ נישט געלעגן. ס'איז געווען גרעסערע, נענטערע דאגות. צום ערגסטן איז געווען, וואָס דעם לאָרד גלענאַרוואַן האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס געלט.

ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דעם „דונקאַן", האָט זיך לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערעכנט פיל־ווייניק, וויפיל צייט ער וועט פאַר־ברענגען אין וועג און ער האָט מיט זיך מיטגענומען אַ סומע, וואָס זאָל אים קענען קלעקן. דאָס איבעריקע האָט ער איבערגעלאָזט אין דער אייזערנער קאַסע אויף דער שיף.

מערי גראַנט מיט ראָבערטן זענען אַרומגעגאַנגען זייער דער־

שלאָגן. זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעוווירן יעדע האָפנונג זייער פאָטער צו געפינען, און זיי האָבן עס אויך שוין נישט געקענט פארלאַנגען פון לאָרד, וועלכן ס'איז אַזאַ גרויס אומגליק געשען, אַז מען זאָל ווייטער זוכן זייער פאָטער. דעריבער האָט זי טאַקע צומאָרגנס אינדערפרי, ווען אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אויף פרישטיק, זיך געווענדט צום לאָרד גלענאַרוואַן:

— איידעלער לאָרד, איר האָט אונדז אַרויסגעוויזן די גרעס־טע אָפּערוויליקייט פון אייער זייט, אָבער ווייזט אויס, אַז אונדז איז נישט באַשערט נאָך צו זען אונדזער פאָטער. לייג איך פאָר אַלזאָ, אַז איר זאָלט אייך אַהיימפאָרן אָפּרוען אין אייער שלאָס, איר האָט אייך שוין גענוג פאַר אונדז אָנגעמאַטערט.

אַ טויטע שטילקייט איז געווען דער ענטפער אויף די רייד. קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן עפּעס פאַר איר פאָרשלאַג אָדער קעגן אים.

ענדלעך האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט אויסגערופן:

— איך שטים איין מיט דער פריילין מערי גראַנט. דער לאָרד גלענאַרוואַן האָט שוין אַ סך געטון פאַר דעם אויפזוכן פון איר פאָטער, ער מעג זיך שוין פאָרן אָפּרוען. איצט איז געקומען די רייע אויף מיר און איך וועל אַזוי לאַנג נישט רוען, ביז איך וועל דעם קאַפּיטאַן גראַנט געפינען.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט זיך איצט אויף גאָרנישט געקענט אַנטשליסן.

— איך פאָר מיט אייך! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגע־רופן — האָט מיך שוין דאָס מזל מיינס מיט אייך צונויפגעפירט, וועל איך שוין אַזוי לאַנג רייזן, ביז מיר וועלן דעם קאַפּיטאַן גראַנט אויפזוכן.

ענדלעך האָט דער לאָרד זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך און פאָרגעלייגט, אַז קודם כּל מוז מען פאָרן קיין מעלבורן, כּדי

צו בעטן דעם דאָרטיקן גובערנאַטאָר בייהילפיק צו זיין אין כאַפּן די רויבער און אָפּנעמען בײַ זיי דעם „דונקאַן“.

אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן. צומאָרגנס איז קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אַוועקגעגאַנגען צום פּאָרט אויפזוכן אַ שיף, וואָס גייט קיין מעלבורן. אָבער ווי איבעראַשט איז ער געווען, ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז פון עדען גייען נישט קיין שום שיפן קיין מעלבורן. ער האָט געפרעגט די סיבה דערפון בײַם קאָמענדאַנט פון פּאָרט. יענער האָט אים גאַנץ איינפאַך געענטפערט:

— מיר האָבן פון נענטער צו ברענגען אונדזערע סחורות, וואָס מיר דאַרפן, — מיר פירן זיי פון אָקלענד, אַ פּאָרט אויף די אינדזלען ניי־זעלאַנד. ערשט אין דריי וואָכן אַרום וועט זיין אַן ענגלישער דאַמפער, וואָס קומט נאָר צו אונדז עטלעכע מאָל אין יאָר, און גייט קיין מעלבורן.

— אָבער וואָס טוט מען? דריי וואָכן צו וואַרטן אין דעם שטעטל איז דאָך נישט קיין קלייניקייט — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן, דערהערנדיק דידאָזיקע ידיעה — און ווידער קויפן פערד און פאָרן קיין מעלבורן מיט דער יבשה, וועט אויך צו לאַנג געדויערן.

און דער ביטערסטער אמת איז געווען, אַז ס'איז נישטאָ קיין געלט צו מאַכן ווידער אַזאַ רייזע.

— איך האָב אַ פּלאַן! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — לאָמיר פאָרן קיין אָקלענד, וועלן מיר אין צווייען האָבן עפּעס אויפגעטון. ערשטנס, ליגט אָקלענד אויפן 37־טן גראַד, אפשר וועלן מיר עפּעס אויפכאַפּן אַ ידיעה וועגן קאַפּיטאַן גראַנט; צווייטנס, גייען פון דאָרט אָפּ אַ סך מער שיפן, וועלן מיר פון דאָרט פאָרן קיין מעלבורן.

ער האָט מיט זיין רעדן כמעט אַלע איבערצייגט, אַז מען מוז אַזוי טון און נישט אַנדערש. דער ערשטער איז געווען קאַפּי־

טאַן פּאַראַגוט, וועלכער האָט מיט היך זיך אָנגעכאַפּט אין רעמדאַ-זיקן פּלאַן און צוגערעדט:

— אויב מיר זענען שוין אויסגעווען גאַנץ דרום-אַמעריקע און אויסטראַליען, לאָמיר שוין אויך באַזוכן דאָס שטיקל לאַנד אויפן 37-טן גראַד.

אַלע זענען געווען איינשטימיק מיט זיין אויספיר. לאָרד גלענאַרוואָנען איז באַזונדערס דערדאָזיקער פּלאַן געפעלן, ווייל דער גובערנאַטאָר פון אָקלענד איז זיינס אַ שול-חבר און ער וועט באַ אים זיך קענען אויסלייען אַ פּאָר טויזנט פונט שטערלינג, און ער וועט געוויס מיטווירקן מיט אַלע כוחות צו געפינען דעם „דונקאַן".

ענדלעך איז אַזוי באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען פאָרט קיין אָקלענד. קאַפּיטאַן פּאַראַגוט איז באַלד אוועק צום פאָרט געוויר ווערן וועגן אַ שיף, וואָס גייט אין דער ריכטונג. ער האָט אַזעלכע געפונען: אין פּאָרט איז געשטאַנען אַ זעגל-שיף מיטן נאָמען „מאַקאַריאַ", וואָס קורסירט כסדר צווישן עדען און אָקלענד.

ער איז צוריקגעקומען און וועגן דעם געמאָלדן דעם לאָרד גלענאַרוואָן.

אַלע, אַ חוץ די פרויען, זענען מיטגעגאַנגען באַקוקן די שיף און זיך באַדינגען.

זיי זענען צוגעפאָרן מיט אַ שיפל צו דער מאַקאַריאַ, פון וועלכער מ'האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק-לייטער.

אַרויפקומענדיק, האָבן זיי זיך גענומען נאָכפרעגן צום קאַפּיטאַן.

באַלד איז צו זיי אַרויסגעקומען אַ נידעריקער, באַוואַקסענער מאַנספּערשוין, מיט אַ ווילד שיכור פּנים און זיי געפרעגט, וואָס זיי פאַרלאַנגען.

און ס'האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אַ געשפּרעך מיט אַ

דיגגעניש. אויף יעדער זייער פראגע, האָט ער ביין אָפּגעענטפערט און, ווי ס'האָט אויסגעזען, נאָר זיך געוואָלט פון זיי אָפּפּטרן.

ענדלעך נאָך שווערער מי איז געלונגען בא אים אַרויסצו־קריגן, אַז די שיף גייט אָפּ מאָרגן זעקס אינדערפרי קיין אָקלענד, אַז מאַקאַריאַ איז אַ פראַכט־שיף און אַז ער וויל פון די פּאַסאַזשירן פופציק פונט שטערלינג פאַר דעם איבערפירן זיי און פינף און צוואַנציק וויל ער באַלד האָבן־געלט.

ער האָט די סומע באַקומען און זיך באַלד פון זיי גראָב אוועקגעדרייט.

— נאָר מאָרגן זעקס אינדערפרי זאָלט איר זיין אויף דער שיף! — האָט ער נאָר אַ וואָרטשע געטון — ווייל איך פאָר אָפּ, נישט קוקנדיק, צי איר וועט יאָ קומען צי נישט קומען.

— דאָס הייסט אַ בופלאָקס — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויס־גערופן. — מיין עצה איז, מען זאָל זיך איינקויפן געווער מיט גע־נוג קוילן. ס'קען אַמאָל אויסקומען מיט אַזאַ חברה־מאַן אויף דער שיף צו קעמפן.

צוריקקומענדיק אין האָטעל אַריין, האָט לאָרד גלענאַרוואָן דערציילט די פרויען, אַז ס'איז שוין דאָ אַ שיף, וועלכע איז, וואָס אַן אמת, נישט אַזוי פיין איינגעאָרדנט ווי דער „דונקאַן“, אָבער מען וועט פאָרן.

און דער עולם האָט זיך גענומען צוגרייטן צו דער רייזע. דער מאַיאָר האָט איינגעקויפט אַמוניציע, אַלבינעט — פּראָוויאַנט, די דאַמען זענען אַרומגעלאָפן איבער אַלע געשעפטן און איינגע־קויפט זיך קליידער, וואָרן זיי פאָרן דאָך עפּעס אין אַ גרעסערער שטאָט אַריין און דער פּראָפעסאָר איז אַרומגעלאָפן איבער גאַנץ עדען און געזוכט אַ מאַפּע, פון די אינדזלען זעלאַנד. ס'איז טאַקע נישט געווען אַזאַ לייכטע אַרבעט אין דעם שטעטל דאָס צו געפינען

דאָך האָט ער אַזאַ מאָפּע געפּאַקט באַ דעם איינציקן לערער אין שטעטל — און ער איז געווען איבערגליקלעך.

עס איז באַלד אָװעקגעשיקט געוואָרן אַ מאַטראָס אויף דער שיף, ער זאָל צוגרייטן פלעצער פאַר אַלע פּאַסאַזשירן, דער ביי־זער קאַפּיטאַן האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף דעם מאַט־ראָס און געלאָזט אים טון, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט.

מילרעדן איז שוין געווען אַ סך בעסער. ער איז שוין אָן אַ שטעקן אַליין איבער דער שטוב אַרומגעגאַנגעז און ער איז באַ זיך זיכער געווען, אַז ווען ער וועט דערפילן די ים־לופט, וועט ער פולקאָם געהיילט זיין.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט זיך נאָך נישט געקענט שיידן מיטן געדאַנק, אַז טאָמער איז זיין „דונקאַן" אָנגעקומען אין דער בוכטע טופּאָלד. ער האָט דעריבער פאַרגעלייגט, אַז איידער מען פאָרט נאָך אָפּ קיין אָקלענד, זאָל מען איינמאָל אַרויסרייטן צו דער בוכ־טע און אַ קוק טון.

זיי האָבן זיך צעטיילט אויף עטלעכע גרופּעס, כּדי פון פאַר־שידענע פּונקטן צו באַאָבאַכטן דעם ברעג.

זיי זענען צוגעקומען צו דער בוכטע טופּאָלד: דער ים האָט האָט געראַשט מיט זיינע כוואַליעס און געשטורעמט, און קיין צייכן פון אַ שיף איז נישט געווען צו זען.

זיי האָבן נאָר געפונען אויף איין אָרט שטיקלעך גלאָז־ניעס פון האָלץ און אַ ביסל אַש און אויף אַ צווייט אָרט אַ שטיקל טוך פון אַן אַרעסטאַנטן־אַנצוג — אַ סימן, אַז די רויבער זענען דאָ געווען.

— ווער ווייסט דעם גורל פון דעם „דונקאַן" און מיינע מאַטראָסן? — האָט דער לאָרד פאַרצווייפלט אויסגערופן און אָפּ־געזיפצט.

— ווי עס ווייזט אויס, — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויס־

גערופן — האָט איירטאָן די מאַטראָסן נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער שיף. ער מוז דאָ שטיין ערגעץ נישט ווייט.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט גאָרנישט געענטפערט. זיי האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט אַ ווײַלע באַם ברעג און דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין עדען.

איידער מען איז אָפּגעפאָרן קיין אָקלענד, האָט נאָך לאָרד גלענאַרוואָן געהאַלטן פאַר נייטיק צו מעלדן דער פּאָליצײַ פון שטעטל, אַז זיין שיף איז געפאַנגען געוואָרן דורך רויבערס. די פּאָליצײַ האָט אים נאַטירלעך צוגעזאָגט אַלץ צו טון, וואָס עס איז נאָר אין איר מעגלעכקייט. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען פונאַנ־דערגעשיקט געוואָרן טעלעגראַמעס אויף אַלע פּאָרטן אין אויס־טראַליען, מען זאָל פּאָרשן און אויסזוכן די רויבערס. מער האָט די פּאָליצײַ, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געקענט אויפטון.

פאַרנאַכט זענען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען אין האָטעל אַריין. אַלע פאָרברייטונגען צו דער רייזע זענען שוין געווען געמאַכט און מען האָט זיך געזעצט טרינקען טיי. דער אָוונט איז געווען זייער אַן אומעטיקער: אָט גייען זיי זיך ווייטער לאָזן אין וועג אַריין, וואָס ווער ווייסט, ווי אַזוי זיי וועלן פונדאַנען אַרויס. זיי זענען אָבער שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו די פאַרשידענע אומ־גליקן, אַז ס׳האָט זיי שוין כּמעט נישט געאַרט.

אין צימער איז געווען שטיל, מ׳האָט גאָר געהערט דאָס זיפּן פון דער טיי און טיילמאָל אַ זיפץ, וואָס האָט זיך פון עמעצנס ברוסט אַרויסגעריסן.

נאָר דער פּראָפעסאָר איז נישט געזעסן, ער האָט זיך אַרומ־געדרייט איבער דער שטוב זייער צעטראָגן.

דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט דאָס שוין פון לאַנג גאַנץ גוט באַמערקט, אַז צייט דער פּראָפעסאָר האָט לעבן סטאַאיי ריווער געפו־נען דאָס שטיקל צייטונג, גייט ער אַרום זייער פאַרטראַכט.

דעם אָונט האָט ער דעם פּראָפעסאָר געזען אין אַ צעדרייטער שטימונג און האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז פון אים געוואָר ווערן די סיבה פון זיין צעטראָגנקייט.

ס'איז געוואָרן שפּעט און מ'האָט זיך געדאַרפט פרי אויפהייבן, ווייל די שיף גייט אָפּ זעקס אַ זייגער. דעריבער איז זיך דער עולם פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע צימערלעך שלאָפן. דער פּראָפעסאָר איז אַריין צו זיך אין צימער און ער איז נאָך לאַנג דאָרט אויף געווען, ווייל מען האָט געהערט זיין שווער טרעטן הין און צוריק איבער דער שטוב.

קאַפּיטאַן פאַראַגוט איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, אַ ווײַלע זיך איינגעהערט און שטיל אָנגעקלאַפּט.

— אַריין — האָט זיך דערהערט דעם פּראָפעסאָרס צעטראָגענע שטימע.

ווען פאַראַגוט איז אַריינגעקומען האָט ער באַלד אָנגעהויבן:

— איך האָב צו אייך אַ בקשה, פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל. אַזוי ווי מיר זענען איבער דער צייט פון אונדזער רייזע געוואָרן אמתע גוטע פריינט, פאַרלאַנג איך פון אייך, איר זאָלט פאַר מיר קיין סודות נישט האָבן.

— וואָס פאַר אַ סודות, הער קאַפּיטאַן? — האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל אויסגערופן.

— איך באַמערק שוין באַ אייך פון אַ שטיקל צייט אָן, ווי איר גייט אַרום פאַרטראַכט, אויפגערעגט און ברומט עפּעס כסדר אונטער דער נאָז אומפאַרשטענדלעכע ווערטער — וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — האָט דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט אויסגערופן.

— ווער האָט דאָס דען אייך געזאָגט, אַז איך בין אויפגערעגט? — האָט דער פּראָפעסאָר אָפּגעלייקנט — איך בין אין דער זעלבער שטימונג, ווי שטענדיק.

צי צווייפלט איר נישט אַמאָל אין אונדזער גאַנצער אונטער־נעמונג, הער פּראָפעסאָר? — האָט ער געפרעגט.

— פאַרקערט, איך בין אין דער גרעסטער האָפנונג דעם קאַפּיטאַן גראַנט צו געפינען. איך צווייפל קיינמאָל נישט. כּל זמן איך לעב, האָף איך.

II.

די געשיכטע פון ניי־זעלאַנד.

אַזוי ווי ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, זענען אַלע געשטאַנען אויף די פיס, אָפּגעגעסן פרישטיק, גענומען אַ שיפל און צוגעשוווּמען צו דער מאַקאַריאַ.

מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אַ שטריקלייטער און זיי זענען אַלע אַרויפגעגאַנגען.

דער בייזער קאַפּיטאַן האָט זיי נישט באַגריסט, נישט אומגעקוקט זיך אפילו אויף קיינעם, ווי זיי וואָלטן אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

ווילסאָן האָט איינגעאָרדנט ספּעציעל פאַר די דאַמען אַ באַזונדער ווינקל, כּדי ס'זאָל זיי זיין באַקוועם.

פונקט זעקס אַ זייגער האָט מען דעם אַנקער אַרויפגעצויגן און פונאַנדערגעלאָזט די זעגלען.

ווילסאָן האָט נישט געקענט צוזען, ווי אַזוי יענע מאַטראָסן אַרבעטן. זיי האָבן זיך אַזוי פויל און נאַכלעסיק באַוועגט, אַז ער האָט זיך שוין נישט געקענט מער איינהאַלטן און איז צוגעגאַנגען זיי העלפן.

— נישט מישן זיך אין קיין פרעמדע געשעפטן! — האָט דער בייזער קאַפּיטאַן פון דער מאַקאַריאַ אויסגערופן.

ווילסאָן האָט נישט גערעדט דאָס צווייטע וואָרט און באַלד צוריקגעגאַנגען צו זיינע לייט.

ענדלעך האָבן זיך די מאַטראָסן פון די מאַקאַריאַ אָפּגעפּאַרטיקט מיטן אויפציען די זעגלען. די שיף האָט זיך געגליטשט איבער די שטורמישע וואַסערן און געוואַקלט זיך.

ביסלעכווייז זענען די ברעגן פון אויסטראַליען פאַרשוווּנדן געוואָרן, קוים עס האָבן זיך נאָך געבלויט די בערג פונדערווייטנס.

אַרום אָוונט־צו האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט און ס'האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן פון זייער איינגעאָרדנט ווינקל און אַראָפּגעלאָפן אין קיך אַריין. זיי האָבן זיך אַלע באַזעצט אין אַ ווינקל. אַן אומעטיקייט האָט געהערשט איבערן גאַנצן צימער, ס'איז געווען שטיל, אַז מ'האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון די הערצער באַ יעדן. דער פּראָפעסאָר האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַ באַזונדער ווינקל, זיך אַוועקגעזעצט און געטראַכט און געברומט צו זיך אַליין.

פון צייט צו צייט איז קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אַרויפגעגאַנגען אויפן דעק אַ קוק צו טון אויפן ים, וואָס עס הערט זיך.

דער ים האָט געשטורמט און געברויזט. דער רעגן האָט אַלץ געגאָסן אָן אויפהער. ער איז צוריק אַראָפּגעקומען אין קיך אַריין.

— זאָל זיך פון אַלע לענדער גאָר אויסלאָזן, אַז ער געפינט זיך אין נייזעלאַנד — האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל פאַר זיך געברומט. — אמת, אַז די אינדזלען געפינען זיך טאַקע אויפן 37־טן גראַד, אָבער אין די בריוו שטייט דאָך בפירוש: „קאָנ־

טיג.״ דאָס באַווייזט דאָך גאָר, אַז זיין שיף איז אונטערגעגאַנגען לעבן אַ קאָנטינענט, נישט אויף קיין אינדזלען!

אַזוי האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה און נישט גע־קענט קומען צו קיין באַשטימטן אויספיר.

דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, וועלכער האָט שוין כּסדר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון פּראָפעסאָר, האָט דאָס באַמערקט און אויסגערופן:

וואָס האָט איר אייך אָוועקגעזעצט, הער פּראָפעסאָר, אין אַ ווינקל אָפּגעזונדערט און ברומט, קומט בעסער אַהער און דער־ציילט אונדז עפּעס פון ניי־זעלאַנד, וועלן מיר זיך אַ ביסל די צייט פאַרטרייבן.

— קומט טאַקע אַהער, הער פּראָפעסאָר, מאַכט אונדז אַ ביסל קלאָר אין דער געשיכטע פון ניי־זעלאַנד — האָט די ליידי העלענאַ אויסגערופן.

דער פּראָפעסאָר האָט נישט געוואַרט, מען זאָל אים בעטן דאָס צווייטע מאָל. ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, וווּ אַלע זע־נען געזעסן און אָנגעהויבן צו האַלטן זיין לעקציע:

— אין דער מיט פון 17־טן יאָרהונדערט האָט דער האָלענ־דישער קאַפּיטאַן מיטן נאָמען טאַסמאַן אַנטדעקט אַן אינדזל, וואָס מ׳האָט עס דערנאָך אָנגערופן אויף זיין נאָמען „טאַסמאַניע״. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, דאָס איז געווען אין יאָר 1642, אין חודש דעצעמבער, איז ער צוגעקומען צו עטלעכע גרויסע אומבאַקאַנטע אינדזלען, וועלכע זענען היינט באַקאַנט אונטערן נאָמען ניי־זע־לאַנד.

ער האָט אַראָפּגעשיקט עטלעכע פון זיינע מאַטראָסן, וועלכע זענען אין קורצן צוריקגעקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ גאַנ־צער מחנה ווילדע. דאָס זענען געווען קורץ־געוויקסיקע מענער מיט אַ טונקל־געלער הויט־פאַרב, לאַנגע האָר, מיט אַ ווייסער פע־

דער פאַרשטעקט און גערעדט האָבן זיי אויף אַן אומפאַרשטענדי־לעכער שפּראַך.

דאָס ערשטע צוזאַמענקומען זיך צווישן די ווילדע מיט די אייראָפּעער איז פאָרגעקומען אויף אַ פריידלעכן אופן. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק מכבד געווען מיט פאַרשידענע מתנות.

אויפן צווייטן טאָג זענען די מאַטראָסן ווידער אראָפּגעגאַנ־גען פון דער שיף, אָבער דאָס מאָל זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון די ווילדע. עטלעכע זענען געהרגעט געוואָרן און פאַר די אויגן פון קאַפּיטאַן טאַסמאַן באַלד אויפגעפרעסן געוואָרן, עטלעכע האָבן זיך געראַטעוועט מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין ים און צוגעשווומען צו דער שיף.

פון דער שיף האָט מען געגעבן עטלעכע שאָסן צו די וויל־דע, וועלכע זענען זיך כּהרף עין צעלאָפן.

דער קאַפּיטאַן טאַסמאַן האָט שוין מורא געהאַט אַראָפּצוגיין אויף דעם ברעג און איז אָפּגעשוווּמען צוריק אַהיים קיין האָלאַנד מיט דער איבערצייגונג, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נייעם וועלט־טייל. עס איז אים לחלוטין נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס זענען נאָר אינדזלען.

אַזוי זענען פאַרביי העכער הונדערט יאָר, קיינער איז צו די אינדזלען מער נישט צוגעפאָרן.

אינדערמיט פון 18־טן יאָרהונדערט איז אַ פראַנצויזישע שיף צוגעקומען צו די דאָזיקע אינדזלען. דער קאַפּיטאַן סורוויל איז פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן פון די ווילדע, צומאָרגנס איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו דעם הויפּטמאַן זייערן. אַליין האָט ער גראָד נישט געקענט גיין, האָט ער געשיקט זיין ערשטן אָפיציר מיט עטלעכע מאַטראָסן. עס זענען פאַרביי עטלעכע שעה און זיי זענען אַלץ נישט צוריקגעקומען, איז דער קאַפּיטאַן זייער אומרויק

געוואָרן און געשיקט עטלעכע באַוואָפנטע מאַטראָסן צו די ווילדע אין דאָרף אַריין געוויר ווערן, וואָס עס הערט זיך.

אַריינקומענדיק אין דאָרף, האָבן זיי עס געטראָפן אין גאַנצן אויסגעליידיקט. קיין איין ווילדער איז נישט געווען, נאָר אין דער שטוב, וווּ עס האָט געוווינט דער הויפּטמאַן פון די ווילדע, האָבן זיי געפונען די פאַרבלוטיקטע מלבושים פון דעם אָפיציר מיט די מאַטראָסן מיט אַרומגעגריזשעטע ביינער.

דאָס דאָרף דאָט דער קאַפּיטאַן אונטערגעצונדן און געהייסן שיסן אין גאַנצן וואַלד אַריין. ווען די שיף האָט זיך שוין אָפּגע־גליטשט פונ׳ם ברעג, זענען אַ מחנה ווילדע אַרויס אויף אַ הויך בערגל און געשריגן אויף זייער לשון, אַז זיי האָבן אויפגעגעסן דעם אָפי־ציר מיט די מאַטראָסן.

באַ די ווילדע גלייבט מען, אַז אויב מען עסט אויף אַן אָפיציר, און אים האָבן זיי דערקענט לויט די שיינע קליידער און עפּאָלעטן, ווערט מען אַליין אויך אַן אָפיציר.

מען דערציילט טאַקע אַ מעשה, אַז ס׳איז אַמאָל געפאָרן אַ פראַנצויזישער קאַפּיטאַן, אַ באַוווּסטער רייזנדער. מיט אים איז מיט־געפאָרן אַ גראַף. קומענדיק אויף דידאָזיקע אינדזלען, זענען זיי אין פולער באַוואָפנונג אַראָפּגעגאַנגען מאַכן אַ באַזוך צווישן די ווילדע. מ׳האָט זיי זייער פיין אויפגענומען און ווען דער הויפּטמאַן פון דעם ווילדן שבט איז געוויר געוואָרן וועגן גראַף, אַז דאָס איז אַ גרויסער טיטול, האָט ער געזוכט פאַרשידענע תחבולותן, ווי אַזוי צו בלייבן מיט דעם גראַף אַליין. ער האָט אים צוגעזאָגט דאָס ווייב מיט די טעכטער אוועקצוגעבן, אַבי ער זאָל נאָר מיטגיין מיט אים.

מען האָט געקענט באַמערקן, ווי באַ דעם ווילדן הויפּטמאַן גליען די אויגן פון באַגערן, אָבער מ׳האָט זיי שוין גוט גע־

קענט און אָן קיין געווער איז קיינער פון דער שיף נישט אַראָפּ־
געגאַנגען.

דער פּראָפעסאָר האָט נאָך דערציילט פאַרשידענע געשיכט־
לעכע עפּיזאָדן וועגן נייזעלאַנד:

אַ קאַפּיטאַן, וועלכער איז אַמאָל, אָנקומענדיק צו די אינדז־
לען נייזעלאַנד, אַראָפּגעגאַנגען מיט עטלעכע באַוואָפנטע מאַטראָסן,
האָט געכאַפּט צוויי ווילדע און אַרויפגעבראַכט זיי אויף דער שיף.
מ'האָט זיי ספּעציעל געהאַלטן עטלעכע טעג, געגעבן זיי אָנצוטאָן
און מתנות, נאָכדעם צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער יבשה. מען
האָט געהאָפט, אַז זיי וועלן די אַלע גוטע זאַכן, וואָס די אייראָ־
פּעער האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן, דערציילן צווישן זייער שבט און
עס וועט אויף זיי ווירקן לטובת די ווייסע. האָט זיך גאָר אַרויס־
געוויזן פּונקט פאַרקערט; אין אַ פּאָר טאָג אַרום זענען אַ מחנה
ווילדע באַפאַלן די שיף און געוואָלט זי באַרויבן, אויסהרגענען
די מאַטראָסן און זיי אויפפרעסן. מ'האָט צו זיי אָנגעהויבן צו
שיסן, זענען זיי זיך ערשט פונאַנדערגעלאָפן.

אָט אַזוי איז פאַרביי דער טאָג אין דערציילן די אינטערע־
סאַנטע געשיכטעס. דער פּראָפעסאָר אַליין אין געוואָרן אויפגע־
הייטערטער און מ'האָט אויף אים נישט אַזוי דערקענט שוין די
פריערדיקע פאַרטראַכטקייט.

עס האָט נאָך אַלץ אַזוי גערעגנט. ס'איז געוואָרן שפּעט און
דער עולם איז איינגעשלאָפן, אַזוי ווי זיי זענען געזעסן, אויף
זייערע ערטער.

III.

פאַרשוווּנדן דער קאַפּיטאַן.

צומאָרגנס, ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט און דער קאַפּי־טאַן פּאַראַגוט איז אַרויסגעגאַנגען אויפן דעק, האָט ער באַמערקט, אַז דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט. אויף זיין רופן זענען אַלע רייזנדע אַרויפגעקומען אויפן דעק און באַזעצט זיך אין אַ ווינקל.

דעם קאַפּיטאַן פון מאַקאַריאַ האָט מען גאָרנישט געזען, ער איז אוודאי געלעגן באַ זיך אין קאַיוטע און געשיכורט. די מאַט־ראָסן זענען אויך געלעגן פונאַנדערגעלייגט איבערן דעק און גאָר־נישט געטון. די מאַקאַריאַ איז באמת געגאַנגען, ווי אַ שיף אָן אַ רודער.

פאַראַגוט האָט מורא געקריגן, אַז די שיף זאָל נישט אַמאָל אַרויף אויף קיין שטיינער, מיט וואָס דער ים אַרום זעלאַנד איז זייער רייך. און ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט מילרעדן מיט ווילסאָנען, אַז זיי זאָלן זיין גרייט אויף זיין באַפעל איבערצונע־מען די מאַכט אויף דער שיף אין פאַל ווען עס וועט נויטיק זיין.

ענדלעך נאָך עטלעכע טעג פון אַזאַ מין רייזע, האָט דער קאַפּיטאַן פאַראַגוט מער נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעזוכט דעם דעם בייזן קאַפּיטאַן פון דער מאַקאַריאַ און אים אויפגעוויזן די שלעכטע פירונג פון דער שיף. יענער האָט אים אָנגעזידלט ווי

פיל עס איז נאָר אַריין און באַפוילן זיך נישט צו מישן אין זייגע געשעפטן.

— עס וועט גאָרנישט העלפן, פּאַראַגוט, — האָט דער מאַ־יאָר זיך אָנגערופן — איר וועט מוזן נעמען די שיף אין אייער האַנט אַריין, דערדאָזיקער פרא אדם קען אונדז נאָך פאַרפירן כ׳ווייס דאָרט ווו.

— די צרה איז אָבער, וואָס דער וועג קיין זעלאַנד איז מיר פולשטענדיק אומבאַקאַנט, איך בין נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן. און קיין ים־קאַרטע, זע איך, פאַרמאָגט ער גאָרנישט, אונדזער קאַפּיטאַן.

— וואָס טוען מיר טאַקע, ווען די מאַקאַריאַ וועט אַזוי אַרויפפאָרן אויף אַ זאַמד און בלייבן שטיין נישט אַהין, נישט אַהער ? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט.

— וועלן מיר נעמען די רעטונגס־שיפלעך און צופאָרן צו אַ ברעג — האָט פּאַראַגוט געענטפערט.

— און צי ווייסט איר, קאַפּיטאַן, אַז מיר קענען אַמאָל צו־פאָרן צו אַ ברעג, און אַריינפאַלן צווישן מענטשן־פרעסער ? דאָ געפינט זיך דער באַוווּסטער ווילדער שבט מאַאָרי, וועלכער האָט נישט פיינט קיין מענטשן־פלייש — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגע־רופן.

— עס קען זיך נאָך אַמאָל אַזאַ איינעם פאַרגלוסטן צו ווערן אַ פּראָפעסאָר — איז אים דער מאַיאָר אַריינגעפאַלן אין די רייד אַריין.

— איז שוין גלייכער אַ מאַיאָר — האָט דער פּראָפעסאָר אַ שמייכל געטון. — איך וואָלט הונדערט מאָל מער געפאָרן איי־נער אַליין אין די וועלדער פון אויסטראַליען, ווי מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע איבער די וועלדער פון ניי־זעלאַנד.

און ער האָט בײַ דער געלעגנהייט ווידער גענומען דער־

ציילן געשיכטעס וועגן דיווילדע מענטשן־פרעסער, אַז די האָר האָבן זיך קאַפּויערגעשטעלט זיי אויסהערנדיק.

— גוט וואָלט כאָטש געווען, ווען דער שטורמווינט פאַר־וואַרפט אונדז צו אַ געגנט, ווו עס זענען באַזעצט מיט קאַלאָניסטן, וואָס טוט מען אָבער, ווען מיר ווערן פאַרוואָרפן אויף דרום־זייט פון נייזעלאַנד, דאָרט איז נאָך קיין פוס פון קיין אייראָפּעער נישט געווען — האָט דער פּראָפעסאָר פאַרענדיקט זיינע גע־שיכטן.

דערווייל האָט זיך די מאַקאַריאַ געוויגט איבער די כוואַ־ליעס פון שטורמישן ים שוין באַלד אַ גאַנצע וואָך און קיין סימן פון יבשה האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען.

ס'האָט ווייטער אָנגעהויבן צו רעגענען, דאָס וועטער איז געווען אַזוי מיאוס. אַלע זענען אַראָפּגעגאַנגען אין קיך אַריין און זיך צוזאַמענגעטוליעטערהייט אַריינגעזעצט אין אַ ווינקל.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט נישט געקענט איינרוען קיין מי־נוט, ער איז אַלע מאָל אַרויפגעלאָפן אויפן דעק קוקן. צי מען זעט שוין יבשה, אָבער דערווייל איז קיין שום סימן פון לאַנד נישט געווען צו זען.

קאַפּיטאַן פאַראַגוט איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן, ער איז אויך כסדר אויפן דעק געזעסן און געקוקט אין דער פאַר־נעפּלטער ווייטקייט. די לאָרנעטעס האָבן זיי פאַרלוירן באַם אי־בערגיין דעם סנאָאיי ריווער און האָבן נישט געהאַט, מיט וואָס צו קוקן.

אָבער אי גאָר דערשטוינט זענען זיי געוואָרן, ווען זיי זע־נען שוין דעם אַכטן טאָג אויף דער שיף געפאָרן און אַלץ צו קיין סוף נישט צוגעקומען.

— איר ווייסט, לאָרד, מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב

נעכטן געזען דעם לייכט־טורם פון אָקלענד — האָט פּאַראַגוט זיך אָנגערופן.

— כ׳וועל זאָגן דעם ריינעם אמת, אַז עס גייט מיר גאָר־נישט אַזוי שטאַרק אין לעבן שוין צוצוקומען צו אַ יבשה — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געענטפערט — איך זוך גאָר אויפן ים עפּעס אַנדערש, אפשר וועל איך ערגעץ דעם „דונקאַן“ דערבליקן. עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז מיין שיף געפינט זיך נישט ווייט פון־דאַנען.

— איך בין גאָר אין דער מיינונג, אַז ס׳וואָלט גאָר פאַר אונדז קיין טובה נישט געווען צו באַגעגענען איצט דעם „דונקאַן“. מיר זענען צו שוואַך זיך צו גיין פאַרמעסטן מיט אייערטאָנס באַנ־דע — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן — פאַר אַ פּאָר איינציקע פונט שטערלינג גיט אונדז דער קאַפּיטאַן פון דער מאַקאַריאַ אַרויס איי־ערטאָנען. און יענעם וואָלט זיך עס געלוינט — ער וואָלט פּטור געוואָרן פון די איינציקע באַלעבאַטים, וואָס ווערן זוכן דעם דונ־קאַן.

— איר זענט פולקאָם גערעכט, פּאַראַגוט, — האָט דער לאָרד אויסגערופן — אַך, ווי מיר גלוסט זיך שוין טיילמאָל צו זיצן אינ־דערהיים באַ זיך אין שלאָס און בלויז דערינערן זיך אָן די היינטי־קע איבערלעבונגען. נישט גענוג מיר זענען אַזוי פיל אויסגעשטאַ־נען אין דרום־אַמעריקע און אויסטראַליען, מיט דעם „דונקאַן“ אויפן ים, נאַדיר אַ פרישע געשיכטע מיט אַזאַ אומגעלומפּערטע שיף, וואָס קען אונדז אַ ליאַדע רגע צעשמעטערן אָן אַ שטיין, אָדער אויף אַ זאַמד אַרויפוואַרפן.

— זייט זיכער, לאָרד, — האָט פּאַראַגוט געענטפערט — אַז איך גיב גוט אַכטונג אויפן דעם שיכורן קאַפּיטאַן, ווען איך וועל זען, אַז עס האַלט מיט אים שלעכט, די שיף גייט נישט אין דער ריכטונג, וואָס מיר דאַרפן, נעם איך מיט געוואַלט איבער די קאַ־

מאַנדאָ אויף דער שיף. און איך וועל זי שוין פירן, וווּהין מען דאַרף.

זיי האָבן נאָך אַזוי געֶרעדט צווישן זיך אַ קורצע צייט, און זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען אונטן צו די איבעריקע חברים. עס האָט אָנגעהויבן גוט צו רעגענען. דער הימל איז שוואַרץ געוואָרן, ווי טינט, המרים וואָלקנס האָבן זיך אויף אים אָנגעקליבן. עס האָט אויסגעזען, אַז אָט, אָט פּלאַצן זיי און פאַרגיסן די גאַנצע שיף.

דער ים האָט מתחילת אָנגעהויבן צו ברומען, פּונקט ווי אַן אויפגערייצטע חיה שטיל, פאַר זיך, מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן וואַרפן און רייסן, וואָיען און היילן, אַז ס׳האָט אויסגעדאַכט, טויזנטער הענט האָבן זיך פון די קייטן אָפּגעריסן און ווילן די שיף צערייסן. די מאַקאַריאַ איז אונטערגעשפּרונגען דאָ אויף איין זייט, דאָ אויף דער צווייטער, פּונקט ווי אַ פּילקע.

דערדאָזיקער שטורם האָט אַפילו אויך געצווונגען דעם שטענדיקן שיכּורן און בייזן קאַפּיטאַן פון זיין קאַיוטע אַרויסצוגיין און עפּעס צו טון.

ער האָט אָנגעהויבן צו שעלטן און זידלען זיינע מאַטראָסן אויף וואָס די וועלט שטייט. ווען ער האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעזידלט מיט די מאַטראָסן, האָט ער אָנגעהויבן זיי צו געבן זיינע באַפעלן.

קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָט איינגעזען, אַז ער פאַרשטייט זיך בישטקשהה אויף זיין פאַך, ווייל אַלע זיינע באַפעלן זענען געווען אויפן אָרט.

דער שטורם איז וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן, די כוואַליעס האָבן שוין אַרויפגעשלאָגן אויפן דעק אַרויף און געוואָרפן די שיף אויף אַלע זייטן. ס׳איז געוואָרן פינסטער, די נאַכט איז צוגעפאַלן אַזאַ חושכדיקע, אַז מ׳האָט גאָרנישט געזען אַרום זיך. מען איז געפאָרן בלינד

דער קאַפּיטאַן פון דער מאַקאַריאַ האָט זיך פעסט גענומען צום רודער, אָבער די שיף האָט, מחמת איר אַלטקייט און צע־פוילטקייט, שוין גאָרנישט געוואָלט האָרכן. זי האָט געטאַנצט, ווי איר האָט זיך געגלוסט.

— ס'איז נישטאָ קיין סכּנה, פּאַראַגוט, — האָט זיך מיטאַ־מאָל לאָרד גלענאַרוואַן אַ פרעג געטון.

— כ'קען אייך גאָרנישט זאָגן, לאָרד גלענאַרוואַן, אויף אַ גוטער שיף וואָלט איך אייך מיט זיכערקייט געזאָגט, אַז ס'איז קיין סכּנה נישט פאַרהאַן, נאָר אויף דער שיף וועל איך אייך גאָר־נישט זאָגן.

דערווייל האָט זיך דער שטאַרקער ים געאַמפּערט מיט דער שוואַכער שיף, יעדעס מאָל אַ גאָס אָפּ זי געטון מיט אַ כוואַליע, און אַלע קליינינקייטן, וואָס האָבן זיך אויף דער שיף בעפונען, אַראָפּגעשווענקט.

— אַ גליק, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט נאָך געדענקט אַלץ לעכער צו פאַרמאַכן — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן, — אַנישט, וואָלט שוין פון דער שיף לאַנג קיין זכר נישט געווען, ס'וואָלט אַריין וואַסער אין די עפענונגען, און די שיף וואָלט אונטערגע־גאַנגען.

דאָך איז פּאַראַגוט אויף קיין איין מאָמענט פון דעק נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט זיך צוגעהערט צום קלענסטן גערויש פון ים, צום קלענסטן ריר פון קאַפּיטאַן זיך צוגעקוקט, אַלץ האָט ער גע־האַלטן אויפן אויג.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ מין קאָכן, ווי אין אַ קעסל־גרוב און אַ שטאַרק רוישן.

— ווייזט אויס, מיר זענען נישט ווייט פון אַ ריף — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן צו איינעם פון זיינע מאַטראָסן.

— עס פילט זיך טאַקע, ווי די כוואַליעס שלאָגן זיך אָן עפּעס אָן — האָט ווילסאָן געענטפערט.

— דאָס זעט אויס סך הכּל צו זיין עטלעכע מייל פון אַ יבשה — האָט מילרעד זיך אָנגערופן.

פּאַראַגוט האָט גענומען דאָס שטיקל בליי, מיט וועלכן מען מעסט אויס די טיפעניש פון ים און עס אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין.

ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז די טיפקייט דערגרייכט קוים ביז צען פיס.

ער איז צוגעלאָפן צום קאַפּיטאַן פון דער מאַקאַריאַ און צו אים אויסגעשריגן בישט מיט זיין קול:

— קאַפּיטאַן, מיר פאָרן דאָך אַרויף אויף די ריפן, אָט ווי נאָענט מיר זענען שוין, צען פיס האַלט דאָ די טיף פון ים!

יענער האָט אים גאָרנישט געענטפערט, מיט קיין בליק אפילו נישט באַשאָנקען.

דאַמאָלס איז פּאַראַגוט אויסער זיך אַ לויף־צו געטון צום רודער און אַליין אָנגעהויבן אָפּצוקירעווען די שיף פון די ריפן אין פולן ים אַריין.

דער שיכּורער קאַפּיטאַן האָט איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסן פעלער, אַז ער האָט געקענט די שיף צעשמעטערן, האָט ער געשוויגן און גאָרנישט גערעדט.

ער איז נאָר געווען איבערראַשט פון דעם פּאַסאַזשירס דרייסטקייט און אַנטשלאָסנקייט און ער האָט זיך נישט קנאַפּ גע־חידושט.

סך הכּל האָט די שיף לויט דעם ביין קאַפּיטאַנס אויס־רעכנונג געדאַרפט זיין נאָך באַ פערציק מייל פון אָקלענד און אינ־דעראמתן איז זי שוין געווען אויף אַ מרחק פון פיר־פינף מייל.

צוליב דער פינסטערניש איז די שיף אַראָפּ פון וועג און ער האָט זיך שוין נישט געקענט קיין עצה געבן.

פּאַראַגוט ווידער האָט געהאַט בדעה אַריינצולאָזן זיך טיפער אין ים, כדי צוצוואַרטן דאָרט, ביז עס וועט ווערן ליכטיק, דאַן וועט מען אפשר פונדערווייטנס דערזען אַ שיף, וואָס וואָלט געקענט אַרויספירן די מאַקאַריאַ אויף אַ ריכטיקן וועג.

אָבער דאָ איז געשען פּלוצלינג אַן אומדערוואַרטעטע זאַך פאַר פּאַראַגוטן אַליין: אַזוי ווי ער האָט אויסגעקירעוועט די שיף אין דער זייט אויפן פולן ים אַרויס, האָט ער דערזען פאַר זיך אַן אומגעהייערן שוים-באַרג. ער האָט געפּרוווט אויסדרייען די שיף אין אַן אַנדערע ריכטונג, האָט ער ווידער אַזאַ באַרג מיט שוים דערזען. דאָ האָט ער ערשט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַריין אין אַ פאַרצוימונג פון ריפן פון אַלע זייטן און ס'איז נישטאָ קיין שום עצה.

דאַמאָלס האָט ער זיך באַשלאָסן אויף אַ ריזיקאַלישן שריט, און געמליך: ער האָט אַ לאָז געטון די שיף פאָרויס, אויפּצייענ-דיק פריער די זעגלען. ער האָט געהאָפט, אַז דער ווינט וועט די שיף אַ טראָג אַריבער טון איבער די ריפן. אָבער זיין האָפנונג איז נישט מקוים געוואָרן.

באַלד ווי פּאַראַגוט מיט זיינע צוויי מאַטראָסן האָבן זיך אַ נעם געטון צום רודער, האָט דער ווינט אַ הויב געטון די שיף אין זי אַ שליידער אַרויף געטון אויף איינעם פון די ריפן און זי איז געבליבן שטיין, ווי צוגעשמידט — נישט אַהין, נישט אַהער.

פון דעם האַסטיקן קלאַפּ זענען אַלע לאָמפן אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן, די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף און אַרויס אויפן דעק.

פּאַראַגוט האָט זיי באַרויקט, אַז לעת עתה איז זיך נאָך

בישטאָ וואָס צו שרעקן. די מאַקאַריאַ קען זיך דערוויילּ קיין ריר ניט טון פֿון אָרט.

לאָרד גלענאַרוואָן איז צוגעגאַנגען און פּאַרטרוילעך געבעטן, אַז ער זאָל אים דערציילן דעם גאַנצן אמת, ווי די לאַגע זעט אויס.

— לעת עתה שטייט די מאַקאַריאַ און זי זאָל אונטערגייז איז בישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ס'קען זי בלויז אַ כוואַליע פֿאַרגיסן, אויב, פֿאַרשטייט זיך, דער שטורם זאָל זיך פֿאַרגרעסערן. דערוויילּ טראַכט גאָרנישט און זייט מיט פֿולסטער האָפֿנונג.

— ווי דאַכט זיך אייך, פֿאַראַגוט, וועט די שיף כאָטש אויסהאַלטן ביז עס וועט ווערן טאָג? — האָט ווידער לאָרד גלענאַרוואָן געפֿרעגט.

— איך מיין, אַז זי איז מחויב אויסצוהאַלטן — האָט ער געענטפֿערט.

- אפשר זאָל מען אַראָפּלאָזן דאָס רעטונגס־שיפֿל? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אַלץ נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

— איצט איז אוממעגלעך, דער ים איז זייער שטורמיש און עס איז פֿינסטער. פֿאַרפֿאַלן, מיר וועלן מוזן שוין צוּוואַרטן ביז עס וועט אָנהייבן טאָגן.

אַ געדריקטע שטימונג האָט אַלע פּאַסאַזשירן אַרומגענומען. זיי זענען געזעסן אונטן אין דער קיך איינגעטוליעט איינער אין אַנדערן. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זיי האָבן זיך נאָר צוגעהערט, ווי דער ים רוישט און שטורמט און דאָס וואַסער פּאַטשט אין די פֿינסטערע שייבעלעך אַריין. אַן אימה איז אויף זיי אָנגעפֿאַלן, זיי האָבן געפֿילט, אַז דאָס מוז שוין זיין זייער לעצטע רייזע. דערוויילּ איז לאָרד גלענאַרוואָן אַראָפּגעקומען צו זיי אין דער קיך אַריין. אַלעמענס אויגן האָבן זיך פֿול מיט פּחד

צו אים אַ װוּנדער געטון און שטומערהייט געפּרעגט, וואָס עס הערט זיך.

ער האָט גאָרנישט גערעדט, אַ שווערן זיפץ געטון, אויך זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און באַלד איינגעדרימלט. דעם זעלבן ביישפּיל האָבן תּיכף אַלע נאָכגעטון און זיי זענען אַלע פאַר גרויס צרות איינגעשלאָפן.

אויפן דעק איז ווי אַ משוגענער אַרומגעלאָפן דער קאַפּיטאַן פון דער מאַקאַריאַ און געריסן זיך די האָר פון קאָפּ און גע־שריגן, געיאָמערט, אַז ער איז פאַרלוירן מיט זיין גאַנצער סחורה, די שיף גייט אים אונטער. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך די מאַטראָסן אַרויפגעקאָלערט אַ פעסעלע שפּירט פון קעלער און גע־נומען איבערדרייען איין כּוסה נאָך דער אַנדערער.

עס איז פשוט געוואָרן אַ געפּאַר, אַז די חברה זאָל זיך נישט אָנשיכּורן און נישט אָנהייבן מאַכן קיין סקאַנדאַלן, טשעפּען זיך צו די פרויען.

פּאַראַגווט האָט וועגן דעם אויפמערקזאַם געמאַכט דעם קאַ־פּיטאַן, אָבער יענער האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען און וויינען.

פּאַראַגווט האָט דאַן געגעבן אַ באַפעל צו זיינע צוויי מאַט־ראָסן, געהייסן אויך אַרויסרופן דעם מאַיאָר, אַז זיי זאָלן זיך נע־מען צום געווער און זיין גרייט.

די מאַטראָסן פון דער מאַקאַריאַ האָבן שוין טאַקע גע־פּרוווט אָנהייבן באַווייזן זייערע ווילדע קונצן, אָבער דער מאַיאָר האָט גענומען צילן אויף זיי מיט זיין ביקס, זענען זיי זיך צע־לאָפן אין זייערע קאַיוטעס אַריין, און מען האָט זיי שוין מער נישט געזען.

פון דער מינוט אָן איז פּאַראַגווט געוואָרן דער פּאַקטישער

באַלעבאָס פון דער שיף. ער האָט זי באַטראַכט פון אַלע זייטן, צי זי איז נישט ערגעץ באַשעדיקט.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט געהאַלטן וואַך בײַ דעם אײַנגאַנג צו די דאַמען.

דער ווינט האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו בלאָזן, די שיף האָט זיך געוואָרפן אויף איין אָרט, אָבער זי איז פעסט געשטאַנען און נישט אַוועקגערירט זיך.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און דער גאַנצער חלל צווישן הימל און וואַסער איז נאָך אין אַ בלוילעכן נעפּל געווען אײַנגעהילט, האָבן זיך שוין ביסלעכווײַז גענומען אַרויסצייכענען די שפּיציקע שוואַרצע ריפן. ס'איז געוואָרן בלויער און בלויער, דער נעפּל האָט אָנגעהויבן צו צעשווימען און ווי מיטן רויך אַוועק. דער טאָג האָט זיך וואָס אַמאָל מער אין דער טונקלקייט אַרײַנגע־ריסן ביז עס איז פולשטענדיק העל געוואָרן. דאַמאָלס האָט מען געקענט דערבליקן, ווי אויף עטלעכע מייל ווייט ציט זיך אַ געלער פּאַס יבשה — דאָס איז געווען נײַזעלאַנד.

אַלע זענען אַרויפגעקומען אויפן דעק און מיט פרייד זיך צוגעקוקט צו דער ערד, וואָס ליגט פונדערווײַטנס. כאָטש יענע יבשה האָט זיי זייער שטאַרק פרייען נישט געקענט, — דאָ האָבן זיי געהאַט דעם שטורמישן ים, דאָרט — אפשר די שרעקלעכע מענטשן־פרעסער, די מאַאָרי. אָבער דאָך האָט זיי דער געלער אָנ־בליק פון יבשה געטרייסט.

— ווו איז עפּעס דער קאַפּיטאַן פון דער מאַקאַריאַ? — האָט פּלוצלינג לאָרד גלענאַרוואַן אַ פרעג געטון. — ער וואָלט דאָך אונדז אוודאי געקענט זאָגן, ווו מיר געפינען זיך, אין וואָס פאַר אַ טייל פון נײַזעלאַנד, ער איז דאָך דאָ באַקאַנט מיט דער־דאָזיקער געגנט.

אָבער טראָץ אַלע זוכענישן, האָט מען דעם קאַפּיטאַן נישט געפונען.

— די מאַטראָסן זענען אויך נישטאָ! — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

— זיי מוזן אַלע ליגן שיכור אין זייערע קאַיוטעס — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן.

— מיר קענען זיי דאָ אַליין נישט איבערלאָזן — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן — מען דאַרף זיי אויפוועקן, בעמען דאָס רעטונגס־שיפל און צופאָרן צום ברעג.

מ׳האָט אַראָפּגעשיקט ווילסאָנען, ער זאָל זיי אויפוועקן, אָבער ווי דערשטוינט זענען אַלע געוואָרן, ווען ווילסאָן איז צוריק־געקומען מיט דער מעלדונג, אַז ער האָט אין ערגעץ קיינעם נישט געפונען.

— וואָס האָט דאָרט געקענט מיט זיי געשען? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן פאַרווונדערט געפרעגט.

— אפשר זענען זיי אין ים אַריינגעשפּרונגען? — האָט דער פּראָפעסאָר מכלומרשט ווי אין שפּאַס געפרעגט.

— אויף זיי איז אַלץ צו גלייבן, שיכור זענען זיי געווען! — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן, אָבער איינצייטיק האָט אים אַ שרעק און אומרו אַרומגעכאַפּט, דערהערנדיק די ידיעה, אַז זיי זענען נישטאָ אויף דער שיף.

קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט געגעבן אַ באַפעל מען זאָל, נישט קוקנדיק אויף זייער אָפּוועזנהייט, אַראָפּלאָזן דאָס רעטונגס־שיפל.

אָבער ווי פאַרשטיינערט זענען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען, אַז דאָס אָרט, וווּ דאָס שיפל דאַרף זיך געפינען, איז ליידיק.

— זיי זענען אַוועק און אונדז אַליין איבערגעלאָזט אויף גאָטס

באַראָט ! — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן. — דער קאַפּיטאַן איז פאַר-שוואונדן !

אַלע זענען געבליבן שטיין טויט דערשלאָגן.

IV.

אין אַ שרעקלעכער לאַגע.

— וואָס איז אייגנטלעך די זאָרגן ? — האָט לאָרד גלע-נאַרוואַן אויסגערופן — איך בין אפילו צופרידן, וואָס מען איז פון זיי פּטור געוואָרן. מיר האָבן דאָך אונדזער אייגענעם קאַפּיטאַן, אייגענע מאַטראָסן און מען וועט זיך אַן עצה געבן. קאַפּיטאַן פּאַ-ראַגוט, איר באַפעלט און מיר וועלן אַלץ אויספירן.

זיי האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט אַרום קאַפּיטאַן פּאַראַגוט און געוואַרט אויף אַן ענטפער, אָדער אויף אַ באַפעל.

דער קאַפּיטאַן איז אַרומגעגאַנגען איבערן דעק הין און צו-ריק פאַרטראַכט, געקלערט אַ פּלאַן, ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען. ער האָט זיך אומגעקוקט דורכן טעלעסקאָפּ איבער דעם גאַנצן ברעג. ענדלעך האָט ער זיין מיינונג אַרויסגעזאָגט :

— מיר האָבן צוויי ברירות, אָדער מיר זאָלן אַלע שווערע זאַכן פון דער שיף אין ים אַריינוואַרפן, כּדי די שיף זאָל ווערן אַביסל לייכטער און ווען עס וועט אָנקומען די צייט פון צופלוס, וועט זיך די שיף אויפהייבן און אַריבערשווימען די ריפן, אָדער מיר זאָלן פון דעם דעק פון דער מאַקאַריאַ אויסאַרבעטן אַ טראַטווע און מיר וועלן זיך לאָזן שווימען צום ברעג, עס איז דאָך נישט ווייט.

— מיין מיינונג איז, מיר זאָלן די שיף אויסליידיקן, צו־וואַרטן ביז דער ים וועט צורעמען און דאַן וועלן מיר אַרויס פון אונדזער קלעם — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן.

— ס'איז אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע זאַך — האָט דער פּראָ־פעסאָר אויסגערופן — קודם כּל וועלן מיר דאַך צוקומען צום ברעג מיט אַ שיף. אויב מיר וועלן נישט באַגעגענען קיין ציוויליזירטע מענטשן, קענען מיר דאַך ווייטער פאָרן. איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת — איך האָב נישט קיין גרויסן צוטרוי צו ניי־זעלאַנד און צו זיינע איינוווינער.

— איך בין פולשטענדיק מסכּים מיטן הער פּראָפעסאָר — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן — ווי עס זעט אויס, איז דער קאַפּיטאַן פון דער מאַקאַריאַ ווייט אַוועקגעקראָכן פון זיין ציל און מיר קע־קענען דאָ גאַנץ לייכט אַריינפאַלן אין אומגעוווּנשענע הענט אַריין.

— וואָס טוען מיר אָבער, אויב די מאַקאַריאַ איז צוליב דעם אָפּשלאָגן זיך אָן שטיין געלעכערט געוואָרן? — האָט ליידי הע־לענאַ געפרעגט — און ווען דער ים־צופלוס וועט אונדז אויפהייבן, וועט אינעווייניק אַריין וואַסער?

דאָס איז געווען אַ גאַנץ גערעכטע שאלה, אויף וועלכער מ'האָט זיך גוט געדאַרפט פאַרטראַכטן.

— וועלן מיר זען — האָט ענדלעך פּאַראַגוט אויסגערופן — אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין אַנדערע ברירה, וועלן מיר מוזן מאַכן אַ טראַטווע און אויף אַזאַ אויפן צושווימען צום ברעג.

דער קאַפּיטאַן מיט די צוויי מאַטראָסן זענען אַראָפּגעגאַנגען אונטן, וווּ די סחורות ליגן, זען צי די שיף איז געלעכערט, צי נישט. מ'האָט געאַרבעט העכער צוויי שעה, איידער מען האָט אָפּ־געוואָרפן אָן אַ זייט די אַלע באַלנס פעל, וואָס זענען דאָרט גע־

לעגן אויף אַ קופּע. ערשט דאַמאָלס האָט מען דערזען, אַז די שיף האָט ווירקלעך עטלעכע לעכער און, אַז אונטער דער פּעל איז שוין געהאַט אַריין געגנוג וואַסער.

מען האָט גענומען אויספּלומפּן דאָס וואַסער, וואָס האָט אָויך פאַרנומען אַ שטיק צייט. דער עולם האָט זיך אָנגעמאַטערט, זיי זענען נישט צוגעוווינט געווען צו אַזאַ שוואַרצער אַרבעט. דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט אַלעמען געהייסן עסן פרישטיק, אָפּרוען זיך אַ ביסל און דערנאָך מיט געמיינזאַמע כּוחות זיך צו נעמען צו דער אַרבעט.

נאָכן עסן האָט זיך דער גאַנצער מענער־עולם געשטעלט אונטער קאַפּיטאַן פּאַראַגוטס באַפעל.

קודם כּל האָט מען אויסגעשפּרייט די זעגלען.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אָפּוואַרפן אין ים אַריין די גאַנצע לאָדונג, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער שיף.

ענדיקנדיק די אַרבעט, האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צוצובינדן די שיף צו אַן אַנקער, וואָס מען האָט גע־דאַרפט ווייטער פון דער שיף פאַרוואַרפן, כּדי, אַז ווען דאָס וואַ־סער אין ים וועט צופליסן און אויפהייבן די שיף, זאָל מען זי קענען מיט דער הילף פון דעם אַנקער אַרויסשלעפּן אין ים אַריין.

— אָבער ווי אַזוי וועט מעגלעך זיין צו פאַרוואַרפן ווייט דעם אַנקער, אינדערצייט, וואָס מיר האָבן נישט קיין שום שיפל? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט.

— מיר וועלן זיך מיט דעם אַן עצה געבן — האָט קאַפּי־טאַן פּאַראַגוט געענטפערט — אויף דער שיף האָבן מיר ליידיקע פעסער, וועלן מיר זיי פאַרשפּינטעווען, דאַן וועלן זיי שווימען אויפן וואַסער. אויף די פעסער וועלן מיר אַרויפלייגן קלעצער, ברעטער, פעסט זיי צושלאָגן מיט טשוועקעס, האָבן מיר שוין אַן אויסגע־

צייכנטן פּאַראַם, אויף וועלכן מיר וועלן קענען אַוועקשלעפּן דעם אַנקער וווהין מען וועט דאַרפן.

לאַנג קלערן טאָר מען נישט, ווייל די צייט שטייט נישט, באַלד פאַלט צו די נאַכט, עס ווערט פינסטער און מיר וועלן דאַמאָלס גאָרנישט קענען טון — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט צוגעגעבן.

איטלעכער האָט זיך אַ נעם געטון צו דער אַרבעט. עס האָט זיך דערהערט אַ געקלאַפּעריי פון האַמערס, ווי אַ גאַנצער וואַרשטאַט פון סטאָלערס וואָלט געאַרבעט. און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען דידאָזיקע בריק, אָדער פּאַראַם אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין.

דאַן האָט דער פּראָפעסאָר אויפן באַפעל פון קאַפּיטאַן געמאַכט זיינע אויסמעסטונגען, כדי צו וויסן, וווּ מען געפינט זיך. ווען אויף דער שיף וואָלטן געווען די נויטיקע אינסטרומענטן, וואָלט דער קאַפּיטאַן אַליין אויך געקענט דאָס באַווייזן, אָבער יענער קאַפּיטאַן האָט די אַלע כלים נישט גענומען און נישט געקענט זיך אויף זיי.

עטלעכע אַזעלכע אינסטרומענטן האָט דער פּראָפעסאָר באַ זיך געפונען אין זיינע טיפע קעשענעס.

ער האָט אויסגערעכנט, אַז זיי געפינען זיך סך הכול פופצן מייל פון אָקלענד.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט זיך זייער דערפרייט. פופצן מייל איז דאָך זייער נאָענט, וועט מען דאָך אין אַ קורצער צייט באַוויזן אַהינצוקומען.

אָבער דער פּראָפעסאָר האָט אים דידאָזיקע קורצע פרייד באַלד צעשטערט:

— ווען מען זאָל פאָרן מיט אַ שיף, וואָלט ווירקלעך מער נישט געווען, ווי פופצן מייל, אָבער אונדז קען אויסקומען צו

ניין דורך וועלדער. אין פאַרשידענע מכשולים קענען אונדז אויפן וועג טרעפן, מעגן מיר רעכענען באַ הונדערט מייל.

— איז דאָך נישטאָ קיין אַנדערער פּלאַן, ווי נאָר צו פאָרן מיט דער מאַקאַריאַ קיין אָקלענד — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

און זיי האָבן ווידער אַזוי געאַרבעט ביז זעקס אין אָוונט. אַלע זענען שוין געווען מיד, צעבראָכן און הונגעריק. אַלבינעט האָט אָפּגעקאָכט אָוונט־עסן און אַלע האָבן זיך דערצו צוגעכאַפּט, ווי די הונגעריקע וועלף.

דעם קאַפּיטאַן פּאַראַגוט איז איינגעפאַלן נאָך אַ פּלאַן און געמלעך: ער האָט געהייסן אַלע שווערע זאַכן אַריבערטראָגן פון דער פאָרנדיקער טייל שיף אויף דער הינטערשטער, כדי עס זאָל אַזוי אַרום אַראָפּוועגן, וועט זיך די פאָדערשטע טייל אַרויסבאַקומען פון דעם זאַמד, אין וועלכן זי האָט זיך איינגעגראָבן.

ווען דער צופלוס פון ים איז צוגעקומען, האָט שוין קיינער קיין כוח נישט געהאַט עפּעס צו טון, האָט מען די גאַנצע אַרבעט געמוזט אָפּלייגן אויף מאָרגן אינדערפרי.

האָבן זיי געהאַט נאָך אַ פיין שטיקל אַרבעט ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

ווי באַקאַנט, קומט פאַר דער צופלוס און אָפּפלוס פון ים אַלע זעקס שעה, האָט מען, הייסט עס, געדאָרפן צוואַרטן אויף אַ נייעם ים־צופלוס גאַנצע 12 שעה.

דער עולם האָט זיך דערווייל געלייגט שלאָפן, כדי זיך אויסצורוען צו דער מאָרגנדיקער פרישער אַרבעט.

— היינט באַנאַכט איז שוין אוממעגלעך עפּעס אויפצוטון — האָט פּאַראַגוט געזאָגט צום לאָרד גלענאַרוואָן — אין אַזאַ פינסטערניש איז דאָך קיין אופן נישט צו אַרבעטן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט איינגעזען, אַז ער איז גערעכט און ער איז אַוועק שלאָפֿן.

די נאַכט איז פאַרביי רויק. פאַראָגוט איז די ערשטע פּאָר שעה געשטאַנען אויף דער וואַך.

ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָבן זיך אַלע אויפגע-הויבן, אַרומגעוואַשן זיך און דערפרישטע געזעצט זיך עסן דעם פרישטיק. נאָכן פרישטיק האָט זיך דער עולם אַביסל אָפּגערוט, אומגעקוקט זיך איבערן ים, אויף די געהיימניספולע ברעגעס זיך צוגעקוקט, אָבער קיין באַזונדערעס איז נישט געווען דאָרט צו זען. ערשט אַרום צוועלף אַ זייגער באַטאָג, ווען דער צופלוס פון ים איז אָנגעקומען, האָט מען זיך אַ שטעל געטון צו דער אַר-בעט.

צום גליק האָט אויך אָנגעהויבן בלאָזן אַ גינסטיקער ווינט, וואָס האָט פונאַנדערגעשפרייט די אויפגעצויגענע זעגלען און אַלע זענען זיכער געווען אין דערפאָלג און דאָך האָט די שיף זיך פון אָרט נישט גערירט.

דאַמאָלס זענען אַלע מיט אַמאָל צו צו דעם ראָד. און אָנ-געהויבן דרייען, כדי דער שטריק, וואָס איז בעווען צוגעבונדן צום אַנקער, זאָל זיך אַרום אים אַרומדרייען און אַזוי אַרום צוציען די שיף צום אַנקער — די שיף האָט זיך קיין באַוועג נישט געטון.

די אַרבעט איז געווען אומזיסט. זיי האָבן אַלע מיט פאַר-צווייפלונג דאָס רעדל פון דער האַנט אַרויסגעלאָזט.

V

אַ לעקציע וועגן מענטשן־פרעסער.

ווען קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט זיך איבערצייגט, אַז וועגן אַרויסשלעפּן די מאַקאַריאַ פון זאַמד קען שוין קיין רייד נישט זיין, האָט ער זיך באַשלאָסן אויפן צווייטן פּלאַן, דאָס הייסט, צו מאַכן אַ טראַטווע און אויף איר צו צושווימען צום ברעג.

ער האָט תיכף געגעבן אַ באַפעל — און וויפיל ליידיקע פעסער עס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף זענען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין וואַסער אַריין און עס האָט זיך אָנגעהויבן די זעל־בע מלאכה, וואָס אַ טאָג פריער.

איצט אָבער איז עס געטון געוואָרן אויף אַ גרעסערן מאָס־שטאַב, ווייל מ׳האָט גענדאַרפן האָבן פּלאַץ פאַר אַלע פּאַסאַזשירן, ווי אויך פאַרן פּראָוויאַנט, געווער און פאַרשידענע מכשירים.

אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט די אַרבעט, וואָרן קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז מיטן ים טאָר מען זיך נישט שפּילן, און אַז מען דאַרף די טראַטווע אָפּאַרבעטן אַזוי פעסט, אַז זי זאָל אויסהאַלטן אפילו גרעסערע כוואַליעס.

ווען ס׳איז געוואָרן שוין פינסטער, איז די טראַטווע געווען פולשטענדיק פאַרטיק. אַרויספאָרן אָבער באַנאַכט האָט זיך קיינער נישט געוואָלט איינשטעלן, דעריבער האָט פּאַראַגוט באַשלאָסן, אַז היינטיקע נאַכט זאָל מען זיך אויסרוען נאָך דערדאָזיקער שווערער אַרבעט. מען האָט אָפּגעגעסן אָוונטברויט און די דאַמען האָבן זיך

געלייגט שלאָפֿן. דאַקעגן די מענער, אפילו ראָבערט גראַנט אויך, זענען געבליבן אויפֿן דעק און נאָך געשמועסט צווישן זיך.

— צי איז נישט מעגלעך, קאַפּיטאַן פּאַראַגווט — האָט דער פּראָפֿעסאָר געפֿרעגט — אַז מיר זאָלן מיט דערדאָזיקער טראַטווע קענען צופֿאָרן ביז אָקלענד ?

— אויסגעשלאָסן ! — האָט פּאַראַגווט געענטפֿערט — אויף אַ טייך, ווו דער שטראָם פֿליסט אין איין זייט אַריין, איז לייכט צו פֿאָרן, אָבער אויפֿן ים איז אוממעגלעך ! אויף אַ שיפֿל, זעט איר, איז שוין עפּעס אַנדערש. אַ גאַנצן טאָג פֿאָרט מען, בײַנאַכט פֿאַראַנקערט מען און מען שטייט.

– פֿאַרוואָס זענען אָבער יענע מאַטראָסן מיטן קאַפּיטאַן פֿון דער מאַקאַריאַ בײַנאַכט אַראָפּ אויפֿן שיפֿל ? — האָט דער פּראָ־פֿעסאָר ווידער געשטעלט אַ פֿראַגע.

– קודם כּל זענען זיי געווען שיכּור, און אויף אַ שיכּורן זאָלט איר נישט פֿרעגן קיין שאלות, והשנית, גאַראַנטיר איך אייך נישט, צי זיי לעבן נאָך, איך בין פֿולשטענדיק זיכער, אַז זיי ליגן זיך רויק אונטערן ים, אָדער זיי זענען שוין פֿון אַ פֿיש אויפֿגע־פֿרעסן — האָט פּאַראַגווט מיט זיכערקייט גערעדט.

— ווען זיי אַנטלויפֿן נישט די לומפּן מיט דעם שיפֿל, וואָלטן מיר דאָך איצט געווען געפֿאָרן גלייך קיין אָקלענד — האָט דער פּראָפֿעסאָר טרויעריק געזאָגט.

— וואָס איז די נפֿקא מינה, — האָט דער מאַיאָר אויסגע־רופֿן, וועלן מיר מיט דער טראַטווע צופֿאָרן צום ברעג און פֿון דאָרטן וועלן מיר שוין צוגיין קיין אָקלענד.

— אָט אין דעם גייט מיר טאַקע ! — האָט דער פּראָפֿע־סאָר אויסגעשריגן — איך וואָלט עס זייער נישט געוואָלט און איך אַליין נישט געראָטן.

— וואָס איז מיט אייך געשען, הער פּראָפעסאָר, איך דער־קען דאָך אייך גאָרנישט! — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן — איר זענט דאָך גאָרנישט געווען אַזאַ בעל פּחדן. נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען אין דרום־אַמעריקע, אין אויסטראַליען, האָבן איך מיך נישט געריכט פון אייך צו הערן אַזעלכע רייד!

— אָט דאָ קענט איר טאַקע זען, אַז איך בין נישט קיין בעל פּחדן, אָבער איר קענט נאָך נישט נייזעלאַנד, דאָס איז אַ שרעקלעך לאַנד! — האָט דער פּראָפעסאָר ערנסט אויסגערופן. — איר קענט נישט דידאַרטיקע ווילדע. פאַרגלייכט זיי נישט צו די אויסטראַליער, נישט צו די פּאַטאַגאָניער, דאָס זענען מיאוסע מענטשן־פרעסער, בלוט־דורשטיקע חיות. דערצו זענען זיי אַ שטאַרק פאָלק, וואָס קעמפט ביזן הייַנטיקן טאָג נאָך מיט די ענגלענדער.

— אָבער, איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס מיר דאַרפן אַזוי מורא האָבן פאַר זיי — האָט לאָרד גלענאַרוואָן, וועלכער האָט ביז איצט געשוויגן זיך אָנגערופן — מיר זענען דאָך פאָרט באַוואָפנטע מענטשן און די ווילדע האָבן מורא פאַר אַ ביקס!

— נישט זיי! — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. — זיי האָבן פאַר דער רעגולערער ענגלישער אַרמיי אפילו נישט קיין מורא. און כאַפּן זיי עמעצן, מעג ער זיך שוין אָפּבעזעגענען אויף אייביק. ספּעציעל האָבן זיי ליב פלייש פון ווייסע מענטשן. — און ער האָט אָנגעהויבן ברייטער צו צעשפּרייטן זיך וועגן זייערע מנהגים און געוווינהייטן, ביז דער מאַיאָר האָט אים איבערגע־שלאָגן:

— עס איז נישט איצט די צייט פון הערן לעקציעס, באַ־האַלט דאָס בעסער פאַר אייערע סטודענטן אין פאַריזער אוני־ווערזיטעט — האָט ער בייז אויסגערופן.

— פאַרקערט, איך מיין, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט פון אַזאַ לעקציע, ווייל איר וועט אייך מיט אַזעלכע ברוּאים באַלד צוזאַמענטרעפן, מוזט איר זיי קענען, מיך גלוסט פאָרט נישט אויפגעפרעסן צו ווערן פון אַ גייזעלאַנדער.

— פאַרוואָס לערנט מען זיי נישט אויס, אַז זיי זאָלן קיין מענטשן נישט פרעסן — האָט דער קליינער ראָבערט נאַיִוו געפרעגט — מען דאַרף צו זיי שיקן מיסיאָנערן, וועלכע זאָלן צווישן זיי פריידיקן, אַז אַזאַ זאַך איז נישט דערלויבט.

— ביסט גאַנץ גערעכט, מיין קינד, — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט — נאָר שטעל דיר פאָר, אַז מ'האָט צו זיי שוין יאָ געשיקט מיסיאָנערן, זענען זיי דורך די ווילדע אויפגעפרעסן געוואָרן. ס'וועט נאָך געדויערן זייער לאַנג ביז מען וועט זיי פון דעם אָפּגעוווינען. זיי עסן מענטשנפלייש, נישט נאָר ווען זיי זענען הונגעריק, נאָר אויך אפילו דאַן, ווען זיי זענען גאַנץ זאַט. דאָס איז בײַ זיי דאָס בעסטע מאכל.

— איך גלייב דאָס נישט! — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן, — אַז די ווילדע מאַאָרי זאָלן צוליב פאַרגעניגן וועגן עסן מענטשנפלייש, ס'קען זיין, ווען זיי זענען גוט הונגעריק, עסן זיי.

— וואָס דאַרף איך מיך מיט אייך שפּאַרן, לייענט די דערציילונגען פון די באַרימטע רייזנדע, וועט איר אייך איבערצייגן.

דאָ האָט דער פּראָפעסאָר גענומען אויסלייענען אַ צעטל פון פאַקטן און געשיכטעס פון רייזנדע, וואָס האָבן אַליין מיט זייערע אויגן געזען, ווי זיי עסן מענטשן-פלייש.

— מען דערציילט אפילו — האָט דער פּראָפעסאָר ווייטער געצויגן — ווי אַזוי זיי זענען געקומען צו מענטשן-פרעסעריי. עס איז אַמאָל בײַ זיי געווען אַ הונגער און גרויסע פרעסער זענען זיי,

האָבן זיי די טויטע מענטשן אויפגעפרעסן. זעענדיק, אַז דאָס פלייש איז זייער באַטעמט, האָבן זיי עס שוין נישט אויפגעהערט צו באַנוצן אין זייער טאָג־טעגלעכן געברויך. ס'איז בײַ זיי געוואָרן אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך.

— ווי אַזוי עסן זיי דאָס מענטשן־פלייש — האָט דער מאַיאָר אין שפּאַס געפרעגט — רויערהייט צי געקאָכט?

— קייגן וואָס פרעגט איר דאָס? — האָט אים דער פּראָפעסאָר פאַרווּנדערט אָנגעקוקט.

— ווייל כ'וואָלט זייער נישט געוואָלט מען זאָל מיך אויפעסן רויערהייט — האָט ער געענטפערט.

— וואָס איז אייך פאַר אַ נפקא מינה?

— וואָרן ווען זיי עסן דאָס פלייש רויערהייט, קענען זיי דאָך פון מיר לעבעדיקערהייט שניידן שטיקער — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

— האָט נישט קיין מורא, זיי זענען גרויסע מפונקים, אַנדערש, ווי געקאָכט אָדער געבראָטן עסן זיי נישט — האָט אים דער פּראָפעסאָר באַרויִקט.

— פון דעם אַלעם איז אַרויסצוזען — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגערופן — אַז מיר דאַרפן זיך זייער היטן אין זייערע הענט נישט אַרייַנצופאַלן. דאָך דאַכט זיך מיר, אַז זיי דאַרפן פאָרט שוין נישט אַזוי ווילד צו זיין, זיי קומען דאָך שטענדיק אין נאָענטער באַרירונג מיט די ענגלענדער. ווילנדיק־נישט־ווילנדיק מוזן זיי זיך אָפּלערנען!

דער פּראָפעסאָר האָט אַ שמייכל געטון מיט ביטול:

— דער ווילדער, וואָס פאַרזוכט איינמאָל אַ שטיקל מענטשפלייש, וועט זיך אַזוי שנעל נישט אָפּגעוויינען דערפון. איך קען אייך אפילו דערציילן אייניקע פאַקטן:

אַ געוויסער פּאָרטוגעזישער מיסיאָנער האָט אָפּגעלעבט אַ לאַנגע צייט צווישן די ווילדע מאַאָרי און געלערנט זיי, געהאַלטן פאַר זיי דרשות, אַזוי, אַז זיי האָבן פאַר אים דרך־ארץ געהאַט און געהאַלטן פון אים.

די ערשטע צייטן האָט ער זיי צוגעלאָקט צו זיך מיט פאַרשידענע מתּנות, אָבער דערנאָך זענען זיי שוין אַליין געקומען. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין מיט זיי פאַרטיק, לאָזט זיך גאָר אויס אַזאַ מעשה:

איינמאָל ווערט קראַנק אַ פרוי פון די ווילדע, האָט מען אים גערופן, ווייל זיי האָבן געגלייבט, אַז ער איז אַ גוטער דאָקטאָר אויך. ער האָט איר געגעבן פאַרשידענע רפואות און געדרשנט איר וועגן יענער וועלט, וועגן טויט, אָבער זי האָט אים איבערגעהאַקט:

— וואָס טויגן מיר די אַלע דרשות? דאָס אַלץ וועט מיר גאָרנישט העלפן, איר גיט מיר בעסער אַ געבראָטן הענטל פון אַ יונג קינד, אָדער אַ פיסל, וועל איך באַלד אינגאַנצן געזונט ווערן.

— נו, וואָס זאָגט איר צו אַזאַ געשיכטע? וועלן זיי אַזוי גיך זיך אָפּגעוויינען? — אויסגעשלאָסן! נישט איין יאָר הונדערט וועט נאָך אַדורכגיין — האָט דער פּראָפעסאָר פאַרענדיקט.

VI.

די רייזע אויף דער טראַטווע.

זיי האָבן נאָך אַ קורצע ווײַלע אַזוי איינגעטענהט, ביז ס׳איז געוואָרן שפּעט און זיי זענען זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן.

באַלד אינדערפרי האָט מען זיך גענומען מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען צו דער רייזע.

מען האָט אָנגעהויבן אַרויפלאָדן אויף דער טראַטווע אַלע דינג, וואָס מ׳האָט נאָר געדאַרפט. מעל האָט אויף דער שיף נישט געפעלט, עס איז געווען אַ גאַנצער טראַנספּאָרט סוכאַרעס און אַנדערע שפּייז. דאָס אַלץ איז געגאַנגען אויף דער טראַטווע אַרויף.

— פונקט צען אַ זייגער מוזן מיר אָנהייבן די רייזע — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגערופן — ווײַל דאַמאָלס הייבט זיך אָן דער צופלוס.

פּאַראַגוט האָט געגעבן אַ באַפעל מיטצונעמען אויך דעם אַנקער, ווײַל אָן דעם איז אַ סכנה צו לאָזן זיך אויף אַ ים. דער באַפעל איז באַלד אויסגעפירט געוואָרן.

פונקט צען אַ זייגער האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אַ פרעג געטון, צי אַלץ איז פאַרטיק.

— פאַרטיק! — האָבן די מאַטראָסן געענטפערט.

— אַלזאָ, אַראָפּלאָזן זיך אויף דער טראַטווע.

פריער האָט מען, פאַרשטייט זיך, אַראָפּגעלאָזן דורך אַ

שטריק די דאַמען, דערנאָך ערשט זענען די איבעריקע פון דער שיף אַראָפּגעגאַנגען.

די זעגל זענען געוואָרן אויפגעצויגן, אַ ווינטל איז געווען און די טראַטווע האָט אָנגעהויבן שווימען איבערן אָפענעם ים.

פאַראַגוט האָט נאָר מורא געהאַט, צי וועט ער באַווייזן צו־צוקומען צום ברעג נאָך איידער עס וועט זיך אָנהייבן דער אָפּ־פלוס, דאַן קען די טראַטווע צוריקגעשלעפּט ווערן אין ים אַריין. לויט זיין רעכנונג האָט מען אויף אַרום דריי אַ זייגער געדאַרפן צוקומען צום ברעג. אויב נישט, האָט ער געטראַכט, וועט מען מוזן פאַראַנקערן און צוּוואַרטן אויף דעם אַנדערן צו־פלוס.

די טראַטווע איז זיך רויק געשווומען. אַלע האָבן מיט באַ־וווּנדערונג געזען, ווי די שטיינער, וואָס האָבן פריער פון ים אַרויס־געשטאַרט, ווערן ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן, — מ׳האָט באַשײַנפּער־לעך געזען, ווי דאָס וואַסער קומט כסדר צו.

— אָט זעט מען נאָך איין שטיין — האָט ליידי העלענאַ אויפגערופן, אָנווייזנדיק אויף עפּעס אַ שוואַרצע זאַך פונדער־ווייטנס.

אַלע האָבן זיך אָבער שטאַרק אָנגעהויבן וווּנדערן, וואָס נישט קוקנדיק, וואָס די טראַטווע שווימט אַלץ נענטער צום ברעג, ווערט דער שוואַרצער שטיין גאָרנישט ווייטער, נאָר פאַר־קערט — ער דערנענטערט זיך גאָר.

מען האָט זיך בעסער גענומען צוקוקן.

— דאָס איז אַ שיפל ! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — אַן איבערגעקערט שיפל.

— אפשר איז עס אַמאָל פון דער מאַקאַריאַ ? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— עס קען גאַנץ מעגלעך זיין — האָט פאַראַגוט געענט־

בערט — די מאַטראָסן זענען געווען שיכור, האָט זיך דאָס שיפֿל איבערגעדרייט און זיי זענען דערטרונקען געוואָרן.

דערווייל האָבן די כוואַליעס דאָס שיפֿל נעענטער צוגע־טראָגן, אַזוי, אַז מיט אַ שטריק האָט מען עס געקענט אויפֿ־כאַפּן.

— ווי מיינט איר, קאַפּיטאַן, דאָס שיפֿל קען אונדז אַמאָל נישט צונוץ קומען? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן גע־פֿרעגט.

— אָן שום ספֿק! — האָט פּאַראַגוט אויסגערופֿן און באַ־פֿוילן עס אויפֿצוכאַפּן מיט אַ שטריק.

ווילסאָן האָט באַלד פֿאַרוואָרפֿן דערויף אַ שטריק און אין אַ מינוט אַרום איז דאָס שיפֿל געווען לעבן דער טראַטווע.

— עס טויג שוין צו גאָרנישט! — האָט פּאַראַגוט אויסגע־רופֿן — עס איז אינגאַנצן צענומען.

— אַ שאָד! — האָט דער פּראָפֿעסאָר באַדויערט — מיר וואָלטן אויף דעם געקענט צופֿאָרן קיין אָקלענד.

— פֿאַרפֿאַלן, פּראָפֿעסאָר, מיר מוזן, ווייזט אויס, שוין אויף אונדזער טראַטווע זיך אַזוי צושלעפּן צום ברעג — האָט פּאַראַ־גוט געזאָגט.

און ער האָט באַפֿוילן די מאַטראָסן, זיי זאָלן דאָס שיפֿל אַפּלאָזן און ווייטער רודערן צום ברעג.

דערווייל האָט דער ווינט אויפֿגעהערט. די זעגלען האָבן זיך איינגעקאָרטשעט און די טראַטווע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער קאַפּיטאַן האָט באַפֿוילן אָפּצולאָזן דעם אַנקער.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָ שוין נישט זייער טיף געווען, סך הכּול פֿינף פֿיס.

ס'איז פּשוט געווען אַ ווייטיק — אַט זעט מען דעם ברעג,

ווי אויף דער האַנט שוין, און דאָך קאָן מען צו אים נישט צו־קומען און מען מוז וואַרטן אויף דעם אַנדערן צופֿלוס.

— פֿאַרוואָס אייגנטלעך זענען מיר שטיין געבליבן ? — האָט לאַרד גלענאַרוואָן געפֿרעגט — אָט זעט מען דאָך בפּירוש, ווי די כוואַליעס לויפֿן צום ברעג ?

— דאָס איז טאַקע איינס פֿון די וווּנדערלעכסטע דערשיי־נונגען אויפֿן ים, וואָס נישט נאָר איך, נישט קיין ים־מענטש, נאָר אפֿילו אַלטע מאַטראָסן דאַכט זיך אויס אַזוי, און באמת שטייט דאָן דאָס וואַסער אויף איין אָרט. פּרוּווט, וואַרפֿט אַריין אַ שטיקל האָלץ, וועט איר צו אייער פֿאַרוווּנדערונג דערזען, אַז דאָס שטיקל האָלץ שטייט אויף אַן אָרט.

— מוזן מיר, הייסט עס, ווידער וואַרטן אַ טאָג ! — האָט לאַרד גלענאַרוואָן מיט אַ זיפֿץ אויסגערופֿן.

— וואָס זאָל מען טון, ווען ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה.

— עסן אָבער דאַרף מען ! — האָט דער מאַיאָר אויסגע־רופֿן — אָן דעם גייט עס נישט.

אַלבינעט האָט טאַקע באַלד אויפֿגעגעבן אַ טרוקן מיטאָג, צו קאָכן האָט ער נישט געהאַט ווו, אָבער מען איז פֿון דעם אויך צופֿרידן געווען. זיי האָבן אַלע געגעסן מיט' גרויס אַפּע־טיט.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן דער אָפּפֿלוס. דער שטראָם האָט מיט אַלע כּוחות צוריקגעצויגן די טראַטווע אין ים אַריין, אַזוי, אַז דער שטריק, צו וועלכן דער אַנקער איז געווען צוגע־געבונדן, האָט זיך אויסגעצויגן אַזוי שטייף, ווי נאָר צום פּלאַצן.

מען האָט געדאַרפֿן אַרבעטן מיט אַלע כּוחות, מען זאָל די טראַטווע קענען איינהאַלטן.

דערווייל איז די זון פאַרגאַנגען און אַ רויטלעכער שימער האָט זיך איבערן כוואַליעדיקן ים צעגאָסן און האָט שימע־רירט מיט כּלערליי פאַרבן. אַ שטילקייט איז צוזאַמען מיט דער נאַכט אויף דער וועלט אַראָפּגעקומען און אַלץ מיט זיך איינגע־הילט.

ס'איז געוואָרן גוט פינסטער. אַלע האָבן זיך צוזאַמענגע־טוליעט אויף דער טראַטווע און אַזוי איבערגעזעסן די נאַכט, ווער ס'האָט געכאַפּט זיצעדיקערהייט אַ דרימל, ווער נישט.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיי פּאַראַגוטס קאָמאַנדע אַלע געשטעלט אויף די פיס, און הגם זיי זענען אַלע געווען מיד און צעבראָכן, האָבן זיי זיך דאָך געמוזט נעמען צו דער אַרבעט, ווייל דער צופלוס האָט זיך אָנגעהויבן.

פּאַראַגוט האָט געגעבן אַ באַפעל אַרויפצוציען דעם אַנקער, אָבער טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען, האָט זיך דער אַנקער, וואָס האָט זיך געהאַט טיף איינגעגראָבן אין זאַמד, קיין ריר נישט גע־טון.

זעענדיק, אַז דאָ וועט גאָרנישט העלפן, וואָרן דעם אַנקער אַרויסצוציען האָט מען פשוט געדאַרפן אַ מאַשין, האָט פּאַראַגוט געהייסן דעם שטריק איבערשניידן.

איז מען שוין געבליבן אָן אַן אַנקער אויפן אָפענעם ים. אָבער ער איז באַ זיך זיכער געווען, אַז ער וועט אים מער נישט דאַרפן, ווייל דער ברעג איז שוין געווען גאַנץ נאָענט.

מען האָט אויסגעשפּרייט די זעגלען, אַ ווינטעלע האָט אַ צי געטון און די טראַטווע האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן.

אַרום צוועלף אַ זייגער האָט דער צופלוס אויפגעהערט, ס'איז נאָך סך הכּול געווען עטלעכע פיס פון ברעג. פלוצלינג האָט זיך די טראַטווע אָן עפּעס אָנגעשלאָגן און זי איז געבליבן שטיין.

ווילסאָן איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, ס׳איז שוין געווען נישט טיף, נאָך אים זענען די איבעריקע מענער אַריין אין וואַסער און מען האָט אָנגעהויבן אַלץ אַראָפּטראָגן פון דער טראַטווע אויפן ברעג אַרויף.

איידער מ׳האָט דעם גאַנצן באַגאַזש אַראָפּגענומען און דערנאָך די דאַמען, האָט געדויערט אַ היפּש שטיקל צייט.

— ענדלעך זענען מיר אין ניי־זעלאַנד! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

VII.

אַלעקציע וועגן ניי־זעלאַנד.

ווי נאָר מ׳איז אַראָפּ מיט אַלע פּעק און מענטשן פון דער טראַטווע, האָט שוין לאָרד גלענאַרוואַן געיאָגט מען זאָל ווייטער גיין. אָבער פּאַגאַנעל האָט אים איינגעהאַלטן, אָנווייזנדיק אויפן הימל, ווו עס האָבן זיך געצייכנט עטלעכע שוואַרצע וואָלקנס.

— מיר מוזן זיך לעת עתה זוכן אַ באַשיצונג, ווייל אינגיכן וועט זיך מאַכן אַ שטורם מיט אַ גאָס רעגן — האָט ער אויסגערופן.

ווילסאָן איז אַוועקגעלאָפן זוכן אַ באַקוועם אָרט, ווו זיך צו באַהאַלטן.

דערווייל האָט דער עולם זיך אומגעקוקט, ווו זיי געפינען זיך אין דער וועלט.

אַרום האָבן זיך געזען בלויז שטיינער באַוואַקסן מיט דערנער, בערג פונאַנדערגעוואָרפן אויף אַלע זייטן.

פונדערווייטנס האָבן זיך גענען געדיכטע וועלדער, וואָס האָבן, ווי מיט אַ שוואַרצער רייף דאָס לאַנד אַרומגענומען.

ענדלעך איז ווילסאָן צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז ער האָט געפונען אַ הייל אונטער אַ שטיין.

מען האָט זיך געלאָזט אַהינגיין, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס גאַנצע געפעק. ווי נאָר זיי זענען אַריין אין דער הייל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן, וואָס האָט געגאָסן, ווי אַ מבול.

זיי האָבן געטראַכט, אַז דער רעגן וועט אוודאי איבער נאַכט אויפהערן און צומאָרגנס וועלן זיי מיטן ברעג דערציען ביז אָקלענד.

דערווייל איז געוואָרן גוט פינסטער. ס׳האָט זיך געמאַכט זייער קאַלט. מען האָט אָנגעלייגט אַ פייער און דער עולם האָט זיך אַרומגעזעצט וואַרעמען.

מען האָט ווי ס׳איז עפּעס אָפּגעגעסן און ווייטער געזעסן און געטרוקנט זיך די קליידער, וואָס זענען בשעת דעם אַראָפּגיין אויפן ברעג פאַרנעצט געוואָרן.

פריער איז מען געזעסן שטיל און צוגעהאָרכט זיך צו דער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אַרום, צו דעם קנאַקן פון די פונקען, וואָס האָבן אַרויסגעשפּריצט אין דער פינסטערניש. דערנאָך האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן נייזעלאַנד, ווי אַזוי די ענגלענדער האָבן עס ביסלעכווייז איינגענומען.

— זינט נייזעלאַנד איז אַנטדעקט געוואָרן — האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן זיין לעקציע — פון דער מיט 17-טן יאָר-הונדערט אָן, זענען פיל שיפן כמעט פון אַלע גרעסערע מלוכות לעבן די אינדזלען פאַרבייגעפאָרן. קיינעם איז אָבער נישט איינגעפאַלן, ער זאָל דאָסדאָזיקע שטיקל ערד וועלן דעראָבערן. ערשטנס האָבן זיי אַלע מורא געהאַט פאַר די ווילדע מאָאָרי, והשנית, האָבן זיי אַלע געטענהט, אַז די ערד איז שלעכט, טויג נישט צום באַ-

ארבעטן און עס לוינט זיך נישט דערויף אוועקצולייגן אַ סך מי.

בין ענגלאַנד איז געקומען. און דאָ איז זי אויך געגאַנגען מיט גאַנץ אַנדערע קריגס־מיטלען — אַנשטאָט שיפן מיט מיליטער האָט זי גאָר געשיקט מיסיאָנערן.

דידאַזיקע מיסיאָנערן איז נאָך פיל איינרעדענישן געלונגען צו געווינען פאַר זיך די הויפּט־אָנפירער פון די מאַארי און זיי צוגערעדט צו שרייבן דער ענגלישער קעניגין אַ בריוו, אַז זיי ווילן זיין אונטער איר שוץ. דאָס האָט געקענט זיין אַרום דער מיט פון 17־טן יאָר הונדערט.

אויף דער באַראַטונג האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ סך פון די הויפּט־מענער, צווישן וועלכע פיל האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן, אָבער סוף כל סוף האָבן זיי אונטער דער ווירקונג פון די מיסיאָנערן אונטערגעשריבן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען אַן ענגלישע שיף מיט סאָלדאַטן און זיך אַרויסגעזעצט אויפן ברעג, דערקלערנדיק, אַז דאָס זענען זיי געקומען באַשיצן די איינוווינער פון דעם לאַנד, וואָס געהערט פון איצט אָן צו דער ענגלישער קעניגין.

אין אַ צייט אַרום זענען אַ טייל הויפּטמענער פון די מאַארי אַרויסגעשפּרונגען קעגן די ענגלענדער און עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַ קריג. זיי האָבן זייערס אַן אָנפירער, וועלכער האָט געלערנט די קריגס־קונסט אין ענגלאַנד און ער רופט זיך אַפילו אַן מיט אַן ענגלישן נאָמען, וויליאַם טאָמפּסאָן. ער האָט אויסגעלערנט זיין שבט, ווי אַזוי מען באַגייט זיך מיט געווער און איצט שלאָגן זיי זיך אַזוי העלדיש, אַז נישט איינמאָל האָבן שוין די ענגלענדער געליטן פון זיי גרויסע מפּלות און אַפילו פאַרלוירן געפאַנגענע.

דידאָזיקע קריג פירט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג. זי איז אַרויסגעקומען צוליב אַ געוויסן שטח ערד, וואָס די ענגלישע קע־ניגין האָט עס פריער אָנערקענט פאַר די מאַאָרי, דערנאָך האָט זי עס געוואָלט מיט געוואַלט בא זיי אָפּנעמען.

— צי זענען פאַרהאַן אַ סך ווילדע אין נייזעלאַנד? — האָט לײדי העלענאַ געפרעגט.

— מיט הונדערטער יאָרן צוריק איז עס געווען אַ גרויסע צאָל, איצט געפינען זיך בא אַ צווייהונדערט טויזנט. זיי פאַרמאָגן אַן אַרמיי פון דרייסיק טויזנט מאַן. דאָס הייסט פאַר די ווילדע אַ גאַנץ שטאַרקע קראַפט.

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז די קריג געדויערט נאָך? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן.

— ווען איך בין אַרויסגעפאָרן, האָט זי נאָך געדויערט. איצט ווייס איך שוין נישט, נאָר איך גלייב, אַז די מלחמה פירט זיך נאָך, ווייל די ווילדע מאַאָרי זענען זייער אַ פאַרעקשנט פאָלק. לויט מיינע השערות דאַרף די מלחמה פאָרקומען אין די קאַנטן, וווּ מיר געפינען זיך איצט.

— אויף אונדזער אומגליק האָט די מאַקאַריאַ געדאַרפן פאַר־וואַרפן צו ווערן אויף דרום־זייט פון נייזעלאַנד, וווּ די מלחמה קומט פאַר — האָט לאָרד גלענאַרוואַן, ווי מיט פאַרדראָס, אויס־געגערופן.

— מיר מוזן נאָר גיין צו צפון־זייט — האָט דער מאַיאָר באַמערקט — דאָרטן איז שוין אָפּגערייניקט פון די מאַאָרי.

— ווען נישט דער רעגן, וואָלטן מיר שוין געוואַנדערט — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן.

ס'איז אויך גאַנץ מעגלעך, מיר זאָלן אָנטרעפן אויף אַן ענג־לישער אָפּטיילונג — האָט לײדי העלענאַ געפרוווט זיך אַליין טרייסטן.

— מעגלעך איז אַלדינג, אפילו מאָרגן זיך צו געפינען אין די הענט פון די מאַאָרי אויך — האָט דער פּראָפעסאָר געענט־פערט.

לײדי העלענאַ האָט אַזש אויפגעשוידערט באַ דעם גע־דאַנק.

עס איז געוואָרן זייער שפּעט. דער עולם האָט זיך געלייגט שלאָפן, און מען האָט געשטעלט אויף דער וואַך צוויי מענטשן, זיי זאָלן אכטונג געבן אויף אַלע זייטן.

ס'איז געווען פינסטער און שטיל, נאָר דער רעגן האָט אַזוי געגאָסן כסדר און אָן אויפהער, כסדר און אָן אויפהער.

VII.

דער וועג קיין אָקלענד.

ס'איז קיין שום פּאָרפּאָל נישט פאָרגעקומען. די נאַכט איז אַדורך רויק; אַזוי ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָט אויפגע־הערט צו רעגענען. די רייזנדע זענען אויפגעשטאַנען און געמאַכט זיך גרייט אין וועג אַריין.

מ'האָט אַלע זאַכן, וואָס מען האָט מיט זיך געהאַט, איינ־געטיילט אין פּעקלעך. יעדער האָט גענומען אויף די פּלייצעס אַזאַ פּעקל און מען האָט אָנגעהויבן צו גיין.

דעם וועג וועל איך אייך שוין ווייזן — האָט דער פּראָפע־סאָר אויף זיך גענומען די ראָלע פון אַ פירער.

ער האָט אויסגעשפּרייט די מאַפּע פון ניי־זעלאַנד, וואָס ער האָט געקויפט אין עדען און אויסגערעכנט, אַז זיי זענען אכציק

מייל ווייט פון אָקלענד און אויב מען זאָל קענען אַריבערגיין אַ געוויסן טייך, וואָס געפינט זיך אויפן וועג, וועט נאָר זיין פופציק. אַזוי, אַז אין 7־8 טאָג, האָט ער צוגעזאָגט, וועט מען אָנקומען קיין אָקלענד.

און דער עולם איז געגאַנגען אַזוי לענגזויס דעם ברעג. אינ־דרויסן איז געוואָרן שיין, די זון האָט אויפגעשיינט און אָפּגע־גלאַנצט אין ים מיט גאַנצע פעסער זילבער. פאַרשידענע פיש און ים־חיות זענען אויפן ברעג אַרויסגעשפּרונגען אין ים אַריין.

דער וועג איז געווען זייער אָנגענעם. דער פּראָפעסאָר פלעגט זיך יעדע ווײַלע אָפּשטעלן, ווען ער האָט דערזען אַ מאָדנע חיה אָדער אַ פיש. מיט אים האָט זיך אָפּגעשטעלט דער קליינער ראָ־בערט.

וויפיל דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט נישט געוואָרנט דעם פּראָפעסאָר, אַז ער זאָל נישט צופיל צייט אַוועקגעבן אויף זייגע באַטראַכטונגען, האָט גאָרנישט געהאָלפן.

זיי האָבן נאָר געדאַרפט דערזען אַ פרישן ים־הונט אָדער ים־לייב, האָט זיך דער פּראָפעסאָר אַנידערגעזעצט מיט ראָבערטן און גענומען זיי באַטראַכטן.

— הער פּראָפעסאָר! — האָט פּלוצלינג ראָבערט אויסגע־שריגן — זעט נאָר, ווי יענער ים־לייב עסט גאָר שטיינער! דאָס ערשטע מאָל זע איך, אַז אַ חיה זאָל עסן שטיינער.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צעשמייכלט און אויסגע־רופן:

— דאָס עסט ער זיי נישט, נאָר ער שלינגט ספּעציעל אַראָפּ די שטיינער, כּדי ער זאָל וועגן שווערער און אַזוי אַרום לאָזט ער זיך טיפער אַראָפּ אויפן גרונט פון ים, ווו עס געפינען זיך אַ סך פיש, מיט וועלכע דער לייב דערנערט זיך. ווען ער האָט שוין זיין

פאַנג אָנגעכאַפּט געניוג, קומט ער צוריק אַרויס אויפן ברעג און שפּייט אויס די שטיינער.

דער קליינער ראָבערט האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּוווּנדערן און איז כסדר געזעסן, ווי צוגעשמידט צום אָרט.

קוים דער לאָרד 'גלענאַרוואָן האָט זיי פון אָרט אָפּגעריסן.

אַרום צוועלף אַ זייגער האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען. אַלבינעט האָט אָפּגעקאָכט אַן אויסגעצייכנט מיטאָג.

פלוצלינג האָט זיי דעם וועג פאַרשטעלט אַ גרויסער שטיינערנער באַרג, וואָס איז גלייך אַראָפּגעפאַלן צום ים. זיי האָבן אים געמוזט אויסמיידן און אים אַרומגיין. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך איצט דערווייטערט פון ברעג.

אונטערן באַרג האָבן זיי געפונען אַ באַקוועם אָרט און זיי האָבן באַשלאָסן דאָ איבערצונעכטיקן.

קיין פייער האָט פאַראַגוט נישט געלאָזט מאַכן, כדי די ווילדע זאָלן פונדערווייטנס נישט באַמערקן, אַז דאָ געפינען זיך מענטשן.

זענען זיי אַזוי געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין אין דער פינסטערניש, איינגעהאָרכט זיך אין דער שטילקייט. קיין בלעטל האָט נישט קיין שאָרך געטון, קיין ווינטל האָט נישט געבלאָזן. נאָר די שטערן האָבן געמרוגעט מיט זייערע בלויע בריליאַנטן-אויגן און געזייעט שטילקייט אויף דער וועלט.

ביסלעכווייז אָבער האָט זיי דער שלאָף גובר געווען און זיי זענען איינציקווייז אַנטשלאָפן געוואָרן, אויסער די צוויי וועכטער, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק מיט די ביקסן ין די הענט און מיט די אויגן די פינסטערניש דורכגעבויערט.

די נאַכט איז אַדורך גאַנץ רויק, נאָכן אָפּעסן פרישטיק האָבן

זיי זיך דערפילט געקרעפטיקט און ווייטער געגומען גיין. דער פראָ־פעסאָר איז געווען זייער אין אַן אויפגעלייגטער שטימונג.

— דאַכט זיך מיר, אַז מיר זענען שוין אַדורך די מאַאָרי־געפאַר. אויב מען האָט זיי ביז איצט נישט באַגעגנט, וועלן מיר זיי שוין נישט האָבן — האָט ער פריילעך אויסגערופן.

און פונקט ווי נעכטן לעבן ברעג פון ים, אַזוי האָט ער זיך היינט צוגעקוקט צו יעדער נייער זאַך, וואָס ער האָט באַגעגנט. ער האָט געוווּסט, אַז אין נייזעלאַנד דאַרפן זיך געפינען וווּנדערלעכע פייגל. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן די פרייד זיינע, ווען ער האָט אַזעלכן געפונען.

— אַ טואי! אַ טואי! — האָט ער איינמאָל אויסגעשריגן, דערזעענדיק אַ הערלעך פייגעלע.

— וואָס איז מיט אייך אַזוי די גדולה! — האָט דער מאַ־יאָר געפרעגט.

— דאָס איז אַן אויסטערלישער פויגל — האָט ער מיט פרייד געענטפערט. — ווינטער ווערט ער אַזוי פעט, אַז צוליב דער שווערקייט זיינער, רייסט ער זיך אויף מיטן שנאָבל די ברוסט און לאָזט אַרויס דאָס שמאַלץ פון זיך, ס'זאָל אים ווערן לייכטער.

דער מאַיאָר האָט געלאַכט, נישט וועלנדיק דערין גלייבן. דער פראָפעסאָר איז שוין גרייט געווען צו לויפן און כאַפּן אַזאַ פויגל און אים ווייזן די העפטן, וואָס אַזאַ פויגל פאַרמאָגט אויף דער ברוסט, אָבער לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים קוים אָפּגעהאַלטן.

נאָר באַלד האָט זיך דערהערט ראָבערטס שטימע:

— הער פראָפעסאָר, הער פראָפעסאָר!

דער פראָפעסאָר פּאַגאַנעל איז שנעל אַריינגעלאָפן און דער־זען אַ מין פויגל, וואָס האָט אים באמת איבערראַשט. דאָס איז אַ פויגל, וועלכן מען רופט „קיווי" און איז די לעצטע צייטן געוואָרן זייער זעלטן. ער גייט אויף צוויי פיס, האָט נישט קיין פליגל און

נישט קיין עק, דער קערפּער זיינער איז באַדעקט מיט ווייסע פעי־
דערן, וואָס זעען אויס ווי די האָר.

אין די אייראָפּעישע מוזעומס וואָלט מען פאַר אַזאַ פויגל
געגעבן צענער טויזנטער דאָלאַרן.

דידאָזיקע פייגל שטאַרבן ביסלעכווייז אויס און וועלן אין
קורצן זיך גאָרנישט געפינען אויף דער וועלט.

דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל האָט געכאַפּט אַזאַ פויגל און אים
מיטגענומען מיט זיך. ער האָט שוין געפאַנטאַזירט, ווי ער וועט
באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל אין דעם פּאַריזער זאָאָלאָגישן מו־
זעום.

דערווייל איז דער טאָג פאַרביי און ס'איז צוגעפאַלן די
נאַכט.

זיי האָבן זיך אויסגעזוכט אַ באַקוועם אָרט צום נעכטיקן.

— דאַכט זיך מיר, אַז היינט איז שוין די לעצטע נאַכט צו
נעכטיקן אויפן פעלד. מיר האָבן שוין נישט וויט פון אַן ענגליש
דאָרף — האָט קאַפּיטאַן פאַראַגוט געזאָגט.

— הער פּראָפעסאָר, זייט אַזוי גוט און גיט אַ קוק
אויף דער לאַנד־קאַרטע, ווו עס געפינט זיך דאָ דערלעבן אַן ענג־
לישע קאָלאָניע — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

— אין מיין לאַנדקאַרטע, וואָס איך האָב געקויפט אין עדען,
איז פאַרצייכנט לעבן טייך, ווהין מיר דאַרפן באַלד צו קומען, אַ
דאָרף נאָר פון די מאַאָרי.

— טאָ לאָמיר צוגיין וואָס שנעלער צום דאָרף — האָט
לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

— וואָס, איר זענט פון זינען אַראָפּ, לאָרד ? — האָט דער
פּראָפעסאָר אויסגערופן — איר קריכט דעם וואָלף אין די ציין
אַריין !

— איך גלייב, אַז דאָ אין שכנות פון די ענגלענדער זענען

די מאַריַ מער ציוויליזירט — האָט לאָרד גלענאַרוואָן גאַנץ תמימותדיק נעענטפערט.

— און איך וואָלט שוין בעסער עטלעכע וואָכן אין די ווילדסטע וועלדער אָפּגעווען, איידער איין טאָג מיט אַזאַ „ציוויליזירטן” מאַאָרי — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט. — די איינע נאַכט לאָמיר נאָך נעכטיקן אינדרויסן, מאָרגן וועלן מיר אָנקומען אין דעם ענגלישן דאָרף דרורי, וועלן מיר זיך שוין אויסרוען פאַר דער גאַנצער צייט.

אַלע זענען איינשטימיק געווען מיטן פּראָפעסאָר. זיי זענען געבליבן נעכטיקן אויפן אָרט, וואָס זיי האָבן זיך פריער אָפּגעקליבן, אָפּגעגעסן נאַכט-עסן און איינגעשלאָפן.

אויף דער וואָך איז דאָס מאָל אויסגעקומען צו שטיין דעם פּראָפעסאָר מיט אַלבינעטן.

IX.

געפאַנגען צווישן די מאַאָרי.

פון אָנפאַנג איז די נאַכט געווען זייער אַ שטילע. פון אונטערן האָריזאָנט אָפּער האָט זיך אַרויסגעשניטן אַ ריזיקער רויטער פלאַם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שרפה, און איז וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן און בלאַסער, קלענער און בלאַסער, ביז עס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק זילבער מיט טונקעלע פלעקן. אַ הערלעכע לבנה-נאַכט האָט זיך געשטעלט. ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. דער פּראָפעסאָר איז געשטאַנען אויף דער וואָך מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע און איז געווען פאַרטראַכט אין זיינע גע-

אַגראַפֿישע פֿלענער. אַלבינעט איז פֿון דער אַרבעט זײַנער אַזוי פֿאַרמאַטערט געווען, אַז ער האָט יעדע ווײַלע געכאַפּט אַ דרימל אויף אַ סעקונדע, נאָר באַלד זיך אויפֿגעכאַפּט און אַרומגעקוקט זיך אַרום. ס'איז געווען שטיל און די לבֿנה איז זיך רויק געשוווּמען איבערן הימל און אויף איר וועג האָט זי די שטערן געלאָשן. ער האָט זיך אַ ווײַלע אין איר אײַנגעקוקט און ווידער אויף אַ סעקונ־דע געכאַפּט אַ דרימל.

אין איינע פֿון אַזעלכע סעקונדעס האָט ער זיך פּלוצלינג דערפֿילט געבונדן, און די ביקס איז אים פֿון דער האַנט אַרויס־גענומען געוואָרן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיטן צווייטן וועכ־טער — דעם פּראָפֿעסאָר. ווען די וועכטער זענען שוין געלעגן, ווי די שעפּסן געבונדענע, האָבן אין דער זעלבער צײַט אַנדערע גע־שיקטע הענט געבונדן אַלע רייזנדע.

דערנאָך האָט מען זיי אַוועקגעשלעפּט צו אַ טײַך דערלעבן, אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ קאַנאָע, אָדער אַ שיפֿל, וועלכעס האָט מיט אַ שנעלקייט פֿון אַ בליץ גענומען שווימען איבער דעם באַזילבערטן וואַסער.

דער ערשטער איז צו זיך געקומען דער פּראָפֿעסאָר און ער האָט נישט לאַנג געדאַרפֿן טראַכטן. פֿון ערשטן בליק האָט ער באַלד דערקענט די מאַאָרי.

אין דער מיט פֿון שיפֿל איז געשטאַנען אַ פֿעסטער, הוי־כער מאַאָרי און געגעבן כּסדר באַפֿעלן. דאָס איז געווען דער הויפּטמאַן צווישן די מאַאָרי.

דערנאָך זענען ביסלעכווײַז צו זיך געקומען די איבעריקע. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך, אַ בליק געוואָרפֿן אויף די ווילדע און פֿאַר שרעק האָבן זיי געשוויגן.

דער עלטסטער זייערער אָדער דער הויפּטמאַן איז געווען אויפֿן פּנים טאַטואירט. לויט דער צאָל שניטן זײַנע אויפֿן פּנים

איז גלייך געווען צו דערקענען אַן עלטסטן. פּונקט ווי אין אייראָ־פּאַ האָט יעדע ראַנגע פון אַן אָפיציר מער מיט אַ שטערן, האָט יעדערער העכערער ראַנג מער שניטן אויפן פּנים.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט שטיל אַ שעפּטש געטון, כּדי די ווילדע זאָלן נישט הערן, אַז די חברים זאָלן זיך פאַרהאַלטן רויק, נישט אַרויסווייזן קיין שרעק, ווען זיך די ווילדע, ווי יעדער נאַטור־חיה, פאַרהאַלטן צו זיי מיט רעספּעקט.

די רייזנדע האָבן אים געפאָלגט און זענען געלעגן רויק. דער מאַיאָר האָט אפילו אָנגעהויבן מיט זיי צו שפּאַסן, אויסגעפרעגט זיך בײַ זיי, ווער זיי זענען, צו וואָס פאַר אַ שטאַם זיי געהערן.

די ווילדע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען עטוואָס ענגליש, האָבן וועלנדיק זיי אָפּשרעקן אַביסל, געענטפערט:

— צי איז אייך כאָטש באַקאַנט, בײַ וועמען אין די הענט איר געפינט אייך? אין די הענט פון דעם עלטסטן קאַאי־קומו!

די רייזנדע האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי מיינען מיט דעם, נאָר דער פּראָפעסאָר, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיט דער געשיכטע פון די מאַאָרי, האָט דעם לאָרד גלענאַרוואַן באַלד אי־בערגעגעבן, אַז דער קאַאי־קומו איז לייטענאַנט בײַ דעם גענעראַל וויליאַם טאָמפּסאָן. אויף זייער לשון הייסט דער אויסדרוק קאַאי־קומו: איך עס אויף דעם פיינט מיט די ביינער. ער איז טאַקע לויט דער געשיכטע, וואָס איז דעם פּראָפעסאָר באַוווּסט געווען, איינער פון די געפערלעכסטע הויפּטמענער בײַ די מאַאָרי, אַז עס פאַלט צו אים אַריין אַן ענגלענדער, פרעסט ער אים אויף ביז אַ ביינדל.

דידאָזיקע בשורה טובה, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געווירקט אַזוי פריילעך אויף אונדזערע געפאַנגענע.

ווען זיי וואָלטן אָבער געווען נאָך עפּעס געוווסט, וואָלטן זיי אויפגעשווידערט פאַר שרעק

און נעמלעך:

מיט אַ פּאָר טאָג צוריק איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט צווישן די ענגלענדער מיט די מאַאָרי, בּאַ וועלכער די לעצטע האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה. די ענגלענדער האָבן גענומען חמרים געפאַנגענע מאַאָרי, און דער לייטענאַנט קאַאי־קומו איז שיעור אַליין נישט אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. עס איז אים קוים געלונגען צו אַנטלויפן. איצט איז ער זייער אויפגערעגט געווען קעגן די ענגלענדער. צוקומענדיק נעכטן צו אַן אָרט, האָבן זיי בּאַמערקט, ווי אונדזערע רייזנדע האָבן זיך דאָרט דערלעבן אָפּגעשטעלט נעכטיקן, האָבן זיי זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און ערשט פאַרטאָג האָבן זיי אונדזערע לייט אַרומגערינגלט און געבּונדן.

— ווּהין אייגנטלעך פאָרן מיר, קאַפּיטאַן? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט בּאַם ווילדן קאַאי־קומו.

יענער האָט אים גאָרנישט געענפערט.

לאָרד גלענאַרוואַן איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען און ווידער געפרעגט.

— וואָס קלערסטו מיט אונדז צו טון?

אַ בּייזער פינקל פון צאָרן האָט אויפגעבּליצט אין דעם ווילדנס אויגן און ער האָט צווישן די ציין געענטפערט:

— אייערע ענגלענדער האָבן גענומען אַ סך געפאַנגענע. אויב די ענגלענדער וועלן אייך נישט וועלן אויסטוישן, וועלן מיר אייך אויפעסן.

איצט איז בּאַ אַלעמען קלאָר געוואָרן, ווו זיי זענען אין דער וועלט און עס האָט אויפגעבּליצט בּאַ זיי אַ פונק פון האָפנונג.

— ווי עס זעט אויס, געפינט זיך אייגער פון צווישן זייערע

גרויסע לייט געפֿאַנגען בײַ די ענגלענדער, ווילן זיי אונדז אויס־בייטן פֿאַר יענעם גרויסן מאַן. זאָל זיך נאָר דער גוטער פּריינט מיינער, דער גובערנאַטאָר פֿון אָקלענד, דערוויסן פֿון מיין געפֿאַנגענשאַפֿט, וועט ער שוין אָנווענדן אַלע זיינע מעגלעכקייטן מיך צו באַפֿרייען.

דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך אָנגעהויבן בעטן בײַ קאַאי־קומו, ער זאָל אים אויפֿבינדן די הענט, ווייל ער וויל אַ קוק טון אויף דער לאַנדקאַרטע, וווּ מען געפֿינט זיך אין דער וועלט.

מתּחילת האָט קאַאי־קומו זיך צוגעקוקט מיט חוזק צו דעם קאָמישן פּיגורל פֿון פּראָפֿעסאָר מיט זיינעברילן און ער איז נאָר טשעקאַווע געווען צו זען, וואָס דערדאָזיקער מאַנספּערשוין וועט דאָ טון. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז אַזוינס אַ לאַנד־קאַרטע. דעריבער האָט ער אים תּיכּף געהייסן אָפּבינדן די הענט, נאָר פֿאַרדאָס בעסער אים צובינדן די פֿיס צום שיפֿל.

זייענדיק באַפֿרייט פֿון די שטריק, האָט דער פּראָפֿעסאָר צעשפּרייט זיין לאַנדקאַרטע און צוגעקוקט זיך, ווי עס שלענגלט זיך דער טייך ווייקאַטאָ, אויף וועלכן זיי האָבן זיך איצט געגליטשט. דערדאָזיקער טייך איז נאָך נישט ווי געהעריק אויסגעפֿאָרשט געוואָרן, ווייל ער איז זייער הייליק בײַ די מאַאָרי, לאָזן זיי נישט צו צו אים קיין שום אייראָפּעער.

קאַאי־קומו האָט זיך מיט גרויס נייגעריקייט צוגעקוקט, ווי דער פּראָפֿעסאָר זיצט איבערגעבויגן איבער דעם באַצייכנטן גרויסן פּאַפּיר און טייטלט זיך נאָך מיטן פֿינגער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין פּראָסטער בשר ודם און ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים מיט דרך ארץ. און אפֿשר גאָר האָט ער איינגעזען, אַז דער מאָגערער פּראָפֿעסאָר וועט נישט זיין קיין געשמאַקער ביסן פֿאַר אים. אַזוי, צי אַזוי, האָט ער אים אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען עטוואָס בעסער, ווי די איבעריקע.

— ווי דאַכט זיך אייך, מיר פֿאָרן עפּעס שנעל מיט דעם שיפֿל? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפֿרעגט באַם קאַפּיטאַן.

— לויט, ווי איך רעכן, גייט עס מיט אַ שנעלקייט פֿון דריי מייל אַ שעה.

— וועלן מיר נאָך פֿאָרן באַ פֿיר טאָג — האָט זיך דער פּראָפֿעסאָר אַריינגעמישט אין געשפּרעך.

— פֿונוואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט געפֿרעגט פֿאַרוווּנדערט לאָרד גלענאַרוואָן.

— איך האָב געהערט, ווי די ווילדע האָבן צווישן זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט „טאַופּאָ". דאָס איז אַ גרויסע אָזיערע אין ניי־זעלאַנד, וואָס ליגט פֿון אונדז אויף אַזאַ מהלך, מיין איך, אַז מען פֿירט אונדז דאָרט אַהין — האָט דער פּראָפֿעסאָר געענטפֿערט.

— וואָס איז מיר די נפֿקא מינה, וויפֿיל טאָג מיר האָבן נאָך צו פֿאָרן — האָט דער מאַיאָר מיט כּעס אויסגערופֿן — ווי זענען בעסער די ענגלענדער, זאָגט מיר.

— ווי עס זעט אויס, האָט זיך דאָס שלאַכטפֿעלד אויסגעצויגן ביז „טאַופּאָ" און דאָרט אַהין פֿירט מען אונדז אויסטוישן — האָט דער פּראָפֿעסאָר זיך משער געווען.

אַלע האָבן געזיפֿצט און געטראַכט, הלוואי וואָלטן דעם פּראָפֿעסאָרס רייד אמת געווען.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט באַפֿוילן אַלעמען צו שווייגן, ווייל ער האָט באַמערקט, ווי דער ווילדער מאַאָרי־הויפּטמאַן קוקט זיך שטאַרק איין אין זיי. און די ווילדע, האָט ער געוווּסט, זענען זייער עמפּפֿינדלעך אויף דער מימיק און קענען דערכאַפּן דעם געדאַנק, וועגן וואָס מען רעדט.

אַרום מיטאָג־צייט האָט זיך דאָס שיפֿל אָפּגעשטעלט. מען האָט די געפֿאַנגענע אויפֿגעבונדן די הענט און געגעבן זיי צו

עסן פון דעם פראָוויאַנט, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען פון דער מאַקאַריאַ. די מאַאָרי האָבן געגעבן זייערע אייגענע שפּייז.

אויפן וועג, ווו זיי זענען דורכגעפאָרן מיטן שיפל, האָבן זיי געקענט באַמערקן אויף ביידע ברעגן די שרעקלעכע שפּורן נאָך דער מלחמה. גאַנצע דערפער זענען געווען אויסגעברענט, די פעלדער צעראַבעוועט. מען האָט קיין שום לעבעדיק נפש נישט געזען.

דאָס מיטאָג האָט זיך געענדיקט, האָט קאַאי-קומו געגעבן אַ באַפעל מען זאָל ווייטער פאָרן.

דאָס שיפל האָט זיך ווידער אָנגעהויבן גליטשן איבערן טייך צווישן די צוויי פאַרוויסטע ברעגן. אַ גרויל האָט איטלעכן אַרומגענומען פון די שרעקלעכע חורבות.

אַזוי זענען זיי שוין אָפּגעפאָרן ביז אָוונט, קיין וואָרט נישט אויסרעדנדיק צווישן זיך. איטלעכער איז געווען פאַרזונקען אין זיינע רעיונות.

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט. דער הויפּטמאַן האָט געהייסן די געפאַנגענע אַרויסגיין, אָפּבינדנדיק באַ זיי פריער די פיס, פאַרדאָס האָט ער געהייסן פעסטער די הענט צוקרעמפּעווען. די דאַמען אָבער האָט ער געלאָזט פריי.

זיי האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט אויפן גראָז באַם ברעג און זענען ביסלעכווייז אַריינגעפאַלן אין אַ קאָשמאַרן-שלאָף.

אַ שטאַרקע וואַך האָט די געפאַנגענע אַרומגערינגלט, און שטרענג אַכטונג געגעבן מען זאָל נישט אַנטלויפן.

קאַפּיטאַן פאַראַגוט מיט לאָרד גלענאַרוואָן האָבן שוין אַפילו אָנגעהויבן צו וועבן פּלענער, ווי אַזוי זיך אַרויסצוכאַפּן פון דער דאָזיקער געפאַנגענשאַפט. אָבער דער פּראָפעסאָר האָט זיי דערפון

אָפּגערעדט. ער האָט זיי מבטיח געווען, אַז די ענגלענדער וועלן זיי געוויס אויסלייזן.

צומאָרגנס האָט מען זיך פרי אויפגעהויבן, איינגעזעסן אין די שיפלעך און ווייטער געפאָרן.

אויפן וועג איז זיי אַנטקייגנגעקומען אַ צווייט שיפל, ווו עס זענען געזעסן אַ מאַן צען מאַאָרי. זיי האָבן זיך באַגריסט נאָר מיט קאאי-קומו. פון דעם האָבן אונדזערע געפאַנגענע געדרונגען, אַז דאָס מוזן אויך זיין גרויסע לייט. פון זייערע צעבלוטיקטע פנימער און צעריסענע קליידער האָט מען זיך געקענט משער זיין, אַז זיי קומען ערשט צוריק פון אַ פאַרשפילטער שלאַכט. זיי זענען געזעסן ביין, אָנגעכמורעט, קיין בליק נישט געוואָרפן אויף די אייראָפּעער. זיי האָבן אויסגעדרייט זייער שיפל און צוזאַמען מיט קאאי-קומו געפאָרן אין איין ריכטונג.

אַרום אָוונט-צו האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכט-לעגער. עס איז צו זיי אַרויסגעקומען עפּעס אַ גרויסער מאַן. לויט די שניטן אויפן פנים, האָט מען געזען, אַז ער איז פון דערזעלבער ראַנגע, וואָס קאאי-קומו. זיי האָבן זיך באַגריסט אויף דעם אַרט, וואָס די ווילדע, נישט דערלאַנגענדיק זיך די הענט, נאָר אָפּרייבנדיק זיך די נעז איינער אָן דעם אַנדערן.

די געפאַנגענע האָבן זיך בשום אופן נישט געקענט איינ־האַלטן פון אַ שמייכל. דער קליינער ראָבערט האָט שיעור נישט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

באַלד אינדערפרי האָט מען זיי אויפגעוועקט, אַנידערגע־זעצט זיי צוריק אין שיפל און ווייטער מיט גרויס איילעניש גע־יאָגט זיך. אויפן וועג האָבן זיך צו זיי כסדר פאַררייניקט אַ סך מאַ־אָרי, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון שלאַכט-פעלד — זיי זענען אַלע געווען אָפּגעריסן, צעקאַלעטשעט.

פלוצלינג זענען זיי אַריינגעפאָרן אין אַ וווּנדערלעכער געגנט.

פון ביידע זייטן טייך האָבן געשפּריצט אינדערהייך אַרויף גאַנצע פאָנטאַנען מיט הייס וואַסער פון דער ערד. דאָס זענען די באַוווס־טע, ווי מען רופט זיי אָן אין דער געאָגראַפיע „גייזערס".

אין דער לופט האָט זיך דערפילט אַ גערוך פון שוועבל, פון וועלכן די געפאַנגענע זענען שיעור נישט דערשטיקט גע־וואָרן.

דער פּראָפעסאָר האָט פאַרזונקען זיין בליק אין דערדאָזיקער ווונדערלעכער דערשיינונג און זיך אַזוי פאַרטיפט, אַז ער האָט גאָרנישט געדענקט, וווּ ער געפינט זיך.

פלוצלינג האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַ וואַסער־פאַל. דאָ איז דער טייך אַראָפּגעפאַלן פון עטלעכע פיס די הייך. ווי פאַרוווּנ־דערט זענען די געפאַנגענע געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען, ווי די מאַאָרי קוקן אויף גאָרנישט און פאָרן גלייך אויפן וואַסער־פאַל.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון דער געשיקטקייט פון די מאַאָרי.

נאָכן וואַסערפאַל איז די נסיעה נאָך מער פאַרשנעלערט גע־וואָרן, זיי זענען געפלויגן אויף די קאַנאָעס ווי אַ פייל פון בויגן.

צומאָרגנס זענען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסער אָזשע־רע.

— דאָס איז די אָזשערע „טאַופּאָ" — האָט דער פּראָפע־סאָר מיט פרייד אויסגעשריגן.

ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער זעט דאָס מיט זיינע איי־גענע אויגן. עס איז אים גאָרנישט אין קאָפּ געלעגן די לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך.

באַלד האָבן זיך דערזען הונדערטער קאַנאָעס מיט מאַאָרי,

עס האָט אויסגעזען, דאָ איז זייער הויפּט־קוואַרטיר. די געוואַלטן זענען געווען אומגעווייגטלעך.

ווען דאָס שיפל מיט קאַאי־קימו איז צוגעקומען נענטער, זענען אַלע געבליבן שטיל און באַגריסט דעם גרויסן הויפּט־מאַן.

באַלד האָט זיך דערזען אַ רויטע פאָן מיט אַ שוואַרצן שטערן אין דער מיט. דאָס איז געווען די קאַמפּס־פאָן פון די מאַאָרי.

מען האָט די געפאַנגענע געהייסן אַרויסגיין פון שיפל און דערווייל איבערגעלאָזט אונטער אַ שטרענגער וואַך באַם ברעג.

X.

געהרגעט אַ מאַאָרי.

אונדזערע רייזנדע זענען געבליבן שטיין, ווי דערשלאָגן באַם אָנבליק פון דערדאָזיקער מחנה ווילדע, וואָס זיי האָבן אַרום זיך געזען.

דערלעבן האָט זיך געפונען דער פייערשפייענדיקער באַרג, טאָנגאַריראָ. אַ וואָלקן רויך האָט געזעצט פון אים און פאַרשיט די גאַנצע געגנט. די רייזנדע זענען געשטאַנען און מיט באַוווּנדערונג זיך צוגעקוקט. דער פּראָפעסאָר האָט זיי אָנגעהויבן דערציילן פאַרשידענע לעגענדעס, וואָס גייען אַרום צווישן די מאַאָרי וועגן דעם באַרג. ס'האָט אָבער קיינער נישט געהאַט דעם קאָפּ אין איצטיקן מאָמענט דאָס אַלץ אויסצוהערן.

פלוצלינג איז צוגעקומען קאַי־קומו, זיי געהייסן צוריק איינ־שטייגן אין שיפֿל און זיי אַוועקגעפֿירט ווייטער איבער דער אָזשע־רע טאַופּאַ. זיי זענען אַזוי אָפּגעפֿאָרן העכער אַ שעה, דערנאָך זע־נען זיי שטיין געבליבן ערגעץ אין אַ קליינער בוכטע

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון שיפֿל, אַ מחנה מאַאָרי האָבן זיי אַרומגערינגלט און אַוועקגעפֿירט אין אַ פֿעסטונג אַריין.

דאָס פֿעסטונג איז געווען אונטער דער קאָמאַנדע פֿון קאַאַי־קומו, עס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, אַרומגעצוימט מיט גראָבע שפּיציקע קלעצער, אַרומגעשיט מיט וואַלן ערד, כּדי קיין קויל זאָל דערצו נישט צוקומען. אין דעם וואַל זענען געווען לעכער, דורך וועלכע מען האָט אַרויסגעשאָסן.

אין דעם פֿעסטונג, זענען געשטאַנען באַ אַ פּערציק־פֿופֿציק הייזער, ווו עס האָבן געוווינט די באַשיצערס, און אינדערמיט איז געווען אָפּגעזונדערט אַ הויז, דאָרט האָט געוווינט קאַאַי־קומו אַליין.

ווען די געפֿאַנגענע זענען אַריינגעקומען אין פֿעסטונג אַריין זענען זיי פֿאַרשטיינערט געוואָרן פֿון דעם שרעקלעכן בילד, וואָס האָט זיך זיי פֿאַר די אויגן פֿאָרגעשטעלט: אין דער מיט פּלאַץ זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט אָן אַ שיעור דרענגער און אויף יעדן פֿון זיי האָט געשטעקט אַ מענטשלעכער קאָפּ. טייל זענען שוין גע־ווען אָפּגעקראָכן פֿון פֿלייש און טייל זענען נאָך געווען פֿריש, ווי עס ווייזט אויס, זענען עס געווען די קעפּ פֿון די געפֿאַנגענע אין דער לעצטער שלאַכט.

אַלע האָבן אויפֿגעשווידערט און די אויגן צוגעמאַכט, אַבי נישט צו קוקן אויף דעמדאָזיקן שרעקלעכן בילד.

דער פּראָפֿעסאָר האָט באַמערקט, אַז אין אַלע קעפּ זענען די אויגן אַרויסגענומען. אים איז דאָס באַקאַנט געווען. וואָרן באַ

די מאַרי איז געווען אַ מנהג אויסצופֿעסן די אויגן פֿון זייערע געפֿאַנגענע, דאָס איז בײַ זיי געווען אַ הייליקע זאַך.

פּראָפֿעסאָר פֿאַגאַנעל האָט זיך איצט גאַנץ רויִק צוגעקוקט צו דעם אַלעם, ער האָט נישט געפֿילט קיין פּיצל שרעק. ער האָט עס פֿאַרגלייכט מיט דעם, וואָס ער האָט געוווּסט פֿון די ביכער און אייגעזען, אַז אַלץ איז ווירקלעך אַזוי, ווי די פֿריערדיקע רייזנדע און געלערנטע האָבן עס באַשריבן.

פּלוצלינג זענען די געפֿאַנגענע אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַ מחנה פֿרויען און קינדער, וועלכע זענען זיי געשפּרונגען אין די פּנימער אַריין און פּשוט געוואָלט צערייסן. זיי האָבן געשריגן און געשאָלטן און מיט צייכנס געוויזן, אַז זיי וואָלטן זייער חשק געהאַט כאָטש שוין אויפֿצופֿעסן ליידי העלענאַ, מערי גראַנט מיט ראָבערטן.

די פֿרויען זענען טויט־בלאַס געוואָרן, קיין טראָפּן בלוט איז זיי אין די פּנימער נישט געבליבן: אַ פּחד האָט זיי אַרומגעכאַפּט און אַ ציטערניש, אַז זיי האָבן זיך אַזש אָנגעהויבן אײַנגאַנצן צו טרייסלען

לאָרד גלענאַרוואַן האָט דאַן געבעטן בײַ קאַאי־קומו, ער זאָל אָפּיאָגן דעמדאָזיקן המון.

דער ווילדער הויפּטמאַן האָט אויף אים געוואָרפֿן אַ שרעקלעכן בליק פֿון האַס, דאָך האָט ער זיי אָפּגעיאָגט פֿון די געפֿאַנגענע.

עס זענען נאָכדעם אָנגעקומען אַ סך עלטערע מענטשן צו קאַאי־קומו, ווי עס ווייזט אויס, די מער בכבודיקע לייט צווישן פֿאָלק. זיי האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך צו רעדן און אײַנטענהן. וואָס אַמאָל זענען זיי געוואָרן מער אויפֿגערעגט. ביז דערהערנדיק, ווייזט אויס, זייער אַ שלעכטע בשׂורה, האָבן זיי אָנגעהויבן רייסן

פון זיך די קליידער, צו שניידן פון זיך שטיקער לייב, אַז בלוט איז געוועזן שטראָמענווייז.

שפּעטער איז מען געווויר געוואָרן די סיבה פון דעם טרויער: קאַאי־קומו איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ גאַנצער מחנה פון זיינע בעסטע קריגסלייט און איז קוים אַהיימגעקומען מיט אַ פּאָר צענדליג פאַרווונדעטע און צעהרגעטע.

און דאָס איז טאַקע געווען אויך די סיבה, וואָס מען האָט די רייזנדע גאָרנישט קיין שלעכטס געטון, ווייל זיי האָבן גערעכנט פאַר זיי אויסצוטוישן די אַלע געפאַנגענע קריגס־לייט פון קאַאי־קומו, וואָס זענען אין דערדאָזיקער בלוטיקער שלאַכט אַריינגעפאַלן צו די ענגלענדער.

אַ דימאַאָרי זענען די ביינער פון זייערע קרובים זייער הייליק. דאָס פלייש פרעסן זיי אויף, נאָר די ביינער ווערן פיין אָפּגערייניקט און צוריק צוזאַמענגעשטעלט, ווי אַ סקעלעט, און אַזוי באַהאַלט מען זיי אין אַן אָפּגעזונדערט הויז, וואָס זיי רופן עס אָן: „אודופאַ". דאָס איז אַזאַ מין ערן־קבר. דעריבער, אַז איינער פון זייערע משפחה־מיטגלידער שטאַרבט ערגעץ אין דער פרעמד און זיינע ביינער קענען נישט אַריינגעבערעגגט ווערן אין דער „אודופאַ", ווערט עס גערעכנט בײַ די ווילדע פאַר אַ גרויס אומגליק, און דער טרויער איז אין לשער.

פונדאַנען האָט זיך דערנומען דער אומגעהייערער טרויער, וואָס אַלע ווילדע חשובים האָט אַרומגעכאַפּט, בשעת קאַאי־קומוס דערציילן. און וואָס מער ער האָט גערעדט, זענען זיי אַלץ מער צעקאָכט געוואָרן, אַזוי, אַז קאַאי־קומו האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן, זיי זאָלן נישט אַרויספאַלן אויף די געפאַנגענע און זיי צו צערייסן.

ער האָט זיי דעריבער גענומען און אַוועקגעפירט אין טעמפּל אַריין פון די ווילדע, דאָרטן טאָר קיינער נישט אַריינקומען און

די געפֿאַנגענע זענען איצט כּמעט זיכער געווען, אַז ס'וועט זיי דערוויל גאָרנישט געשען.

אינעווייניק האָט מען זיי אויפֿגעבונדן די הענט און מען האָט זיי דאָרט איינע אַליין אָפּגעשלאָסן. פֿון דרויסן איז אַרומגע־גאַנגען אַ וואַך און זיי געהיטן.

אין דעם טעמפּל איז גאָרנישט געשטאַנען, אַ חוץ אַ פּאָר שרעקלעך אויסגעשניצטע בילדער און ראָגאָזשעס אויף דער פּאָדלאָגע אויסגעשפּרייט.

די רייזנדע זענען פּאַר מידקייט אויף די ראָגאָזשעס אַנידער־געפֿאַלן און אויסגערוט אַ ביסל זייערע ביינער.

אַ שטילקייט האָט אַלע אַרומגענומען, מען האָט נאָר גע־הערט פֿון דרויסן, ווי אַ פֿאַרשטיקט רוישן, דאָס שרייען פֿון די ווילדע. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נאָר אומגע־קוקט זיך מיט פּחד, ווו זיי געפֿינען זיך איצט.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט געטרייסט זיין פֿרוי, אַרומנעמענדיק זי:

— האָב נישט קיין מורא, נאָר די האָפֿנונג פֿאַרליר נישט, וועסט זען, מיר וועלן זיך נאָך ראַטעווען.

זי האָט געשוויגן, גאָרנישט געענטפֿערט, ווייל זי האָט גע־האַט דאָס געפֿיל, אַז דאָס זענען נאָר בלויז טרייסט־ווערטער, נישט מער, און אַז זייער לעבן הענגט אויף אַ האָר.

ראָבערט גראַנט האָט זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויף אַזאַ מין געשניצט בילד און דערגרייכט מיטן קאָפּ צו אַ לאָך, וואָס האָט געדינט אַלס פֿענסטער אין דעם טעמפּל און פֿון דאָרטן האָט ער געזען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויפֿן פּלאַץ פֿון פֿעסטונג, אָדער „פּאַה", ווי עס רופֿן דאָס אָן די ווילדע.

ער האָט יעדעס מאָל אַראָפּגעשיקט ידיעות פֿון דער הייך, וואָס ער זעט אַלץ.

— עס שטייט אַ גרויסער עולם, אַרום קאַאי־קומו, וועלכער וויל עפּעס רעדן, נאָר דער המון לאָזט אים נישט — האָט ראָבערט ראַפּאָרטירט.

— אַט ווייזט ער אָן אויף אונדז און ער רעדט שוין. דער עולם שווייגט און הערט אים אויס.

— פון דעם קענען מיר זיך משער זיין, אַז קאַאי־קומון גייט אין לעבן אונדז צו ראַטעווען — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן — אַנישט וואָלט ער זיך אַזוי פאַר אונדז נישט איינגעשטעלט. ס'זאָל אים געלונגען דעם המון איבערצוצייגן, זענען מיר געראַטע־וועט.

ראָבערט איז געשטאַנען און ווייטער געקוקט דורכן לאָך און ווידער ראַפּאָרטירט:

— קאַאי־קומו האָט שוין געענדיקט זיין רעדן, אַ סך זענען זיך צעגאַנגען. עטלעכע פון זיינע קריגס־לייט זענען געבליבן מיט אים. איינער גייט אַהער! — האָט ער פּלוצלינג אויסגערופן.

— גיי אַראָפּ! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגעשריגן צו ראָבערטן.

דער קליינער איז אַראָפּגעקראָכן פון דעם געצן און איז פלינק אויף דער ערד אַראָפּגעשפּרונגען. אין דער זעלבער רגע איז ליידי העלענאַ צוגעגאַנגען צו לאָרד גלענאַרוואָנען און אים אַריינגע־שטופּט אין האַנט אַריין אַ רעוואָלווער.

— פונוואַנען האָסטו דאָס און צוליב וואָס גיסטו מיר דעם רעוואָלווער? — האָט ער זי פאַרוואונדערט געפרעגט.

— נאַ, באַהאַלט אויף דעם לעצטן מאָמענט. ווען עס וועט האַלטן מיט אונדז שלעכט, דערשיס מיך מיט מערין — האָט זי געבעטן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט שנעל באַהאַלטן דעם רעוואָלווער, ווייל אין דער זעלבער רגע איז אין טעמפּל אַריינגעקומען אַ מאַ־

אָרי און אַ ווינק געטון צו די געפאַנגענע, זיי זאָלן מיט אים מיט־גיין.

ער האָט זיי דורכגעפירט דעם גאַנצן פּלאַץ פון פעסטונג, ביז ער האָט זיי צוגעפירט צום גרויסן הויז, ווו עס האָט געווינט קאַאי־קומו.

באַ אים אין שטוב האָבן זיי געטראָפן זיצן אַ גאַנצע חברה פון זיינע קריגסלייט, ער אַליין איז געזעסן אויף אַ קלאָץ אין דער מיט שטוב.

דער מאַאָרי, וואָס האָט זיי געבּרענגט צופירן צו קאַאי־קו־מו, איז אויך געווען אַ הויכגעשטעלטע פערזאָן. ער האָט געהאַט די זעלבע פינף שניטן איבערן פּנים, וואָס קאַאי־קומו, אַלזאָ אַ גענע־ראַל. שפּעטער זענען זיי געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען דער באַרימטער קריגסמאַן און הויפּטמאַן קאַראַ־טעטע. אויף זייער לשון הייסט עס: „דער אומברחמנותדיקער".

דיביידע גענעראַלן האָבן זיך יעדע ווײַלע צווישן זיך עפּעס באַראַטן, און דערנאָך איינגעטענהט מיט די איבעריקע קריגס־לייט.

פּלוצלינג האָט זיך קאַאי־קומו מיט אַ בליק פול האַס געווענדט צו די געפאַנגענע:

— איר זענט ענגלענדער?

— יאָ! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געענטפערט פאַר אַלע.

— אַלע? — האָט קאַאי־קומו ווידער געפרעגט.

— מיר אַלע! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געענטפערט — מיר האָבן געליטן שיפבּרוך לעבן ניי־זעלאַנד, מיר האָבן נישט גע־נומען קיין אָנטייל אין קריג.

— אונדז איז אַלצייגס. אַלע ענגלענדער זענען אונדזערע שונאים. זיי האָבן אונדזערע ברידער אויסגעהרגעט, אונדזערע דער־

פער חרוב געמאַכט, די ערד צוגענומען, איר זענט אַלע אונדזערע שונאים — האָט ער ווילד מיט אַן אַנגעצונדענעם בליק פון שנאה, און מיט שוים אויף די ליפּן גערעדט.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט דאָס אַלץ אַזוי טרויעריק אויסגעהערט, ווי ער וואָלט מיטלייד געהאַט אויף די ווילדע, וואָס עס געשעט זיי אַזאַ עוולה מצד זיינע ברידער.

— איך בין מיט אייך מסכּים, אַז די ענגלענדער זענען אומגערעכט לגבי אייך. איך וויל אייך דאָ נישט אונטערחנפענען, נאָר אַזוי מיין איך מיטן גאַנצן האַרץ.

קאַאי־קומו האָט אָבער כּמעט נישט אויסגעהערט זיינע רייד. ער האָט געבליצט מיט די אויגן און די ציין האָבן אַזש געקריצט פאַר כּעס. ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, ווי קעמפנדיק עפּעס מיט זיך אַליין. ענדלעך האָט ער נאָך גרויסער איבערלייגונג אויסגערופן:

— אָט וואָס. דער טאַהאַנגאַ, דער הויפּט־כּהן פון אונדזער גאָט איז געפאַנגען בײַ אייערע ענגלענדער און גאָט האָט אים געהייסן פון זייערע הענט אויסלייזן. איך וואָלט אַ סך צופרידענער געווען, איך זאָל קענען אייערע אויגן אויספּרעסן, די הערצער פון אייערע ברוסטן אויסשניידן און די קעפּ אויף די דרענגער דאָ אויפן פּלאַץ אַרויפשטעקן. דער גאָט נו־אי־אַטוא האָט אָבער געהייסן אים אויסלייזן.

ער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן. ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן פון דעם כּעס, וואָס האָט אין אים אויפגעפלאַקערט און די ווילדע, מענטשנפרעסערישע אויגן האָבן יעדן אייגציקן פון די געפאַנגענע דורכגענומען, ווי ער וואָלט זיי שוין געוואָלט אויפפרעסן.

זיי רייזנדע האָבן אויפגעשווידערט, הערנדיק די ווערטער און זעענדיק די דראָזיקע ווילדע בליקן. זיי האָבן געשוויגן.

קאַאי־קומו האָט ווידער אָנגעהויבן:

— וואָס־זשע זאָגסטו? — האָט ער זיך געווענדעט בלויז צו לאָרד גלענאַרוואָן — וועלן די ענגלענדער איינשטימען דיך אויס־צובייטן פאַר אים?

לאָרד גלענאַרוואָן האָט באַלד נישט געענטפערט, נאָר אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן, דאַן האָט ער אויס־געריפן:

איך קען דיר נישט זאָגן אויף געוויס.

רעד שאַרף! — האָט קאַאי־קומו אַ געשריי געטון — יאָ, צי ניין, צי ביסטו אַזוי גרויס בײַ די ענגלענדער, אַז זיי זאָלן באַשטיין דיך אויסצובייטן פאַר אונדזער גאָטס באַדי־נער?

— ניין — האָט לאָרד גלענאַרוואַן רויִק אָבער ענערגיש אויסגערופן. — איך בין נישט אַזאַ גרויסער מאַן צווישן די ענג־לענדער, אַז זיי זאָלן מיך וועלן פאַרבייטן פאַר אײַער טאָהאַנ־גאַ.

די איבעריקע רייזנדע זענען געבליבן שטיין דערשטוינטע פון לאָרד גלענאַרוואַנס רייד, זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז פון זינען אַראָפּ.

קאַאי־קומו אַליין איז אויך איבעראַשט געווען צו הערן אַזאַ מין ענטפער. ער האָט דערוואַרט, אַז דער געפאַנגענער וועט זיך דאָ אָנהייבן אויסצולויבן פאַר אים, וואָס פאַר אַן אָנגעזעענער מענטש ער איז בײַ די ענגלענדער. ער האָט אים אַ ווײַלע דורכ־געמוסטערט מיט זיין בליק און געזאָגט:

— אַלזאָ זאָגסטו, וועט דיין פאָלק דיך נישט וועלן אויס־בייטן פאַר אונדזער טאָהאָנגאַ?

— מיך אַליין נישט, נאָר אונדז אַלע, אפשר יאָ — האָט לאָרד גלענאַרוואַן רויִק געענטפערט.

לויט אונדזער געזעץ קענען מיר נאָר אויסבייטן אַ קאָפּ פֿאַר אַ קאָפּ — האָט קאַאי-קומי מיט כּעס געענטפֿערט.

— פּרוּוו-זשע די ענגלענדער פֿאַרלייגן, זיי זאָלן אויסבייטן די צוויי פֿרויען פֿאַר אייער טאָהאָנגאָ — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט — דאָס זענען זייער אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן אין ענגלאַנד.

העלענאַ האָט אים געפּרוּווט אָפּהאַלטן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעדרייט און געקוקט גלייך דעם ווילדן אין די אויגן אַריין.

— דו פֿאַרשאָלטענער ענגלענדער! — האָט קאַאי-קומי בייז אויסגעשריגן און אַ קרום, גיפֿטיק שמייכעלע האָט זיך איבער זיין ווילד פּנים צעלייגט און זיין בליק האָט ווי אַ שאַרף מעסער דעם לאָרד דורכגעשטאָכן — מיך דעם אָנפֿירער פֿון די מאַאָרי גייסטו אָפּנאַרן. איך ווייס דען נישט, אַז דאָס איז דיין פֿרוי!

באַ די ווערטער האָט ער אָנגעוויזן אויף דער לײדי העלענאַ.

— ניין, דאָס איז גאָר מיין פֿרוי — האָט פּלוצלינג דער פֿריער שווייגנדיקער קאַראַ-טעטע אויסגערופֿן און, דערנענטערנדיק זיך צו לײדי העלענאַ, האָט ער אַרויפֿגעלייגט אויף איר זיין שווערע האַנט.

לײדי העלענאַ איז שרעקלעך בלאַס געוואָרן זי האָט אָנגעהויבן אינגאַנצן צו ציטערן און מיט בעטנדיקע אויגן צו קוקן אויף איר מאַן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט לאַנגזאַם אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און גלייך אויסגעשאָסן קאַראַ-טעטע אין האַרץ אַריין. יענער איז אויפֿן אָרט אַנידערגעפֿאַלן, אויסציִענדיק זיך לעבן זיינע פֿיס.

אַלע קריגסלייט, וועלכע זענען געווען אין דעם הויז, זענען

אויף אַ ווײַלע איבעראַשט געוואָרן פֿון דעם שאָס. עס זענען זיך צוזאַמענגעלאָפֿן אַלע אײַנוווינער פֿון דעם פֿעסטונג, ווײַבער מיט קינדער, און ווען זיי האָבן דערזען ליגן קאַראַ־טעטען אַ טויטן, איז געוואָרן צווישן זיי אַזאַ געוואַלט און געשריי, אַז מען האָט געקענט טיוב ווערן.

זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די געפֿאַנגענע און געוואָלט זיי צערייסן אויף שטיקער. קאַאי־קומו האָט זיך קוים געקענט פֿון זיי אָפּטרײַבן. ווען זיי זענען אָבער שטאַרק צוגעשטאַנען און נישט געוואָלט אָפּטרעטן, האָט ער פּלוצלינג אויסגערופֿן:

— טאַבו! טאַבו! דאָס הייסט: הייליק! הייליק!

דאָס האָט געווירקט אויף זיי, ווי אַ כּישוף און זיי זענען באַלד אָפּגעטרעטן.

קאַאי־קומו האָט די געפֿאַנגענע געהייסן צוריק אָפּפֿירן אין טעמפּל אַרײַן.

אויפֿן וועג איז ראָבערט מיטן פּראָפֿעסאָר אומבאַמערקבאַר פֿאַרשווונדן געוואָרן.

אַלע זענען שטילשווײַגנדיק געגאַנגען.

XI.

די קבורה פֿון אַ מאַאָרי־הויפּטמאַן.

דאָס וואָרט „טאַבו", פֿאַר וועלכן די ווילדע האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, דאָס איז אַזאַ מין חרם און איז דאָס גרעסטע געווער בײַ די הייליקע אין דער האַנט. קוים זאָגט אַזאַ כּהן אָדער טאָ־

האַנגאַ אַרויס דאָסדאָזיקע וואָרט, ווירקט עס באַלד מיט אַ שרעק־לעכער קראַפט.

זאַי־קומו איז אויסער מיליטערמאַן געווען אויך אַ היילי־קער און דעריבער האָט ער זיך מיט דעם „טאַבו״ געקענט באַ־נוצן.

ווען זיי לייגן אַרויף אויף אַ געוויסן מענטש אַ חרם אָדער „טאַבו״, טאָר מען דעם מענטש נישט אָנרירן, מען טאָר זיך מיט אים נישט צוזאַמענקומען, אים איז פאַרבאָטן געוויסע מאכלים צו עסן.

די געפאַנגענע האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען אויף אַ גע־וויסער צייט געראַטעוועט, אָבער ווי לאַנג וועט דאָס געדויערן און צי וועלן זיי די ענגלענדער אויסלייזן? — דאָס האָט זיי געעג־בערט אין מוח.

פלוצלינג האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז ראָבערט מיטן פראָ־פעסאָר זענען פאַרשווונדן געוואָרן און אַ שרעק האָט זיי אַרומגע־נומען.

באַ קיינעם איז קיין שום ספק נישט געווען, אַז די מאַאָרי האָבן זיי געכאַפּט און אויפגעפרעסן.

די נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט שרעקלעך. אַ טויטע שטיל־קייט האָט אַלעמען אַרומגענומען.

מערי גראַנט האָט נישט געוויינט אויף איר ברודער, נאָר די אָנצוקוקן אָבער איז געווען אַ פחד. זי איז אַזוי פאַר־צווייפלט געווען און גלייכצייטיק אַזוי פאַרשטיינערט, אַז זי האָט אפילו קיין טרער פון די אויגן נישט געקענט אַרויסברענ־גען.

פינסטער איז געווען אין טעמפל, ווי אין אַ זאַק. ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, ווי דער טויט שוועבט אַרום איבערן חלל און הויכט אויף יעדן מיט זיין טויטן אָטעם.

ס'האָט קיינער נישט געקאָנט שלאָפֿן, אַלע האָבן מיט שרעק אָפּגעוואַרט דעם טאָג.

„וועט ער זיי ברענגען באַפֿרייונג אָדער טויט?" — דאָס האָט יעדער געטראַכט, אַ חוץ איין מערי גראַנט, וועלכע האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט.

ענדלעך האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. דער פֿריער מאָרגן האָט אָנגעהויבן אַריינבליקן דורך די לעכער אין דער וואַנט פֿון טעמפּל.

ווילסאָן איז אַרויפֿגעקראָכן אויף דעם זעלבן געץ, וואָס נעכטן ראָבערט, און אַרויסגעקוקט דורך דעם פֿענסטער.

אויפֿן פּלאַץ איז געווען שטיל, און ער האָט קיין לעבעדיק נפֿש נישט געזען, נאָר וואָס אַרום זייער געפֿענגעניש האָבן זיך אַרומגע־דרייט עטלעכע שטאַרק־באַוואָפֿנטע קריגסלייט.

אַלע האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער דאָזיקער שטיל־קייט.

— וואָס קען דאָס באַדייטן? — האָט איטלעכער פֿאַר זיך געפֿרעגט.

זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט, אַז אין פֿאַרלויף פֿון דריי טאָג נאָכן טויט פֿון אַ ווילדן, גלייבן זיי, די מאַאָרי, קען נאָך די נשמה צוריק אַריינגיין אין דעם מת און אים לעבעדיק מאַכן, דע־ריבער האָט איטלעכער מורא צוצוקומען אין דער נאָנט פֿון דעם מת, כדי די נשמה זאָל זיך נישט דערשרעקן און אַנטלויפֿן.

און דאָס איז געווען די סיבה פֿון דעם טויטן שטיל־שווייגן.

אַזוי האָט געדויערט צוויי טאָג.

אויפֿן דריטן טאָג איז קאַאי־קומו אַרויסגעקומען פֿון זיין הויז, אַרויפֿגעשטעלט זיך אויף אַ בערגל און באַלד האָבן זיך אַרום

אים פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל קריגסלײט, פרויען און קינדער. א טרויעריקייט האָט געהערשט צווישן אַלע און אַ רויקייט.

קאַאי־קומו האָט געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט און איי־נער פון זיינע קריגסלייט איז אַרויסגעגאַנגען פאָרויס. ער האָט אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן טעמפל און יענער האָט זיך אָנ־געהויבן צו דערנענטערן צו דעם געפענגעניש.

ווילסאָן איז אַראָפּגעשפרונגען פון דעם געץ און דאָס מודיע געווען די איבעריקע געפאַנגענע.

דער קריגסמאַן איז אַריינגעקומען און מיט אַ ווינק האָט ער געהייסן אַלע נאָך זיך נאָכגיין.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום פּלאַץ, ווו קאַאי־קומו איז געשטאַנען, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט, וואָס מען וועט זיי זאָגן.

דער ווילדער הויפּטמאַן האָט זיי אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַר־אַכטנדיקן בליק און אויסגערופן:

— דערפאַר וואָס דו האָסט דערהרגעט קאַראַ־טעטען — דאָ האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף לאָרד גלענאַרוואָן — וועסטו מאָרגן באַלד נאָך זון־אויפגאַנג שטאַרבן.

לאָרד גלענאַרוואָן איז געבליבן שטיין רויק, נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער זיך געפרעגט:

— איך אַליין?

— ווען נישט דער טאָהאָנגאַ, וואָס איז בײַ די ענגלענדער געפאַנגען, וואָלט איר אַלע מאָרגן אויפגעפרעסן געוואָרן! — האָט ער מיט בליציקן האַס אויסגערופן.

פלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערויש אין איין ווינקל פון פעסטונג. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אַהין און דערזען, ווי עס לויפט אַהער אַ דערשוויצטער קריגסמאַן, דאָס פּנים מיט בלאָ־

טע באַשמירט, פאַרבלוטיקט, ער האָט קוים דעם אָטעם געקענט כאַפּן.

— פונוואַנען קומסטו? — האָט אים קאַאי־קומו געפרעגט אויף ענגליש, כדי די געפאַנגענע זאָלן פאַרשטיין.

— איך קום פון לאַגער פון די ענגלענדער — האָט יענער סאָפּענדיק געענטפערט.

— האָסט געזען אונדזער טאַהאָנגאַ דאָרט בײַ די ענגלענדער?

— יאָ.

— ער לעבט?

— ניין, די ענגלענדער האָבן אים געשאָסן.

קאַאי־קומו דאָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, אַרומגענומען די געפאַנגענע מיט אַ פינסטערן בליק און אויסגערופן:

— מאָרגן אינדערפרי, באַלד נאָך זון־אויפגאַנג, וועט איר אַלע שטאַרבן.

ס'האָט קיינער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, קיינער האָט נישט געגעבן קיין רחמנות, נישט אַרויסגעוויזן קיין מורא, נאָר רויק געשטאַנען און געשוויגן.

קאַאי־קומו האָט געוואָלט די געפאַנגענע זאָלן בייזיין די ווילדע צערמאָניע פון דער באַגרעבעניש, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז אַן אייראָפּעער קען נישט צוזען קיין בלוט און פייניקונג.

מען האָט זיי צוגעפירט צו דעם אָרט, וווּ עס איז געלעגן דער טויטער קערפּער פון קאַראַ־טעטע. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ ראָגאָזשע, אין קאָפּ זענען געווען אַריינגעשטעקט פאַרשידענע פעדערן און אַרום קאָפּ אַ בלעטער־קראַנץ.

עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַלע קרובים פון טויטן, אַלע גוטע פריינט, זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען און יאָמערן און גע־

קלאַפּט זיך אין קאָפּ אַריין, גערינען זיך דאָס לייב ביז בלוט. עס איז געווען אַ שרעק צו קוקן.

בײַ די ווילדע איז אַ מנהג, אַז דעם טויטן גיט מען מיט אין קבר אַריין אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער וועלט, אַלזאָ די פרוי, די דינער זיין געווער און אַלדינג, וואָס איז אים ליב געווען.

קודם כל האָט מען געברענגט די פרוי. זי איז געגאַנגען צעפלאָשעט די האָר. זי האָט געיאָמערט און געקלאָגט מיט הימל־גרייכנדע קולות. זי האָט אויסגערעכנט אַלע מעלות פון דעם טויטן און אים אָפּגעליובט און צום סוף האָט זי אויסגערופן, אַז זי וויל נישט אַליין בלייבן לעבן אויף דער וועלט און זיך אַנידער־געוואָרפן לעבן מאַן און אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן קאָפּ אָן דער ערד.

דערנאָך איז צוגעגאַנגען קאַאי־קומו מיט אַ קײַלעכדיק לאַנג קלעצל אין דער האַנט און איר אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין. זי זי איז באַלד געבליבן ליגן אַ טויטע. מען האָט זי אַנידערגעלייגט אין רייע מיט איר מאַן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע געוואַלטן און געשרייען.

ווען די ערשטע טייל פון דער בלוטיקער צערעמאָניע האָט זיך געענדיקט, האָט מען געברענגט צו פירן עטלעכע דינער, וואָס זענען מיט אים געווען צוזאַמען און אים באַדינט באַם לעבן. מיט זיי האָט מען נישט געמאַכט קיין איבריקע קונצן. עס זענען צו זיי צוגעגאַנגען פונקט אַזאַ צאָל קריגסלייט וויפיל דינער, יעדער באַ־וואָפנט מיט אַזאַ גראָב לענגלעכדיק קלעצל און מיט איין זעץ אין קאָפּ אַריין איז דער דינער אַנידערגעפאַלן אַ טויטער. אַזוי איז געשען מיט אַלע זיינע באַדינער.

איצט האָט זיך דער המון, וואָס איז געשטאַנען אַרום און צוגעקוקט זיך צו דער בלוטיקער סצענע, אַ וואָרף אַרויף געטון

אויף די טויטע קערפּערס פון די דינער און צעריסן זיי דאָס לייב אויף שטיקער. יעדער האָט געכאַפּט אַ שטיק און אויפגעפרעסן, טייל רויערהייט, טייל האָבן עס זיך אָפּגעבראָטן. דערביי האָט מען זיך געשלאָגן צווישן זיך ביז בלוט איבער אַ פּאָרציע.

די געפאַנגענע האָבן אָפּגעדרייט די פּנימער, נישט קענענדיק צוזען דידאָזיקע שרעקלעכע בלוט־צערעמאָניע.

אַן אומאָנגענעמער ריח פון געבראָטן מענטשן־פלייש איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבערן גאַנצן פּלאַץ, אַז מען האָט געקענט דערשטיקט ווערן.

קאַאי־קומו האָט זיי ספּעציעל דאָ אַזוי געהאַלטן, כּדי אַזוי אַרום זיי צו מאַטערן און איינצייטיק זיי ווייזן, וואָס פאַר אַ סוף עס דערוואַרט זיי מאָרגן אינדערפרי נאָך זון־אויפגאַנג.

נאָך דערדאָזיקער צערעמאָניע האָבן זיי אָנגעהויבן שיכּורן פון אַזאַ ספּעציעל געטראַנק פון טייטלען געמאַכט, דערנאָך זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ משוגעדיקן, ווילדן טויטן־טאַנץ.

די געוואַלטן זענען געגאַנגען עד לב השמים.

די רייזנדע זענען געשטאַנען אין איין ציטערניש, מען זאָל זיי באַלד דאָ אויפן אָרט צעררייסן, וואָרן טאָמער שיכּורן זיי זיך אָן, קען דאָס אויך געשען.

קאַאי־קומו האָט דאָס אויך פאַרשטאַנען און ער האָט זיי געהאַלטן אין דער צוים.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע פון מקבר זיין. מען האָט מאַן און ווייב צוזאַמענגעבונדן מיט שטריק, איינגעוויקלט אין ראָגאָזשע און זיי אַוועקגעטראָגן אין זייער פאַמיליען־אודופאַ, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל, אַ מייל ווייטער. דאָרט האָט מען די קערפּער אַריינגעלייגט אין דער ערד ביז זיי וועלן פאַרפוילט ווערן. דערנאָך וועט מען די ביינער אַרויסנעמען,

אָפּפּוּצן, צוזאַמענשטעלן צוריק, ווי אַ סקעליעט און לאָזן שטיין אין אַ ווינקל לזכּרון.

די געפאַנגענע האָט מען אונטער אַ שטאַרקער וואַך צוריקגע־פירט אין טעמפּל אַריין, וווּ זיי האָבן געזאָלט שוין וואַרטן ביזן אויספירן דעם אורטייל.

אַרום בערגל פון דער אודופּאַ האָט מען אַרומגעצוימט מיט קלעצער, דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז ביז אַהער מעג מען נאָר צוגיין, ווייטער איז „טאַבוּ".

די זון האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין און אַלץ אין בלוטי־קע שטראַלן איינגעהילט.

XII.

אַנטלאָפן פון געפענגעניש.

מיד און צעבראָכן האָבן זיך אַלע איינגעטוליעט אין אַ ווינקל פון דעם טעמפּל. דורך די לעכער אין די ווענט האָבן די רויטע זון־שטראַלן זיך אַריינגעגאָסן און בלוטיק באַפאַרבט די ווענט און די שרעקלעך־געשניצטע געטער, אַלע פּנימער פון די געפאַנגענע. עס האָט אויסגעזען, ווי דער פאַרנאַכט איז ספּעציעל, אַלס זייער לעצטער אָוונט, אַזוי בלוטיק.

— קודם כּל לאָמיר עפּעס עסן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן, — לאָמיר האָבן כּוח אויסצוהאַלטן די מאָרגעדיקע מאַ־טערנישן.

אַלע האָבן אַרויסגעוויזן אַן אומגלויבלעכע רויקייט, או־

אַלעמענס פּנימער, נישט אויסגעשלאָסן אפילו די פרויען, האָט זיך געצייכנט אַנטשלאָסנקייט און מוט.

די פרויען זענען צוליב זייער אַפּגעמאַטערטקייט פון די היינטיקע בלוט־סצענעס, וואָס זיי האָבן היינט צוגעזען, באַלד איינגעשלאָפן.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט זיך דאַן אָנגערופן צו די איבעריקע מענער:

— שווערט מיר צו, אַז דער, וואָס וועט בלייבן לעבן דער לעצטער, זאָל פריער די פרויען דערהרגענען, לאָזן זיי זיך נישט מאַטערן אין די הענט פון די מענטשנפרעסער.

— איך בין באַרייט צו שווערן — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן — אָבער קודם־כל לאָמיר זיך גאָרנישט אָפּזאָגן פון אונדזערע האָפענונגען געראַטעוועט צו ווערן.

— דאָס איז אָן שום ספק, כל זמן מיר לעבן, לאָמיר זוכן פּלענער, ווי אַזוי צו אַנטלויפן פונדאַנען — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן.

פּאַראַגוט האָט איבער דער צייט, וואָס זיי האָבן אַזוי געשמועסט, אָפּגעבויגן די ראָגאָזשע, וואָס האָט דאָ געדינט אַלס טיר, און אַרויסגעקוקט.

אינדרויסן פאַרן טעמפּל האָט געברענט אַ פייער אַרום וועלכן עס זענען געזעסן אַ גאַנצע חברה וועכטער, וועלכע האָבן קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון טעמפּל. פּאַראַגוט האָט זיי אָפּגעציילט עטלעכע און צוואַנציק שטיק. זיי זענען אַלע געזעסן פון דער פאָרנטיקער זייט צום טעמפּל צו. די הינטערשטע זייט האָט מען נישט געדאַרפן היטן, ווייל דער טעמפּל איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, אין טעמפּל האָט מען נאָר געקענט אַריינקומען פון פאָרנט. אָן אַ לייטער איז אוממעגלעך געווען צוצוקומען צום טעמפּל פון הינטן

זיי האָבן געפּרוּווט אַרומטאַפּן אַלע ווענט און זוכן אַן אָרט, וואָס מען זאָל עס קענען אויפברעכן און אַנטלויפן, אָבער די ווענט זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס איז אוממעגלעך געווען אַן אַ האַק עפּעס אויפצוטון.

דערווייל איז געוואָרן שפּעט. אינדרויסן האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינט, וואָס זיין קילקייט האָט זיך אויך באַלד דער־פילט צווישן די ווענט פון טעמפּל. דער הימל האָט זיך פאַר־וואָלקנט.

קיינער איז נישט געשלאָפן אויסער די צוויי פרויען.

פּלוצלינג איז דער מאַיאָר געבליבן שטיין אַ פאַרבליפטער. ער האָט געהערט עפּעס קראַצן אונטער דער הינטערשטער וואַנט פון טעמפּל. פון אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז דאָס קראַצט אַ מויז אָדער אַ קאַץ. אָבער באַלד האָט ער דערהערט אַן אינטענ־סיווער קראַצן און גראָבן. ער האָט דאָס באַלד איבערגעגעבן דעם קאַפּיטאַן מיטן לאָרד גלענאַרוואָן, וועלכע האָבן זיך אויסגע־צויגן אויף דער פּאָדלאָגע און צוגעלייגט אַן אויער צו דער וואַנט.

— ווער ווייסט — האָט נאָך אַ ווײַלע זיך אָנגערופן לאָרד גלענאַרוואָן, צי דאָס גראָבט אַ מענטש, צי אַ חיה!

— מיר וועלן באַלד וויסן — האָט דער מאַיאָר אויסגע־רופן.

ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וווּ עס האָט זיך געהערט דאָס גראָבן און אויך אָנגעהויבן פון דער זייט אַרויסצונעמען ערד. קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט מיט אַ מעסער, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך אויך אָנגעהויבן צו גראָבן. פון דרויסן האָט מען, דערפילנ־דיק, אַז מען העלפט זיי פון דאַנען, נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו אַרבעטן, אַזוי, אַז אין פאַרלויף פון אַ האַלבע שעה האָבן זיך צו־

זאַמענגעטראָפן צווי הענט, וועלכע האָבן זיך איינע די אַנדערע שטאַרק אַ דריק געטון.

— דאָס איז אַן אייראָפּעישע האַנט פון אַ פרוי אָדער פון אַ יונג קינד — האָט אויסגערופן דער מאַיאָר, וועמענס האַנט עס האָט אָנגעכאַפּט די האַנט פון דרויסן.

— גלייבט מיר, אַז דאָס איז ראָבערט — האָט לאָרד גלע-נאַרוואַן אויסגערופן.

דערווייל האָבן זיך די פרויען אויפגעכאַפּט און מערי גראַנט, דערהערנדיק דעם נאָמען ראָבערט, איז צוגעלאָפן צו דעם אויפגע-גראָבענעם לאָך און אַריינגעשעפּטשעט:

— דאָס ביסטו, מיין טייער ברודערל!

— יאָ, — האָט זיך שוואַך געהערט אַ שטימע פון יענער זייט — אָבער שווייגט, מען קען נאָך דערהערן. גיט נאָר אַ קוק פון פאָרנט, וואָס די וועכטער טון.

ווילסאָן האָט אַרויסגעקלעטערט אויף אַ געטל און דורכן לאָך האָט ער באַ דער שיין פון פייער געזען, ווי אַלע שלאָפן, נאָר עט-לעכע וועכטער זענען וואַך און קוקן גלייך צום טעמפּל. ער האָט דאָס באַלד איבערגעגעבן די איבעריקע.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג, איז דאָס לאָך שוין געווען אַזוי גרויס, אַז דער קליינער ראָבערט איז אַריינגעקראָכן אין טעמפּל אַריין.

די פרייד איז געווען אין לשער. זיי האָבן זיך אַלע מיט אים אַרומגענומען און געקושט. ס'איז אָבער נישט געווען קיין סך צייט אויף סענטימענטן.

מען האָט צוגעבונדן צו אַ געטל אַ שטריק, דורך וועלכן ראָבערט האָט געהייסן יעדן איינציקן זיך אַראָפּלאָזן.

מען האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן, ווי אַזוי און פונוואַ-

נען ער האָט זיך דערנומען. ער האָט דאַן דערציילט אין קורצע ווערטער:

אַז אַזוי ווי קאַראַ־טעטע איז דערשאָסן געוואָרן און ס'האָט זיך געמאַכט אַ סומאַטאָכע, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער פעסטונג און געלאָפן, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן. ער איז אָנגעקומען אין אַ וואַלד, ווו ער האָט געפונען אַ ליידיק שטיבל, ווו ער האָט די עטלעכע נעכט איבערגענעכטיקט. פון דאָרט האָט ער געזען די גאַנצע צערעמאָניע, ווי אַזוי מ'האָט קאַראַ־טעטען באַגראָבן. ער האָט באַשלאָסן זיי, די געפאַנגענע, צו ראַטעווען. אין דעם שטיבל האָט ער געפונען אַ מעסער מיט אַ שטריק, איז ער געקומען צו לויפן דאָ אַהער וואָס גיכער זיי אַרויסצונע־מען.

ער האָט אָפּגעהאַקט און אָנגעהויבן צוצויאָגן דער עולם, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלירן אומזיסט קיין צייט. מען האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַראָפּצולאָזן. ווען אַלע זענען שוין געווען אונטן, גיט זיך פלוצלינג דער לאָרד אַ פרעג:

— און ווו וואָרט דער פּראָפעסאָר?

— וואָס הייסט, ער איז דען נישטאָ — האָט זיך ראָ־בערט פאַרוואונדערט געפרעגט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּראָפעסאָר איז ערגעץ אַנדערש פאַרשוואונדן געוואָרן.

האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיין פאַמעלעך. לויפן האָבן זיי מורא געהאַט, כדי די וועכטער זאָלן נישט דערהערן. זיי זענען אַזוי אָפּ־געגאַנגען העכער אַ האַלבע שעה. ראָבערט האָט זיי געפירט דורך וועלדלעך און צווישן בערג. דער וועג איז געווען בלויז שטיינער און דערנער.

דערווייל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. זיי האָבן דערזען, אַז זיי גייען אויף אַ באַרג.

פלוצלינג האָבן זיי דערהערט פונדערווייטנס אַ גרויס געשריי.

מען האָט זיך, ווייזט אויס, אַרומגעזען, אַז די געפאַנגענע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

די רייזנדע האָבן זיך שנעלער אָנגעהויבן צו איילן אַרויפצוקומען אויפן באַרג. פון יענער זייט באַרג איז געווען אַ טייך, האָבן זיי גערעכנט, אַז זיי וועלן דאָרט פאַקן אַ שיפל און אַנטלויפן.

אַרויפקומענדיק אויפן באַרג, האָבן זיי זיך אומגעקוקט, און אַ פחד איז אויף זיי אָנגעפאַלן — עטלעכע הונדערט ווילדע האָבן זיך נאָך זיי נאָכגעיאָגט און פון די געוואַלטן און די געשרייען האָט מען געקענט טויב ווערן.

עס איז שוין געווען גוט ליכטיק און זיי האָבן דערזען, אַז זיי געפינען זיך אויף נישט זייער קיין הויכן באַרג. צום טייך איז נאָך געווען ווייט און אַרום איז געווען בלויז ווילדער וואַלד, פון אַן אַנדערער זייט טיפע טאָלן פול מיט שטיינער.

די לאַגע איז נישט געווען גאָר גלענצענד און דאָ קומען די ווילדע אַלץ נענטער און נענטער. זיי האָבן זיי שוין דערזען.

— קיין האָפנונג נישט פאַרלירן — האָט כסדר לאָרד גלענאַרוואָן געמוטיקט.

XIII.

דער פּראָפעסאָר — אַ מאַאָרי.

דעם עולם אָבער האָט מען נישט געדאַרפן צו מוטיקן, זיי זענען אַליין געלאָפן, וויפיל כוח זיי האָבן נאָר פאַרמאָגט, פון הינטן האָבן זיי געהערט די געשרייען פון די ווילדע און דאָס האָט זיי שוין געגעבן גענוג כוח צוגעגעבן צום לויפן.

פּלוצלינג האָט זיי דער מאַיאָר מיט אַ געשריי אָפּגעשטעלט:

— שטייט, גיט נאָר אַ קוק, וואָס עס איז געשען. אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט און זענען געבליבן שטיין דערשטוינט פאַר דעם בילד, וואָס האָט זיך פאַר זייערע אויגן אַנטפּלעקט:

די גאַנצע מחנה ווילדע זענען געבליבן שטיין פון הינטן אַרום באַרג און ווייטער זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן געשריגן, געהויבן די הענט, געקוויטשעט און געמאַכט יעלות, אָבער קיין טריט ווייטער האָבן זיי נישט געמאַכט.

— פאַרוואָס יאָגן זיי אונדז ווייטער נישט נאָך — האָט דער מאַיאָר זיך אַליין געפרעגט, וואָס איז זיי געשען, צי איז אַ כישוף זיי אָפּגעטון געוואָרן?

קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, וואָס דאָ איז געשען.

— אַהאַ, מיר האָבן גאָרנישט באַמערקט, דאָ איז דאָך דאָס

קבר פון קאַראַטעטע, דאָס אָרט איז „טאַבו״! — האָט ער אויס־
געשריגן און אַ שטיין איז יעדן פון הארץ אַראָפּ.

— לעת עתה האָבן מיר נישט וואָס מורא צו האָבן, זיי
וועלן אהער נישט אַרויפקומען. האָבן מיר, הייסט עס, צייט נאָך
צו באַקלערן אַ פּלאַן, ווי אַזוי פונדאַנען זיך אַרויסצוראַטעווען —
האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן. — לאָמיר נאָר צוגיין אַ קוק
טון צו דער אודופּאַ, דאָרט איז דאָך אָן שום ספק „טאַבו״.

זיי האָבן אַלע צוגענענט צום קבר. דאָס איז געווען אַ
גרויסע שטוב, אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן מיט שפּיציקע קלע־
צער, רויט אָפּגעפאַרבט. דער צוים איז געווען אָפן און אַלע זע־
נען אַריינגעגאַנגען. דער ערשטער איז געווען לאָרד גלענאַרוואַן,
וועלכער האָט אויפגעהויבן די ראָגאָזשע, וואָס האָט געדינט אַלס
טיר אין דעם קבר אַריין. אָבער באַלד איז ער מיט שרעק אָפּגע־
שפּרונגען צוריק.

— אַ מאַאָרי! — האָט ער אויסגעשריגן — אינעווייניק
זיצט אַ ווילדער מאַאָרי!

אַלע האָבן זיך פאַרוואונדערט. ווי קומט אהער אַ מאַאָרי,
אינדערצייט, וואָס דאָס אָרט איז טאַבו און קיין שום ווילדער וואָלט
נישט געוואַגט אַריינצוגיין.

דער מאַיאָר, פּאַראַגוט, ראָבערט און לאָרד גלענאַרוואַן
האָבן נאָכאַמאָל צוגענענט צו דעם קבר, און פאָרזיכטיק אַריינ־
געגאַנגען.

און ווירקלעך: אינעווייניק איז געזעסן אַ ווילדער מאַאָרי
און געגעסן פרישטיק מיט אַ גאַנץ גוטן אַפּעטיט.

פּלוצלינג האָט זיך דער ווילדער אומגעדרייט און מיט אַ
העפלעכער שטימע אויסגערופן:

— ביטע מאַיאָר, לאָרד, קאַפּיטאַן פּאַראַגוט און דו, קליי־

נער ראָבערט, ביטע, קומט אַריין און דערכאַפּט אייך דאָס האַרץ, דאָס פרישטיק איז אויסגעצייכנט.

— דער פּראָפעסאָר! — האָבן אַלע, ווי נישט מיט זייערע קולות אויסגערופן.

— יאָ, דאָס בין איך דער זעלבער! — האָט פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל אויסגערופן.

ער איז געזעסן אָנגעטאָן אין קליידער פון אַ מאַאָרי, ער האָט בלויז געטראָגן אַ פּאָר בלויע ברילן, וואָס האָבן נאָך דער־מאָנט אָן אייראָפּעער.

עס האָבן זיך אַ שיט געטאָן אויף אים אַ האָגל מיט פראַגן, ער זאָל זיי דערציילן, פונוואַנען ער האָט זיך דאָ אַהער דער־נומען און וווּ ער איז געווען, וווּ האָט ער גענומען די קליי־דער.

— איצט איז נישט די צייט אויף די אַלע קשיות און ביי־געריקייטן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן. — מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַ מחנה ווילדע און מיר דאַרפן טראַכטן, ווי אַזוי זיך אַרויסצובאַקומען פונדאַנען.

— וואָס פאַר אַ ווילדע! — האָט דער פּראָפעסאָר אויס־גערופן מיט שפּאָט — ס'איז בישטאָ קיין שום מורא פאַר קיין ווילדע!

— פאַרוואָס? — האָט ליידי העלענאַ געפרעגט.

— צוליבן טאַבו וועלן זיי דאָ אַהער נישט אַרויפקומען. איר מעגט אייך רויק דאָ איינקוואַרטירן.

— אָבער מיר וועלן דאָך שטאַרבן פון הונגער — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

— וועגן דעם דאַרפט איר אויך נישט זאָרגן, לאָרד, די ווילדע האָבן קאַראַ־טעטען מיטגעגעבן צו עסן אויף יענער וועלט אַרויף, וועלן מיר עס האָבן גענוג אויף עטלעכע וואָכן, ביז מיר

װעלן פֿונדאַנען אַנטלױפֿן. דאָס, גלײב איך, װעט זיך אונדז אײַנ־געבן.

דער גאַנצער עולם איז געװען הונגעריק. דער פּראָפֿעסאָר האָט אַרױסגענומען אַ ראַגאָזשע און זי אױסגעשפּרײט אױף דער ערד, אַרױסגעשלעפּט פֿאַרשידענע עסנװאַרג און מכבד געװען די געסט. ער איז שױן דאָ געװען אַ פֿולשטענדיקער באַלע־באָס.

נאָכן אונטערלעבען זיך דאָס האַרץ האָט דער עולם װידער גענומען בעטן דעם פּראָפֿעסאָר, ער זאָל זײ דערצײלן װעגן זײַן פֿאַרשװוּנדן װערן.

אָבער צו אַלעמענס פֿאַרװוּנדערונג האָט עפּעס הײנט דער פּראָפֿעסאָר געשװיגן און יעדעס מאָל זיך אױסגעדרײט פֿון צו געבן אַן ענטפֿער. די גאַנצע זאַך איז געװאָרן קרײטיש פֿאַר אַלע־מען, װײל איטלעכער האָט שױן געקענט דעם פּראָפֿעסאָר, אַז ער איז זײער באַרעדעװדיק און מען דאַרף אים קײן סך נישט בעטן, ער זאָל אָנהײבן רעדן.

װען דער לאָרד גלענאַרװאָן האָט דערשאָסן קאַראַ־טעטען און ס׳איז געװאָרן אַ גרױסע מהומה, האָט ער זיך אַװעקגעגנבעט און איז אַרױס פֿון פֿעסטונג. ער איז געלאָפֿן איבער גריבער, אי־בער שטײנער, ביז ער איז אַרײנגעפֿאַלן צו אַן אַנדערן שבט פֿון מאַאָרי, װעלכע האָבן נישט געהערט צו קאַאי־קומו. דער הױפּט־מאַן פֿון דעם שבט האָט אים גאַנץ פֿרײנדלעך אױפֿגענומען. עס איז אים זײער געפֿעלן געװאָרן דעם פּראָפֿעסאָרס טעלעסקאָפּ, דורך װעלכן ער האָט אַזױ װײט געקענט זען.

ער האָט באַם פּראָפֿעסאָר צוגענומען דאַן דעם טעלעסקאָפּ און כּסדר געהאַלטן אין אײן קוקן. ער האָט אָבער אים נישט גע־קענט אױפֿשטעלן, האָט ער כּסדר דעם פּראָפֿעסאָר געבעטן, ער זאָל דאָס טון. זעענדיק, אַז דער פּראָפֿעסאָר איז אַ נוצלעכער

מענטש און מורא האָבנדיק, אַזער זאָל פון אים נישט אַנטלויפן, האָט ער אים צוגעבונדן צו זיך מיט אַ לאַנגן שטריק, ער האָט געמוזט שלאָפן מיט אים און עסן מיט אים.

די מעשה איז דעם פּראָפעסאָר זייער נישט געפעלן געוואָרן, האָט ער אויסגענוצט דעם מאָמענט, וואָס דער מאַאָרי־הויפטמאַן איז אַנטשלאָפן געוואָרן און איבערגעשניטן דעם שטריק און אַנטלאָפן.

— האָט ער איך כאָטש גוט באַהאַנדלט ? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אים איבערגעריסן.

דער פּראָפעסאָר האָט אויסגעמיטן דערויף צו געבן אַן ענטפער. מ׳האָט באַשיינפּערלעך באַמערקט, אַז ער באַהאַלט זיך מיט עפּעס אויס.

זעענדיק, אַז ער וויל דערויף נישט ענטפערן, האָט לאָרד גלענאַרוואַן פּלוצלינג אים אַ פרעג געטון :

— און פונוואַנען האָט איר פּונקט געטראָפן אויף דעם באַרג אַרויף ?

— בשעת מיין גאַסטפריינטלעכער מאַאָרי־הויפטמאַן האָט כסדר געהאַלטן אין איין קוקן אויף דעם טעלעסקאָפּ — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט — האָט ער מיך אויך איינמאָל מכבד געווען אַ קוק צו טון, האָב איך גראָד דערזען דאָס באַגרעבעניש פון קאַראַ־טעטען. איך האָב דאָס געוויזן דעם מאַאָרי. ער האָט מיר דאַן דערקלערט, אַז דאָס אָרט ווערט פון איצט אָן זיין „טאַבו״ און קיינער טאָר אַ געוויסע צייט נישט אַרויפקומען דאָרטן. איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך בין גלייך געלאָפן אַהער ?

נאָכן פּראָפעסאָרס דערציילן האָט מען אָנגעהויבן קלערן אַ מיטל, ווי אַזוי צו אַנטלויפן פונדאַנען.

זיי האָבן זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. אומעטום זענען

געשטאַנען די ווילדע, עס זענען נאָך צוגעקומען פרישע מחנות מיט ביקסן און האָבן געפּרוווט שיסן, אָבער זיי האָבן נישט גע־טראָפן.

— אויב מיר פּלאַנעווען וועגן אַנטלויפן — האָט דער פּראָ־פעסאָר זיך אָנגערופן — מוזן מיר קודם כּל אויסגעפינען אַן אָרט וווהין צו אַנטלויפן. אַלזאָ לייג איך פאָר, מען זאָל גוט באַזוכן אויפן גאַנצן באַרג, אפשר וועט מען געפינען אַן אָרט, פון וואַנען מען וועט בײַנאַכט קענען אַנטרונען ווערן.

איינזעענדיק, אַז דער פּראָפעסאָר האָט בּולקאָם רעכט, האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבערן באַרג, אויסגעזוכן פאַרשיי־דענע ערטער. פּלוצלינג האָבן זיי דערשפּירט, ווי דער באַרג וואַלט געציטערט.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט גוט די געגנט אַרום, בעסער צוגעהאָרכט זיך צו די טרייסלונגען, וואָס דער באַרג האָט אַרויסגעגעבן און ער האָט אָנגעהויבן צו האַלטן אַ גאַנצע לעקציע מכּוח דעם, וואָס דער באַרג ציטערט אַזוי. ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער באַרג איז אַ צוקונפטיקער ווולקאַן. אינעווייניק האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך דאַמף, וואָס זידט איצט און קאָכט און וויל אַרויס אויף דער אויבערפלאַך און דע־ריבער קומען פאָר דידאָזיקע אָפטע טרייסלונגען.

— אָבער הער פּראָפעסאָר — האָט זיך דער מאַיאָר ביין אָנגערופן — מיר געפינען זיך אין אַזאַ שרעקלעכער לאַגע און איר שטעלט אייך גאָר אַוועק האַלטן אַ לעקציע וועגן געאָגראַפיע, איך פאַרשטיי אייך נישט!

— נו, ווען אייך גלוסט זיך נישט צו הערן קיין געאָגראַ־פיע, טאָ לאָמיר צוריקגיין אין אונדזער פּאַלאַץ אַריין אונטערלע־גען זיך דאָס האַרץ — האָט דער פּראָפעסאָר פריילעך אויסגע־

רופן. — און אין איין וועגס אַ זוך טון, וואָס דער קאַראַ־טעטע האָט נאָך פאַר אונדז מיטגעבּרענגט.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער אודופאַ, אָוועקגעזעצט זיך אויף דער ראַגאָזשע און דער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט איצט איבּערגענומען אַלבּינעטס אמט, האָט אָנגעהויבּן צו דערלאַנגען די פאַרשידענע מעדנים.

נאָכן עסן האָט מען אָנגעהויבּן זוכן, וואָס נאָך עס געפינט זיך. זיי האָבּן געפונען אַ פּאָר בּיקסן מיט אַ סך פּולווער, וואָס מ'האָט קאַראַ־טעטען מיטגעגעבּן אויף יענער וועלט, עטלעכע שפּיזן, אַ האַק און נאָך פאַרשידענערליי געווער.

— דאָס וועט אונדז מער צונויץ־קומען, ווי קאַראַ־טעטען — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן און דער עולם האָט זיך איינגעטיילט מיט דער ירושה.

— מילא, געוווער האָבּן מיר שוין — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן — איצט מוז מען אַ זוך טון, צי עס געפינט זיך נאָך פּראָוויאַנט, ווער ווייסט ווי לאַנג די ווילדע וועלן אונדז דאָ אויפהאַלטן.

נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג האָבּן זיי נאָך געפונען עטלעכע קוישן קאַרטאָפל, רייז און פרוכטן. זיי האָבּן אויסגערעכנט, אַז עס וועט גענוג זיין אויף צוויי וואָכן.

— פאַר צוויי וואָכן האָבּן מיר שוין זיכער נישט וואָס צו זאָרגן — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

אַלבּינעט, וועלכער האָט זיך אָבּער מיט זיין פאַך מער אינטערעסירט, ווי דער פּראָפעסאָר, האָט איינגעזען, אַז די קאַרטאָפל, אויבּ מען וועט זיי נישט איינגראָבּן אין דער ערד, וועלן זיי קאַליע ווערן.

האָט ער גענומען די האַק, וואָס מ'האָט געפונען אין קאַראַ־טעטעס קבר און איז אַוועקגעגאַנגען אַן אַ זייט אויפן בּאַר...

און אָנגעהויבן אויסהאַקן אַ לאָך. אין דעם האָט ער אָנגעראַפּן מיט דער האַק אויף אַ שטיין, האָט ער אים אַרומגעגראָבן און מיט די הענט דעם שטיין אַרויסגעשלעפּט.

ווי נאָר ער האָט דעם שטיין אַרויסגעצויגן, האָט אָנגעהויבן צו זעצן אַ הייסער דאַמף אינדערהייך אַרויף. אַלבינעט האָט זיך אָפּגעבריט און איז אָפּגעשפּרונגען אין איין שרעק.

אַלע זענען מיט שרעק אין איילעניש אָפּגעטרעטן אויף אַהינטער און דער מאַיאָר האָט אויסגעשריגן:

— שנעלער פאַרשטאָפּט דאָס לאָך מיטן שטיין!

דער פּראָפעסאָר איז נעענטער צוגעגאַנגען און באַטראַכט דעם זייל דאַמף, וואָס האָט געזעצט אינדערהייך און מיט אַ שמייכל אויסגערופן:

— אַ וווּנדערלעכער באַרג! — עסן האָט ער אונדז געגעבן, הייסן דאַמף גיט ער אונדז, וואָס נאָך ווילט איר, מיר האָבן דאָך אַלע באַקוועמלעכקייטן, נאָר אַ קאָלאָניע דאָ צו גרינדן און זיך באַזעצן!

— הער פּראָפעסאָר. — האָט לידי העלענאַ מיט אַ טאָן פון פאָרוווּרף אויסגערופן — מיר שרעקן זיך, אַז ס'זאָל קיין פייער אַמאָל נישט אויסברעכן און אונדז אַלע דאָ לעבעדיקערהייט פאַרברענען און איר טרייבט גאָר שפּאַס! לאָמיר בעסער זיך באַטראַכטן, ווי אַזוי זיך פונדאַנען אַרויסצוכאַפּן.

— איר זענט גאַנץ גערעכט, לידי העלענאַ — האָט דער פּראָפעסאָר מיטן זעלבן שפּאַסלעכן טאָן געענטפערט, — איך בין נישט דאַקעגן, אדרבא, לאָמיר זיך אַלע צוזאַמען באַראַטן, וואָס עס איז דאָ צו טון.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די ראָגאָזשעס, וואָס זיי האָבן געפונען אין דער אודופאַ און דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט גענומען דאָס ערשטע וואָרט:

— מיין סברה איז, אַז מיר טאָרן נישט וואַרטן, ביז דער פּראָוויאַנט וועט זיך אונדז אויסלאָזן, נאָר מיר דאַרפן היינט באַנאַכט שוין מאַכן אַ דורכברוך דורך די פיינדלעכע ליניען און אַראָפּבאַקומען זיך פון דאַנען.

— אויב די מאַאָרי וועלן דערלויבן! — האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעריסן.

— ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז זיי וועלן זיך אונדז מיט זייער גאַנצער קראַפט אַנטקעגנשטעלן — האָט פּאַראַגוט צוגעשטימט.

— דאָך — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — באַזיצן מיר אַ שטאַרקע קראַפט, אַ דאַנק וועלכער מיר וועלן זי באַזיגן, נאָר איצט קאָן איך נאָך נישט זאָגן.

אַלע געבעטן פון די איבעריקע האָבן נישט געהאָלפן דעם פּראָפעסאָרס באַשלוס ווייכער צו מאַכן — ער האָט נישט געזאָגט.

באַנאַכט האָט מען געזען לויט דער ליניע פייערן, וואָס האָבן זיך געברענט אַרום באַרג, אַז די ווילדע שלאָפן נישט און באַוואַכן די געפאַנגענע זייערע נישט אויף קיין געלעכטער.

אַרום האַלבע נאַכט האָט לאָרד גלענאַרוואַן, נישט קוקנדיק אויף דעם פּראָפעסאָרס וואָרנונג נישט צו גיין, דאָך באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין וועג אַריין.

דער מאַיאָר האָט זיך געלאָזט גיין פאָרויס מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע, אָבער ווי נאָר ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט זיך דערהערט אַ ביקסן-שיסעריי פון אונטן.

— די ווילדע היטן גוט! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — וואָס האָב איך געזאָגט?

— וואָס־זשע איז אייער פּלאַן? לאָמיר הערן — האָט דער מאַיאָר בייז אויסגערופן.

— האָט געדולד! מיט חכמה וועלן מיר זיי נעמען! — האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט.

ס'איז נישט געווען קיין ברירה, מען האָט געמוזט וואַרטן.

XIV.

דער פייערשפייענדיקער באַרג.

ווען לאָרד גלענאַרוואָנס דורכברוך־פּלאַן איז נישט געלונגען, האָבן זיך אַלע פאַר צרות געלייגט שלאָפן אין דער אודו־פּאַ, אַרומהילנדיק זיך מיט די ראַגאַזשעס, ווייל אויפן באַרג איז זייער קאַלט געווען.

צומאָרגנס, ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען, איז זייער ערשטע אַרבעט געווען אַ קוק צו טון, וואָס די ווילדע מאַכן. צום באַדויערן, זענען זיי געשטאַנען אויף זייערע נעכטיקע פּאָסטנס און ווייטער געהיטן אָן שום אונטערברעכונג.

— וואָס וועט פאַרט זיין אונדזער סוף? — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום פּראָפעסאָר און אים שוין נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט זיי אַנטוויקלט זיין פּלאַן, וואָס האָט זיי, לויט זיין מיינונג, געדאַרפט זיכער ראַטעווען.

— ווי איר האָט נעכטן געזען — האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן — געפינען מיר זיך אויף אַ צוקונפטיקן ווולקאַן. ווען

אַלבינעט האָט אַרויסגענומען דעם שטיין, האָט אָנגעהויבן אַרויס־זעצן מיט אַ זייל פון הייסן דאַמף. מיר מוזן זען, אַז פון דעם באַרג זאָלן אַרויסזעצן אַ סך אַזעלכע זיילן דאַמף און פייער, כּדי די ווילדע זאָלן מיינען, אַז מיר זענען דאָ פאַרברענט געוואָרן, אַז גאָט האָט אונדז געשטראָפט פאַרן באַטרעטן אַן אָרט, וואָס איז טאַבו. זייענדיק אַזוי איבערצייגט, וועלן זיי ענדלעך אַוועקגיין פון באַרג און מיר וועלן אין אַ געוויסער נאַכט זיך קענען בשלום פונדאַנען אַוועקגיין.

— אויסגעצייכנט, אויסגעצייכנט! — האָבן אַלע מיט איין קול אויסגערופן.

— הייסט עס, אַז מיר דאַרפן זיך נעמען צום גראָבן — האָט פאַראַגוט אויסגערופן — און פאַרוואַנדלען אונדזער באַרג אין אַ פייערשפּייענדיקן וווּלקאַן.

— זיכער! דאָס האָב איך טאַקע געמיינט! — האָט דער פּראָפעסאָר מיט צופרידנקייט אויסגערופן. — נאָר מיט חכמה וועט מען די דאָזיקע ווילדע קענען אָפּנאַרן.

— ווען הייבן מיר אָן אַלזאָ דעם פּלאַן צו פאַרווירקלעכן? — האָט ליידי העלענאַ געפרעגט.

— נאָך היינטיקע נאַכט! — האָט דער פּראָפעסאָר אַנט־שלאָסן געענטפערט. — איך וואָלט עס נאָך באַלד די ערשטע נאַכט, ווען מיר איז דער דאָזיקער פּלאַן איינגעפאַלן, געקענט אויס־פירן, איך האָב אָבער גרינדלעך געוואָלט אויסשטודירן דעם באַרג.

— נו, נו, די ווילדע וועלן דאָס האָבן צו דערציילן דער־נאָך נסים, וואָס מיט די זינדיקע ענגלענדער איז געשען! — האָט דער מאַיאָר פריילעך אויסגערופן.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט דער פּראָפעסאָר געהייסן

זיך צוגרייטן צו דער אַרבעט, ווייל דאָס מוז נאָר געטון ווערן אומבאַמערקטערהייט פון די ווילדע.

אַלבינעט האָט אָפּגעקאָכט אַ זעטיק מיטאָג, כדי דער עולם זאָל כוח האָבן צו אַרבעטן. נאָכן עסן האָבן זיי אַ צייט זיך אָפּגערוט.

דערווייל האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט, עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן און דערנאָך האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ שטאַרקער רעגן.

— די נאַטור העלפט אונדז אויך צו — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — נו, קינדערלעך, צו דער אַרבעט!

דער עולם האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע, אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן אויף עטלעכע מעטער און אָנגעהויבן גראָבן. אויף עטלעכע ערטער האָט שוין אָנגעהויבן שפּריצן פאָנטאַנען מיט הייס וואַסער.

אויף איין אָרט האָט דער פּראָפעסאָר אַליין געגראָבן, דאָרט, האָט ער אויסגערעכנט, דאַרף זיך געפינען דאָס ריכטיקע אָרט. ער האָט אַזוי לאַנג געגראָבן, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסן שטיין, וועלכן ער אַליין האָט פון אָרט נישט געקענט רירן.

דער גאַנצער עולם איז זיך צוזאַמענגעקומען, געבראַכט מיט זיך שפּיציקע קלעצער, וואָס זיי האָבן אויפגעבראָכן פון צוים און מיט זייער הילף האָבן זיי דעם שטיין פון אָרט גערירט.

אָבער ווי נאָר דער שטיין איז געווען אויפגעהויבן, האָט אַ זעץ אַרויס געטון אַ זייל מיט פייער און ס׳האָט אָנגעהויבן שפּריצן מיט קאָכעדיק וואַסער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגאָסן גלייך צו די ווילדע אין לאַגער אַריין.

עס האָט זיך דערשפּירט אַ שטיקנדער ריח פון שוועבל און עס האָט אָנגעהויבן שיסן מיט גליענדיקע שטיינער. ס׳איז אָבער

אַ גליק, וואָס די שטיינער, וועלכע פליען אַרויס פון קראַטער, פאַלן צוריק אויפן זעלבן אָרט, דעריבער האָט עס אונדזערע רייזנ־דע גאָרנישט געשאַדט. דער פּראָפעסאָר האָט ספּעציעל אַזוי איינ־געאָרדנט, אַז די הייסע לאַווע זאָל זיך גיסן אין דער זייט פון די ווילדע.

צווישן די מאַאָרי איז אַנטשטאַנען אַ מהומה און אַ געוואַלט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרייען:

— טאַבו, טאַבו! און געקניט צום פייער און געבעטן.

צומאָרגנס האָבן זיי געזען, ווי די לאַווע האָט פאַרגאָסן אַרום די גאַנצע געגנט. די ווילדע זענען נאָך געשטאַנען און גע־ליאַרמט מיט משונהדיקע ווילדע קולות. קאַאי־קומו איז אַליין גע־קומען מיט זיינע קריגסלייט און תפילה געטון צו זייער גאָט. מען האָט געזען, ווי זיי ווייזן אויפן באַרג אויף דער אודופאַ.

— ער מיינט דערמיט, אַז גאָט האָט אונדז געשטראָפט — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעטייטשט זיינע צייכנס.

ענדלעך האָבן די ווילדע אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן, קאַאי־קומו אַליין מיט זיינע קריגסלייט זענען דעסגלייכן אין איין שרעק אַנט־לאָפן.

— אַ געניאַלער פּלאַן, הער פּראָפעסאָר — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן — מיר וואָלט קיינמאָל אַזוי נישט איינגעפאַלן אָפּצו־נאַרן די ווילדע.

— יעדער איינציקער, אפילו ציוויליזירטע מענטשן האָבן ליב, אַז מען נאַרט זיי אָפּ. מיט איבערצייגן וועסטו גאָרנישט אויפ־טון. — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן.

— איצט זענען מיר געראַטעוועט! — האָט לאָרד גלענאַר־וואָן אויסגערופן — זיי זענען אַלע איינגעשלאָפן, מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז עס איז פון אונדז קיין געביין נישט געבליבן. באַ־

נאַכט, ווען עס וועט שוין זיין גוט פינסטער וועלן מיר אַראָפּגיין און לאָזן זיך אין וועג אַריין.

איידער עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט האָט דער עולם זיך אָנידערגעזעצט בּאַראַטן, וווהין צו גיין און ווי אַרום זיך צו לאָזן אין וועג אַריין.

דער פּראָפעסאָר האָט פונאַנדערגעשפּרייט זיין לאַנד־קאַרטע, אויסגעשטודירט גוט די געגנט, ווו זיי געפינען זיך און באַשטימט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו גיין.

ווי ס'איז נאָר געוואָרן פינסטער, האָט דער עולם זיך געמאַכט רייזע־פאַרטיק, באַוואָפנט זיך מיט דעם געווער, וואָס זיי האָבן געפונען בּאַ קאַראַ־טעטען אין קבר, אויסגעשטעלט זיי אין אַ קריגס־אָרדנונג און אָנגעהויבן גיין.

ס'איז געווען שטיל אַרום, רויק, קיין שפּור פון קיין ווילדן האָט מען נישט געזען.

די פינסטערניש איז צוביסלעך באַלויכטן געוואָרן פון זייל פייער, וואָס האָט נאָך פון באַרג געזעצט.

XV.

דער „דונקאַן"!

זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ וואַלד אַריין. זיי האָבן געמוזט טאַפּן אין דער פינסטער און אַלע מאָל זיך געשטרויכלט איי־בער אַ בוים, אָדער אַ געדיכטן קזשאַק. דער וועג איז געווען אומגעהייער שווער. בלייבן שטיין און צוואַרטן ביז טאָג איז געווען

געפערלעך, ווייל מען איז נאָך אַלץ געווען אין דער גאַנץ פון די ווילדע.

דער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט נאָך פריער, פאַרן אַרויס־לאָזן זיך אין וועג אַריין, אויסגעשטודירט גוט די לאַנדקאַרטע, האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער חברה, ער האָט זיי געקירעוועט גלייך צום ים. אויפן וועג האָט ער אויך געהאָפט אָנצוטרעפן אויף ענגלישע קאָלאָניסטן אָדער סאָלדאַטן.

דער עולם איז געגאַנגען מוטיק, בלויז דאָס באַוווּסטזיין, אַז זיי האָבן באַוויזן זיך אַרויסצוראַטעווען פון אַ זיכערן טויט, האָט זיי צוגעגעבן כוח און אויסהאַלטעוודיקייט אַלץ איבערצו־טראָגן.

אַזוי זענען זיי דורכגעגאַנגען די ערשטע נאַכט. ווען ס'איז געוואָרן פריי, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען, אויפגעפּאַקט די פּעקלעך עסן, וואָס זיי האָבן זיך מיטגענומען פון קאַראַ־טעטעס קבר און כאָטש מען האָט נישט געקענט מאַכן קיין פייער און אָפּקאָכן, ווייל זיי האָבן נאָך מורא געהאַט די ווילדע זאָלן זיי נישט באַמערקן, האָבן זיי פונדעסטוועגן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט.

זיי זענען איצט אָנגעקומען אין אַ געגנט, ווו ס'האָט ווידער געקאָכט און געזאָטן אונטער די פיס. עס האָט געשפּריצט גאַנצע פאָנטאַנען מיט הייסן דאַמף, שוועבל און פייער. זיי האָבן געמוזט אַרומקרייזן און אויסמיידן די געגנט, און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרנומען איבעריקע טעג.

אַזוי זענען זיי אָפּגעגאַנגען אַ קנאַפּע וואָך. זיי זענען שוין געווען אָפּגעמאַטערט, מיד און הונגעריק, די עסנס, וואָס זיי האָבן פון קאַראַ־טעטעס קבר מיטגענומען, זענען נישט זייער זע־טיק געווען.

ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען אין אַ געגנט, ווו מ'האָט באַ־

מערקט אַ סך פייגל. דער מאַיאָר האָט עטלעכע געשאָסן. זיי האָבן אָפּגעבראָטן די געשאָסענע פייגל און אָפּגעגעסן, זינט אַ לאַנגע צייט שוין, דאָס ערשטע גוטע מאָלצייט.

זיי האָבן זיך נאָך דעם פייַנעם מיטאָג אָפּגערוט אַ גאַנצן טאָג, באַנאַכט זיך אויסגעשלאָפן, אַזוי, אַז ווען די זון איז אויפ־געגאַנגען האָבן זיי זיך געקרעפטיקטע מיט פרישע כוחות געלאָזט גיין אין ווייטערדיקן וועג אַריין.

שוין צען טעג זענען פאַרביי, זינט די זענען אַוועק פון יע־נעם פייער־שפייענדיקן באַרג און דעם ים האָט מען אַלץ נאָך נישט געזען. וואָרן וואָס אַ טאָג האָבן זיי געמאַכט ווינציקער מיילן. דער וועג איז געווען שווער, זיי האָבן זיך געמוזט דורכהאַקן אַ וועג דורך געדיכטע וועלדלעך, שטעכיקע דערנער.

דער פּראָפעסאָר האָט אויסגערעכנט, אַז זיי האָבן נאָך צו־צוגיין צום ים גאַנצע צוויי טעג. ער האָט איצט געהייסן זיין פאָר־זיכטיקער, ווייל די געגנט, אין וועלכער זיי זענען איצט אַרייַנגע־קומען, איז פול מיט ווילדע.

ענדלעך אויפן דריטן טאָג האָט פּלוצלינג אַ גלאַנץ געטון פאַר זייערע אויגן אַ זילבערנער פּאַס, וואָס האָט געציטערט פון־דערווייטנס אין דעם ליכט פון דער זון, אַ ווײַלע איז ער ווידער פאַרשוווּנדן, דאַן ווידער אויפגעבליצט, ווי אַן אויסגעגאָסענער טייך פון זילבער, וואָס איז אַלע מאָל מער אויסגעשפּרייט גע־וואָרן, מעכטיקער פאַר די אויגן זיך אויסגעגאָסן.

— דער ים! — האָבן אַלע מיט אומגעהייערער שמחה אויס־געשריגן. — דער ים!

טרערן האָבן זיך זיי אין די אויגן געשטעלט. אָבער וואָס טוט מען ווייטער, מען קען דאָך זיך נישט לאָזן שווימען איבערן ברייטן אומענדלעכן ים.

ראָבערט איז מיט אַ געשריי פון פרייד געלאָפן פאָרויס צום ים, כדי צו כאַפּן פיש, ווי ער האָט געזאָגט.

פלוצלינג האָט אַ ווילד געשריי פון דער נאָנט זיך דער־טראָגן, אַז דאָס בלוט אין די אָדערן איז פאַרקילט געוואָרן. זיי האָבן געמלעך אין קול דערקענט די ווילדע מאַאָרי, יענע זע־נען געלאָפן מיט אַ ליאַרם און געפילדער מיטן געווער אין די הענט.

לאָרד גלענאַרוואַן איז דער ערשטער צו זיך געקומען און אויסגערופן:

— לאָמיר אונדזער לעבן טייער אַוועקגעבן, מיר וועלן זיך פאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!

דערווייל האָט זיך דערהערט פון דער זייט פון ים ראָבערטס געשריי:

— אַ שיפל! אַ שיפל! קומט אַהער!

אַלע האָבן זיך מיטן גאַנצן אימפעט אַ לאָז־צו געטון צום ברעג, ווו עס איז געשטאַנען אַ קאַנאָע, וואָס האָט מסתמא געהערט צו דידאָזיקע ווילדע.

זיי האָבן זיך אַלע שנעל אַריינגעזעצט און די צוויי מאַטראָסן, פאַראַגוט און דער מאַיאָר האָבן גענומען די רודערס אין די הענט אַריין און דאָס שיפל האָט זיך מיט איינמאָל אַ גליטש געטון אי־בער די גלאַטיקע כוואַליעס פון ים.

די ווילדע זענען צוגעקומען צום ברעג, זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרייען און מאַכן קולות, אָבער דאָס שיפל איז שוין געווען ווייט אין ים. זיי האָבן שוין גאָרנישט קיין מורא געהאַט. פאַראַגוט האָט נאָכגעלאָזט דעם רודער און דאָס שיפל געלאָזט לאַנגזאַם שווימען איבערן ים.

פלוצלינג האָט דער פּראָפעסאָר אַ געשריי געטון:

— שנעלער! עס קומען עטלעכע קאַנאָעס מיט ווילדע הינטער אונדז.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אוןווירקלעך: דריי קאַנאָעס, געפּאַקט מיט ווילדע זענען בליץ־שנעל געפלויגן נאָך זיי.

זיי האָבן ווידער אָנגעוווירן יעדע האָפנונג זיך צו ראַטעווען. יענע זענען געווען אויסגערוט און האָבן געראַדערט מיטן גאַנצן כוח. זיי זענען שוין געווען אויסגעמאַטערט ביז די לעצטע כוחות.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט אומזיסט געקוקט און געזוכט אויפן ים, אפשר וועט זיך לאָזן באַמערקן אַ שיף פונדערווייטנס, אָבער זיין פּנים איז נאָך מער פאַרוואָלקנט געוואָרן, מען האָט קיין שום סימן פון אַ שיף נישט באַמערקט.

פּלוצלינג האָט ער ווי נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן:

— פּריינט! מען זעט אַ רויך, ס׳איז אַ שיף, מיר זענען געראַטעוועט!

אַלע, אַפילו דער פּראָפעסאָר אויך, האָבן זיך אַ נעם געטון צו די רודערס און מיט אַלע כוחות זיך דערנענטערט צו דער שיף, וואָס איז אַלע מאָל דייטלעכער און דייטלעכער פון אונטערן האָריזאָנט אַפער אַרויסגעשווומען.

פּלוצלינג איז לאָרד גלענאַרוואַן אויסטערליש בלייך געוואָרן, דער רודער איז אים פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן. ער האָט זיך אינגאַנצן אָנגעהויבן צו טרייסלען פון אויפרעגונג. די איבעריקע האָבן זיך דערשראָקן.

— וואָס איז געשען? — האָבן אַלע מיטאַמאָל אים געפרעגט.

— דער דונקאַן! — האָט ער מיט דער האַנט אין דער ווייטקייט געוויזן. — מיר זענען פאַרלוירן, די מערדער! בען־דזשאָנס! — האָט ער אין ציטערניש געשטאַמלט.

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען, ווי אָפּגעבריטע. זיי האָבן זיך גוט געגומען צוקוקן און ווירקלעך דערקענט, אַז דאָס איז דער דונקאַן.

— וואָס טוען מיר איצט ? — האָט דער מאַיאָר אויסגע־רופן — הינטער אונדז די ווילדע, פאַר אונדז בען־דזשאָנס !

זיי האָבן אָפּגעשטעלט דאָס שיפל, פשוט נישט וויסנדיק, וואָס צו טון.

אַ ווילדער האָט אויסגעשאָסן, די קויל איז לעבן זייער שיפל פאַרבייגעפלויגן. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַסטיקער שיסעריי מצד די ווילדע.

די רייזנדע האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און גענומען שנעלער רודערן. — קודם כל פון איין זיכערן טויט זיך ראַטע־ווען !

דערווייל האָט זיך דערהערט פון „דונקאַן" אַראָפּ אַ קנאַל פון דעם האַרמאַט און די קויל איז אַריבערגעפלויגן איבער די קעפּ פון די רייזנדע און געפאַלן צווישן זייער און די ווילדעס שיפלעך.

די רייזענדע, געפינענדיק זיך אין זייער אַ שרעקלעכער לאַ־גע, — פון איין זייט דער דונקאַן, פון דער צווייטער — די ווילדע האָבן אַוועקגעוואָרפן די רודערער און זיך געכאַפּט צום גע־ווער אויפן לעצטן קאַמף.

פלוצלינג האָט דער קליינער ראָבערט אויסגעשריגן :

— טאָם אויגוסטין ! איך דערקען בפירוש אויפן „דונקאַן" טאָם אויגוסטינען — ער האָט אונדז דערקענט, ער גריסט זיך צו אונדז.

דערווייל האָט דאָס האַרמאַטל ווידעראַמאָל אויסגעשאָסן און איין שיפל פון די ווילדע איז צעהאַקט געוואָרן אויף דער העלפט. די ווילדע פון דעם שיפל זענען אַלע אַריינגעפאַלן אין ים אַריין

און דערשרונקען געוואָרן. די איבעריקע שיפֿלעך האָבן זיך גיך אויסגעדרייט און אַנטלאָפֿן צוריק צום ברעג.

עס זענען אַנטשטאַנען שרעקלעכע געוואַלטן און געשרייען, וואָס האָבן ווייט אויפֿן ים אָפּגעקלונגען. פֿון איין זייט די יעמערלעכע קוויטשן פֿון די טרינקענדע ווילדע און פֿון דער צווייטער זייט די פֿרייַלעכע הורא-אויסגעשרייען פֿון די „דונקאַן"-מאַטראָסן.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען אַלע רייזנדע געווען אויפֿן „דונ-קאַן".

ענדלעך נאָך אַזוי פֿיל מאַטערנישן, און אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען, האָבן זיי זיך צוריק געפֿונען אין זייערע פּראַכטפֿולע קאַיוטעס.

די שמחה איז געווען אומבאַשרייבלעך, מען האָט זיך גע-קושט, אַרומגענומען, צוגעדריקט איינער צום אַנדערן און טרערן זענען געפֿלאָסן — אַ ים!

XVI.

פֿון פּראָפֿעסאָרס טעות — ניצול געוואָרן.

קוים זענען זיי עטוואָס באַרויקט געוואָרן, האָט זיך טאָם אויגוסטין נענטער אָנגעהויבן צוצוקוקן צו לאָרד גלענאַרוואָן, צו ליידי העלענאַ און צו אַלע איבעריקע און אַ שרעק האָט אים אַרומ-גענומען: זיי זענען אַלע געווען אויסגעדאַרט, אָפּגעמאָגערט, פֿאַר-חושכט, די קליידער צעריסן, די פּנימער פֿאַרברענט און אָנגע-שוואָלן, — ס'איז אַ מורא געווען אויף זיי צו קוקן.

פּלוצלינג האָבן אַלע אויסגעשאָסן מיט אַ שרעקלעך געלעכ-

טער, די מאַטראַסן פון „דונקאַן" האָבן זיך געשיט און באַ די זייטן זיך געהאַלטן. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט, וואָס עס איז געשען.

דער פּראָפעסאָר איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, געמאַנדרעוועט מיט זיינע אינסטרומענטן, אָנגעטון אין די מאַאָרי־קליידער, די האָר פאַרפּלאָכטן אין אַ גרעק, ווי עס טראָגן געוויינלעך די ווילדע, און ווי מען מיינט נישט אים, האָט ער זיך געקוקט אויף זיין קליין טעלעסקאָפּל, וואָס ער האָט נאָך אין די קעשענעס אויסגעזוכט. ער האָט געקוקט, צי די ווילדע מאַאָרי זענען שוין אַנטלאָפן און וואָס זיי טוען דאָרט אויפן ברעג. דאָס האָט איצט דעם פּראָפעסאָר זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט.

די מיסיס אַלבינעט האָט צוגעגרייט אַ פּראַכטפול מיטאָג, וואָס זיי געדענקען שוין אַליין נישט, ווען זיי האָבן דאָס געגעסן.

לאָרד גלענאַרוואָן איז זייער נייגעריק געווען צו וויסן, ווי אַזוי דער „דונקאַן" האָט זיך אומגעריכט דאָ אַהער דערנומען. אָבער אַלע זענען זייער הונגעריק געווען און ער אַליין אויך, האָט דער הונגער גובר געווען.

אָבער ווי נאָר די הערצער האָבן זיך אַ ביסל אונטערגעלענט און זיי האָבן געשטילט דעם ערשטן הונגער, האָט שוין לאָרד גלענאַרוואָן מער נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעשאָסן מיט אַ מבול פון פראַגן:

— ווי קומט דער „דונקאַן" אַהער? ווו איז בען־דזשאָנס מיט זיין באַנדע? ווי אַזוי איז פאָרגעקומען דער קאַמף מיט די מערדער?

טאָם אויגוסטין איז געשטאַנען ווי אַ צעמישטער און געגלאָצט מיט די אויגן דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם. ער האָט נעבעך נישט געוווּסט פון וואָס צו זאָגן.

— פרעגט מיך, לאָרד, איינציקוויץ, איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין אייערע פראַגן! — האָט טאָם אויגוסטין פּשוט אויסגע־רופן.

— ווו איז בען־דזשאָנס מיט זיין באַנדע מערדער? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אומגעדולדיק געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ בען־דזשאָנס? איך ווייס דאָך פון גאָר־נישט — האָט טאָם אויגוסטין געשטאַמלט, אַרויסזעצנדיק אַ פּאָר תמעוואַטע אויגן.

— וואָס הייסט, דער, וועלכער איז אָנגעפאַלן אויפן דונ־קאַן! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן פאַרווּנדערט אים אַ פרעג גע־טון.

— וואָס פאַר אַן אָנפאַל? וואָס פאַר אַ בען־דזשאָנס? איך ווייס פון גאָרנישט, איך קען גאָרנישט אַזעלכן! — האָט אויגוס־טין שוין אָנגעהויבן אומרויק ווערן. ער האָט געמיינט, מען מאַכט פון אים עפּעס חוזק.

— פונוואַנען קומט איר־זשע קיין ניי־זעלאַנד? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן ווידער געפרעגט.

פון די אַלע פראַגן און ענטפערן האָט זיך ביסלעכווייז אַרויס־געוויקלט, אַז טאָם אויגוסטין האָט דערהאַלטן דורך אייערטאַגען דעם לאָרד גלענאַרוואַנס בריוו, אין וועלכן עס איז בפירוש גע־שטאַנען, אַז ער זאָל מיטן „דונקאַן" אַרויספאָרן צו די ברעגעס פון ניי־זעלאַנד.

— איר מיינט, צו די ברעגעס פון אויסטראַליען, צו דער בוכטע טופאָלד!

טאָם אויגוסטין איז שוין באמת צעמישט געוואָרן.

— צי בין איך משוגע, אָדער זיי? — האָט ער געטראַכט און אויפן פּנים האָבן זיך אים אָנגעהויבן ווייזן סמנים פון אויפ־געערעגטקייט.

— באַרויקט אייך פונדעסטוועגן — האָט ליידי העלענ
אויסגערופן — אייער טעות האָט אונדז מציל געווען פון טויט.

— אָבער וואָס פאַר אַ טעות! — האָט טאָם אויגוסטין אויס־
געשריגן — עס שטייט דאָך בפירוש אין בריוו — ביינזעלאַנד.

אַלע זענען געבליבן שטיין איבעראַשט, דערשטוינט.

— מסתמא, אַז אַ מענטש שפּאַרט זיך אַזוי איין, מוז דאָן
עפּעס דאָ זיין.

— איירטאָן האָט מיר אויך געזאָגט — האָט זיך טאָם אוי־
גוסטין אָנגערופן — אַז דער לאָרד האָט געהאַט אַ טעות, עס דאַרף
שטיין: בוכטע טופאָלד. און ער האָט מיך געוואָלט דווקא צורעדן
איך זאָל פאָרן דאָרטן אַהין. איך האָב מיך אָבער געריכטעט לויטן
בריוו, אין בריוו שטייט ביינזעלאַנד.

— וואונדערבאַר! — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן — האָט
איר אפשר דעם בריוו בײַ זיך?

טאָם אויגוסטין איז אַוועקגעלאָפן צו זיך אין קאַיוטע אַריין
ברענגען דעם בריוו.

דערווייל האָט דער מאַיאָר זיך אָנגערופן צום פּראָפע־
סאָר:

— איר האָט דאָך דעם בריוו געשריבן, זענט איר אַמאָל
נישט געווען צעשטרייט און געמאַכט דעם פעלער?

גייט, וואָס רעדט איר דאָרט — האָט זיך דער פּראָפעסאָר אַ
בייזער געטון. — היינט מאַך איך שוין מער נישט קיין פעלערן.

מיט אומגעדולד האָט דער לאָרד אויסגעקוקט טאָם אויגוס־
טינען מיטן בריוו. ער איז ענדלעך צוגעקומען און דעם בריוו דער־
לאַנגט דעם לאָרד גלענאַרוואַן אין די הענט אַריין.

אַלע האָבן זיך איבערגעבויגן איבערן בריוו און אָנגעהויבן
לייענען און מיט שטוינונג דערזען, אַז טאָם אויגוסטין איז גע־

רעכט. אין בריוו איז בפירוש אָנגעשריבן, אַז ער זאָל אַרויספאָרן מיט דער שיף קיין ניי־זעלאַנד.

דער פּראָפעסאָר איז געוואָרן אויסער זיך. ער האָט אַליין גענומען דעם בריוו אין זיינע ציטערדיקע הענט אַריין און גענו־מען לייענען: עס איז אמת — אָנשטאָט „בוכטע טופאַלד", האָט ער אָנגעשריבן „ניי־זעלאַנד".

דער מאַיאָר האָט דאַן אָנגענומען דעם פּראָפעסאָרס האַנט און זי האַרציק געדריקט, זאָגנדיק דערביי:

— אייך קומט, הער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, דעם גרעסטן דאַנק, וואָס איר האָט געשיקט דעם „דונקאַן" קיין ניי־זעלאַנד, וואָס טוען מיר, ווען איר שיקט אים חלילה קיין אַפריקע?

אַלע האָבן אַרויסגעשאָסן מיט אַ גרויס געלעכטער און דער פּראָפעסאָר איז נעבעך רויט געוואָרן פאַר חרפּה, אַז ער זאָל קאָ־נען מאַכן אַזאַ פעלער. ער איז פאַר בושה אַרויפגעלאָפן אויפן דעק און ווי אַ משוגענער געלאָפן הין און צוריק, די האָר פון קאָפּ זיך געריסן.

פּלוצלינג איז ער אַנידערגעפאַלן, ער האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין אַ בינטל שטריק, וואָס זענען געלעגן אויפן דעק. ער האָט זיך געראַנגלט, געריסן, געוואָלט זיך אַרויסבאַקומען פון דעם פּלאָנטער, האָט מיט אַמאָל אַ זעץ געטון, אַז ס'האָט אויפגעהילכט אויף מיילן ווייט. דער פּראָפעסאָר איז פאַר שרעק געפאַלן אין חלשות. אַלע רייזנדע זענען אַרויף אויפן דעק, אומגעקוקט זיך — אַלץ איז רויק.

— ווו איז דער פּראָפעסאָר? — איז געוואָרן אַ געשריי פון אַלע זייטן — ווער האָט געשאָסן.

אינדעם האָט איינער דערזען, ווי דער פּראָפעסאָר ליגט פאַר־חלשט, איינגעדרייט אין די שטריק. איצט האָט מען שוין פאַר־שטאַנען, פון וואַנען עס האָט זיך דערנומען דער שאָס: דער האַר־

מאַט איז געווען אָנגעלאָדן און דער שטריק איז געווען צוגעבונדן צום פּיסטאָן פון האַרמאַט, ווען דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַר־פּלאָנטערט און אַ צי געטון, האָט עס אויסגעשאָסן.

דער מאַיאָר איז צוגעלאָפן, אים געוואָלט אויסטון דאָס מאַ־אָרי־מאַנטל צו זען, צי ער איז פאַרוווּנדעט, אָבער דער פּראָפע־סאָר האָט באַין אופן צו זיך נישט צוגעלאָזט. דער מאַיאָר האָט אים געוואָלט באַטראַכטן די הענט, די פיס, ער איז געווען אַ שטיקל דאָקטאָר. דער פּראָפעסאָר אָבער האָט זיך פאַרעקשנט: ביין און ביין.

— עס קומט מיר עפּעס פאַר פאַרדעכטיק, וואָס דער פּראָ־פעסאָר וויל נישט ווייזן זיין לייב — האָט דער מאַיאָר אויסגע־רופן — עפּעס שעמט ער זיך.

ווען מ׳האָט ענדלעך איינגעזען, אַז דעם פּראָפעסאָר איז גאָרנישט געשען, האָבן זיך אַלע אויפסניי צעלאַכט, אַפילו לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך דאָס מאָל נישט געקענט איינהאַלטן פון נישט צו לאַכן. ער האָט אָנגענומען דעם פּראָפעסאָר באַ דער האַנט, אים אַראָפּגעפירט אין קאַיוטע, געגעבן אַ שטאַרק גלאָז וויין, דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפּן און ער האָט זיך ענדלעך באַרויקט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך לאָרד גלענאַרוואָן געווענדט צום פּראָפעסאָר מיט פאָלגנדע ווערטער:

— אַז אייך האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזער לעבן, דאָס איז אָן שום ספק, ווען נישט אייער טעות, וואָלטן מיר די שיף איצט נישט געטראָפן און מיר וואָלטן אַרייַנגעפאַלן צו די מאַאָרי. אויך די שיף האָט אייך צו פאַרדאַנקען — זי וואָלט שוין לאַנג געווען באַ די רויבער אין די הענט. נאָר פונדעסטוועגן קען איך באַין אופן נישט פאַרשטיין, ווי אזוי קען אַ מענטש מאַכן אַזאַ פע־לער. ס׳טייטש, איך דיקטיר אייך בפירוש: בוכטע טופאָלד, גייט

איר און שרייבט אָן: נייזעלאַנד! ווי איז דאָס מעגלעך, פאַרענט־פערט מיר דאָס!

דער פּראָפעסאָר האָט אַ ווײַלע געשוויגן און שוין געוואָלט אַרויסזאָגן, אַז אים איז דאַמאָלס איינגעפאַלן אַ נייער געדאַנק, אַז קאַפּיטאַן גראַנט געפינט זיך אין נייזעלאַנד, נאָר דערבליקנדיק דעם קליינעם ראָבערט דערלעבן, האָט ער אָפּגעהאַקט, ער האָט נישט געוואָלט אויפפרישן די אַלטע ווונד, טאָמער האָט ער ווידער אַ טעות, און ער האָט נישט געוואָלט ווייטער רעדן.

וויפיל לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים נישט געבעטן, אַז ער זאָל זאָגן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, אָבער ס'איז געווען אומזיסט. עס האָט נישט געהאָלפן. און ער האָט געמוזט געמאַך לאָזן.

אין אַ צייט אַרום, ווען אַלע זענען צוריק געזעסן באַם טיש, האָט זיך לאָרד גלענאַרוואָן ווידער געווענדט צו טאָם אויגוס־טינען:

— אָבער זאָגט מיר, מיין ליבער, צי האָט אייך גאָרנישט געוווּנדערט, וואָס איך האָב אייך פּלוצלינג געהייסן פאָרן קיין ניי־זעלאַנד?

— ס'האָט מיך יאָ געוווּנדערט, איך האָב אָבער געמוזט אויספירן אייער באַפעל. כ'האָב געטראַכט, טאָמער זענט איר גע־פאַלן אויף די שפּורן פון קאַפּיטאַן גראַנט. איין זאַך אָבער האָט מיך שטאַרק באַאומרויקט, וואָס דער אייערטאָן האָט מיר כסדר דעם קאָפּ געדולט, אַז איך זאָל פאָרן אין דער בוכטע טופאָלד. כ'האָב מיר נישט געקענט פאַרענטפערן דאָסדאָזיקע רעטעניש.

— און ווו איז ער אַהינגעקומען, אייערטאָן? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— אויפן דונקאַן! — האָט טאָם אויגוסטין גאַנץ רויק גע־ענטפערט.

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען, ווי אָפּגעבריט

— אויפן דונקאַן ! ! ! ווו איז ער ?

— ער זיצט אַרעסטירט אונטן.

— פאַרוואָס ? — האָבן אַלע העכסט נייגעריק געפרעגט.

— ווייל ער האָט זיך איינמאָל געוואָלט שלאָגן צוליב דעם, וואָס איך פאָר נישט אין דער בוכטע טופּאָלד, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו בונטעווען די מאַטראָסן, זיי זאָלן מיך אַריינוואַרפן אין ים אַריין. איינמאָל האָט ער זיך צוגעגנבעט באַנאַכט צום רעדל און דעם „דונקאַן" אויסגעדרייט צו דער בוכטע טופּאָלד זעענדיק, אַז דאָס איז אַ געפערלעכע בריאה און, אַז עס איז אַ סכנה אים צו לאָזן אויף דער פריי, האָב איך אים געלאָזט אַרעס- טירן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט געדריקט טאָם אויגוסטינען די האַנט און ער האָט באַפוילן אייערטאָנען אַרויפצוברענגען אויפן דעק.

ליידי העלענאַ האָט אָנגעהויבן צו ציטערן און זי האָט מיט שרעק אויסגערופן :

— איך וועל אים שוין מער נישט זען, עדוואַרד, אַ גרויל כאַפּט מיך אָן, ווען כ'דערמאָן מיך אָן דעם מערדער !

אָבער לאָרד גלענאַרוואָן האָט זי באַרויקט און געבעטן זי זאָל בלייבן. זאָל ער זען, דער מערדער, אַז די מענטשן, וועלכע ער האָט געוואָלט אומברענגען, לעבן, און ער האָט געהאַט אַזאַ וויסטן סוף.

מען האָט אויסגעשטעלט שטולן. אַלע האָבן זיך אַנידערגע- זעצט און געוואַרט מען זאָל אייערטאָנען אַרויפברענגען.

דערווייל האָט דער עולם זיך לוסטיק געמאַכט, געוויצלט זיך. דער מאַיאָר האָט אַלע מאָל אַ ווינק געטון צו די איבעריקע אויפן

פּראָפּעסאָר אין די מאַאָרי־קליידער און דער עולם האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער.

דערווייל האָבן צוויי מאַטראָסן אַרויפגעבערענגט אייערטאָגען. ער איז געווען געבונדן די הענט אַרונטער, אויף די פיס האָט ער געטראָגן קייטן און אַליין האָט ער אויסגעזען איצט, ווי אַ ווילדע חיה.

ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע דערשטוינט, דערזעענדיק די מענטשן, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט דאָרט אין אַ זומפּ לעבן דער בוכטע טופּאָלד, גאָר זיצן אויף זייער אייגענער שיף. ער האָט אַ בליק געטון מיט זײַנע פינסטערע, ווילדע אויגן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אַלע האָבן אים נײַגעריק באַטראַכט און עס האָט געהערשט אַ ווײַלע אַן אָנגעשטרענגט שטילשווייגן.

XVII.

א י י ע ר ט אָ ן   ש ו ו י י ג ט

— נו, וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אייערטאָן, אָדער בען־דזשאָנס, ווער ווייסט ווי אַזוי דיך אָנצורופן? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן — האָסטו, הייסט עס, געוואָלט צונעמען מיין שיף און עס איז דיר נישט געלונגען. גוט, וואָס מיר זעען זיך ווידער.

אייערטאָן האָט פאַרביסן די ליפּן פאַר כּעס און חרפּה, וואָס ער איז אַזוי מיאוס אַדורכגעפאַלן. דאָס פּנים האָט זיך אים

קאָנוואָלסקיו פאַרקרומט און איז רויט געוואָרן פון צאָרן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

— פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט, וואָס שווייגסטו? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן ווידער געפרעגט — דערציייל אונדז כאָטש, וואָס דו האָסט געוואָלט מיט אונדז טון.

— איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן — האָט אייערטאָן ענדלעך דאָס מויל געעפנט און אַ שוויס האָט אים דאָס גאַנצע פנים באַדעקט — אַז איך בין אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלן און געלאָזט מיך פאַנגען, בין איך דאָס אַלץ ווערט.

מער האָט ער נישט געוואָלט ענטפערן אויף קיין שום פראַגע. לאָרד גלענאַרוואָן האָט אָבער זיינס אין זינען געהאַט. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אייערטאָן איז זיכער געווען אַ מאַטראָס אויף דער „בריטאַניאַ", דעריבער מוז ער עפּעס וויסן וועגן קאַפּיטאַן גראַנט און דאָס האָט דער לאָרד געוואָלט באַ אים אַרויסקריגן. ער האָט דעריבער אָנגעהויבן צו שטעלן אייערטאָנען פראַגן, וואָס האָבן געצילט אין דער ריכטונג. אָבער אייערטאָן, גלייך ער וואָלט זיך געגעבן דאָס וואָרט צו שווייגן, האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט רויק געקוקט אויפן ים, גלייך מען מיינט גאָרנישט אים.

— אייערטאָן — האָט לאָרד גלענאַרוואָן נאָכאַמאָל געפּרוּווט מיט אים רעדן — אויב דו וועסט מיר ענטפערן אויף די פאָר פראַגן, וואָס איך וועל דיר שטעלן, וועסטו דיר דיין שטראָף אַ סך פאַרלייכטערן. זעסט דאָך, אַז דו געפינסט זיך איצט אין מיינע הענט. וועסטו ענטפערן?

— איר זענט נישט מיין ריכטער און איר האָט קעגן מיר נישט קיין שום באַווייזן, אַ חוץ, וואָס איר קענט מיך נאָר חושד זיין, מער נישט! איך וועל אייך גאָרנישט ענטפערן און פרעגט מיך מער נישט — האָט ער חוצפּהדיק געענטפערט.

— איך וויל גאָר נישט זיין דיין ריכטער. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, צוליב וואָס פאַר אַ ציל איך האָב געמאַכט דידאָזיקע רייזע און דו ווייסט דאָך אַ סך וועגן דער געשיכטע. אויב דו ווילסט מיר נישט צוליב טון, טו עס כאָטש פאַר די קינדער פון דעם אומגליקלעכן קאַפּיטאַן גראַנט.

אייערטאָן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דאָס האַרץ האָט זיך באַ אים אויף אַ סעקונדע אַ ריר געטון, אָבער באַלד האָט אין אים דער רוצח געזיגט און ער האָט געשוויגן.

ענדלעך האָט ער געשטאַמלט:

— איך קען נישט זאָגן. טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט, איך וועל נישט זאָגן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים געסטראַשעט, אַז ער וועט אים אויפן ערשטן פּאָרט איבערגעבן דער ענגלישער פּאָליציי, אָבער יענער האָט זיך גאָרנישט דערשראָקן — ס׳איז אים שוין אַלציינס געווען.

זעענדיק, אַז ער קען גאָרנישט מיט אים מאַכן, האָט אים לאָרד גלענאַרוואָן געהייסן צוריק אַראָפּפירן אין זיין קאַיוטע. דאַן האָט ער צונויפגערופן אויף אַ באַראַטונג אַלע רייזנדע, כדי צו באַטראַכטן, וואָס מ׳האָט ווייטער צו טון.

— קודם כל דאַרפן מיר וויסן, וויפיל קוילן דער „דונ־קאַן" פאַרמאָגט נאָך — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט אויסגע־רופן.

דערויף האָט טאָם אויגוסטין געענטפערט, אַז נאָך אויף צוויי וואָכן.

— אַלזאָ קענען מיר מיט דעם זאַפּאַס קוילן דערפאָרן אָדער קיין מעלבורן, אָדער קיין טשילי — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט פאָרט־געזעצט.

— און דאַן? — האָט דער מאַיאָר זיך אַריינגעמישט —

ווי לאַנג איז דער שיעור אַזוי אַרומצופאָרן, מיר האָבן דאָך שוין באַלד די גאַנצע וועלט אַרומגערייזט אויפן 37־טן גראַדוס. מיין מיינונג איז, מען זאָל שוין פאָרן אַהיים, איך זע שוין נישט פאַר קיין שום האָפנונג מען זאָל קענען עפּעס טון פאַר דעם קאַפּיטאַן גראַנט.

— לייג איך פאָר פאָלגענדעס — האָט זיך דער פּראָפע־סער אָנגערופן. — אַזוי ווי מיר האָבן נאָך סך הכּול אַ פּאָר הונ־דערט מייל צו פאָרן אויפן 37־טן גראַד, זאָלן מיר שוין נישט פריער אַהיימפאָרן, ביז מען וועט די פאָר הונדערט מייל באַרייזן. זאָל מען כאָטש קענען זאָגן, אַז מיר האָבן באַרייזט מיט אונדזער שיף די גאַנצע וועלט.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבן אַלע צוגעשטימט צום פּראָ־פעסאָרס פאָרשלאַג.

— לאָמיר צופאָרן קיין טשילי, ווען מיר האָבן די גאַנצע ערד אויפן 37־טן גראַד אַרומגערייזט — האָט קאַפּיטאַן פּאַראַגוט פאָרגעלייגט. און ווען אַלע האָבן מיט די קעפּ צוגעשטימט, האָט ער באַלד געגעבן אַ באַפעל דעם „דונקאַן" אויסצודרייען אויפן וועג קיין טשילי.

ס׳איז איטלעכן געוואָרן טרויעריק אויפן האַרץ, וואָס מען פאָרט שוין אַהיים און אָן דעם קאַפּיטאַן גראַנט, אָבער ס׳איז קיין אַנדערע עצה נישט געווען.

די שיף האָט זיך געגליטשט איבערן שטילן און גלאַטיקן בלויען ים, דער ברעג פון נייזעלאַנד איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. אַן אומעטיקייט האָט געהערשט איבער דער גאַנצער שיף.

אַלע זענען געווען אין די קאַיוטעס און נאָך דעם לאַנגן, פאַרמאַטערנדן וועג זיך אויסגערוט.

ס׳זענען אַדורך עטלעכע טעג. אַלע האָבן זיך שוין געשפּירט

פריש און מונטער אָבער די מרה שחורה איז זיי פון די פנימער נישט אַראָפּ.

ס'איז דאָך באמת נישט קיין קלייניקייט! אַזוי פיל פיין זיך אָנגעליטן, אַזוי פיל געפּאַרן אויסגעשטאַנען און אַהיימצו־פּאָרן ליידיק, און גאָרנישט האָבן אויפגעטון, — האָט יעדערן דאָס האַרץ ווי געטון און איטלעכער האָט געהאַט דערפון אומגעהייערע עגמת נפש. בפרט, אַז אויף דער שיף געפינט זיך איין מענטש, וואָס וואָלט געקענט אַ סך באַלייכטן דאָסדאָזיקע רעטעניש, אַ סך צו העלפן צו דעם, אַז דאָס אַרומפאָרן און די אַלע פּיין זאָלן נישט האָבן געווען אומזיסט — שווייגט ער און וויל קיין וואָרט פון זיין מויל נישט אַרויסברענגען.

ענדלעך, נאָך לאַנגן שטילשווייגן און שטילן וויטיקן אין זיך, האָט זיך די ליידי העלענאַ איינמאָל אָפּגערופן צו איר מאַן:

— עדוואַרד, איך וועל פּרוּוון מיט אייערטאָגען איבעררעדן, אפשר פאַר אַ פּרוּי וועט ער מער רעספּעקט האָבן, דאָס האַרץ וועט אים ווייכער ווערן און ער וועט עפענען זיין מויל און עפּעס זאָגן.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט איינגעוויליקט, און מ'האָט אייער־טאָגען אויף זיין באַפעל, אַרויפגעבראַכט צו דער ליידי העלענאַ אין קאַיוטע אַריין. אין דער קאַיוטע האָט זיך אויסער איר נאָך געפונען מערי גראַנט. זי האָט אויסגערעכנט דערויף, טאָמער וועלן דער טאָכטערס טרערן העלפן דאָס מערדערישע האַרץ צו רירן.

ליידער האָט זי געהאַט אַ גרויסן טעות. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אַ צווייט מאָל איז זי אַליין צו אים אין געפענגעניש אַראָפּ־געגאַנגען און מיט אים דאָרט אָפּגעזעסן כמעט צוויי שעה. ווען

ני איז אַרויפגעקומען, האָט זי לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט, וואָס זי האָט אויפגעטון, צי האָט ער עפּעס גערעדט.

— געזאָגט האָט ער מיר גאָרנישט. נאָר ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל זיך מיט דיר אַליין זען.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך זייער דערפרייט פון דערדאָזיקער ידיעה און געהייסן אַרויפברענגען אייערטאָנען צו זיך אין קאַיוטע אַריין.

— ווי אַזוי, מיין ליבע העלענאַ, האָסטו דאָס געווירקט אויף דעם שטיינערנעם האַרץ? — האָט ער געפרעגט.

— כ'האָב אים צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן זיך מיט אַלע כּוחות באַמיען אים די שטראָף צו פאַרלייכטערן.

— האָסט גוט געטון.

XVIII.

אייערטאָנס ווידוי.

ווי נאָר מ'האָט אייערטאָנען אַרויפגעבראַכט צו לאָרד גלענאַרוואָן, האָט ער זיך צו אים געווענדט מיט פאָלגענדע רייד:

— נו, וואָס האָסטו געוואָלט מיט מיר רעדן?

— איך וויל, אַז דער מאַיאָר מיטן פּראָפעסאָר זאָלן זיין אַנוועזנד — האָט אייערטאָן געענטפערט.

דער לאָרד האָט באַלד געשיקט נאָך ביידע הערן.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט לעבן לאָרד גלענאַרוואָן און געוואַרט, וואָס ווייטער וועט

זיי•

— נו איצט, איירטאָן, רעד! — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן.

איירטאָן האָט אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכדעם אויסגערופן:

— איך האָב ספּעציעל געוואָלט דער פּראָפעסאָר מיטן מאַיאָר זאָלן זײַן דערבײַ, כּדי איך זאָל האָבן צוויי עדות. איך וועל מאַכן מיט אײַך, לאָרד אַ געשעפט. איך וועל זאָגן דאָס, וואָס איך ווייס, דערפאַר פאַרלאַנג איך פון אײַך געוויסע באַדינגונגען — האָט איירטאָן אויסגערופן.

— אַלזאָ, רעד!

— איך פאַרשטיי דאָך, אַז איר ווילט מיך איבערגעבן דער ענגלישער פּאָליציי, נישט אמת?

— אָן שום ספק! — האָט לאָרד גלענאַרוואַן געענטפערט.

— אַלזאָ, פאַרלאַנג איך אַזוי: וועגן אינגאַנצן באַפרײַען מיך, וויל איך גאָרנישט רעדן, איך וויל אָבער אויך נישט הענגען אויף דער תּליה. דעריבער לייג איך פאָר, מען זאָל מיך אַראָפּלאָזן אויף אַן אומבאַוווינט אינדזל, מיטגעבן מיר פּראָוויאַנט אויף אַ קורצער צײַט און דערנאָך וועל איך מיר אַליין שוין אויסגעפינען צום דערנערן זיך.

— וועסטו מיר דערפאַר אַלץ זאָגן, וואָס דו ווייסט וועגן קאַפּיטאַן גראַנט? — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן.

— אַלדינג, וואָס איך ווייס נאָר וועגן אים און וועגן דער „בריטאַניאַ" — האָט איירטאָן געענטפערט.

— פונוואַנען וועל איך דאָס זײַן זיכער, אַז דו זאָגסט דעם גאַנצן אמת? — האָט ווידער לאָרד גלענאַרוואַן געפרעגט.

— קודם כּל זאָג איך אײַך צו מײַן וואָרט, אַז איך וועל זאָגן דעם ריינעם אמת, איך בעט אײַך, אַז דאַסמאָל זאָלט איר

מיר גלייבן. צווייטנס, וועט איר דאָך וויסן, אויף וועלכן אינדזל איך געפֿין מיך. ווען איר וועט געוווּיר ווערן, אַז איך האָב גע־זאָגט אַ ליגנט, קענט איר קומען נעמען מיך און אַרויסגעבן דער פּאָליציי.

אַלע האָבן איינגעזען, אַז ער רעדט איצט גאַנץ ערנסט און אים באמת געגלייבט.

— אויב איר ווילט נאָך אַ ראיה, אַז איך וועל זאָגן דעם ריינעם אמת, איז אָט דאָס; הגם איך ווייס נאָך נישט, צי איר באַשטייט אויף מיינע באַדינגונגען, דאָך זאָג איך אייך שוין פֿאָרויס, אַז זייער אַ סך וועגן קאַפּיטאַן גראַנט ווייס איך נישט. איך קען אייך נאָר דערציילן ביז מיין אַוועקגיין פֿון דער בריטאַניאַ. כ׳ווייס נישט, צי דער מאַטעריאַל וועט אייך עפּעס צונוץ קומען לגבי דעם זוכן פֿון קאַפּיטאַן גראַנט.

אַלע האָבן אים פֿאַרווּנדערט אָנגעקוקט און אַן אומעט האָט דעם לאָרד גלענאַרוואַן אַרומגענומען.

— הייסט עס, אַז מיר ווייסן ווייטער גאָרנישט — האָט ער געטראַכט און געהאַט אין זיך אַ שטילן ישוב הדעת.

— דאָך, דערציילט! — האָט ער אויסגערופֿן צו איירטאָ־נען. — דאָס געשעפֿט איז געמאַכט.

און איירטאָן האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז ער איז ווירקלעך דער איירטאָן און ער האָט געדינט אַלס ערשטער אָפֿי־ציר אויף דער „בריטאַניאַ“. אין יאָר 1862 אין חודש מערץ איז ער אַרויסגעפֿאָרן מיטן קאַפּיטאַן גראַנט פֿון גלאַזגוי. דער קאַפּי־טאַן איז געפֿאָרן זוכן אַן אינדזל פֿאַר זיינע שאָטלענדער. ער איז געווען זייער אַ האַרטנעקיקער מענטש.

— איך האָב מיך אויך נישט געלאָזט לייכט פֿון אים בייגן, פֿלעגט אַנטשטיין צווישן אונדז אָפֿט קליינע קריגערייען — האָט איירטאָן ווייטער געצויגן — ענדלעך איינמאָל האָב איך געמאַכט

אַ שטיקל רעוואָלוציע, איך האָב געוואָלט איבערנעמען די קאָמאַנ־דע איבער דער שיף. דאַמאָלס האָט ער מיך אַרעסטירט און אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ וויסטן ברעג אין אויסטראַליען. דאָס איז געשען דעם 8־טן אַפּריל, 1862־טן יאָר.

— איז אַלזאָ מיט אַ צוויי חדשים פריער איידער דאָס אומ־גליק איז געשען? — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן — וואָרן דעם 7־טן יוני איז ער ערשט אָנגעקומען קיין טשילי.

— ווען איך בין אַראָפּגעזעצט געוואָרן אין אויסטראַליען, האָב איך מיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעוואָלגערט, געליטן נויט, ביז איך בין אָנגעקומען אַלס אַרבעטער צו יענעם פּערמער, ווו איר האָט מיך באַגעגנט. מיין געדאַנק איז שטענדיק געווען, אַז איך זאָל באַקומען אַ שיף און ערגעץ אַוועקפאָרן. דערווייל האָב איך מיך באַגעגנט מיט אַ באַנדע אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטן און איך בין געוואָרן זייער אָנפירער אונטערן נאָמען: בען־דזשאָנס. דער צופאַל האָט אייך גראָד געבראַכט אין יענער פּערמע און איך האָב אויס־געהערט אייער גאַנצן שמועס וועגן קאַפּיטאַן גראַנט. באַקוקנדיק דאַמאָלס דעם „דונקאַן", איז ער מיר זייער געפעלן געוואָרן און באַשלאָסן אים צו באַקומען אין מיין באַזיץ.

— איך האָב אייך ספּעציעל דאַמאָלס אַרומגעשלעפּט אי־בער אויסטראַליען, געלאָזט שטעקן דעם וואָגן אין אַ זומפּ, אָפּגעסמט די בהמות און אַזוי איז עס געגאַנגען ביזן סוף. דאָס דאַרף איך דאָך אייך שוין נישט צו דערציילן — האָט ער אויסגע־לאָזט.

אַלע זענען געבליבן זיצן דערשלאָגן. זיי האָבן געהאָפט צו באַקומען כאָטש אַ קליין ידיעהלע וועגן קאַפּיטאַן גראַנט און פון זיין גאַנצן דערציילן, ווייסן זיי ווידער גאָרנישט.

— צי ווייסט איר נישט אַמאָל, אייערטאָן, וואָס פאַר אַ פּלאַן האָט קאַפּיטאַן גראַנט געהאַט וועגן זיין ווייטערדיקער רייזע, נאָכ־

דעם ווי ער האָט איך געהאַט אַראָפּגעזעצט? — האָט דער מאַ־יאָר געפרעגט.

— דאָס ווייס איך נאָר, אַז קאַפּיטאַן גראַנט האָט גערעכנט צו באַזוכן נייזעלאַנד.

— אָט, אָט! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — איך מיין אויך דאָס זעלבע!

— אין די בריוו אָבער, וואָס מיר האָבן געפונען אין דער פלאַש, איז דאָך קיין שום אָנדייטונג נישטאָ אויף נייזעלאַנד! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געזאָגט.

אייערטאָן האָט געהויבן מיט די פּלייצעס און גאָרנישט גע־ענטפערט.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילשווייגן צווישן אַלע.

— נו, אייערטאָן — האָט ענדלעך לאָרד גלענאַרוואָן אויס־גערופן — דו האָסט דיין וואָרט געהאַלטן, מיר וועלן אויך אונד־זער וואָרט האַלטן — דו וועסט אַראָפּגעלאָזט אויפן ערשטן, בעסטן אינדזל. איצט מעגסטו שוין צוריקגיין אין דיין קאַיו־טע.

אויפן רוף פון לאָרד גלענאַרוואָן זענען אַריינגעקומען צוויי מאַטראָסן און אָפּגעפירט אייערטאָנען אין זיין געפענגעניש.

— נו, וואָס בלייבט איצט? — האָט דער מאַיאָר אויסגע־רופן. — איצט ווייסן מיר ערשט אויפסניי נישט, ווו צו זוכן דעם קאַפּיטאַן גראַנט. עס איז פשוט אַ רחמנות אויף די קינדער, ווער איז דען אימשטאַנד זיי צו טרייסטן, ווער קען זיי דען זאָגן, ווו זייער פאָטער געפינט זיך?

— איך! — האָט זיך פּלוצלינג דער פּראָפעסאָר אָנגע־רופן מיט אַ זיכערן טאָן — איך קען זיי זאָגן, ווו זייער פאָטער געפינט זיך.

— וואָס? — האָבןביידע מיטאַמאָל, דער מאַיאָר און לאָרד

גלענאַרוואַן אויסגערופן — איר, הער פּראָפעסאָר, ווייסט און שווייגט?

— פון וואַנען זענט איר דאָס געוווּיר געוואָרן? — האָט דער מאַיאָר מיט אומצוטרויען געפרעגט.

— פון די בריוו, וואָס מ'האָט אין דער פלאַש געפונען.

דער מאַיאָר האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איי־נער זאָגט: שוין אַן אַלטע מעשה, ס'וועט שוין קיינער דערין נישט גלייבן.

— איר מעגט אייך צווייפלען — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן, זעענדיק לויט די אויסדריקן אויף זייערע פּנימער, אַז זיי באַציען זיך מיט אומצוטרוי צו זיינע רייד — הערט מיך פריער גוט אויס, וועט איר שוין נישט צווייפלען אין מיינע רייד און עס וועלן אייך קלאָר ווערן אַ סך זאַכן, וואָס זענען פריער באַ אייך אַלע אויסגעקומען, ווי אַ רעטעניש פון מיין זייט. ביז אַהער האָב איך געשוויגן, נאָר, אַז אייערטאָן האָט אויך אַרויסגעזאָגט די זעלבע מיינונג, מוז איך שוין מיינס דערקלערן:

— אפשר געדענקט איר וועגן מיין צעטראָגנקייט, בשעת מיר זענען געלעגן אין זומפּ באַם סנאָאָי-ריווער, איר האָט מיך געבעטן, איך זאָל אייך דערציילן וועגן דעם און איך האָב גע-שוויגן, איז הערט אָט-וואָס: איך האָב געפונען אַן אַלטע ענגלישע צייטונג, וואָס זי גייט אַרויס אין נייזעלאַנד. ווי נאָר איך האָב אַ קוק געטון אויפן קעפל: זעלאַנד, איז מיר איינגעפאַלן, אַז דאָס וואָרט „אַלאַנד", וואָס שטייט אין איינעם פון קאַפּיטאַן גראַנטס בריוו, מיינט מען נייזעלאַנד. די ענגלענדער שרייבן Zealand, די צוויי אותיות ze זענען אָפּגעמעקט. דעריבער האָב איך, ווען לאָרד גלענאַרוואַן האָט מיך געבעטן אָנצושרייבן דעם בריוו צו טאָם אויגוסטינען, געמאַכט דעם „געניאַלן" גרייז. ווייל אין קאָפּ האָט

זיך מיר געמישט כסדר דער אויסדרוק: „אַלאַנד", „אַלאַנד" און נישט ווילנדיק האָב איך אין בריוו איינגעשריבן: זעלאַנד.

— עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַזוי איז עס! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

— נישט ס'איז מעגלעך, נאָר דאָס איז זיכער אַזוי! — האָט דער פּראָפעסאָר מיט היץ אויסגערופן, — ווייל נאָר אין ענגלישן בריוו שטייט דער אויסדרוק: „אַלאַנד", איך האָב עס פריער טאַקע נישט באַמערקט.

— מאַכט־זשע מיך קלאָר, פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, פאַרוואָס האָט איר ביז אַהער געשוויגן און נישט געוואָלט אַרויסזאָגן אייער השערה? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן.

— פשוט! קודם כל צוליב דעם, ווייל מיר זענען שוין מיטן איבערלייענען די בריוו עטלעכע מאָל פאַרפירט געוואָרן, האָב איך מורא געהאַט די מיינונג אַרויסצוזאָגן, כדי מען זאָל זי נישט אויסלאַכן. איך האָב געוואַרט אויף אַ גינסטיקע געלעגנהייט. צווייטנס, ווען איך האָב דערהערט, אַז מיר פאָרן קיין אָקלענד, אַ פּאָרט אין נייזעלאַנד, וועלן מיר דאָך מסתמא עפּעס הערן, אויב ס'איז אמת מיין השערה, דעריבער האָב איך געשוויגן — האָט דער פּראָפעסאָר דערקלערט.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר געשוויגן, ווען מיר זענען שוין צוריק געווען אויפן דונקאַן? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן ווידער געפרעגט.

— פשוט צוליב דעם, ווייל מיר האָבן שוין פאַרזוכט, וואָס מען מיינט דאָס ווילדע מאַאָרי, האָב איך נישט די מינדסטע האָפנונג שוין דעם קאַפּיטאַן גראַנט צו געפינען אַ לעבעדיקן. העכסטנס קענען מיר נאָר געפינען אַ שפּור פון זיין שיף אָדער פון זאַכן, וואָס האָבן צו אים געהערט. דעריבער האָב איך די וואונד נישט געוואָלט אויפדעקן.

אָן אומעט איז זיי אַלע דריי באַפאַלן באַם בלויזן געדאַנק, אַז קאַפּיטאַן גראַנט האָט געקענט אויפגעפּרעסן ווערן פון אַזעלכע לייט, ווי אַ קאַאי־קומו אָדער קאַרא־טעטע. עס איז זיי באַפאַלן אַ יאוש און פאַרצווייפלונג.

XIX.

דער געהיימנישפולער רוף אין דער נאַכט.

מיט טרויעריקע פּנימער זענען זיי אַלע דריי אַרויפגעקומען און אין קורצן דערציילט אַלץ, וואָס זענען פון אייערטאַגן גע־וואָר געוואָרן.

אַ שטילשווייגן, וואָס האָט הערצער געקענט ברעכן, האָט באַהערשט די גאַנצע שיף. ס'האָט קיינער קיין וואָרט נישט אַרויס־גערעדט. איטלעכער איז פאַר זיך אַרומגעגאַנגען פאַרזונקען אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען.

דעם פּראָפעסאָר מיטן קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָט לאָרד גלע־נאַרוואָן איבערגעגעבן אויסצוזוכן אַ פּאַסיק אינדזל, אויף וועלכן מען זאָל אַראָפּזעצן אייערטאָגען.

זענען זיי טאַקע איצט געזעסן איבער דער לאַנדקאַרטע און זי פולשטענדיק דורכשטודירט. זיי האָבן געזוכט אַזאַ אינדזל, לעבן וועלכן עס פאָרט קיינמאָל קיין שיף נישט אַדורך, כדי אַזאַ גע־פערלעכער מערדער, ווי אייערטאָן, זאָל נישט האָבן אַמאָל די מעגלעכקייט פונדאַנען אויסגעלייזט צו ווערן.

סוף כל סוף האָט דער פּראָפעסאָר אַזאַ אינדזל דערטאַפּט. דאָס איז געווען אַ קליין אינדזעלע מיטן נאָמען „מאַריאַ־טערעזאַ”.

אַרום געפינען זיך נאָך עטלעכע גרופּן קליינע אינדזועלעך, אָבער קיין שום פון די אינדזלען זענען נישט באַווינט. דאָסדאָזיקע אינדזל איז בא קנאַפּע פיר טויזנט מייל ווייט פון אַמעריקע און באַ פופצען הונדערט מייל פון נייזעלאַנד.

מען האָט דאָס אינדזל אָנגעוויזן לאָרד גלענאַרוואַן אויף דער קאַרטע און זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז קיין שום שיף קומט דאָרטן נישט צו, סיידן דורך אַ צופאַל.

ס'איז אַזוי באַשטימט געוואָרן און מען האָט וועגן דעם געמאָלדן אייערטאָנען, וועלכער האָט עס גאַנץ גערן אָנגענומען.

— אַבי ס'איז וואַרעם דאָרט, און איך וועל קענען לעבן, איז שוין גוט פאַר מיר — האָט ער אויסגערופן צופרידן.

לויט אַ באַפעל פון קאַפּיטאַן פאַראַגוט האָט זיך די שיף אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פון דעם אינדזל „מאַריאַ טערעזאַ".

עס זענען פאַרביי עטלעכע טעג. קיין שום נייעס האָט נישט פּאַסירט. דאָס וועטער איז געווען שיין. דער הימל בלוי און די וואַסערן גלאַטיק און שטיל.

דער דונקאַן האָט זיך געגליטשט, ווי אַ ווייסער פויגל איבער די בלויע וואַסערן. אַלע זענען געזעסן אויפן דעק פאַרזונקען אין טרויער און געקוקט אין די ווייטע וואַסערדיקע ווייטקייטן.

די זון האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין. אַ רויטער פלאַם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין. די גאַנצע לופט איז, ווי ראָז געוואָרן. די וואַסערן האָבן באַקומען אַלע קאָלירן פון אַ רעגנבויגן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין דער לופט פייגל, וואָס האָבן זיך געטוקט אין דער ראָזער בלויקייט פון הימל, אַ סימן עס איז נישט ווייט פון אַ יבשה.

פלוצלינג האָט דער מאַטראָס, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, אויסגערופן:

— לאַנד!

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און געקוקט אויף דעם פּאַס ערד, וואָס האָט זיך געגעלט פונדערווייטנס. דאָס איז געווען דאָס אינדזל „מאַריאַ טערעזאַ" — אַ פלאַך שטיק לאַנד, וואָס איז געלעגן רויק אין ים און ווי אויסגערוט זיך.

עס איז שוין נישט געווען ווייט, אָבער דאָך איז נאָך געווען צוצופאָרן באַ פופציק מייל.

קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט מורא געהאַט אויף באַנאַכט צוצופאָרן צו אַן אומבאַקאַנט אינדזל, האָט ער די שיף פאַראַנקערט אין מיטן ים און מ׳האָט באַשלאָסן ערשט מאָרגן אינדערפרי צוצופאָרן צו דעמדאָזיקן לאַנד.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. עס האָט געבלאָזן אַ וואַרעם ווינטל און געגלעט די פּנימער באַ אַלע.

די ליידי העלענאַ האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל עסן אָוונטברויט אויפן דעק. דערווייל איז געוואָרן גוט פינסטער. די שטערן האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן אין בלישטשען איבערן בלוי-טונקעלן רחבותדיקן הימל און אָפּשפּיגלען זיך אין ים מיט מיליאַרדן בריליאַנטענע אייגעלעך. אַלע זענען געזעסן אויפן דעק. ווער ס׳איז געזעסן און געקוקט אין דער פינסטערער אויסגעשטערנטער נאַכט אַריין.

פלוצלינג האָט אַ מאַטראָס דערזען אַ רויךאויף דעם אינדזל און אָנגעוויזן דערויף דעם קאַפּיטאַן פּאַראַגוט מיטן לאָרד גלענאַרוואַן. באַלד האָט זיך אויך געוויזן אַ פייער. זיי האָבן געקוקט אויף די טעלעסקאָפּן, אָבער באַנאַכט איז שווער געווען עפּעס אונטערצושיידן.

— וואָס קען דאָס זיין, פּראָפעסאָר? — האָט לאָרד גלע־נאַרוואָן געפרעגט, זאָלן מיר זאָגן, אַז דאָס איז אַ ווולקאַן!

— ס'קען גאַנץ מעגלעך זיין, אַז יאָ, ווייל דאָס אינדזל איז כמעט נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. — האָט דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל געענטפערט.

— אפשר וואָלטן מיר איצט אויף אַ שיפל דאָרט אַהין צו־געפאָרן? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט.

— דאָס איז אוממעגלעך, לאָרד, איך האָב מורא באַנאַכט צו ריזיקירן.

זיי זענען לאַנג אַזוי געשטאַנען אויפן דעק און זיך צוגע־קוקט צו דעם פייער, וואָס האָט כסדר אַזוי געברענט.

— נישט אַנדערש, נאָר דאָ מוז זיין אַ ווולקאַן — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן. — זעט, דאָס פייער באַוועגט זיך נישט, נאָר ס'שטייט אויף איין און דעם זעלבן פּלאַץ.

— וואָלט מען דאָך אָבער געדאָרפן הערן אַ רעש, ווי גע־ווייגלעך באַ אַ ווולקאַן — האָט דער מאַיאָר זיך אָנגערופן.

טיילמאָל — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט — מאַכט זיך, וואָס מען הערט נישט קיין שום גערויש, נאָר דאָס פייער שפּריצט בלויז און באַלייכט, ווי אַן אילומינאַציע. אָט זעט, דאָס פייער באַוועגט זיך גאָר!

— דאָ האָט איר נאָך פייערן! — האָט פּאַראַגוט אויסגע־רופן, אָנווייזנדיק אויף עטלעכע נייע פלאַמען, וואָס האָבן אין דער נאָנט אויסגעבראָכן.

— אפשר ווינען גאָר מענטשן אויף דעמדאָזיקן אינדזל און מיר וועלן גאָר אייערטאָגנען נישט קענען דאָ אַראָפּלאָזן? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט באַם פּראָפעסאָר.

— דאָס איז אַ זיכערע זאַך, אַז דאָ ווינען נישט קיין שום

מענטשן, נאָר ס'קען גאַנץ מעגלעך זיין, אַז עטלעכע ווילדע פאַמי־ליעס האָבן זיך דאָ אַהער דערשלאָגן.

— הכלל, ליבער פּראָפעסאָר, עס וועט גאָרנישט העלפן, איר וועט אייך מוזן בעמען אויפסניי זוכן אויף דער לאַנד־קאַרטע עפּעס אַן עיר־מקלט פאַר אייערטאָגנען.

— איצט איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן — האָט פּאַראַגוט אויסגערופן — איצט איז נאַכט, מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר שוין אַלץ געוויר ווערן.

זיי זעגנען זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען שלאָפן אין זייערע קאַיוטעס אריין, כדי זיך אויסצורוען און מאָרגן אינדערפרי וועט מען צופאָרן צו דעם אינדזל עס אויסצופאָרשן.

מען האָט געשטעלט צוויי וואַכן אויף דער שיף, ווייל סוף כל סוף געפינט מען זיך דאָך אויף אַן אומבאַקאַנט אָרט.

ס'איז געוואָרן שטיל אויפן דעק, די שיף האָט זיך לאַנג־זאַם געוויגט אַרויף און אַראָפּ. אַ ווארעם ווינטעלע האָט איבערן דעק געשפּאַצירט און יעדן, וואָס עס האָט באַגעגנט — אַ גלעט גע־טון.

פון קיינעם נישט באַמערקט זענען נאָר ביידע קינדער גראַנט געזעסן אין אַ ווינקל אויפן דעק און צוגעקוקט זיך מיט בייגערי־קייט צו די פייערן.

אַ שטאָק פינסטערניש איז אַרום דער שיף געלעגן, צוליב דעם האָבן די רויטע פלאַמען אויפן געהיימנישפולן אינדזל נאָך שטאַרקער אָפּגעשיינט און גערייצט מיט זיינע פייערן די קינדערי־שע הערצער.

זיי זענען שטאַרק אומעטיק געווען און יעדעס איז געזעסן פאַרזונקען אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען.

עס האָט זיי אָן אַ שיעור געוואונדערט, וואָס מ'האָט פּלוצ־לינג אויפגעהערט אינגאַנצן צו רעדן וועגן זייער פאָטער.

— צי איז אינגאַנצן שוין קיין האָפנונג נישטאָ אים צו געפינען? — האָט יעדער פון זיי געטראַכט.

עס האָט זיי אָן אַ שיעור געניי גירט, וואָס אייערטאָן האָט דערציילט און עס האָט זיי געשראָקן דאָס, וואָס מען היט זיך פון זיי און מען גיט זיי גאָרנישט איבער פון זיינע רייד.

ביידע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן קעגנזייטיק צו טרייסטן.

— נאָר זיי נישט פאַרצווייפלט, מערי — האָט זי ראָבערט געמוטיקט — איך בין שוין שטאַרק און גרויס, איך וועל אויף דיר אַרבעטן, איך וועל פאַרדינען. זאָרג נישט, טייערע שוועסטער.

— איך זאָרג גאָרנישט, טייערער ברודער מיינער.

— ווייסט, מערי, איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ מאַטראָס איך האָב שוין געשמועסט מיטן קאַפּיטאַן פאַראַגוט. מיר וועלן ביידע צוזאַמען זיך לאָזן זוכן אונדזער פאָטער. וועסט מיר דערלויבן, מערי, וועסט נישט בייז זיין? — האָט ראָבערט זי מיט טרערן אין די אויגן געבעטן.

זי האָט אים אַרומגענומען און הייס געקושט, צוגעדריקט אים צו זיך און — זי האָט אָנגעהויבן צו כליפּען.

— עפּעס זאָגט מיר מיין האַרץ, אַז דער פאָטער אונדזערער לעבט און ער געפינט זיך דאָ ערגעץ אויף אַן אינדזל. דאָס זעלבע זאָגט אויך קאַפּיטאַן פאַראַגוט. מיר האָבן ביידע באַשלאָסן נישט צו רוען אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן אים געפינען — האָט ער ווייטער גערעדט.

— און איך וווּ וועל זיין, ווען דו וועסט אַוועקפאָרן — האָט מערי מיט אַן אומעטיק קול געפרעגט.

— די ליידי העלענאַ וויל דווקא דו זאָלסט בלייבן באַ איר אין שלאָס. זי איז זייער אַ גוטהאַרציקע און אַן איידעלע פרוי — האָט ראָבערט איר איינגערעדט.

זיי זענען שטיל געוואָרן און צוגעהערט זיך צום שטילן פּלעסק

פון די כוואַליעס, וואָס קומען צולויפן אין דער פינסטער און גיבן אַ גלעט די שיף, ווי זיי וואָלטן איר אַ בשורה געבראַנגט און אַנטלויפן באַלד צוריק.

די קינדער האָבן זיך ווידער איינגעקוקט אין דעם אינדזל, ווו די פייערן האָבן נישט אויפגעהערט צו פלאַקערן, ווי זיי וואָלטן הילף געררופן, די רויטע פייער־שפיצן האָבן זיך געצויגן צום פינסטערן, אויסגעשטערנטן הימל, ווי זיי וואָלטן געבעטן, די הענט אינדערהייך אויפגעהויבן.

לוצלינג איז אַ שווידער דורך זייערע לייבער אַדורך.

אַ ווייט קול פון דער פינסטערניש אַרויס האָט זיך מיט־אַמאָל דערהערט. אַ יעמערלעך קול האָט פון חושכדיקער נאַכט אַרויסגערופן:

— קומט אַהער! טייערע מענטשן, קומט אַהער!

ס'איז אַ ווילדע שטיל געוואָרן.

ביידע קינדער האָבן די אויערן אויפגעשפיצט, אויף די נעגל זיך אויפגעשטעלט און אַריבערגעבויגן זיך איבערן פאָרענטש פון דער שיף.

— האָסט געהערט, מערי? — האָט מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט ראָבערט.

— איך האָב געהערט, נאָר...

— קומט אַהער! האָט זיך ווידער געהערט דאָס יעמערלעכע רופן פון דער פינסטערער נאַכט אַרויס.

— אַ געהיימנישפול אינדזל! — האָט ראָבערט געשעפּטשעט.

— קומט אַהער! ראַטעוועט! — האָט דייטלעכער די שטימע איבערן ברייטן, פינסטערן ים אָפּגעקלונגען.

פלוצלינג האָט ראָבערט דערפילט, אַז ער איז בלייך געוואָרן, די פיס האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן.

— דער טאַטע אונדזערער! איך האָב דערקענט זיין קול. דער טאַטע, מערי!

דאָס יונגע מיידל האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז אַנידער־געפאַלן חלשות.

ראָבערט האָט אָנגעהויבן שרייען און רופן הילף.

דער מאַטראָס, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט גע־מאַכט אַן אַליאַרם.

אַלע זענען נישט טויט, נישט לעבעדיק אויפגעשפרונ־גען פון זייערע געלעגערס און אַרויפגעלאָפן אויפן דעק.

— וואָס איז געשען? — האָבן אַלע מיט איין קול אויסגע־שריגן.

ראָבערט אַליין האָט קוים געקענט רעדן, דאָס מויל האָט זיך אים פאַר אויפרעגונג פאַרקרומט און קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

ענדלעך האָט ער מיט אַ שוואַך קול אַרויסגעשעפּטשעט.

— מיין פאָטער איז דאָרט — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן אינדזל און מיין שוועסטער האָט געחלשט. ראַטעוועט זי.

אַלע האָבן אויפגעעפנט אַ פּאָר אויגן און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס ייִנגל רעדט.

קודם כּל האָבן זיך אַלע אַ נעם געטון ראַטעווען מערי גראַנט, מען האָט געשפּריצט אויף איר וואַסער. דער מאַיאָר האָט פון דער קאַיוטע אַרויפגעברענגט קאָניאַק, געגעבן איר אין מויל אַריין און זי האָט ענדלעך די אויגן געעפנט.

— זאַג־זשע אונדז קלערער, וואָס איז געשען? — האָט לאָרד גלענאַרוואָן געפרעגט באַם קליינעם ראָבערט.

ראָבערט גראַנט איז שוין געווען אַ ביסל באַרויקט און ער האָט מיט אַ דייטלעכער שטימע אויסגערופן:

— מיר ביידע האָבן בפירוש געהערט, ווי אונדזער פּאָטער האָט גערופן, מען זאָל אים ראַטעווען, מיר האָבן דערקענט זיין שטימע.

מערי גראַנט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי צושטימענדיק צו ראָבערטס רייד, אַז זי האָט געהערט. און זי איז ווידער געפאַלן אין חלשות.

מען האָט זי אַראָפּגעטראָגן אין קאַיוטע אַריין און אַוועקגע־לייגט אויף אַ בעט.

אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום ראָבערטן און אים גע־פּרוווט איבערצייגן, אַז עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט, ער גייט אַרום גאַנצע טעג און טראַכט, האָט זיך אים דעריבער גע־קענט אַזוי פאָרשטעלן.

אָבער ראָבערט האָט זיך געהאַלטן באַ זיינס און געטענהט, אַז ער האָט בפירוש געהערט זיין פּאָטערס קול.

קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט אויסגעפרעגט די מאַטראָסן, וועל־כע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, צי זיי האָבן עפּעס נישט באַמערקט, צי עפּעס נישט געהערט. קיינער האָט אָבער קיין שום געשריי, קיין שום רוף נישט געהערט.

דער פּראָפעסאָר האָט דאַן אָנגעהויבן צו האַלטן אַ גאַנצע לעקציע וועגן האַלוצינאַציעס און וועגן פאַלשע פאָרשטעלונגען. דאָס קומט, האָט ער געזאָגט, פון אָנשטרענגען דעם מוח אויף איין גע־וויסער זאַך. דער קליינער ראָבערט האָט זיך אוודאי איבערגענומען מיט דעם, וואָס ער האָט ענדלעך דערזען, אַז אַלע האָפענונגען צו געפינען זיין פּאָטער זענען אומזיסט. ער האָט דערזען באַנאַכט די פייערן, וואָס פלאַקערן אין דער פינסטערניש אַזוי סודותפול, האָט עס אים אַדורכגענומען און ס'האָט זיך אים שוין אויך אויסגעוויזן, אַז ער הערט אַ קול אין דער פינסטערניש.

פינגדעסטוועגן האָט לאָרד גלענאַרוואַן, נישט קוקנדיק אויף

דעם פּראָפעסאָרס פאַרזיכערונגען, אַז דאָס זענען נאָר האַלוציגאַ־
ציעס, דאָך אַרויפגעגאַנגען אויפן קאַפּיטאַן־בריקל און אויסגעשריגן
אין דער נאַכט אַריין:

— קאַפּיטאַן גראַנט! קאַפּיטאַן גראַנט!

דאָס קול האָט אָפּגעקלונגען ווייט, ווייט אַרום איבערן פינס־
טערן ים און ס׳איז שטיל געוואָרן, ווי אין אַ קבר.

קיינער האָט נישט געענטפערט.

ביסלעכווייז זענען אויך די פייערן אויפן אינדזל אויסגע־
לאָשן געוואָרן און אַ געהיימנישפולער סוד האָט זיך אויף דער
נאַכט אויסגעגאָסן און אַלע מענטשן אויך אויפן דעק אַרומגע־
הילט.

ס׳איז קיינער שוין נישט געשלאָפן די נאַכט. אַלע זענען
אַראָפּגעגאַנגען אונטן אין זאַל אַריין און פאַרברענגט טיילווייז
אין געשפּרעכן, טיילווייז אין פאַרזונקען זיך אין פאַרשידענע
רעיונות.

ענדלעך האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. ווי אַ פייערדיקע רויטע
בלום האָט זיך די זון פון איר בלוי־פּיאָלעטן קעליך אַרויסגע־
שיילט און אַ פרייידיקע ראָזע שיין איבערן ים געוואָרפן.

אַלע זענען אַרויפגעקומען אויפן דעק, דערפרישטע אַ ביסל
פון דעם קילן, ראָזן ווינטל, וואָס האָט אויף זיי אַ בלאָז געטון
אין די פּנימער אַריין און האָבן זיך אויסגעשטעלט באַם פאָרענטש
פון דער שיף און געקוקט צו דעם אינדל.

זיי זענען נאָך געווען אפשר אַ מייל ווייט פון דאָרט,
מ׳האָט נאָך ווייניק וואָס געקענט אונטערשיידן פון אַזאַ מרחק.

דער דונקאַן האָט זיך לאַנגזאַם געגליטשט איבער די ברוין־
פּיאָלעטע, גאָלדיקע וואסערן און אָנגעמאַכט אַ געמיש פון די אַלע
קאָלירן; אַ ווייסע, זילבער־פינקלענדיקע שוים האָט די שיף איבער

געלאָזט נאָך זיך און ווי אַ ברייטן, ווייסן מילך־וועג אויסגעפּלאַס־טערט.

פלוצלינג האָט ראָבערט אַרויסגעלאָזט אַן אוממענטשלעך געשריי.

אַלע האָבן זיך אַוואָרף געטון צו אים דערשראָקן און אים אָנגעהויבן צו פרעגן די סיבה פון זיין פּאַרצווייפלטן אויסגע־שריי.

ער האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט קיין וואָרט פון מויל נישט געקענט אַרויסברענגען, נאָר געוויזן מיט דער האַנט אין דער ווייטקייט צום אינדזל.

אַלע האָבן אָנגעשטרענגט זייערע בליקן און דאָך גאָרנישט געזען.

ענדלעך האָט דער קליינער אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַכער שטימע:

— איר זעט נישט, אָט דאָרט: אָט שטייען דריי מענטשן און מאַכן מיט די הענט.

דער קאַפּיטאַן פּאַראַגוט האָט געכאַפּט דעם שפּאַקטיוו און זיך איינגעקוקט.

— אמת, איך זע דריי מענטשן, איינער פאָכעט מיט אַ פאָן. ס'איז די ענגלישע פאָן.

— לאָזט אַראָפּ אַ שיפל! — האָט ראָבערט נישט מיט זיין קול אויסגערופן.

ער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ וואַנזיניקער, גרייט אין ים אַריין צו שפּרינגען, אויב דאָס שיפל זאָל תיכף נישט ווערן אַראָפּ־געלאָזט.

— אַראָפּלאָזן אַ שיפל! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן באַ־פוילן.

אין אייניקע מינוט אַרום האָט זיך געגליטשט אַ שיפל איבערן

גלאַטיקן ים. אינעווייניק זענען געזעסן: ראָבערט מיט מערי גראַנט, קאַפּיטאַן פּאַראַגוט, לאָרד גלענאַרוואַן, דער פּראָפעסאָר און דער מאַיאָר. אַ חוץ זיי האָבן זעקס מאַטראָסן געררודערט מיט אַלע כוחות.

אַלע האָבן געשוויגן. פון גרויס איבעררראַשונג האָט קיינער קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן.

— זאָל דאָס טאַקע זיין קאַפּיטאַן גראַנט — האָט איטלעכער פאַר זיך געטראַכט.

— אמת, דאָס אינדזל ליגט דאָך טאַקע אויפן 37-טן גראַדוס — האָט דער פּראָפעסאָר געטראַכט.

ס'איז שוין באַ קיינעם קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס מאָל נאַרן זיי זיך שוין נישט אָפּ.

איידער זיי האָבן זיך אומגעקוקט, איז דאָס שיפל צוגעשוווּמען צום ברעג.

XX.

דער קאַפּיטאַן גראַנט.

אויפן ברעג זענען געשטאַנען דריי מענער, איינער עטוואָס אַן עלטערער און געהאַלטן די הענט אויסגעצויגן צו דעם שיפל.

— מיין פאָטער! — האָט מערי גראַנט אויסגעשריגן.

דער אַלטער האָט דערהערט דעם אויסגעשריי און דערקענט דער טאָכטערס שטימע. ער איז געפאַלן אין חלשות און מען האָט אים קוים דערמינטערט.

ווען מ׳האָט אים אָפּגעראַטעוועט, זענען פּאָטער און קינדער אין די אָרעמס זיך געפאַלן און ס׳האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, איידער זיי האָבן זיך אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע.

די איבעריקע רייזנדע זענען געשטאַנען אַלע אין הייליקן שטילשווייגן. ס׳האָט קיינער נישט געוואָלט שטערן דער אומגעהייערער פרייד פון דער באַגעגעניש.

ענדלעך איז דער קאַפּיטאַן גראַנט דער ערשטער צו זיך געקומען און אָנגעהויבן זיך אומקוקן, מיט וועמען ער שטייט דאָ און געפרעגט זיך בײַ ראָבערטן, ווער די איבעריקע מענטשן זענען.

ראָבערט האָט אים אין קורצן דערציילט די געשיכטע, ווי אַזוי דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט געפונען די פלאַש און ווי אַזוי זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען.

ווען די ערשטע פרייד איז פאַרביי, האָט לאָרד גלענאַרוואָן אויסגערופן:

— וואָס־זשע דאַרפן מיר דאָ שטיין? מיר קענען דאָך דאָס זעלבע זיך צוזאַמענרעדן אויף דער שיף.

זיי האָבן אָנגענומען דעם קאַפּיטאַן גראַנט בײַ דער האַנט און אים אַרייַנגעפירט אין שיפל און אין אייניקע מינוטן אַרום זענען זיי געווען אויפן דונקאַן.

די פרייד איז געווען נישט איבערצוגעבן. דער לײדי העלענאַ האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. די מאַטראָסן האָבן פשוט געוויינט פאַר שמחה.

דער קאַפּיטאַן גראַנט האָט פון גרויס אויפרעגונג קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָר טרערן האָבן זיך אים געגאָסן אָן אַ שיעור, טרערן פון גליק, וואָס ער האָט ענדלעך זײַנע קינדער געפונען, טרערן פון פרייד, וואָס עס געפונען זיך נאָך אַזעלכע גוטע מענטשן

אויף דער וועלט, ווי לאָרד גלענאַרוואַן און ליידי העלענאַ זע־גען.

ער איז אויפגעשטאַנען און אין קורצע ווערטער געדאַנקט דעם לאָרד גלענאַרוואַן און די אַלע איבעריקע, וואָס האָבן צוגע־לייגט אַ האַנט צו זיין רעטונג. באַזונדערס איז ריר־נד געווען, בשעת ער האָט געדאַנקט דער ליידי העלענאַן. טייכן טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן, ער האָט געקושט איר די הענט און גאָרנישט געפונען קיין ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל איר קענען אָפדאַנקען.

ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ קלונג אויף דער שיף. דאָס האָט מיסטער אָלבינעט גערופן צום פרישטיק דעם גאַנצן עולם.

די בעסטע וויינען זענען אויפן טיש אַרויפגעשטעלט געוואָרן און די שמחה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן יום־טוב.

בשעת דעם פרישטיק האָט איטלעכער איינציקער דערציילט עפּיזאָדן וועגן דער רייזע איבער דרום־אַמעריקע, אויסטראַליען און נייזעלאַנד.

ליידי העלענאַ האָט דעם קאַפּיטאַן גראַנט דערציילט די העל־דישקייטן פון ראָבערטן, ווי ער האָט זיי אַרויסגעראַטעוועט פון די מאַאָריס הענט, פון אַ זיכערן טויט.

דעם פאָטער איז אָנגעקומען טרערן אין די אויגן אַריין, ער האָט צוגעדריקט צו זיך דעם זון, אַ קוש געטון אים אין קאָפּ אַריין.

דאַן האָט זי פאַר אים אָנגעהויבן אויסלויבן די טאָכטער מערין און איין וועגס אים דערציילט, אַז פּאַראַגוט איז אין איר פאַרליבט און ער וויל מיט איר חתונה האָבן.

קאַפּיטאַן גראַנט האָט דאַן צוגערופן צו זיך מערין מיט קאַ־פּיטאַן פּאַראַגוט, פאַרייניקט זייערע ביידנס הענט און זיי געגעבן זיין פאָטערלעכע ברכה. ער האָט צוגעדריקט מערין צו זיין ברוסט

און אַ לאַנגע צייט זענען זיי געבליבן זיצן אַזוי, ווי צוזאַמענגע־וואַקסן.

דער קליינער ראָבערט האָט צוגעפירט דעם פּראָפעסאָר פּאַ־גאַנעל און אים פאָרגעשטעלט פאַרן פאָטער.

קאַפּיטאַן גראַנט האָט זיך זייער דערפרייט. ער האָט דעם־דאָזיקן נאָמען פון געלערנטן שוין געהערט, אפילו זיינע ביכער גע־לייענט און ער איז געווען אַן אַ שיעור גליקלעך, וואָס ער האָט אים דערקענט.

דער מאַיאָר האָט אין אַ שפּאַסיקן טאָן דערציילט, ווי דער פּראָפעסאָר איז ממש גאַניאַל מיט זיינע פעלערן. דער פּראָפעסאָר האָט אָבער רויק און מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— הלוואי זאָלן שטענדיק אַזוי מיינע פעלערן פירן צום גוטן, ווי די פעלערן, וואָס איך האָב געמאַכט אויפן „דונ־קאַן“.

אַזוי איז אַ גאַנצן טאָג פאַרגאַנגען אין געשפּרעכן און אין התלהבותדיקער פרייד, ביז ס׳איז געוואָרן אָוונט.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים דערציילט וועגן אַ סך מאָמענטן פון דער רייזע.

צופעליק איז ער אַרויפגעקומען מיטן שמועס אויף איי־רטאָנען.

קאַפּיטאַן גראַנט האָט אויפגעציטערט באַם דערמאָנען דעם־דאָזיקן נאָמען. ס׳האָט אויסגעזען, ווי צווישן זיי ביידע וואָלט עפּעס פאָרגעקומען אַ געהיימנישפולער ענין, וועלכן ס׳האָט אים זייער נישט געשמעקט נאָכאַמאָל צו דערמאָנען.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט דאָס באַמערקט און דעם שמועס באַלד אָפּגעהאַקט, איבערגייענדיק אויף עפּעס אַנדערש.

דער קאַפּיטאַן גראַנט האָט געבעטן דעם לאָרד גלענאַר־וואָן, ער זאָל צוזאַמענרופן אַלע מיטרייזנדע פון „דונקאַן“.

אין עטלעכע סעקונדן אַרום זענען אַלע געזעסן אויפן דעק אַרומגעזעצט אַרום קאַפּיטאַן גראַנט, און ער האָט פאָלגענדעס צו זיי אויסגערופן:

— טייערע פריינט מײנע און רעטער! ביז איצט האָט איר מיך מכבד געווען און דערציילט די געשיכטע פון אייער רייזע, מאָרגן פאַרבעט איך אייך צו מיר אויף פרישטיק און איך וועל אייך דערציילן די געשיכטע פון מיין איינזאַמקייט אויף דעם אינדזל „מאַריאַ טערעזאַ", דאָס אָרט, וווּ איך האָב פאַרבראַכט כמעט דריטהאַלבן יאָר.

אַלע האָבן מיט פרייד אויפגענומען דידאָזיקע איינלאַדונג, באַזונדערס האָט זיך געפרייט דער פּראָפעסאָר, וואָס ער וועט האָבן די מעגלעכקייט אויסצופאָרשן דאָסדאָזיקע אומבאַקאַנטע אינדזל.

ערשט איצט האָט דער קאַפּיטאַן גראַנט צו זיין גרויסן פאַר־דרוס באַמערקט, אַז מ׳האָט פאַרגעסן זיינע צוויי מאַטראָסן, וועל־כע זענען שוין געוויס איצט געשלאָפן דאָרט.

אַלע האָבן זיך קוים דערוואַרט, ס׳זאָל אָנהייבן טאָגן. מיט אומגעדולד האָט יעדער געגאַרט צו זען דאָס אינדזל, וווּ קאַפּיטאַן גראַנט האָט פאַרבראַכט אַזוי פיל צייט.

נאָכן אַרומוואַשן זיך און צופּוצן זיך, האָבן זיך אַלע אַריינ־געזעצט אין אַ שיפל און אין עטלעכע סעקונדן אַרום זענען אַלע געווען אויפן אינדזל.

דאָס איז געווען זייער אַ קליין אינדזל, וואָס מען האָט עס נעקענט אין אייניקע שעה אויסגיין אין דער לענג און אין דער ברייט.

שיפן, וועלכע פאָרן אַרום איבערן ים פאַנגען וואַלפיש, פלעגן אויף אַ סך אינדזלען, לעבן וועלכע זיי זענען פאַרבייגעפאָרן, אַראָפּ־לאָזן ציגן און שעפסן, כדי, אַז ווען זיי וועט אויסקומען אַמאָל

דאָרט אַ געוויסע צייט צו פאַרברענגען, זאָלן זיי האָבן מילך און פלייש. אויף דעם אינדזל „מאַריאַ טערעזאַ" האָט אויך אַמאָל אַ שיף אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר ציגן און שעפּסן און מער איז שוין קיין שיף קיינמאָל נישט אַהערגעקומען.

קאַפּיטאַן גראַנט האָט זיי צוגעפירט אין אַביידל, וואָס איז אויפגעשטעלט געווען פון ברעטער און פאַרשידענע שיף־טיילן. פאַר דעם „הויז" זיינען זעגען געשטאַנען עטלעכע בענק. ער האָט זיי געבעטן אַנידערזעצן און אַרויסגעברענגט פאַר זיי פלייש און מילך פון זיינע ציגן און שעפּסן, וואָס ער האָט זיך געכאָוועט.

— וואָס וועט איינגעלעך דעם אייערטאָגנען דאָ פעלן? —

האָט דער פּראָפעסאָר באַגייסטערט אויסגערופן — ס'איז דאָך פּשוט דאָ אַ גן עדן! איך וואָלט שוין אויף זיין אָרט אַהערגעגאַנגען!

— ס'איז נאָר אַ ביסל צו קליין דאָסדאָזיקע אינדזל —

האָט קאַפּיטאַן גראַנט אויסגערופן — ווען נישט דאָס, וואָלט איך עס אויסגעקליבן אַלס קאָלאָניע פאַר מיינע שאָטלענדישע ברידער, וועלכע האָבן זיך אין ענגלאַנד שוין נישט וואָהין צו טון.

— אַך, קאַפּיטאַן גראַנט! — האָט פּלוצלינג דער פּראָפעסאָר אויסגערופן, — איר האָט דאָך אונדז געוואָלט דערציילן די געשיכטע, ווי אַזוי די „בריטאַניאַ" איז אונטערגעגאַנגען, און ווי אַזוי איר האָט פאַרברענגט די פּאָר יאָר אין דער איינזאַמקייט?

— יאָ, יאָ! — האָבן אַלע אויסגערופן — מיר בעטן טאַקע זייער, מיר בעטן.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז אַרום קאַפּיטאַן גראַנט און זיך איינגעהערט, ווי ער האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו דערציילן:

— אַרויספאָרנדיק דעם 7־טן יוני פון טשילי, האָב איך מיך אַריינגעלאָזט אין די דרום־וואַסערן פון אומענדלעכן ים,

מיטן צוועק אויסצוזוכן פאַר מיינע אומגליקלעכע ברידער אַ קאָ־
לאָניע.

אין אַ וואָך שפּעטער איז אויסגעבראָכן אַ געוואַלטיקער שטורם אויפן ים, די שיף איז געוואָרפן געוואָרן איבער די כוואַליעס, ווי אַ קליין באַלעמל. די זעגלען זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן, די מאַסטבוימער צעבראָכן און דערצו זענען נאָך פון דעק אַראָפּגעשוואָנקען געוואָרן דריי פון מיינע בעסטע מאַטראָסן.

איך האָב קיין שום עצה שוין נישט געהאַט, אַליין מיט די איבעריקע מאַטראָסן האָב איך שוין גאָרנישט געקענט אויפטון, האָב איך די „בריטאַניאַ" געלאָזט אויף גאָטס באַראָט: זאָל זי גיין, ווו דער ווינט וועט זי טראָגן.

דעם 27־טן יוני איז מיין שיף אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף אַ גרופּע שטיינער, נישט ווייט פון דעם אינדזל „מאַריאַ טערעזאַ". די בריטאַניאַ איז פון מעכטיקן קלאַפּ צעשמעטערט געוואָרן און מיר זענען אַריינגעפאַלן אין ים אַריין. עטלעכע מאַטראָסן זענען דערטרונקען געוואָרן און איך מיט די צוויי מאַטראָסן האָבן זיך גראָד אָנגעכאַפּט אָן אַ שטיק האָלץ און צוגעשווומען צו דעמדאָ־
זיקן אינדזל.

מיר זענען געבליבן ליגן אויפן ברעג מידע און פאַרשמאַכ־
טע פון דער שרעקלעכער אָפּגעמאַטערטקייט. דאָס האָט אַזוי אָפּגע־
דויערט עטלעכע שעה.

ווען מיר זענען געקומען עטוואָס צו זיך, האָבן מיר באַ־
מערקט, ווי די „בריטאַניאַ" ליגט איינגעשלאָסן אין אַ פעלזן און ווערט דורכן שטורם הין און צוריק געוואָרפן.

מיר האָבן דאַן פון די שטיקער קלעצער און העלצער, וואָס זענען פון דער צעבראָכענער שיף צוגעשווומען צום ברעג, מיט שטריק צוזאַמענגעבונדן אַ טראַטווע, צוגעשווומען צו דער שיף, פאַרנומען פון דאָרט זאַכן, וויפיל מיר האָבן נאָר געקענט און צו־

ריקגעקומען אויפן אינדזל. פון די שטיקער האָלץ און קלעצער האָבן מיר זיך אויפגעבויט אָט דאָס, וואָס איר זעט.

מיר זענען אַזוי עטלעכע מאָל הין און צוריק געפאָרן פון דעם אינדזל צו דער שיף, מיטגענומען געווער, פולווער און אַנ־דערע נויטיקע קלייניקייטן.

צומאָרגנס, ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבן מיר שוין קיין סימן פון דער „בריטאַניאַ" נישט געפו־נען.

מיר האָבן דערזען די ציגן און שעפסן, וואָס האָבן זיך אי־בערן אינדזל אַרומגעדרייט, האָבן מיר עטלעכע פון זיי געשאָסן און געהאַט צו עסן אויף אַ לענגערע צייט. דער ים האָט אַרויס־געוואָרפן אָן אַ שיעור פיש. קיין עסן האָט נישט געפעלט!

שפעטער האָבן מיר אויך אָנגעהויבן באַאַרבעטן די ערד, פאַרזייעט זאָמען, וואָס מיר האָבן פון דער „בריטאַניאַ" אַראָפּגע־ראַטעוועט, פאַרזעצט קאַרטאָפל און געוואָרן באַלעבאַטים פון אַן אינדזל.

די גאַנצע צייט פון אונדזער זיין אויף דעמדאָזיקן אינדזל האָבן מיר קיין שום שיף נישט באַמערקט און מיר האָבן שוין געהאַט די פאָרשטעלונג, אַז מיר בלייבן דאָ אייביקע איינוווינער פון דעם פאַראייניזאַמטן אינדזל.

ווי גרויס איז אונדזער פרייד אייערנעכטן געווען, ווען מיר האָבן באַמערקט פונדערווייטנס אַ שוואַרצן וואָלקן רויך. מיר זע־נען אַרומגעלאָפן, ווי די משוגעים איבערן אינדזל, מיר האָבן קיין שום האָפנונגען נישט געהאַט אייך צו קענען ווייזן סימנים אויף אַזוי ווייט, אַז מיר געפינען זיך דאָ.

דאַן האָבן מיר אָנגעלייגט פייערן, כדי איר זאָלט אונדז באַמערקן. אָבער ליידער האָט איר אונדז, ווייזט אויס, באַנאַכט

נישט געזען, צו וואָס? ווייל איר זענט געשטאַנען אויף אַן אָרט און נישט גערירט זיך.

שפּעט באַנאַכט, זענענדיק, אַז איר באַמערקט אונדז נישט, האָב איך מיך אויסגעטאָן נאַקעט און אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין און נענטער צוגעשווּמען צו דער שיף און געשריגן און גערופן:

— קומט אַהער! ראַטעוועט!

איר האָט נישט געהערט. נאָר איצט, ווי מיינע קינדער דערציילן מיר, האָבן זיי נאָר אַליין געהערט דידאָזיקע געשרייען.

איך האָב שוין מער קיין כּוח נישט געהאַט צו שרייען, איך בין קוים אַ לעבעדיקער צוריקגעקומען צום ברעג.

אַ גאַנצע נאַכט בין איך אין שוידער געלעגן, כ׳האָב נישט געקענט שלאָפן. ווען ס׳איז נאָר טאָג געוואָרן, בין איך שוין ווידער געווען אויף און גענומען דעם ענגלישן פאָן אין דער האַנט אַריין און מיט אים געפאָכעט.

ערשט דאַמאָלס, ווען מיר האָבן דערזען, אַז איר לאָזט אַראָפּ אַ שיפל, זענען מיר פון פרייד אַזש שיעור נישט משוגע געוואָרן.

אַלע האָבן אין דעם גרעסטן שטילשווייגן אויסגעהערט קאַפּיטאַן גראַנטס געשיכטע. עס האָט זיך זיי יעדן אויסגעדאַכט, אַז זיי לייענען דאָס ערגעץ אין אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט.

ווען ער האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער זיי אָנגעהויבן אַרומפירן און ווייזן אַלע מערקווירדיקייטן פון דעמדאָזיקן אינדזל.

די גאַנצע צייט פון דעם קאַפּיטאַן גראַנטס דערציילן, האָבן אַלע באַמערקט, אַז דער פּראָפעסאָר איז עפּעס זייער פאַרטראַכט און הער׳ט זיך כּמעט ווייניק־וואָסצו צו דער גאַנצער געשיכטע.

ס׳האָט אַלעמען דאָס זייער שטאַרק געוווּנדערט.

ענדלעך האָט ער גייענדיק אַזוי צוזאַמען מיט דער איבעריקער הברה און מיטן קאַפּיטאַן גראַנט בראש איבערן אינדזל, אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, הער קאַפּיטאַן, וואָס האָט איר אייגנטלעך אָנגעשריבן אין אייערע בריוו, וואָס מ׳האָט געפונען אין דער פלאַש? עס איז דאָרט קיין ווונק נישטאָ, אַז איר געפינט אייך אויפן אינדזל „מאַריאַ טערעזאַ", און מיר זענען אומזיסט אומגעשט כמעט די גאַנצע וועלט אַרומגעפאָרן.

אַלע האָבן זיך מיט אינטערעס צוגעהערט, וואָס דער קאַפּיטאַן גראַנט וועט ענטפערן, ווייל אַלע זענען שטאַרק בייגעריק געווען צו וויסן דעם אמתן אינהאַלט פון די בריוו.

— אדרבה, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, איך קען עס אייך דערקלערן — האָט קאַפּיטאַן גראַנט געענטפערט.

— אָבער איך וואָלט אייך געבעטן, זאָגט מיר דעם אינהאַלט פון פראַנצויזישן בריוו — האָט דער פּראָפעסאָר געבעטן — ערשטנס, בין איך אַ פראַנצויז און פראַנצויזיש איז מיר נעענטער פון אַלע שפּראַכן, צווייטנס, איז דער פראַנצויזישער בריוו געווען ווינציקער באַשעדיקט פון די איבעריקע צוויי, איז גלאַט אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס פאַר אַ ווערטער האָבן דאָ געקענט פעלן, דער בריוו זאָל ווי געהעריק נישט האָבן פאַרשטאַנען געוואָרן.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט קאַפּיטאַן גראַנט געענטפערט און אָנגעהויבן פון אויסנווייניק איבערצוזאָגן וואָרט אין וואָרט דעם גאַנצן פראַנצויזישן בריוו:

„דעם 27-טן יוני 1862 איז די דריי-מאַסטבוים-שיף „בריטאַניאַ" אונטערגעגאַנגען אין דרומדיקן וועלט-ים, 1500 מייל ווייט פון פּאַטאַגאָניען. קאַפּיטאַן גראַנט מיט צוויי מאַטראָסן האָבן זיך געראַטעוועט אויפן אינדזל „טאַבאָר". זיי געפינען זיך אין אַ גויט

און האָבן די פּאַפּירן אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. דאָס געפינט זיך אויפן 37־טן גראַד די ברייט און 153 — די לענג פון דער ערד. קומט ווי צום שנעלסטן. אין פאַל נישט, זענען מיר פאַרלוירן".

— וואָס הייסט: געראַטעוועט אויפן אינדזל „טאַבאָר"? — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעשריגן — איר געפינט דאָך אייך גאָר אויפן אינדזל „מאַריאַ טערעזאַ"!

— פאַרשטייט איר מיך, ליבער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל — האָט קאַפּיטאַן גראַנט געענטפערט — אויף די דייטשישע און ענג־לישע לאַנדקאַרטעס הייסט טאַקע דאָסדאָזיקע אינדזל „מאַריאַ טע־רעזאַ" נאָך דער עסטרייכישער קעניגין. אויף דער פראַנצויזישער אָבער, צוליב דער קריג, וואָס האָט דאַמאָלס געהערשט צווישן פראַנקרייך און עסטרייך, — האָבן זיי נישט געוואָלט דאָס אינדזל רופן נאָך דער עסטרייכישער קעניגין, הייסט עס גאָר „טאַ־באָר".

— אַ שיינער פּראָפעסאָר! — האָט פּלוצלינג דער מאַיאָר אויסגערופן — אַ פראַנצויזישער געאָגראַף זאָל נישט וויסן, אַז דאָס אינדזל הייסט אויף פראַנצויזיש „טאַבאָר"!

דער פּראָפעסאָר איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער. איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייט דאָס פאַרמעקטע וואָרט abor אין פראַנצויזישן בריוו. ער איז נעבעך גאָרנישט שולדיק געווען. אויף דער שיף זענען נאָר געווען בלויז ענגלישע קאַרטעס, ווו עס איז געשטאַנען „מאַריאַ טערעזאַ", האָט ער אינגאַנצן גאָר געהאַט פאַרגעסן.

ער איז אַרומגעלאָפן, ווי אַ משוגענער און נישט געקענט זיך שענקען אַזאַ גרייזלעכן טעות.

ער האָט זיך פּשוט געשעמט די אויגן אויפצוהייבן.

לאָרד גלענאַרוואַן האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם פּראָפּעסאָרס צעשטרייטקייט און אויסגערופן:

— דאַכט זיך, אַז איצט איז שוין די העכסטע צייט צו מאַכן די רייזע צוריק אַהיים!

קאַפּיטאַן גראַנט האָט אַלע זאַכן אין זיין הויז אויפן אינדזל איבערגעלאָזט, אויסרופנדיק:

— זאָל ער דער אייערטאָן, הגם ער איז אַ מערדער, פונדעסטוועגן האָבן אַלע נויטיקע אינסטרומענטן, כדי ער זאָל קענען זיינע פּאָר יאָר, וויפיל ער האָט נאָך צו לעבן, אָפּלעבן רויק.

אַלע האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דעם שיפל און צוגעשוווּמען צום דונקאַן.

שווער איז פונדעסטוועגן געווען דעם קאַפּיטאַן גראַנט מיט די צוויי מאַטראָסן זיך צו שיידן מיטן אינדזל. עס האָט זיי ווי געטון דאָס האַרץ — דאָך אָפּגעווען אַזוי לאַנג אויף איין אָרט!

ווי נאָר זיי זענען אַרויף אויפן דונקאַן, האָט לאָרד גלענאַרוואַן געהייסן אַרויפברענגען צו זיך אייערטאָנען.

ער האָט זיך פונקט געטראָפן פּנים אל פּנים מיטן קאַפּיטאַן גראַנט. ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע איבעראַשט.

— דער זעלבער בין איך? — האָט קאַפּיטאַן גראַנט אויסגערופן.

— יאָ, דער זעלבער. עס פרייט מיך זייער אייך ווידער צו זען פריש און געזונט.

— כ'האָב שלעכט געטון, ווייזט אויס, וואָס כ'האָב דיך אַראָפּגעזעצט אין אויסטראַליען. כ'האָף, אַז דאָ אויף דעם אינדזל וועסטו צייט האָבן דייַנע מעשים אויסצובעסערן.

— יאָ! — האָט אייערטאָן קורץ געענטפערט.

— נו, ס'איז צייט! — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן און געווענדט זיך צו אייערטאָנען:

— דו בלייבסט דאָ איינער אַליין, איך האָף, אַז דו וועסט דיך באַקלערן און זיך פאַרבעסערן. איך וועל אין דיר נישט פאַרגעסן. אין אַ צייט אַרום וועל איך אפשר צו דיר קומען און דיך איבערנעמען קיין ענגלאַנד.

— אַ דאַנק! — האָט אייערטאָן קורץ אויסגערופן.

מ'האָט אייערטאָנען אַראָפּגעלאָזט אויפן שיפל, אַראָפּגענומענדיק פון אים פריער די קייטן. מ'האָט אים מיטגעגעבן עטלעכע קעסטלעך שפייז, געווער און פולווער, קליידער און אפילו עטלעכע ביכער צום לייענען.

אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן דעק, צוגעקוקט זיך צו דער לעצטער סצענע.

אַ טרויעריקייט האָט פונדעסטוועגן אַלעמען באַהערשט. פאָרט אַ מענטש! און מען לאָזט אים אַזוי איבער איינזאַם אויף אַן אינדזל. ער וועט קיינמאָל קיין מענטש נישט זען, און אפשר וועט ער שוין דאָ שטאַרבן אויך.

קאַפּיטאַן פּאַראַגוט מיט פיר מאַטראָסן האָבן זיך מיט אים אַראָפּגעלאָזט אין שיפל אַריין און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַוועקגליטשן פון דער שיף.

אייערטאָן האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, פאַרנויגט זיך פאַר אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער שיף. אַלע האָבן אַראָפּגענומען די היטן און געפאָכעט מיט זיי, ביז דאָס שיפל איז צום אינדזל־ברעג צוגעקומען.

ווי נאָר דאָס שיפל האָט אָנגעקלאַפּט אָן ברעג, איז אייערטאָן אַרויסגעשפּרונגען, מ'האָט אים אַראָפּגעלאַנגט אַלע זאַכן, דאָס עסנוואַרג, און אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָט זיך דאָס שיפל אומגעקערט צום „דונקאַן“.

אייערטאָן איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ הייכן שטיין און לאַנג, לאַנג איז ער דאָרט אַזוי געשטאַנען, ווי אַ שוואַרצע סטאַטוּע אויס־געהאַקט און געקוקט צו דער שיף — דאָס לעצטע מאָל זעען זיי־נע אויגן אַ שיף.

— פאָרן! — האָט לאָרד גלענאַרוואָן מיט אַ ציטערדיקער שטימע אויסגערופן. עס האָט אים דאָך ווי געטון דאָס האַרץ, וואָס ער האָט אַ מענטש איינעם אַליין פאַרמשפּט אויף אייביקער איינ־זאַמקייט.

אַ שוואַרצער רויך האָט אַרויסגעזעצט פון קוימען און דער „דונקאַן" האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן אָפּגליטשן אין ים אַריין. עס זענען פאַרביי איניקע שעה און מ'האָט שוין קיין שום שפּור פון דעם אינדזל נישט געזען, נאָר הימל און וואַסער.

XXI.

דער סוף איז גוט, איז אַלץ גוט!

לאַנגזאַם האָט זיך דער דונקאַן געגליטשט איבער די בלויע וואַסערן פון ים. ס'איז נישט געווען זיך איצט וואָס צו איילן.

מונטער און פריילעך זענען אַלע געזעסן אויפן דעק און געפּלאַפּלט צווישן זיך. מ'האָט זיך דערמאַנט אָן די פאַרשידנסטע עפּיזאָדן פון דער רייזע.

דאָס וועטער איז געווען הערלעך־שיין. טייכן גאָלד האָבן זיך אין בלויען ים געמישט און געשימערירט קעגן דער זון און כּלערליי קאָלירנדיקע פונקען.

אַ שוואַרצער זייל רויך האָט זיך גלייך צום בלויען הימל געצויגן און אייגנעריסט ערטערווייז די בלענדנדע בלויקייט, אָבער באַלד איז דער רויך צעשוווּמען געוואָרן אין דער ווייטקייט און פאַרשוווּנדן.

— וווּהין פאָרן מיר אַלזאָ? — האָט דער לאָרד זיך גע־פרעגט אַלע אָנוועזנדע אויפן דעק. — צי זאָלן מיר שוין פאָרן גלייך אַהיים, צי זאָלן מיר ענדיקן אונדזער רייזע אַרום דער וועלט אויפן 27־טן גראַד?

נאָך אַ קורצן וויכּוח איז געבליבן בהסכּם, אַז זיי פאָרן קיין טשילי, כּדי אַזוי אַרום צו פאַרענדיקן זייער וועלט־ריי־זע.

לײדי העלענאַ איז גליקלעך געווען איצט, ווען זי האָט, פאַרבייפאָרנדיק די זעלבע ברעגן פון פּאַטאַגאָניען, ווידער געזען די זעלבע אינדזלען, פּאָרטן. זיי זענען אָנגעקומען צו די אינדזלען פייערלאַנד. דער פּראָפעסאָר האָט געוואָלט אַראָפּגיין, כּדי גרינד־לעכער אויסצופאָרשן דידאָזיקע אינדזלען, אָבער לײדי העלענאַ האָט נישט געלאָזט בשום אופן דאָס טון. זי האָט שוין וואָס גי־כער געוואָלט זיין בײַ זיך אינדערהיים.

אַזוי זענען זיי געשווּמען איבערן אַטלאַנטישן ים. זיי האָבן שוין אָפּטער געטראָפן שיפן, וואָס פאָרן קיין אַמעריקע. זיי האָבן זיך שוין דערפילט, ווי בײַ זיך אינדערהיים.

מען האָט פריילעך פאַרבראַכט אויף דער שיף, געשפּאַסט, געוויצלט זיך. דער מאַיאָר האָט אַלע מאָל דערמאַנט אָן דעם פּראָפעסאָרס פעלערן און אַלע, אַפילו דער פּראָפעסאָר אַליין, האָבן געלאַכט.

עפּעס קריטיש איז דעם מאַיאָר נאָר אויסגעקומען, וואָס נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מען פאָרט אויפן עקוואַטאָר, די היץ איז סכּנותדיק, דאָך גייט דער פּראָפעסאָר אַרומגעהילט מיט אַ

שאַל דעם האַלדז, אַז מען זעט קיין ביצל קערפּער נישט אַרויס. ער האָט דאָס געוואָלט דווקא דערגיין, אָבער דער פּראָפעסאָר האָט זיך זייער געהיטן דערמיט. ווען ער איז זיך געגאַנגען וואַשן, האָט ער שטענדיק אויסגעקאָמבינירט, אַז קיינער זאָל אויפן דעק נישט זיין.

— עפּעס מוז דאָ זיין! — האָט דער מאַיאָר געטראַכט — איך וועל עס שוין דערגיין.

אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע וואָכן, ביז זיי האָבן פונדער־ווייטנס דערזען דעם האַפן אין גלאַזגוי.

ווען די שיף איז צוגעשווומען צום ברעג, זענען שוין טויזנטער מענטשן דאָרט געשטאַנען און אָפּגעוואַרט. עס זענען נאָך פון פריער געהאַט געווען טעלעגראַמען פון דעם ענגלישן קאָנסול אין טשילי, אַז די רייזע פון לאָרד גלענאַרוואָן האָט זיך גליקלעך פאַרענדיקט.

צו די הורא־געשרייען און פריידנס־אויסרופן איז קיין סוף נישט געווען. מ'האָט אַלע רייזנדע אין דער לופט געהויבן. עס איז געווען אַן אמתער טריומף־צוג פאַרן לאָרד גלענאַר־וואָן.

באַם פאָרט האָבן אָפּגעוואַרט עטלעכע קארעטעס פון לאָרד גלענאַרוואָנס שלאָס, אַלע האָבן זיך אַריינגעזעצט און אונטער היל־כיקע אויסגעשרייען זענען אַלע רייזנדע אָפּגעפאָרן אין שלאָס מאַל־קאָלם.

פאַרן שלאָס האָבן זיי ווידער אָפּגעוואַרט אַ מחנה מענטשן, וועלכע האָבן מיט באַגייסטערטע אויסרופן באַגריסט די אָנקומענדי־קע געסט.

עס זענען אַוועק טעג פון פייערלעכקייטן און מאָלצייטן. עס זענען געקומען צו פאָרן געסט פון אַלע עקן לאַנד, קודם כל — צו באַקענען זיך מיט דעם גרויסן פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל און והשנית

מיט זייערע אייגענע אויגן אָנצוקוקן די ווונדערלעכע רייזנדע, וועלכע זענען אויסגעשטאַנען אַזעלכע גפּאַרן, וואָס זענען דער־שטויגלעך געווען פאַרן אויער פון צוהערער, וואָס ווינט שטענדיק רויק אויפן לאַנד.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פאָרגעקומען די פייערלעכע חתונה פון קאַפּיטאַן פאַראַגוט מיט מערי גראַנט. דאָס פּאָרל האָט געשיינט פון גליק. דער אַלטער קאַפּיטאַן גראַנט האָט מיט טרערן אין די אויגן געגעבן זיין פאָטערלעכע ברכה און די שמחה איז געווען אין לשער.

דער מאַיאָר האָט, וועלנדיק פריילעך מאַכן דעם עולם, דערציילט וועגן פּראָפעסאָרס פעלערן, וואָס ער איז אַלץ באַגאַנגען אין דער צייט פון דער רייזע.

דער פּראָפעסאָר איז געזעסן אַ ביסל פאַראומעטיקט. קיי־נער האָט זיך זיין אומעטיקייט נישט געקענט אויסטייטשן, און פאַרשטיין.

די גרעסטע פּראָפעסאָרן און געלערנטע זענען דאָ אָנוועזנד געווען. זיי זענען ספּעציעל געקומען זען דעם פּראָפעסאָר פּאַגאַ־נעל. פיל רעפּאָרטערן פון די גרעסטע צייטונגען זענען געווען און נישט אָפּגעלאָזט דעם פּראָפעסאָר אויף קיין רגע.

צווישן די אַלע געסט איז אויך געווען דעם מאַיאָרס אַ קוּ־זינע, מיס אַראַבעלאַ, וועלכע האָט זיך זייער שטאַרק פאַרנומען מיטן פּראָפעסאָר.

ווי זי האָט געזאָגט, האָט זי זייער ליב געאָגראַפיע און שטענדיק זיך מיט דער לערע אינטערעסירט. זי האָט אויך געליי־ענט כמעט אַלע ווערק פון פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל. זי איז נישט אָפּ־געטרעטן פון אים אויף קיין רגע. אפילו אויף די שפּאַצירן האָט זי אים באַגלייט און שטענדיק האָט מען זיי געזען צוזאַמען.

דער שאַרפער בליק פון מאַיאָר האָט דאָס באַלד באַמערקט און ער האָט אָנגעהויבן צושטיין צום פּראָפעסאָר מיט פאַרשידענע אונטערקומענדיקע פראַגן, וועלנדיק אַזוי אַרום בּאַ אים אַרויס־קריגן זיין באַציונג צו דער מיס אַראַבעלאַ.

ענדלעך האָט דער מאַיאָר אויסדריקלעך אים געפרעגט, צי ער האָט בדעה חתונה צו האָבן. ער האָט אים איינגערעדט, אַז אים איז זייער נייטיק דעם שריט צו מאַכן, בפרט פאַר אַזאַ צע־שטרייטן מענטש, ווי דער פּראָפעסאָר איז, איז נייטיק אַ נאָנטער חבר אין לעבן!

ער האָט אים געפרעגט סוף כּל סוף וועגן זיין באַציונג צו דער מיס אַראַבעלאַ.

דער פּראָפעסאָר האָט געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט.

— וואָס, זי געפעלט אייך נישט? זי איז דאָך זייער אַ שיינע, אַ קלוגע און געלערנטע פרוי — האָט ער נישט אויפגע־הערט אין אים אַריינצורעדן.

— חלילה! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן. — אדרבה, זי איז זייער שיין און אין דעם גראָד ליגט דעם פעלער, הלוואי וואָלט זי נישט אַזוי שיין געווען.

דער מאַיאָר האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, נישט פאַר־שטייענדיק בשום אופן, וואָס דער פּראָפעסאָר מיינט מיט דעם צו זאָגן.

— וואָס הייסט? — האָט דער מאַיאָר אויסגערופן.

ער האָט געזען, ווי דער פּראָפעסאָר באַהאַלט עפּעס פון אים. עפּעס ליגט דאָ אַ סוד אין די רייד, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט דאָ אַרויסגעזאָגט.

ער האָט אויפגעוויקלט דעם שאַל פון זיין האַלדז און דער מאַיאָר האָט דערזען אויף דער ברוסט זיינער אויסטאַטואירט אַ

גרויסן, רויטן פויגל מיט אַ בלויען שנאָבל. די פליגל פון דעם פויגל האָבן אַרומגענומען דעם פּראָפעסאָרס האַלדז.

דער מאַיאָר איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרוווּנדערטער פּויזע און מיט דעם בליק געפרעגט אַ דערקלערונג פון דעמדאָזיקן רעטעניש.

דער פּראָפעסאָר האָט אים דאַן דערציילט, אַז אין די פּאָר טאָג, וואָס ער איז געווען געפאַנגען בײַ דעם ווילדן מאַאָריהויפּטמאַן, האָט אים יענער, אויס מורא, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל פון אים נישט אַנטלויפן, מיט זײַנע אייגענע הענט געמאַכט אויף אים דידאָזיקע צייכנונג.

דער מאַיאָר האָט זיך אַ ווײַלע גוט צוגעקוקט צו דעם מערקווירדיקן פויגל, דערנאָך האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט.

— נישקשה! — האָט ער אויסגערופן — איר וועט מיט דעם נאָך מער אויסנעמען, איר וועט זײַן דער ערשטער טאַטואירטער פּראָפעסאָר אויף דער וועלט. איך זאָג אײַך צו, אַז צוליב דעם וועט די ליבע פון מיס אַראַבעלאַ צו אײַך נישט אָפּגעקילט ווערן.

אויף צומאָרגנס איז דער פּראָפעסאָר געווען פאַרבעטן צום מאַיאָר, ווו עס איז אויך געווען דעם מאַיאָרס קוזינקע, מיס אַראַבעלאַ, און דאָרט איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז פאָרגעקומען אין שלאָס מאַלקאָלם די צווייטע פייערלעכע חתונה, אויף וועלכער עס זענען געווען די גרעסטע לייט פון דער געלערנטער וועלט אין ענגלאַנד.

ער האָט באַקומען צוגעשיקט אַ גליק־ווונטש־טעלעגראַם פון דער קעניגין וויקטאָריאַ, וווּ זי איז מודיע, אַז ער ווערט באַשאָנקען מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר רעטן ענגלישע בירגער.

אויסער דעם האָבן אים די ענגלישע פּראָפּעסאָרן איינגע־לאַדן, אַז ער זאָל פאַרנעמען באַ זיי אין דער געאָגראַפישער גע־זעלשאַפט דעם פּאָרזיץ. צוליב זיין פרוי האָט ער זיי נאָכגעגעבן און איז געוואָרן פאַררעכנט פאַר זייערס אַ שטענדיקן מיט־גליד.

קאַפּיטאַן גראַנט האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט אָפּגע־זאָגט פון זיין פּלאַן אויסצוזוכן אַ קאָלאָניע פאַר די ערדלאָזע שאָטלענדער.

דערווייל האָט ער נאָך נישט געהאַט די גענוגנדע געלט־מיטלען דערצו, מען האָט גענדאַרפן האָבן אַן אייגענע שיף. ער איז דעריבער אַריינגעטרעטן אַלס קאַפּיטאַן אויף איינער פון די גרעסטע שיפן, וואָס קורסירן פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע, ער האָט דערפאַר באַקומען אַ גרויס געהאַלט.

לאָרד גלענאַרוואָן האָט אים פאָרגעלייגט אַ סך געלט, ער זאָל זיך קויפן אַ שיף און פאָרן אויף זיין רייזע, אָבער דער קאַ־פּיטאַן האָט די מתנה נישט געוואָלט אָננעמען. ער האָט דאָס גע־וואָלט אויספירן מיט זיינע אייגענע מיטלען.

ראָבערטן האָט ער אַוועקגעגעבן אין אַ מאַטראָסן־שולע און ער האָט געהאָפט, אַז ווען דער זון זיינער וועט ענדיקן, וועלן זיי ביידע צוזאַמען פאָרן זוכן אַן אינדזל.

איידער דער קאַפּיטאַן גראַנט האָט געזאָלט דאָס ערשטע מאָל אָפּפאָרן מיט דער שיף קיין אַמעריקע, האָט לאָרד גלענאַר־וואָן איינגעלאַדן אַלע זיינע מיטרייזנדע אויף אַ באַל. אפילו די מאַטראָסן פון דונקאַן זענען אויך אָנוועזנד געווען אויף דערדאָזי־קער פייערלעכקייט.

דער לאָרד גלענאַרוואָן האָט געהאַלטן אַ טאָאַסט לכבוד דעם קאַפּיטאַן גראַנט און לכבוד זיין גרויסער אונטערנעמונג. און גע־

וונטשן זיי זאָלן נאָך אַלע צוזאַמען מאַכן אַ ווייטע רייזע איבער דער גאַנצער וועלט.

— איך פאָר אויך! — האָט דער פּראָפעסאָר אויסגערופן — פאַר דער געזעלשאַפט פון די ענגלישע געאָגראַפן, אין וועלכער איך בין איצט ערן־מיטגליד.

— און אייער פרוי לאָזט איר איבער אינדערהיים? דעם פעלער זאָלט איר נישט מאַכן, הער פּראָפעסאָר — האָט דער מאַ־יאָר אויסגערופן אין אַ שפּאַסיקן טאָן.

— ניין, איך פאָר אויך מיט — האָט מיס פּאַגאַנעל אויס־גערופן.

— לאָמיר זיך קודם־כל אויסרוען פון אונדזער רייזע — האָט לאָרד גלענאַרוואַן אויסגערופן — דאַן וועלן מיר אונטער־נעמען די גרויסע רייזע, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם גרויסן ציל פון קאַפּיטאַן גראַנט.

— מיר זענען אַלע גרייט מיט אייך כאָטש אין עק וועלט אַריין צו פאָרן! — האָבן אַלע מיט איין קול אויסגע־רופן.

— איר, פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, זעצט אייך שוין אַוועק אי־בער די לאַנדקאַרטעס און זוכט אויס אַ פּאַסיק אינדזל פאַר אַזאַ מין קאָלאָניע.

— איר, פּאַראַגוט, נעמט לאַדעוועט אויס דעם „דונקאַן", אַז ער זאָל קענען אויסהאַלטן די שווערסטע ים־רייזע.

— זאָל לעבן די גרויסע אונטערנעמונג פון קאַפּיטאַן גראַנט — האָט זיך דערהערט אַ רוף פון קאַפּיטאַן פּאַראַגוט.

— זאָל לעבן דער פּראָפעסאָר פּאַגאַנעל, מיט אַלע זיינע גרויסע, געניאַלע פעלערן! — האָט אויסגערופן דער מאַיאָר.

אַלע האָבן זיך הארציק צעלאַכט און געדריקט דעם פּראָ־פעסאָרס האַנט.

— עס זאָל לעבן אונדזער איידעלער לאָרד גלענאַרוואָן מיט דער ליידי העלענאַ ! — האָט קאַפּיטאַן גראַנט אויסגעשריגן, האַלטנ־דיק הויך דעם באָקאַל שאַמפּאַניער אין דער האַנט.

עס האָבן אָפּגעשאַלט די הוראַ־אויסגעשרייען, און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָבן זיך דורך די אָפענע ליכטיקע פענ־סטער פון שלאָס געטראָגן די פריילעכע, מונטערע קולות, וועל־כע האָבן אָפּגעקלונגען אין דער פינסטערניש און צוריקגעברענגט פון דאָרטן די אָפּענטפערנדיקע ווידער־קולות.

אַ שטאָק־פינסטערניש איז איבער דער וועלט געלעגן אויס־געשפּרייט און ווי אַ שווערע משא געלעגן איבערן שלאָס, וואָס איז אינגאַנצן אין פייער אָפּגעטונקען געווען.

און דעם לאָרד גלענאַרוואָן איז נאָר אויפן זינען געקומען אייערטאָן, וועלכער איז איצט אויף אַ פינסטער אינדזל געלעגן אָן שום האָפענונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט, פינסטער אין דער געגנוואַרט, פינסטער אין עתיד.

אַ שמאָל, רויט פּאַסיקל האָט זיך אויף מזרח באַוויזן, די פינסטערניש ווי אויף צווייען איבערגעשניטן און פון מינוט צו מינוט איז אַלץ העלער און העלער געוואָרן.

די קולות האָבן אָנגעהויבן שוואַכער ווערן, די געשרייען האָבן זיך אָנגעהויבן איינשטילן.

און ווען דער יונג־אָנגעקומענער פאַררויטלטער פרימאָרגן האָט דורך די פענסטער פון שלאָס אַריינגעבליקט, האָט ער שוין נאָר שלאָפנדיקע פנימער געזען. פנימער, וואָס האָבן פון שלאָף אַרויסגעשטראַלט און געחלומט וועגן שיינע גוטע צייטן.

ס ו ף.

אַלע ווערק פון זשול=ווערן

ביז איצט דערשינען די 1=טע 10 בענדער

I אין דער הימלישער אימפעריע (ראָמאַן) — — 4.50

II אויפן שאַנסעלאָר (אַ טראַגישע נסיעה) — — 4.50

III דעם קאַפּיטאַן גראַנטס קינדער, 1=טער באַנד (ראָמאַן) — 4.50

IV „ „ „ „ 2=טער באַנד „ — 4.50

V דעם צאַרס קוריער (ראָמאַן) — — — 4.50

VI די שולע פון די ראָבינזאָנס (ראָמאַן) — — 4.50

VII אונטער דער זון פון אַפריקע (ראָמאַן) — — 4.50

VIII אויף די וועגן פון דער וועלט, 1=טער באַנד (ראָמאַן) — 4.50

IX „ „ „ „ „ „ 2=טער באַנד „ — 4.50

X מענטש און וואונדער (ראָמאַן) — — — 4.50

קירצלעך דערשיינט פון דרוק די 2=טע סעריע, 10 בענדער.

אַלע ווערק פון מיין=ריד

ביז איצט דערשינען

I אַ שפּיל מיטן טויט — — — — 4.50

II אַ קאַמף מיטן לויתן — — — — 4.50

אַלע ביכער פיין געדרוקט, אויף
גוטן פּאַפּיר, שיין אַרויסגעגעבן.

פאַרלאַג — בוכהאַנדלונג

E. Gitlin, Warszawa, Nalewki 1
(Kramy Nalewkowskie)